STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06573

GEZAMELTE SHIFTEN

B. Gorin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. גאָרין אין יאָהר 1895.

געזאַמעלטע שריפטען

פון ב. גאָרין
(י. גוידא)

284
אריאם פרעס, יוניאָן פּרינטערס, 54 קאנאל סטריט, נויארק.

ב. גאָרין
(י. גוידא)

געזאַמעלטע שריפטען

צווייטער באנד

ראַפּשאַנסקער קרבנות

ראָמאַנען און ערצעהלונגען

ארויסגעגעבען פון עליזאבעט גארין

ניו יאָרק, 1927

פאָלקס-אויסגאבע

גערדרוקט בלויז זיבען הונדערט עקזעמפלארען.

Copyright — 1927
by
ELIZABETH GORIN
Brooklyn, N. Y.



פאַקסימיליע פון ראָמאַן „דער זומפּ".

אינהאַלט:

דער זומפּ 9
חיימ׳קע מזיק 122
די מוסרים 162
וועמענס קרבן? 179
דער בן יחיד 276
אַ גרוס 309
דער משולח 316

דער זומפ

.1

— מאַמע, עסען! — שרייט אַ אינגעל פון אַ יאָהר זיבען.
— עסען זאָלען דיר ווערים!
— עסען, עסען!
— אַ קריינק פון אַלע אידען!
— ע־ע־ס־ס־ע־ן! שרייט דאָס קינד מיט אַ האַלב וויינענדיג קול.
— דו וועסט זיך אָפּטשעפּען צו ניט, משומד'סקע גליד?
— דייקע עסען! — זאָגט דאָס קינד מיט אַ קול, מיט וועלכען מען רייצט זיך, כאָטש אין די אויגען שטעהען איהם טרעהרען.
אַ רגע איז די מוטער געזעסען און געקוקט מיט איהרע רויטע אויגען, האָט זיך פּלוצלונג אַ שטעל געטאָהן און געגעבען זיך אַ לאָז צום קינד, נאָר דאָס קינד האָט ניט געוואַרט אויף דרך־ארץ און זיך געשווינד ארויסגעקייקעלט פון שטוב.
די מוטער איז צוגעגאַנגען און האָט געוואָלט פאַרשפּאַרען די טיהר.
דאָס קינד האָט פון דרויסען גענומען מיט ביידע קולאַקעס קלאַפּען אין טיהר און שרייען אויפ'ן קול, נור אָהן אַ שפּור קימער: „עסען"!
אין אַ ווייל אַרום האָט דאָס קינד גענומען זינגען עפּעס אַ ניגון'דל און צוקלאַפּען אין טאַקט: „עסען".
פּלוצלונג האָט זיך די טיהר פון אינעווייניג אַן עפען געטאָהן און די מוטער האָט מיט אַ בעזים אַ פּאַך געטאָהן אין דער לופט.
מיט'ן בעזים האָט די מוטער געזאָלט טרעפען דאָס קינד, נור דאָס קינד איז צו דער צייט אָפּגעשפּרונגען.

— אַ ב־ע־ע, אַ ב־ע־ע! עסען! אַ ב—ע—ע, אַ ב—ע—ע! ניט געטראָפען. ע—סען!

די מוטער האָט פאַרמאַכט די טיהר. דאָס קינד האָט אַ ווײַלע אָבגעוואַרט און איז באַלד ווידער צוגעגאַנגען צו דער טיהר און גענומען מיט אַ געוויין בעטען עסען.

די טיהר האָט זיך ווידער געעפענט, נור איצט איז דאָס קינד געבליבען שטעהן ביים שוועל און האָט געוויינט עסען.

— נאַ, נאַ, נאַ! האָט די מוטער אָנגעהויבען זעצען דאָס קינד מיט די קולאַקעס, — נאַ, נאַ, דו וועסט ווייטער וויסען ווי צו רייצען זיך מיט אַ מאַמען!

דאָס קינד איז געשטאַנען אויף אַן אָרט און האָט נאָר געיאָמערט: „עסען." גרויסע טראָפּענס טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט איבער זיין געזיכט.

— נאַ, וועפּער, דאַרמאַיעד, נאַ, שטיק זיך, האָט די מוטער געזאָגט, צוטראָגענדיג צום שוועל אַ דין פּענעציל ברויט און איבערגעבענדיג דאָס דעם קינד; און האָט ניט פאַרפעהלט דאַביי אַ קניפּ טאָהן איהם אין באַק.

דאָס געזיכט איז באַלד ביים קינד פרעהליך געוואָרען. ער האָט מיט דעם ברעג אַרבעל אָבגעווישט די טרעהרען פון די אויגען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, אָבגעריבען די באַקען און געלאָזט זיך לויפען, בייסענדיג דאָס ברויט, אַרויף אין געסעל.

דאָרט האָט ער געפונען אַ חברה קינדער שפּיעלען זיך אין „איינע־זיינע". ער האָט אַ ווײַלע אָבגעוואַרט אַן אַ זייט, ביז ער האָט אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטען ביסען ברויט און באַלד זיך אויך אריינגעמישט צווישען די „האָזען", נאָר לאַנג איז ער קיין „האָז" ניט פאַרבליבען, ער האָט ניט אוספּייעט איבערלויפען פון איין וואַנד ביז דער צווייטער ווי ער איז שוין געוואָרען דער „הונד". אין לויפען איז ער קיין גרויסער בריה ניט געוועזען, ער האָט זיך געקייקעלט, ווי אַ פּעסעל. דער קלענסטער העזעל האָט פאַר איהם קיין מורא געהאַט, ער איז פאַר איהם ניט געלאָפען, ער פאַרלייגט די הענד אַהינטער בהרחבה, ווי אַ ברייטער בעל הבית, און שפּאַצירט זיך אַרום פאַרטראַכט פון איין וואַנד צו דער צווייטער,

מעהר ניט איין אויגעל ווארפט ער אין דעם הונד'ס זייט, ער זאָל וויסען, ווען צו שטעלען פיס. אַ צווייטער העזעל זעצט זיך גאָר אַנידער עטליכע טריט פון איהם אויף די שפּיץ פינגער, שפּאַרט אונטער מיטביידע הענטלעך דאָס קעפּעל און קוקט, דאַכט זיך, גאָר ניט אין דעם הונד'ס זייט. דער „הונד" שטעהט אַ רגע צו־טומעלט, ווייסט ניט נאָך ווענען זיך צו יאָגען, קלייבט ענדליך אויס דאָס העזיל, וואָס זיצט אויף די שפּיץ פינגער, גיט זיך צו איהם אַ קייקעל, — אַט־אַט, דאַכט זיך, כאַפּט ער איהם, נור פון אונטער די הענד דרעהט זיך יענער אַרויס, און פון אַ צווייטען ברעג שוין מאַכט ער איהם „אבע!" ער ווארפט זיך אין יענעם זייט, נור אויפ'ן מיטען וועג גיט איהם אַ דריטער העזעל אַפּ אַ פריינדליכען „שלום עליכם יאַנקעלע" מיט אַ קלאַפּ אין פּלייצע, פרעגט איהם: „וואו לויפט אַ איד?" און אַז ער קעהרט זיך אום — איז שוין יענער „אוטשאַק"...

— נייז, נייז; אַהן רייצעניש, אַזוי שפּיעל איך ניט — שרייט ער און בעט זיך און האַלט דאָך אין קייקלען זיך נאָך די האָזען.

די שפּיעל אין „איינע־זיינע" האָט געדויערט ביי אַ פּאָר שעה. די קינדער ווארפען אַוועק דאָס שפּיעלען. ער דערפיהלט אַ שטאַר־קען הונגער.

ער לאָזט זיך געהן אַהיים מיט שטילע טריט, ער פיהלט זיך עפּעס ווי שולדיג קעגען דער מאַמען, עס ווילט זיך איהם זעהר ניט געהן אַהיים בעטען ביי דער מאַמען עסען, נור דער אַפּעטיט טרייבט איהם ווייטער און שטופּט איהם צום שטיבעל, וואו די מאַמע וואוינט אויף דירה.

ער געהט אַריין אין שטוב שטיל. ער רעדט ניט אַ וואָרט, אין קאָפּ ווערט ביי איהם געבאָרען אַ געדאַנק, אַז ווען די מאַמע זאָל איצט אַוועקגעהן, און ער זאָל אַליין בלייבען אין שטוב, וועט ער אַפּשניידען אַ שטיקעל ברויט אָהן דער מאַמעס ידיעה. ער שטעלט זיך פאַר, אַז אַליין שניידענדיג, וועט ער נעהמען די אויי־בערשטע! דאָס לעבעל איז פון אויבען ווי צוגעברוינט און איז געשמאַק ווי גריבענעס.

ער וואַרט אַ ווײַלע, נור די מאַמע האָט גאַר ניט אין דעה אוועקצוגעהן. זי זיצט און שטריקט אַ זאָק, קוקט פאַרטראַכט אָן אַ זייט, עפּעס אין אַ ווינקעל און זעהט ניט פאַר זיך ניט די זאָק, ניט איהם.

— מאַמע ! . . .

— וואָס „מאַמע“ ? — פרעגט זי און קעהרט אָפּ דעם קאָפּ אין זיין זייט.

ער ענטפערט ניט.

אַ ווײַלע איז שטיל, ער האָט מורא ארויסברענגען דאָס וואָרט: „עסען“ פאַר׳ן מויל. דער מאַגען אָבער לאָזט איהם ניט רוהען.

— מאַמע !

— אַ יאַמע אויף דיר !

— איך וויל עסען ! — ברעכט ער גלייך אויס אין אַ געוויין.

— ווייטער פרעסען ? עסען זאָלען דיר ווערים ! ארויס, טרפה׳נע האַלז ! דו וועסט פריהער משוגע׳נערהייט ארומלויפען, דערנאָך קומען מיר רייסען דאָס פלייש ? ארויס !

דאָס קינד בלייבט שטעהן אויף אַן אָרט און וויינט נור : „עסען !“

— וואָס האָסטו צו מיר, גזלן ? פרעגט זי מיט אַ יאָמערליכען קול ; וואָס ביזטו אָנגעשטאַנען אויף מיין קאָפּ ? וואָס האָסטו זיך אָן מיר אָנגעטשעפּעט ? וואו נעהם איך כחות דיר אויסצוקאָר־מענען ? וואָס האָסטו צו מיר, גזלן, רוצח איינער !

ער וויינט גאַר אָהן ווערטער, זי ווישט די אויגען.

— נאַ, עס מיך, גזלן, נאַ עס ! — רוקט זי איהם איהר דאַרע, אויסגעמאַגערטע האַנד אין מויל — נאַ, עס מיך !

ער וויינט און גיסט טרעהרען.

ס׳איז אוועק ביי אַ פיערטעל שעה, ער האָט זיך אָנגעזעטיגט מיט טרעהרען, האָט אויסגעווישט די אויגען און איז ארויס פון שטוב.

ער געהט זעהר פויל און קוקט זיך ארום אין אַלע זייטען. ער דערזעהט פּלוצלונג, ווי זיין חבר בערעלע שטעהט אין גאַס

און עסט אַ קוכען. די אויגען צינדען זיך איהם אָן און מיט שנעלע טריט לאָזט ער זיך קייקלען צום חבר.

— סערעלע־בערעלע, סיב־גיב סיר־מיר סיקעל־אַ שטיקעל סוכע־קוכען, רעדט ער צום חבר „אויפ׳ן סמך״ מיט אַ קול פון תחנונים.

— פאַר וואָס דו מאַנצעלסט, וועל איך דיר ניט געבען, ענט־פערט דער חבר מיט אַ קול פון אַ בייזען ריכטער.

— איך וועל שוין ניט מאַנצלען, ענטפערט מיט גרוים דרך־ארץ און מיט זערנע אויגען קוקט ער נאָך יעדען ביסען, וואָס בערעלע לעגט אין מויל.

בערעלע לייגט לאַנגזאַם אַ ביסען נאָך אַ ביסען צו זיך אין מויל און האָט גאָר ניט בדעה צו טהיילען זיך מיט איהם, און איהם שפּאַרען דערוויילע שיער ניט ארוים די אויגען, ער זעהט דער קוכען ענדיגט זיך שוין באַלד.

— איך בעט דאָך ניט, פאַר וואָס גיסטו מיר ניט? פרעגט ער און קריעגט נאָך אַ גרעסערען רחמנות׳דיגען פּנים.

— אַט בעטסטו דאָך, דערפאַר איז ניטאָ קיין קוכען.

ער וואַרט ביז דאָס לעצטע שטיקעל קוכען ווערט פאַרשוואונ־דען ביי בערעלען אין מויל. די אויגען לעשען זיך איהם און ער געהט ווייטער.

ער געהט פאַרביי אַ בעקערשע שטוב, פון די אָפענע פענסטער און טיהר שלאָגט אַ ריח פון פרישען, געבייטעלטען ברויט. ער בלייבט אַ ווײַלע שטעהן און שלינגט דעם ריח מיט גרוים זשעד־נעקייט. עס רינט איהם אָזש די שפּייעכץ פון מויל. ענדליך אָבער ווערט איהם מיאוס צו שטעהן און ער געהט ווייטער.

ער שלאָנדערט אַזוי אַ היבשע צייט, ביז ער באַגעגענט אַ קאָמ־פּאַניע קינדער, וואָס „לאָזען״ זיך באָדען, ער שטעהט צו צו דער קאָמפּאַניע און געהט מיט.

דער טייך איז אונטער דער שטאָדט, נעבען בית עלמין, מען דאַרף קריכען דורך גערטנער און סענאָזענצען, אויב מען וויל פאַרקירצען דעם וועג און הגם די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט געגוג צייט, דאָך קלייבט זי אוים דעם קירצערען וועג.

זיי געהען דורך א גאַרטען, ער דערזעהט פּאַזע וועג ליגט א גרינע אונגערקע. זי ליגט מיט׳ן ווייסען בייכעל אַרויף און איז באַדעקט מיט קליינינקע נערעלאַך, ער דערפיהט א טעם פון זעהר א זיסע אוגערקע. דאָס מויל ווערט איהם פאַרלאָפען מיט סלינע, אין מוח ווערט ווארעם און ער גיט זיך אַהן דעת א בויג צו דער ערד, גיט איהר פלינק א ריס אָפּ און באַהאַלט איהר געשווינד אין קעשענע. ער קוקט זיך אַרום, אויב עמיצער האָט ניט באַמערקט וואָס ער האָט געטאָהן און לויפט גיך דעריאָגען די קאָמפּאַניע.

ער דעריאָגט די קאָמפּאַניע, נאָר ער האַלט זיך פון הינטען. פּט׳רענדיג דעם גאַרטען, נעהמט ער אַרויס די אוגערקע פון קעשענע און גיט איהר כמעט א שלונג איין; זי בלייבט איהם שטעהן אין האַלז.

ער דערפיהלט גלייך, וואָס ער האָט געטאָהן, זיין יונגע הערצעל קלאַפּט איהם פאַר די יונגע עבירה. ער דערזעהט פון ווייטען דעם טרויעריגען פּאַרקאַן פון בית־עלמין, פון צווישען די פּלעקער זעהט ער עפּעס א ווייסע זאַך שאָקעלט זיך, טרייסעלט זיך, דרעהט זיך און איהם דוכט זיך, אז דער פאַרשטאָרבענער טאַטע זיינער האָט זיך אויפגעהויבען פון קבר און שטעהט דאָרט אין ווייסע תכריכים און פאַרמעסט זיך איהם צו געבען א פּאַטש.

דאָס לייב ציטערט אויף איהם, ער וויל אָפּקעהרען דעם קאָפּ פון בית־עלמין און קוקען אין אַן אַנדער זייט, נור עפּעס אַן אונבאַוואוסטע קראַפט דרעהט איהם דעם קאָפּ אין דעם זייט צום בית־עלמין.

די קינדער זיינען שוין ביים טייך, אַראָפּוואַרפען פון זיך די צוריסענע מייטקעלאַך געדויערט ניט מעהר ווי איין סעקונדע און דאָס קליינע, שטילע טייכעלע ווערט פּלוצלונג באַלעבט. עס ווערט פול מיט קעפּלאַך, פיסלאַך, הענטלאַך. וויים, וויים הערט זיך דער ליאַרעם, דער געפּילדער, דאָס רעש׳ן. פון פּליעסקען, שפּריצען הויבען זיך אויף דינענקע פּאַסען וואַסער און, באַנענענדיג זיך מיט די שטראַהלען פון דער זון, שיינען זיי ווי רעגענבויגענס.

ער זיצט ביים טייך און וואַרט, ער טהוט זיך ניט אויס, ער האָט מורא, דער טאַטע זאָל ניט קומען אָפּרעכענען זיך מיט איהם אין וואַסער.

נענוג פאַלט איהם אַרויס די נשמה, אַז ער זיצט ביים ברעג; ער זיצט אין איינע ציטערניש; נור אויף דער יבשה פיהלט ער זיך מעהר בטוח, אין וואַסער אָבער וועט ער אפילו ניט זעהן, ווי דער טאַטע שטרעקט אויס פון דורך דער ערד זיין האַנד און טונקט איהם אָפּ.

ער וואָלט אַנטלאָפען צוריק אין שטאָדט, נור איצט האָט ער אַליין מורא צו געהן. איין בליק אויפ'ן בית־עלמין און איהם האַקען זיך אונטער די פיס.

ער וואַרט אויף די חברים: אין קאָמפּאַניע איז די שרעק ניט אַזוי גרויס; נור צום אומגליק פליעסקען זיי זיך היינט לייננער ווי אַלע מאָל. אָט קריכט איינער אַרויס פון טייכעל בלאָה ווי אַ מילע, די ציינדלאַך קלאַפּען, נור אַנשטאָט אַנטאָן אַנטאָן זיך, לאָזט ער זיך לויפען ווי אַ יונגער קיזשיקעל, אַננעבוינען דעם קאָפּ פריהער אין איין זייט, דערנאָך אין אַ צווייטען, אויסצוטרייסלען דאָס וואַסער פון די אויערען, און אַז ער פאַרטיגט זיך אָפּ מיט דעם, שפּרינגט ער ווייטער אַריין אין וואַסער...

יאַנקעלע וואַרט און שווייגט און זיצט ווי פאַר'נולמ'ט. עס ווייזט אויס, אַז דאָס באָדען זיך וועט נאָר קיין ענדע נעמען. נור אָט פון וואַנען ניט איז שפּראַצט פּלוצים אַרויס אַ קליין שייגעצעל מיט אַ בייטש אין האַנד און ביי זיין איין געשריי: „זשידקי!“ ווערט אַ מהומה. אין איין רגע שפּרינגען אַלע אַרויס פון טייך, יעדער וואַרפט זיך צו זיין קליין פּעקעלע און ווי פאַר'סמ'טע לאָזען זיי זיך לויפען הענדום־פּענדום, און דער שייגעצעל יאָגט נאָך מיט אַ גרויס געלעכטער און שמייסט מיט'ן בייטש וועמען ער כאַפּט.

די קינדער לויפען, ניט אַרומקוקענדיג זיך, מיט כל הכחות, כאָטש דער שייגעצעל האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו יאָגען. יאַנקעלע קייקעלט זיך זיי נאָך און האַלט קוים, קוים נאָך די קאָמפּאַניע. אין גאַרטען ערשט האָט זיך איינער, וואָס איז געלאָ־

פעז פריהער פאַר אַלעמען, געכאַפּט אַ קוק טאָן אַהינטער און דערזעהענדיג, אַז דער שונא איז שוין ניטאָ, האָט ער דער ערשטער איהם אויסגעשטעלט אַ צונג און געמאַכט „אבע“.

אויף איהם קוקענדיג האָבען אַלע קינדער גענומען שטעלען צינגער, פייגען און מאַכען „זגלאָ“.

דאָ האָבען זיך אַלע אַנגעטהאָן און אַוועק אין שטאָדט. „ער“ האָט איצט פאַרגעסען אַז די אוגערקע, אָז פאַרשטאָרבענעם טאַטען, אַז די תכריכים, אָז די אייזערנע ריטער און קומענדיג אין שטאָדט, איז ער פאַרבליבען מיט די קינדער שפּיעלען פּונקט ווי קיין זאַך וואָלט מיט איהם ניט געטראָפען. ער האָט אפילו פאַרגעסען, וואָס עס שטעהט איהם אין האלז און פאַרוואָס עס ברענט איהם אין הארצען.

נור אַט האָבען זיך געדיכטע שאָטענס גענומען אויסלייגען איבער די גאַסען, און די נאַכט איז צוגעפאַלען. ער האָט זיך גענומען שלעפּען אַהיים. אין די פינסטערניש פון דער נאַכט זיינען איהם אַרויף אויפ׳ן זינען שדים, מתים און פון צווישען זיי איז אַרויסגעשפּרונגען דער פאַרשטאָרבענער טאַטע אין פאַר־פלעקטע תכריכים (די פלעקען זיינען געוואָרען פון זיין גע׳גנב׳עטע אוגערקע) און אויף איהם איז אַנגעפאַלען אַ פּחד. ער האָט גע־נומען געהן מיט גיכערע טריט אַהיים און מורא געהאַט אַ קעהר צו טהאָן דעם קאָפּ אָן אַ זייט. דאָס הארץ איז איהם אַלע ווייַלע פאַרגאַנגען, ביז ער איז אַריין אין שטוב. דאָ, אין דער געגענ־ווארט פון דער מאַמען, האַלטענדיג זיך ביי איהר קלייד, האָט ער זיך געפונען אַ ביסעל רוהיגער, און ווען די מאַמע האָט איהם אנגעגאָסען אַ שיסעלע מילכיגע וועטשערע, האָט זיך ביי איהם אפּגערופען זיין אַלטער אַפּעטיט און ער האָט זאָגאַר אויסגעלעקט מיט דער צונג די פאַר פאַרפעל, וואָס האָבען זיך ניט געלאָזט כאַפּען פון דעם גראָבען הילצערנעם לעפעל און זיינען פאַרבליבען צוגעקלעפּט צום דעק.

ער איז גלייך געגאַנגען שלאָפען, נאָר איינגעשלאָפען איז ער מיט זעהר אַן אונרוהיגען שלאָף. די ניט־צוקייטע אוגערקע איז איהם נאָך געשטאַנען אין האלז.

אין מיטען נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. אַרום איז פינסטער, ער האַלט די אויגען פאַרמאַכט און האָט זיי מורא אויפצועפענען; נור ער פיהלט, אַז ער איז ניט אַליין: דער טאַטע איז פאַרפלעקטע ווייסע תכריכים שטעהט אין ווינקעל און קוקט זעהר בייז אויף איהם. עס פאַרכאַפּט איהם דער אָטהעם, דאָס בלוט קיהלט איהם אין די אָדערען און קוים, קוים וואָס ער דושעט. אַט הערט ער טריט, דער טאַטע געהט גלייך צו איהם, אָט שטרעקט ער אויםביידע הענד, אָט דעקט ער ביי איהם אָפּ די קאָלדרע, אַט גרייפט ער איהם אָן... אָט לייגט ער ארויף זיינע הענד אויף איהם...

— מאַמ־מ־ע! — שרייט ער אוים מיט אַ פאַרשטיקטען קול.

שטיל... קיינער רופט זיך ניט אָפּ.

— מאַמ־ע־ע!

— האַ, וואָס? — פרעגט די מאַמע מיט אַ פאַרשלאָפען קול.

— מאַמע, ראַטעווע!

— וואָס איז? — פרעגט זי האַלב דערשראָקען.

— מאַמ׳מ־ע־ע! — שרייט ער ווייטער און האָט מורא אַ קעהר צו טהאָן דעם קאָפּ, וואָס איז איינגעגראָבען אין קישען.

זי קריכט אַראָפּ פון בעט, געהט צו צו איהם און פרעגט איהם וואָס ער שרייט.

— ער שטעהט? — פרעגט ער, טוליענדיג זיך צו דער מאַמען.

— ווער?

— דער טאַטע.

— וואו?

— אַט דאַ, דאַ.

— וואו דאַ?

— לעב׳מיר.

— ניין, קיינער איז דאַ ניטאַ.

ער עפענט די אויגען און קוקט אַ רגע:

— ווער שטעהט דאָרטען?

— וואו?

— לעבען אייוועלע.

— דיר דוכט זיך, מיין קינד.

— און דאָרטען, אין ווייסען — זאָגט ער און גרייפט אָן דער מאַמען — שטייט: אַט קוקט ער אויף מיר!

— נאַרעלע, דאָרט מוז עפּעס הענגען, אַ האַנדטוך צו וואָס, — זאָגט די מוטער און וויל זיך אויפהויבען און צוגעהן צו יענעם אָרט, נור ער לאָזט איהר ניט אָפּ. ער האַלט איהר פעסט אַרומגענומען.

— שוטה, לאָז מיר, וועסטו זעהן, אַז ס'איז גאָר ניט.

ער לאָזט זיך איינרעדען און לאָזט איהר אָפּ. זי געהט טאַפּענדיג צום אָרט, וואו ער האָט איהר אָנגעוויזען.

דאָס האַרץ הערט איהם אויף צו קלאַפּען. ער ליגט האַלב פאַרשטאַרבען אויף זיין געלעגער.

— אַט דאָס? דאָס? — פרעגט די מאַמע, דערטאַפּענדיג זיך צום האַנדטוך.

— יע, יע, — ענטפערט ער און דערפיהלט ווי אַ נייע נשמה זעצט זיך איהם אַריין.

— נאַרעלע, דאָס איז דאָך דער האַנדטוך.

זי טראָגט איהם צו די ווייסע זאַך און רוקט עס איהם צו צו די אויגען.

ער טאַפּט מיט דער האַנד: אמת, דער האַנדטוך. ער קוקט אויף דער וואַנד אין ווינקעל לעבען אייוועלע — דאָרט שטעהט קיינער ניט.

איהם ווערט גרינגער אויפ'ן האַרצען, דאָך וויל ער זעהר, די מאַמע זאָל נעבען איהם זיצען.

די מאַמע פאָלגט איהם און דרעמעלט נעבען איהם זיצענדיג. ער האַלט איהר ביי דער האַנד און ביי זיינעם אַ מינדעסטען קעהר אָדער ריהר, הויבט זי פאַרשלאָפען עטוואָס אויף איהר אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ, ניט עפּעס אַ מורמעל אונטער דער נאָז אין אַ פּיערטעל אָדער אַ האַלבער וואָרט פון אַ גאַנצען זאַץ, וואָס האָט צו באַדייטען אויף אַזוי פיעל, אַז ער דאַרף קיין מורא ניט האָבען, רייסט זיך איהר אַראָפּ פון די ליפּען און זי שטרעקט אויס איהר דאַרע האַנד איהם אַ גלעט צו טהאָן איבער די האָר, נור אויפ'ן

וועג לאַזט זיך די האַנד אַראָפּ און זי דרעמעלט ווייטער. ביז עס קומט אַ נייער ריהר פון זיין זייט און עס ווידערהאַלט זיך ווייטער די זעלבע סצענע.

ענדליך איז דאָס קינד איינגעשלאָפן מיט אַ פעסטען, רוהיגען קינדערשען שלאָף.

.2

יאכנע בערקע דעם הויקערס איז געווען אַ וויסטע, דערשלאָגענע אַלמנה. דער מאַן איז איהר ניט לאַנג אָפּגעשטאָרבען און איבערגעלאַזט איהר מיט דריי עופ׳עלאך: איין אינגעל און צוויי מיידלאך. יאכנען איז נאָכ׳ן מאַנ׳ס טויט אויסגעקומען פון בריק אין וואַסער צו געהן. זי איז געבליבען הויל־נאַקעט, ווי די מאַמע האָט איהר געהאַט; די לעצטע קישעלע פון צוקאָפּענס איז אַוועק פאַר רפואות, פאַר׳ן רופא און אויף עסען. מילא אליין — גאָר ניט. קיינער קוקט ניט אַריין אין די געדערים; אָבער אַ חולה! געבען עסען אַ חולה, האָט וואָס צו זאָגען; מ׳קען מיט שהי־פּהי איהם ניט פּטר׳ען, מען איז נאָך צופריעדען, אַז ער נעהמט עפּעס אין מויל. דעם ערשטען טאָג נאָך דער קבורה וואָלט אין שטוב שוין ניט געווען מיט וואָס אַ מויז צו דערווערגען, ווען ניט די בייגעל, וואָס די שכנים האָבען אַריינגעבראַכט ביי מנחם־אבל־זיין. גלייך נאָך דער שבעה האָט זי זיך גענומען וואַרפען אויף אַלע זייטען. זי האָט געפּרובט ווערען אַ סעדיכע, האַנדלען אויפ׳ן מאַרק מיט גרינסען־אויבש (זי וועט פיניע־חיה׳ס דעם מעהל־קרעמער קיינמאָל ניט פאַרגעסען די טובה: ער האָט איהר געליהען צוויי גילדען אין מזומן אויף אויפקויפען סחורה צום סעמערען, זאָל דאָס טאַקי צו אַ מצוה פאַררעכענט ווערען!) נור דער מסחר האָט ביי איהר לאַנג ניט אַנגעהאַלטען. זי האָט דאָס געמוזט אַוועקוואַרפען, ווייל פון דער נאַטור אַ דערשלאָגענע, אַ שטילע, האָט זי ניט געקענט רייסען זיך מיט די איבעריגע סעדיכעס פאַר אַ קונה און „אויסטענה׳ן" זיך מיט זיי. נור, מילא, זומער איז נאָך געווען ווי עס איז. דאָס ביסעל סחורה, וואָס זי האָט נעדאַרפט האָבען, האָט זי יעדען טאָג געקענט קריגען צו קויפען און אויב עס איז געבליבען אַ ביסעל,

האָט זי דאָס געקענט האַלטען ביי זיך אין שטוב, אָדער נעכטיגען מיט דער סחורה אויפ׳ן גאַס. אויף אַזאַ אופן איז פיעל מען פאַרדיענט איז גוט. אָבער עס איז אָנגעקומען דער אָסיען, סחורה מוז מען איצט אָנגרייטען און, שוין ניט ריידענדיג פון קיין שום זאַך, דאַרף מען האָבען אַ קעלער — און זי האָט זיך געזעגענט מיט׳ן סעמער יום־טובים־צייט, פונקט דאַמאָלס, ווען די רייכע סעמערניצעס, וואָס האָבען אַ צד ביי חברות, לעקען אָפּ אַ גוטען ביינדעל. יאַכנע איז ווייטער געבליבען אָהן אַ צובראָכענעם שילינגער אין קעשענע, פּנים לפּנים מיט דער שרעקליכער נויטה און נאָך אין אַזאַ צייט, ווען יעדער איינציגער טהוט אַריין ראָזינקעס און זאַפּרען אין די קיטקעס, ווען דער ריח פון פיש און צימעס שמעקט איבער די גאַנצע געסעל.

פערלע די גבאי׳טע האָט אַ פּאָר מאָל אַריינגעשטעקט צו יאַכנען אין שטיבעל איהר רויטען נאָז, באַשאָטען מיט שמעקטאַבאַק, נאָר יאַכנע האָט זיך נאָך ניט געוואָלט אונטערגעבען, זי האָט געמאַכט הארץ און אויסגעטרייסעלט פון קעשענע אַ גראָשען און אַריינגעוואָרפען צו פּערלען אין דער רויטער פּאַטשיילקע. נור פערלען איז געווען גענוג איין בליק אין שטיבעל און וויסען וואו דאָ האַלט. זי איז אויף מאָרגען ווידער געקומען, די ווייבער האָבען זיך איבערגעקוקט. פערלע האָט איהר עפּעס אין דער שטיל געזאָגט, יאַכנע האָט געשוויגען און האָט שוין דעם יום טוב פון הונגער ניט געוואוסט...

תיכף נאָך סוכות האָט זי גענומען אַרומטראָגען איבער די חדרים געקאָכטע באָב און אַרבעס; קיין גרויסען אויסלאָג האָט זי דערצו ניט געדאַרפט; אַ ליימענער טאָפּ און עטליכע שמאַטעס זיינען נאָך איהר פאַרבליבען פון אַמאָל; ווייטער לעבט מען ניט אין אַ מדבר; מען לעבט צווישען מענשען און צוליעב אַ וואַסער גילדען לאָזט מען אַ מענשען ניט פאַלען. עס וואָלט שוין, דאַכט זיך, אַלץ געווען גוט; אָבער האָבען די חדר־אינגלאַך צוליעב איהרע קראַנקע אויגען, ניט געוואָלט העלפען. יאַכנע איז ווייטער געבליבען פאַרצווייפעלט און ניט געוואוסט פאַר וואָס ווייטער זיך צו כאַפּען, נור דאָ האָט מען זיך אויף איהר פון שטאָדט מרחם

געווען און איינגעטהיילט איהר אַ קהל׳שען אָרט: מען האָט איהר געגעבען אַ שטעלע אין מרחץ פאַר אַ טוקערקע. איצט איז איהר שוין געקומען צום לעבען. זי האָט געקענט אויסרוהען איהרע מאָ־גערע, צובראָכענע ביינער אין דעם וואַרימען מרחץ און פאַרשפּאָרט צו דאַרען דעם קאָפּ וועגען אַ שטיקעל טרוקען ברויט. נור דער שלים־מזל, ווייזט אויס, האָט איהר אומעטום נאָכגעיאָגט. האַבענדיג שוין אַ שטעלע, וואו אַנדערע לעבען אויס זייערע יאָהרען און גיבען איהר איבער בירושה פון איין דור צום צווייטען, האָט זי די שטעלע אָנגעהאַלטען סך הכל אַ קורצע צייט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פון דער צייט, וואָס זי איז געוואָרען אַ טוקערקע, איז זעהר נתרבה געוואָרען די צאָהל פון יונגע ווייבלאַך, וואָס האַבען געמוזט פראַנטעווען איבער ראַפּשאַנסקער גאַסען אין איין קאַמאַש און איין קאַלאַש... איבערלאָזענדיג דעם מרחץ מיט אַ פאַרטריעבטע האַרץ, האָט זי, קען זיין, געהאַט אַ טענה צו גאָט פאַר וואָס ער האָט איהר געגעבען קראַנקע אויגען און ניט קיין קראַנקען נאָז אָדער קראַנקע אויערען — מאַלע וואָס פאַר אַן אָנ־שיקענישען אַ מענטש האָט אויף זיך!

ענדליך האָט זי געקראָגען אַ שטוביגע אַרבייט: זי האָט אָנ־געהויבען שטריקען זאָקען פאַר עטליכע קרעמער זומער־צייט און פליקען פעדערען, זיצענדיג איבער׳ן פייער־טאָפּ אין דער קאַלטער דירה, ווינטער צייט. זי האָט פוןביידע מלאכות געהאַט גענוג וואַסער צום ברויט, נור ברויט אַליין זעהר בדוחק. דאָך וואָלט אַלץ געווען צו דערליידען — מילא צו וואָס ווערט ניט געוואוינט אַן אָרימע אַלמנה? נור צרות האָט זי געהאַט פון איהר אינגעלע, יאַנקעלען: צו זיין פּרעסען איז גאָר ניט געווען קיין שיער. אָנ־שטאָפּען איהם איז גאָר קיין הוה מינא ניט געווען. ער האָט געהאַט עפּעס אַ קישקע אָהן אַ דעק. אַ גאַנצען טאָג האָט ער געטרענט די אָדערען: „עסען“ און ניט געלאָזט רוהען אַ מינוט מיט זיין וויינען. דעם אמת געזאָגט, האָט איהר שוין ניט אַזוי פיעל גע־אַרט זיין שרייען און וויינען: זי איז שוין לאַנג געוואוינט געווען דערצו, נור אַ חרפּה איז געווען פאַר די שכנים. דערווייל האָבען זיך די שכנים דערוואוסט, אַז אין שטוב איז אַ דוחק מיט ברויט...

און מען זאָגט אַמאָל, דאָס עסען גערט אין קאַריסטש — ניין — איז דאָס אויך ניט! אויפ׳ן גאַנצען לייב איז ניטאָ קיין לויט פלייש; די פיסלאַך, ווי שפּענדלאַך, דאָס הערצעל ווי אַ ברעטעל, דער אייז בויך נור איז אָנגעפּויזשט, אָנגעבלאָזען ווי אַ זאַק. יאַכנעז ברעכט דאָס האַרץ אין צווייען, אי דערפאַר וואָס ער האָט ניט צו עסען צוזאַט, און אי דערפאַר וואָס די גאַנצע געדע־טעניש איז איהם אַריין אין בויך...

מיט די מיידעלאַך, זעהט איהר, איז גאָר אַ נחת: וויפיעל מען ניט זיי איז נענוג און זיי לאָזען ניט אַרוים קיין הויכען פּיפּס פון מויל. פון דער עלטערער מיידעלע האָט מען שוין אַ נוטץ אין שטוב, זי וואַשט אוים אַ טעפּעל, שאַבט אָן אַ קאַרטאָפעל און מען קען איהר שיקען אין קראָם אַריין. נאָך אַ יאָהר אָדער צוויי און זי דאַרף שוין נאָר די מאַמען ניט: חיה די מעהל־קרעמערקע האָט שוין איהר געבעטען, זי זאָל שיקען איהר מיידעל צו איהר אין שטוב צו וויגען איהר קינד. מהיכי תיתי, זי שיקט איהר אַהין, פאַר וואָס ניט? פּיניע־חיה׳ס וועט זי קיינמאָל ניט פאַרגעסען די טובה, וואָס ער האָט איהר געטהאָן. יאַנקעלע, יאַנקעלע נור דאַ־בואוועט איהר דאָס לעבען און מאַכט איהר גרוי פאַר דער צייט. מען האָט איהם שוין גערדאַרפט לאַנג אָפּגעבען אין תלמוד תורה, נור אַהן אַ טאַטען, ווער וועט זיך פאַר איהם סטאַרען? זי האָט זיך שוין אַ פּאָר מאָל אויסגעקליבען מיט׳ן קנייליכעל פאָדים אונטער׳ן אָרים און מיט׳ן זאַק אין די הענד און געוואָלט אַריינ־געהן צו פּיניע־חיה׳ס בעטען איהם, ער זאָל פאַר איהר פאַרוואָרפען אַ גוט וואָרט ביים גבאי, נור זי האָט אַזוי פיעל העזה ניט געהאַט: נעה דול אַ פרעמדען מענשען דעם קאָפּ! וואָס איז ער איהרער? אפילו קיין ווייטער קרוב ניט. ווען „איהרער״ האָט נאָך געלעבט, אַ ליכטיגען גן עדן זאָל ער האָבען, פלעגט ער איהם לאָטען די שיך און ווייטער גאָר ניט.

זי זעהט ווי דאָס קינד געהט אַרום ליידיג און ווייסט אַז דער־פון וועט קיין גוטס ניט אַרויסקומען. לייטישע קינדער אין זיינע יאָהרען געהען שוין לאַנג אין חדר אַריין און לערנען און ער וואַקסט אַ גוי און קען נאָך דעם אלף בית ניט אפילו, און פון

איהרע קליינע אויגען פאַלט אַ טרעהר אויף די פינסטערע דאַליע פון אַ וויסטע, עלענדע אלמנה.

.3

פּערלע די גבאי׳טע, שלעפּענדיג זיך אַ גאַנצען טאָג איבער ראַפּשאַנסקער גאַסען מיט איהר קאַטשערקע, האָט צו אָפט באַ־מערקט, אַז אַ קיילעכדיג אָפּגעריסען אינגעלע איז אומעטום פול, און וויסענדיג, אַז אַ חדר־אינגעל קען ניט האָבען אַזוי פיעל צייט, האָט זי איהם אַמאָל, אָננעהמענדיג איהם ביים קין־באַק, גע־פרעגט, אויב ער געהט אין חדר?

דאָס אינגעלע האָט זיך אָנפאַנגס דערשראָקען און געבליבען שטעהן ווי איינגעגראָבען. באַלד האָט ער געוואָלט שטעלען פּיס און מאַכען אַ ויברח. נור דערהערענדיג אַ לאַסקעדיגען קול און פאַרשטעהענדיג, אַז דאָ שמועסט זיך ניט וועגען אָנקלאַפּען איהם מיט׳ן שטעקען, האָט ער געענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען: ניין.

— פאַר וואָס, אינגעלע מיינער?

— איך ווייס ניט.

— ווער איז דיין טאַטע?

— דער טאַטע? געשטאָרבען.

— אַ ליכטיגען גן עדן זאָל ער האָבען. און דיין מאַמע?

— יאַכנע.

— וועלכע יאַכנע?

דאָס אינגעלע האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און אַ וואָרף געטהאָן אויף איהר אַ פראַגענדען בליק, וואָס האָט געהאַט אַזוי פיעל צו זאָגען: וואָס הייסט וועלכע יאַכנע?

ער האָט אויף דער פראַגע ניט געענטפערט און אַ רגע איז איהם ווייטער איבערגעלאָפען דער געדאַנק: אפשר זאָל ער שטעלען פּיס?... אַזוי קשה׳דיג און חשד׳יש איז געווען די פראַגע.

— וואו וואוינט דיין מאַמע, אינגעלע?

אָבער אין דעם מאָמענט האָט ער באַשלאָסען זיך אָפּצוטראָגען און, ניט האָבענדיג אויסגעהערט די גאַנצע פראַגע, האָט ער זיך

געגעבען אַ קייקעל אוועק און איז פאַרשוואונדען געוואָרען ערגעץ איז אַ געסעל.

פּערלע איז געבליבען שטעהן אונצופריעדען, אַנגעשפּאַרט מיט ביידע הענד אויף איהר קאַטשערקע אין מיטען גאַס און נאָכגעקוקט ווי דאָס אינגעלע קייקעלט זיך. נור באַלד האָט זי אַריינגעשאָטען אין נאָז אַ גרויסען שמעק טאַבאַק און איהר אונצופריעדענהייט איז באַלד פאַראיבער.

— וואָס איז דער וואונדער? אַהן אַ חדר, אַהן אַ טאַטען נעבאַך...

נור דאָס, וואָס פּערלע איז דערגאַנגען פון אינגעלע, איז פאַר איהר געווען גענוג. איין טאָג איז נאָך ניט אַריבער און זי האָט אָפּגעזוכט יאַכנען און האָט איהר אַ ווײלע גע'מוסר'ט פאַר וואָס זי לאָזט איהר קינד אַזוי פּוסט־און־פּאַסטעווען, און אַז יאַכנע האָט איהר מיט טרעהרען אין די אויגען געענטפערט, אַז זי האָט זיך ניט צו וועמען צו קעהרען און צו ווענדען, אַז זי האָט ניט, ווער עס זאָל פאַר איהר פאַרוואָרפען אַ גוט וואָרט, האָט זיך פּערלע אַרויס־גערופען אָפּצופיהרען יאַנקעלען אין תלמוד תורה.

יאַנקעלע איז אַנגעקומען אין תלמוד תורה און געזעצט זיך צום אלף בית אַהן לעקאַך, אַהן בראַנפען, אפילו דער באַוואוסטער מלאך, וואָס וואַרפט אַלעמען געלד דורך דער סטעליע, האָט איהם קיין גראָשען ניט געשענקט. שוין די ערשטע צייט האָט ער גע־האַט אַ גרויסע פּעולה און דוקא ניט אין לערנען: דער אלף בית האָט זיך איהם געגעבען זעהר שווער, — נור אין מקבל זיין אַ קאָפּ אַהן אַ מינדעסטען קרום; ער האָט זיך אַזוי איינגעוואוינט מיט קלעפּ, אַז דעם גרעסטען פּאַטש, דעם שטאַרקסטען סטורך האָט ער אַראָפּגעשלונגען, אַקוראַט ווי ניט איהם האָט מען געמיינט. דערפאַר איז איהם דער אלף בית, ווי געזאָגט, אַריין זעהר שווער אין קעפּעל, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער רבי האָט זיך גע־סטאַרעט אַריינצוזעצען אין איהם יעדען אות טאַקע פּשוט מיט קולאַקעס. ביים לערנען האָט יאַנקעלע מעהר געקוקט אין דעם רבי'ס רעכטע זייט און געהיט מעהר זיין רעכטע האַנד, איידער אין אלף בית און געהיט די אותיות. און דעם רבי'ס רעכטע האַנד

האָט ער געמוזט היטן, כדי צו וויסן, ווען איינצובויגן דעם קאָפּ אָדער צונויפקאַרטשען זיך. יאַנקעלע פלעגט קיין קולות ניט מאַכן פון קלעפּ, נור ווען דער רבי פלעגט איהם אָנכאַפּן ביים אויער, דאַמאָלס האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטן און פלעגט שרייען ביז הייזעריג:

— ניין, ניין, באַ באַ, רבי׳נקע, באַ!

— חיריק בית — באַ? — שרייט דער רבי מיט פּיענע אין מויל און שלעפּט און דרייהט אין איינוועגס פאַר׳ן אויער אַזוי, אַז יאַנקעלעס קאָפּ מאַהלט אוים אין דער לופט דוגעס.

— ניין, ניין, — שרייט יאַנקעלע מיט די לעצטע כחות, באַ, באַ, רבי׳נקע, באַ, באַ!

— באַ? טרפה׳נער יונג! און דער צאָהל פון די דוגעס ווערט פאַרגרעסערט.

— ניין, ניין, בע, בע, רבי׳נקע, בע, בע, בע!...

פאַר יאַנקעלען זיינען די קלעפּ מיט׳ן אלף בית צוזאַמען געווען איין גאַנצע זאַך. ער האָט זיי ניט געקענט אָפּטהיילען איינס פון צווייטען און אַזוי ווי ער איז געווען גלייכגילטיג צו די קלעפּ, אַזוי גלייכגילטיג איז ער געווען צום אלף בית און ער האָט צו זיי ביידען גאַר ניט געקענט האָבען. דאָס יאָהר, וואָס ער איז אָפּגעזעסען פאַר׳ן אלף בית, איז איהם אריבער אָהן תרעומות אויף וועמען עס איז און אונצופריעדען איז ער געוואָרען נור דאַמאָלס, ווען דער רבי האָט פאַרביטען די האַרטע קלעפּ אויף ווייכע שמיץ... אין זיין קינדערשען קעפּעל האָט זיך ניט געקענט פאַטופּען דער געדאַנק, אַז שמיץ פּונקט אַזוי ווי קלעפּ קען אויך אַריין אין דעם פּראָגראַם פון לעבען... דערפון איז ער געווען זעהר אונצופריעדען און איינמאָל האָט זיין אונצופריעדענהייט דערגרייכט אַזוי וויים, אַז ביי אַ הייסע „באָד", ליגענדיג איינגעשפּאַרט מיט׳ן קאָפּ אין דעם רבי׳ם קניע, האָט ער זיך אינגאַנצען פאַרגעסען, וואו ער האַלט אין דער וועלט און פאַרזוכט אריינצולאָזען די צייהנער אין דעם רבי׳ם פּוס...

פאַרשטעהט זיך, אַז די מעשה איז איהם ניט אַראָפּגעגאַנגען גלאַט. דער רבי האָט איהם שיעור ניט צודראַטעוועט מיט די פיס

און אַרויסגעלאָזט פון די הענט כמעט אַ גע׳הרג׳עטען. אַ היים האָט ער זיך אַוועקגעשלעפּט קוים אַ לעבעדיגער און ער האָט אין זיך ניט געפיהלט קיין גאַנצע גליעד. די מאַמע האָט געהאַט צו קראַנ־קע אויגען און דער קאָפּ איז איהר געווען צופיעל פאַרזאָרגט, אַז זי זאָל קענען אין יאַנקעלען באַמערקען די סיניאַקעס. זי האָט איהם דאַריבער גאַר ניט געפרעגט און ער אַליין האָט קיין טבע ניט געהאַט אַפּצוגעבען איהר חשבונות פון דעם, וואָס עס קומט ערגעץ פאַר מיט איהם. ער האָט איהר קיין שום מעשיות ניט דערצעהלט, ווייל ער איז ניט געווען גענאַרט אין חשבון און האָט געוואוסט גאַנץ גוט, אַז ווען ער זאָל איהר דאָס דערצעהלען, וועט ער נאָך פון איהר קריגען אַ צוגאַב (דאָס האָט איהם דוקא ניט געאַרט: אַ טהייערע מעשה דער מאַמעס קלעפּ!) און וועט איהם שטערען אין זיין פּלאַן, וואָס ער האָט איצט גענומען אויסאַרבייטען.

יאַנקעלע, קומענדיג פון חדר, איז געזעסען אין דער האַלב־פינסטערניש פון אַ זומערדיגען פאַרנאַכט ערגעץ אין אַ ווינקעל־צימער, שטום ווי די וואַנד און האָט זיך געסטאַרעט איינצוהאַלטען זיין שווערען אָטהעמען. יאַכנע האָט זיך געפרעהט, וואָס ער טרענט איהר ניט די אָדערען. און ווען די שאָטענס האָבען זיך געדיכטער גענומען לעגען איבער די ווענד און סטעליע, איז שוין אין יאַנקעלעס ווינקעל געווען גוט פינסטער. ער האָט זיך צוגעמאָס־טשעט מיט׳ן קעפּעל צו אַ ביינקעל און איז תיכף איינגעשלאָפען. באַלד אָבער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוואַלד. אויף דער מאַמעס פראַגע, וואָס איהם איז, האָט ער געענטפערט: „ניין, ניין, רבי׳נקע, בע, בע"... די מאַמע האָט איהם אַ טאַפּ געטהאָן דעם קאָפּ און געפונען, אַז ער איז איהם היים ווי גלוט. זי האָט קיין שאלות ניט געמאַכט און אַוועקגעשיקט די עלטערע מיידעלע אין קראָם נאָך אַן אַפּפיהרונג.

יאַנקעלען איז דער קאַשמאַר אַריבער און, דערהערענדיג וועגען ריצען־אייל, האָט ער זיך דובאַם געשטעלט. ער האָט געשריען, אַז ער איז געזונד און דאַרף קיין ריצען־אייל ניט. נור די מאַמע, ווי אַ פּראַקטישע אידענע, האָט גוט געוואוסט, פיעל מען קען קינ־דער גלויבען אין אַזעלכע היגזיכטען. דער קאָפּ ברענט איהם און

ווי אזוי קען דאָס זיין, אויב דער מאָגען איז ניט קאַליע? זי האָט איהם געפּרובט נעמען פריהער מיט גוטען, האָט זאָגאר געשיקט קויפען פּאַר א גראשען צוקער און פון די צוויי ציגעלאך האָט זי איהם איינע געוואלט געבען צום פארבייסען, נור יאנקעלע וויל פון קיין זאך ניט הערען. ער האלט דאָס מויל פארשטאָפּט מיט דער האנד און לאָזט ארויס קולות, אז ער וויל ניט און דאַרף ניט און אז ער איז געזונד — דורך דער נאָז. זעהענדיג, אז מיט גוטען העלפט ניט, האָט זי גענומען מיט בייזען, זי האָט זיך מיט איהם געראנגעלט א היבשע צייט, ביז זי האָט ענדליך איהם אויפגעריסען זיינע פארסטשימעטע צייהנער און אריינגעגאָסען איהם די מחיה־מתים־דיגע משקה...

— דאָס איז אַלץ פון דיין פרעסען, — האָט זי איהם געזאָגט מיט כעס.

יאנקעל האָט נעבאך ליעבערשט אראָפּגעשלונגען די ריצען־אייל און אויסגעהערט דעם אייביגען מוסר וועגען זיין פרעסען, אבי ניט דערצעהלען וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען אין חדר, ער האָט מורא געהאָט, די מאַמע זאָל ניט צושטערען זיין פּלאַן. און דער פּלאַן האָט זיך שוין לאַנג געראַיעט ביי איהם אין קאָפּ. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זעהן יאָסעלע דעם קוליעס, ווי ער שטעהט נעבען דעם ליבאָוויטשער שטיבעל פּאַר פערקעס טיהר, עסענדיג די פעטע „מאַרעמאַנסקע" ריציסניקעס און די פעטקייט אזש גיסט זיך איהם איבער די פינגער, פלעגט אין איהם די קנאה אַלץ מעהר און מעהר שאַרפען דעם געדאַנק: פּאַר וואָס זאָל ער ניט טאָן דאָס אייגענע, וואָס יאָסעלע טהוט און זאָל ניט האָבען דאָס זעלביגע, וואָס ער האָט? און צו טהאָן וואָס יאָסעלע דאַרף מען ניט האָבען קיין גרויסע קונצען. א טייערע מעשה איז צו נעהן מיט א שטעקעלע און שאַרען ביינער אָדער שמאַטעס? יאָסעלע זאָגט, אז פּאַר א פונט שמאַטעס האָט ער א „פיערער" (צוויי קאָפּיקעס) און דאָס שמעקט מיט גאַנצע פיער מאַרעמאַנסקע רעציסניקעס און דער געדאַנק, אז ער, יאנקעלע, האָט אויך גע־קענט האָבען ניט א שטיקעלע ברויט און ניט קיין פּיצעלע מאַ־רעמאַנסקע רעציסניק, וואָס ווען ער מאַנצעלט עס אויס ווען־ניט־

ווען צורינט עס איהם איבער די צייהנער און עפענט אויף אין מויל אַ גאַנצען קוואַל שפּייעכץ, וואו דאָס שטיקעלע רעציסניק ווערט ממש צוגאַנגען און ער פיהלט גאָר ניט, אַז ער שלינגט עפּעס אַראָפּ, נור אפשר גאַנצע עטליכע רעציסניקעס פאַר אַ מאָל — אָט דער געדאַנק ברענט איהם ווי פייער און טרייבט איהם אָפּט, ווען ער איז פריי פון חדר, צו יאַסעלען, געהן ביי זיין זייט און, ניט קוקענדיג אויף זיין קנאה, זיין איבערצופריעדען, ווען ער הויבט איהם אויף אַ ביינדעל אָדער עפּעס אַ טראַנטע. ביי יאַנקעלען ראיעט זיך שוין לאַנג דער פּלאַן צו פאַרבייטען די תלמוד־תורה אויף די נאָס און דעם אלף בית אויף ביינער מיט שמאַטעס. נור ווי געהט מען אוועק פון חדר? ער האָט אַלץ געוואַרט אויף בין־הזמנים. זומערדיגער בין־הזמנים איז אַ גרויסער, דאַמאָלס וועט ער מאַכען זיינע ערשטע נסיונות; נור די „באָד“ וואָס ער האָט געכאַפּט אין חדר, איבערהויפּט דעם בים, וואָס ער האָט ניט ווילענדיג געגעבען דעם רבי׳ן, האָט איהם, ווערליג עס האָט איהם איצט געדוכט, אָפּגעהאַקט דעם וועג אין חדר און צו דער זעלבער צייט געעפענט דעם לאַנג געווינשטען פרייען וועג צו די ביינער און צו די שמאַטעס...

די מורא פאַר דער מאַמען איז נאָך איהם איצט פאַרבליבען. וואָס אייגענטליך האָט ער מורא פאַר איהר? האָט ער אַליין ניט געוואוסט. איהם האָבען ניט געשראָקען, ניט איהרע קלעפּ, ניט איהר בייזערען זיך, ניט איהר ניט־געבען עסען, נור טאָקע ווייל ער האָט זיך ניט ניט געקענט אָפּגעבען אַ חשבון, וואָס אייגענטליך קען איהם די מאַמע טהאָן, האָט ער פאַר איהר מורא געהאַט. פאַר פערעלע די גבאי׳טע האָט ער אויך מורא געהאַט סכנות נפשות, נור ניט די מורא פאַר דער מאַמען, ניט די מורא פאַר פערעלען האָבען זיך געקענט גלייכען צו דער מורא, וואָס ער האָט געהאַט פאַר׳ן רבי׳ן. פון איין געדאַנק, אַז אַזאַ באַגעגעניש אין תלמוד תורה איז מעגליך, האָט אין איהם די נשמה אָנגעהויבען צו פלאַטערען.

די „באָד“ אין חדר און די ריצען־אייל אין שטוב האָבען אויף יאַנקעלען געווירקט אַזוי פיעל, אַז ער האָט מאַרגען אין דער פריה

ניט געקענט אויפהויבען זיך פון זיין געלעגער און איז געבליבען ליגען אויפגעדרייט אין א קנויל אויף דעם הארטען טאפצאן. די מאמע, נאכדעם ווי זי האט איהם א טאפ געטהאן דעם קאפ און אויסגעפונען, אז ער איז ניט הייס, האט איהם געהייסען ניט איינלייגען זיך, מען קען נאך אזוי קראנק ווערען און פרופען, אפשר וועט ער קענען געהן אין תלמוד תורה, נור דערהערענדיג יאנקעלעס שוואכען קול, אז ער קען זיך ניט אויפהויבען, האט זי איהם געלאזט צורוה און צוגעשטעלט פאר איהם אין פענדעל א ביסעל האבערנע גריץ.

יאנקעלע איז געלעגען און האט געטראכט וועגען זיין נייע קינפטיגע ארבייט. ער דארף נויטיג האבען א טארבעטשקע פאר די שמאטעס און ביינער. ער קלעהרט, וואו זאל ער נעהמען לייווענד דערצו. אויפ'ן בוידעם הענגט דער מאמעס גרעט. פון א העמד קען מען מאכען א טארבעטשקע, נור די מאמע קען דערקענען און דאמאלס קען ער זיך געזעגענען מיט'ן לעבען. און ווידער דוכט איהם, אז א צו ווייסע טארבעטשקע איז ניט שעהן... אלע טארבעס, וואס ער האט געזעהן, זיינען גאנץ טונקעלע, פון גראבע לייווענד... פון א האנדטוך וואלט געווען גוט צו מאכען, פונקט דער קאליר און די גרעב (דיק), נור די טארבע וועט אויסקומען זעהר שמאל... ווייטער וויל ער דער מאמען קיין היזק ניט מאכען, ער וויל זי זאל צו איהם גאר קיין טענות ניט קענען האבען און אויב זי וועט איהם שלאגען, זאל זי איהם בעסער שלאגען אומזיסט... ניין, דאס וועט שוין זיין צופיעל, אי אנטלויפען פון תלמוד תורה, אי ארויסשלעפען עפעס פון שטוב, ניין, דאס טאר ער איצט ניט טהאן! און א טארבעטשקע מוז ער האבען נויטיג... אויפ'ן בוידעם הענגט דער שכנה'ס גרעט אויך... נור די מאמע, אויב זי וועט זיך דערוויסען, וועט זי איהם שוין קיין לעבעדיגען פון איהרע הענד ניט ארויסלאזען. דער שרעק פאר דער מאמען איז איצט אזוי גרויס, אז ער פארשלינגט אין גאנצען דעם שרעק פאר דעם פארשטארבענעם טאטען. דער טאטע איז ניט אזא שלעכטער, ער איז איהם ניט געקומען שטיקען ניט דאמאלס, ווען ער האט גע'גנב'עט די אוגערקע, און ניט דאמאלס, ווען ער האט

אראָפּגעכאַפּט אין תלמוד תורה פון פענסטער הירשעלעס א שטיקעל קוכען, און אפילו ניט דאַמאָלס ווען ער האָט פון בוידעם אראָפּ־געטראָגען דער שכנה׳ס א גרינע פלעשעל און פאַרקויפט עס לאה׳קע די קרעמערקע. די ריציסניקעס, וואָס ער האָט געקויפט פאַר דעם געלד, האָבען זיך איהם אין האַלז ניט געשטעלט, און ביינאַכט איז דער טאַטע ניט געקומען זיך רעכענען...

ער ליגט און אויף זיין פּנים וואַקסט דער שאָטען. די טאָרבע־טשקע איז זיין גאַנצע האַנד איצטער, אָהן איהר קען ער זיך אפילו קיין ריהר טהאָן, און קען זיך קיין עצה געבען, ווי צו דאַבוּאַווען איהר, נור פּלוצים איז איהם דאָס געזיכט פרייליכער געוואָרען, ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען די מאַמע האָט אַרומגעטראָגען באַב צום פאַרקויפען, האָט זי געהאַט שמאַטעס אויף אַרומצוּוּא־וויקלען דעם טאָפּ. פאַר א טאָרבעטשקע איז דאָס אָנגעמאָסטען. עס וועט זיין גאָר אַן אַנטיק.

ער ציהט אויס פאַר שמחה די פיס אונטער זיין קאָפּאָטקע, מיט וועלכע ער איז צוגעדעקט, און וויל זיך א הויב טהאָן פון געלעגער, נור ער דערמאָנט זיך תיכּף, אַז די מאַמע וועט איהם גלייך שיקען אין תלמוד תורה און בלייבט ווייטער ליגען

פון גאַס לויפט אריין די עלטערע שוועסטערל. מיט איהר דאַרע הענטעל האַלט זי האַרט אונטער׳ן קינ־באַק ביידע עקען פון דער רויטער מיט ווייסע קייקעלאַך פאַטשיילקע, וואָס איז איהר אַראָפּגערוקט ווייט איבער די אויגען צו פאַרהיטען דעם פּנים פון די שטראַהלען פון דער זון און געהט צו גלייך צו יאַנקעלען. זי קומט איצט פון חיה די מעהל־קרעמערקע און איהרע אויגען גלאַנ־צען פאַר שמחה. זי רוקט אריין דאָס הענטעל אין קעשענע און נעמט אַרויס א שטיקעל אַלטע אַרומגעריזשעטע פּוטער־קוכען, היי־מישע אַרבייט, וואָס עס איז פאַרבליבען פון שבת־דיגען שלש־סעודות ביי חיה די קרעמערקע און וואָס זי האָט געקראָגען א מתנה פון איהר פאַר צוּוּויגען דאָס קינד. ציהענדיג פאַר די שטריקלאַך פון ווינעלע און צוזינגענדיג האַלע־ליוליע־פּאַטשינקע, האָט זי זיך געפיהלט גאַנץ היימיש, איז געווען אין גאַנצען פאַר־טיעפט אין זינגען און פאַרגעסען אַן דערהיים, נור ווי חיה האָט

איהר דערלאַנגט דאָס שטיקעל פּוטער־קוכען, איז איהר אין דער זעלבער סעקונדע דורכגעלאָפען ווי אַ בליץ דער געדאַנק, אַז יאַנ־קעלע געבאַך ליגט אין דער היים אַ קראַנקער. דאָס שטיקעל פּו־טער־קוכען האָט זי אַריינגעלעגט אין קעשענע און פאַרבאַהאַלטען פאַר איהם. די שטוב איז איהר נאָכדעם געוואָרען ענג און זי איז געזעסען לעבען ווינעלע ווי אויף שפּילקעס. זי האָט וואָס גיכער געוואָלט לויפען אַ היים און זעהן, ווי ער וועט דאָס עסען. פּוטער־קוכען איז פאַר איהר אויך אַ נאָווינע, כאָטש זי געהט טאָג־טעגליך צו חיה׳ן און דאָס איז גאָר אַ „מאכל״. זי מוז זעהן, ווי ער וועט עסען אום זי זאָל אויך הנאה האָבען דערפון. די קעשענע אָבער ווערט איהר דערווייל זעהר שווער, אַזוי שווער, אַז עס ציהט איהר כמעט אַרונטער, זי מוז אַרויסנעמען דאָס שטיקעל פּוטער־קוכען פון קעשענע. זי קוקט אויף דעם און באַלעקט זיך. דערווייל איידער וואָס פּרובט זי אַ קליינעם ביס טהאָן אָבער טאַקע גאָר אַ פּיטצעלע, אַ מאַנעלע. ריהרען, פאַרשטעהט זיך, וועט זי דעם פּוטער־קוכען ניט. דאָס געהערט אין גאַנצען צו דעם ברודער ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דאָס האָט אַזאַ געוואַלדיגע שווערע וואָג, נור פון אַ ברעג עטוואָס אָפּקאַלופּען... זי האָט טאַקע דעם פּוטער־קוכען גופא ניט געריהרט, נור פון איין ברעג און פון צווייטען און פון דריטען און פון פיערטען צו קליינינקע שטיקעלאַך אָפּגעגריזשעט. געכאַפּט האָט זי זיך, אַז זי קריוודעט דעם ברודער ערשט דאַמאָלס, ווען זי האָט אין מויל דערפיהלט אַ צו גרויסען ביס. זי האָט דעם ביס קוכען אַרויסגענומען פון מויל, באַטראַכט איהם אַ רגע און דאַן אַריינגעוואָרפען צוריק אין מויל און דאָס איבערגעבליבענע שטיקעל פּוטער־קוכען פאַרשטופּט אין קעשענע, צוגעהאַלטען פון אויבען מיט דער האַנד און צו זיך אַליין געזאָגט:

— ניטאַ!

איצט איז איהר קעשענע געווען גרינג, אָבער אַזוי גרינג טאַקע, אַז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי האָלט די האַנד פון אויבען און אין שטוב איז קיינער ניטאָ, האָט זי עטליכע מאָל אַ טאַפּ געטהאָן אין קעשענע צו זעהן אויב דאָס שטיקעל פּוטער־קוכען איז ניט נעלם געוואָרען. נאָך יעדער רעוויזיע האָט זי

האַסטיג גענומען ציהען פאַר די שטריקלאַך און טרייסלען די ווינעלע. ענדליך איז דאָס קינד איינגעשלאָפען און זי איז געלאָפען אהיים צום ברודער.

— נאַ, יאַנקעלע, — שלעפּט זי אַרויס מיט דער רעכטער האַנד פון קעשענע דאָס שטיקעל פּוטער־קוכען, אונטערכאַפּענדיג מיט דער צווייטער האַנד די פּאַר ברעקלאַך, וואָס זיינען אַפּגעפאַלען פון איהם ביים שלעפּען, און גיט איהם איבער אי די קוכען, אי די ברעקלאַך.

יאַנקעלע פאַרגעסט אפילו אָן די טאַרבעטשקע און גיט זשעדנע אַ כאַפּ דאָס שטיקעל פּוטער־קוכען.

— פּוטער־קוכען? — פרעגט ער נשתומם און גלויבט ניט כמעט זיינע אויגען.

מיט די צונג קלייבט יאַנקעלע אַראָפּ די פּאַר ברעקלאַך, וואָס האָבען זיך פאַרקייקעלט ביי דער שוועסטער אין די שפּאַלטען צווישען די פינגער. אויפ׳ן קוכען קוקט ער און דרעהט איהם אין אַלע זייטען און דאָס האַרץ דערלאָזט איהם עפּעס ניט שוין אַזוי גיך אויפעסען, גלאַט גענומען און געגעסען, טאַקע פראַסט געגעסען.

ער גיט דעם ערשטען ביס און באַסמאַקעוועט זיך, ער שלעפּט מיט די צונג אַרויס דאָס ברעקעל, וואָס האָט זיך פאַר׳גנב׳עט אין ווינקעל פון די ליפּען און גיט אַ קוק אויף דער שוועסטער. זיין שמחה איז אַזוי שטאַרק, אַז איהם איז ווינציג, וואָס ער אַליין עסט, ער וויל די שוועסטער זאָל אויך אַ ביס טהאָן. זי פּרובט זיך אָפּזאָגען, נור דאַך לאָזט זי זיך איינרעדען און טהוט איהם צוליעב אַ ביס.

— וואַרט נור אַ ווײַלע, כ׳וועל אויפשטעהן פון בעט, וועל׳יך דיר אַלע מאָל קויפען גוטע זאַכען, וועל׳יך, — זאָגט יאַנקעלע צו איהר מיט פוטערנע אויגען פון שמחה, אָבער זעהר שטיל, די מאַמע זאָל ניט הערען.

ער פאַרטרויט איהר זיין סוד און מאָלט איהר אין גאָלדענע פאַרבען די קומענדע טעג.

פיער גראָשען אַ פונט אַניטשעס, אַ גראָשען אַ פונט ביינער! ער וועט קויפען אפילו בולעטשקעס ביי גרונם׳קע דעם צוקערניק, מען וועט לעבען אַ גוטען טאָג.

— אַ טאַרבע איז נור דער עיקר! — ווייטער איז אַלץ גוט, ער ווייס שוין כמעט אַלע ערטער.

— נו, און וואו וועסטו נעמען אַ טאַרבעטשקע? — פרעגט זי אין דער שטיל אַליין ניט צו וויסען פאַר וואָס, געפינענדיג זיך אין גאַנצען אונטער דער ווירקונג פון די הרים וגבעות וואָס ער־וואַרטעט איהר.

ער האָט איהר דערצעהלט וועגען די שמאַטעס.

— יע, יע, כ׳ווייס, אונטער׳ן פריפעטשאָק, ליגען זיי, האָט זי אויסגערופען אַביסעל העכער מיט אַ קול פון שמחה, זייענדיג צו־פריעדען מיט דעם, וואָס זי, אַזוי צו זאָגען, קאָן איהם אויך מיט עפּעס העלפען אין דערגרייכען צו אַזאַ הויכען ציעל. — איך וועל דיר אויפנעהען אַ טאַרבעטשקע.

ער האָט זיך עטוואָס מעהר אויסגעצויגען אונטער דער קאָ־פּאָטקע, אָפּגעלאָזט זיך אַביסעל, עפּעס ווי אַ מין פיעסטשע געטאָן זיך: ער איז איצט ערב אַ גרויסער ארבייט!

די שוועסטער האָט איהם צוגעגרייט די טאַרבעטשקע און אין אַ טאָג צוויי אַרום איז ער אַרויס צו זיין נייע אַרבייט.

די טאַרבעטשקע איז געווען אַ טאַרבע ווי עס באַדאַרף צו זיין, זי איז געווען אי ברודיג, אי גראָב, נור ווען יאַנקעלע האָט איהר דאָס ערשטע מאָל אָנגעטהאָן, האָט ער אַ היבשע ווײַלע געמעד־לעוועט ביז ער איז אַרויס אין גאַס. ער האָט איבער איהר אָנגעטאָן די קאַפּאָטקע און פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלאַך, כדי זי זאָל זיך ניט אַרויסזעהן.

יאַנקעלע ווייס וואו צו זוכען אַ ביין, אַ שמאַטע, נור די ערשטע טעג געהט ער מיט די הינטער־געסלאַך און האָט ניט די כמאַליעקייט אַרויסגעהן אין מאַרק, ביי די יאַטקעס. זעלטען ווען ער געפינט אונטער אַ פענסטער אַ קליין ביינדעל און ביז רעכט פאַרנאַכט האָט ער קוים אָנגעקליבען ביי אַ פונט ביינער און אַ פּאָר שמאַטקעס.

אין מילא איין ריציסניק. ער איז טויט הונגעריג. פאַר אַ גאַנצען טאָג פון נאָכ׳ן איבערבייסען האָט ער גאָר ניט געהאַט אין מויל אויסער דאָס שטיקעל ברויט, וואָס ער האָט מיט זיך

געגומען אין קעשענע פון דער שוועסטערס חלק, אָבער פון יאָסעלען
ווייס ער, אַז די קאָדערניצע מאַכט ניט קיין עסקים מיט איין פונט
און ער וועט היינט גאָר ניט האָבען.

ער מוז לויפען אַהיים, און כאָטש ער איז בטוח, אַז די מאַמע
ווייס נאָך ניט פון זיין נייע אַרבייט, האָט ער דאָך מורא ווייזען
זיך איהר אויף די אויגען. ער לעגט בכיון אָן מעהר וועג כדי
אָפּציהען אַלץ מעהר די באַגעגניש מיט דער מאַמען און ענדליך
טרעט ער אריין אין געסעל, וואו זייער דירה געפינט זיך.

— נו, וואָס יאַנקעלע? — לויפט איהם אַנטקעגען די עלטערע
שוועסטער, וואָס האָט אויף איהם מיט גרויס אונגעדולד געוואַרט
אַ היבשע צייט, זיצענדיג אויפ׳ן שוועל.

אנשטאַט אַן ענטפער, גיט ער עפּעס אַ מורמעל אונטער דער
נאָז און אַ קראַץ דעם קאָפּ.

זי לאָזט אַראָפּ די נאָז און האָט אויף איהם רחמנות. זיי
געהען ביידע שטיל צום שטיבעל.

— די מאַמע ווייס? — פרעגט ער.

— ניין.

— כ׳שטאַרב עסען, — זאָגט ער, און הויבט אָן זיך קייקלען
גיכער.

— אַ־אַ! אפילו ווארימעס פאַרגעסען צו קומען עסען! — באַ־
געגענט איהם די מאַמע מיט אַ ברוך הבא. וואָס איז מיט דיר די
שמחה?

ער שווייגט און וואַרט און ברענגט ניט ארויס דאָס וואָרט:
„עסען“ פון מויל.

— דו ווילסט גאָר ניט עסען? — פרעגט איהם די מאַמע אין
אַ ווייַלע אַרום.

— כ׳וויל, — ענטפערט ער ווי ברוגז׳דיג.

— פאַר וואָס־זשע שווייגסטו און וואָס ביזטו ברוגז?

ער האַלט אין איין שווייגען און וואַרט אויף דרך ארץ.

מיט׳ן שטיקעל ברויט, וואָס ער קריגט, געהט ער אַרויס אויף
דרויסען און זעצט זיך לעבען דער שוועסטער אויף דער פּריזבע.

ער קייעט דאָס ברויט און פאַרענטפערט זיך, פאַר וואָס ער

האָט היינט גאָר ניט געקענט מאַכען, דערפאַר אָבער טרייסט ער איהר, אַז ער וועט אַרויס אין די טייערע ערטער וועט דאַמאָלס זיין אַ־אַ־אַ!

און ער קייעט דאָס ברויט מיט גרויס אַפּעטיט און עס איז איהם אַזוי געשמאַק ווי ריציסניק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער געמאַכט האַרץ און איז אַרויס אין יענע טייערע ערטער, וואו עס האָבען געדאַרפט ליגען גאַנצע אוצרות מיט ביינער. ער איז, די ערשטע זאַך, אַוועק צו די יאַטקעס.

ער געהט ווי מיט אַ זייט און האַלט זיך אָנפאַנגס פון דער־וויטענס. ער באַקוקט דעם פּלאַץ אַרום און אַרום און זעהט אַ פעלד אויסגעלעגט מיט קלאָרע, ווייסע ביינדלאַך, ניט אַזעלכע ווי ער האָט די עטליכע טעג געקליבען אין די הינטער־געסלאַך, דאָרטען זיינען זיי געוועזן גראָב באַדעקט מיט בלאָטע און האָבען אויף זיך גאָר קיין פּנים ניט געהאַט, יעדעס איינציג ביינדעל האָט ער געדאַרפט קראַצען מיט די נעגעל, אָבער דאָ זיינען זיי פּשוט אַ מחיה, אָקאָרשט, קענטיג, פון אונטער דער האַק, איהם דוכט, אַז דאָ קען מען די ביינדלאַך שאַרען פּראָסט מיט די הויפענס, אַ שאַר און גלייך אין טאָרבע, עס וועט געדויערען גאָר אַ חוזק און די טאָרבע ווערט פול. דאָס האַרץ הויבט איהם האַסטיגער אָן צו שלאָגען פאַר פרייד און ער גיט זיך אַ קייקעל צו יענעם אָרט און אַ וואָרף אויפ׳ן ערשטען ביינדעל, וואָס ער טרעפט. עס לאָזט זיך אָבער אויס, אַז ער איז געוועזן אַביסעל גענאַרט אין חשבון. די ביינדלאַך זיינען צוּוואָרפען דאָרטען און דאָ, וואו ניט וואו און מען קען מיט די הויפענס ניט שאַרען, איין ביינדעל ליגט ווייט פון צווייטען. ער הויבט דעם קאָפּ ניט אויף, גלייכט דעם רוקען ניט אויס און קייקעלט זיך אַזוי דעם גאַנצען שטח פון איין ביינדעל צום צווייטען. ער רייניגט דעם פּלאַץ אַרום די יאַטקעס און גיט ענדליך אַ טאַפּ די טאָרבע: „נאָך גאָר אין דעק!“ זאָגט ער צו זיך אומעדיגלאַך און הויבט אָן, אַרונטערדוקענדיג די האַנד אונטער׳ן היטעל, קראַצען דעם קאָפּ.

ער גיט אַ וואָרף דעם לעצטען בליק אַרום זיך צו זעהן, טאָמער איז נאָך ערגעץ פאַרבליבען ליגען וואָס׳אַר עס איז אַ ביינדעל

און דערזעהט, אז לעבען ראַטהויז, ניט ווייט פון די יאַטקע, ליגט אַ שווארצער הונד, האַלט צווישעןביידע פאָדערשטע לאַפּעס אַ גרויסען ביין און גריזשעט איהם.

— אַ כאָליערע אויף דיר, הונד איינער! — שרייט יאַנקעלע מיט כעס, כאַפּט אַ שטיין און גיט אַ שליידער אין דעם הונד.

נור יאַנקעלע טרעפט ניט דעם הונד. דער שטיין פאַלט ניט ווייט פון איהם. דער הונד גיט אַ שפּרונג אויף די פיס און אַנט־לויפט מיט'ן ביין.

יאַנקעלע הויבט זיך אָן יאָגען נאָך איהם איבער'ן גאַס, נור אומזיסט. דער הונד איז געשווינדער פאַר איהם.

פּלוצים דערהערט יאַנקעלע ווי מען האַקט עפּעס, דאָס האַקען איז ווי איבער אַ ביין. ער קערט אָפּ דעם קאָפּ אין יענער זייט, פון וואַנען דאָס האַקען הערט זיך און דערזעהט ווי דער קצב שטעהט לעבען קלאָץ און האַקט אַ מאָרדע. הינט זיינען ווי אונטער דער ערד אויסגעוואַקסען און גענומען זיך לאָזען אַהינצו מיט גרויס אימפּעט און מיט פאַרריסענע קעפּ אַרומגעשטעלט זיך ניט ווייט פון קלאָץ; זיי היטען אַלע דעם קצב'ס יעדע באַוועגונג און זיינען גרייט גלייך זיך אַ וואַרף טאָן צו די ביינער, ווי נור דער קצב וועט אַפּגעהן פון קלעצעל. קיינער פון זיי וואַגט ניט אַ כאַפּ טאָן די אַראָפּגעפאַלענע ביינער, כל זמן דער קצב שטעהט לעבען קלאָץ. יאַנקעלע קייקעלט זיך צו כמעט אויף אַלע פיער צו יענעם אָרט און פאַרכאַפּט דער ערשטער די ביינער. די הינד ווענדען אָפּ זייערע קעפּ אין זייט און דרעהען מיט די עקען און שמעקען די לופט אַרום, וועלענדיג וואַרשיינליך טרעפען צו יאַנקעלעס טאַר־בע איז נור פאַר די ביינער אָדער ניט.

יאַנקעלע איז שטאַרק פאַרטאָן אין קלייבען, אויסער די ביינד־לאַך זעהט ער פאַר זיך קיין זאַך ניט. נור אָט איז שוין דאָס לעצטע ביינדעל פאַרשוואונדען אין זיין טאָרבע און ער הויבט אויף דעם קאָפּ און גיט אַ קוק אַרום זיך. די הינד שטעהען אויף אַ דרך ארץ'דיגען מרחק פון איהם און, באַגנעגענדיג זיין בליק, הויבען זיי אָן צו דרעהען צו איהם מיט די עקען. יאַנקעלע פאַרשטעהט, אז זיי מיינען דאָס איהם צו חנפ'ענען און ביי איהם ווייזט זיך

אַ צופֿריעדענע מינע אויפֿ׳ן געזיכט. ער פֿרעהט זיך, וואָס ער איז אַרוים דער זיעגער פֿון צווישען אַזוי פֿיעל הינד און קלייבט נחת, קוקענדיג אויף זיי. נור פּלוצים מיט אַן אַנגעשכור׳טען קול פֿון אַ זיעגער גיט ער אַ קאָמאַנדעווע: „וואָן!‟ און די הינד לויפֿען זיך פֿאַנאַנדער אין אַלע זייטען.

יאַנקעלע איז גליקליך, וואָס ער האָט איבער וועמען צו זאָגען וואָס ער קען קאָמאַנדעווען און איז אַזש דאַנקבאַר די הינד, פֿאַר וואָס זיי האָבען מורא פֿאַר איהם און פֿאָלגען איהם. ער קוקט מיט פֿאַרגעניגען, ווי די הינד, אַפּלויפֿענדיג אַ שטיקעל וועג פֿאַר שרעק פֿון זיין קאָמאַנדע, האָבען זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעשטרעקט די קעפּ אין זיין זייט און ווייטער אָנגעהויבען דרעהען צו איהם חניפֿה׳ש מיט די עקען. זייער הינטישער בעטען ווירקט אויף איהם, מאַכט איהם ווייכער און ער באַשליסט, אַז דאָס ערשטע פֿליישיגעביינדעל, וואָס ער געפֿינט, גיט ער אָפּ צו זיי.

פֿון אַ זייטען־געסעל באַווייזט זיך דערווייל דער הונד, וואָס איז אַוועקגעלאָפֿען פֿון ראַטהויז מיט׳ן ביין. יאַנקעלע ווערט אַש־להבה אויף אַלע הינד, ער כאַפּט אַ שטיין און וואַרפֿט אין די הינטישע קאָמפּאַניע און איהם אַרט ניט, וועמען ער וועט טרעפֿען:

— אַ קריינק וועל איך אייך געבען, ניט קיין ביינער! — שרייט ער צו זיי.

דער שטיין גיט זיי אַריין שכל און זיי פֿאַרשטעהען, אַז זייער בעטען, חנפֿה׳נען איז אומזיסט, יאַנקעלעס טאַרבע איז אַ קבר פֿאַר די ביינער און זיי איילען, וואָס גיכער צו אַנטלויפֿען, וואו די אויגען טראָגען.

יאַנקעלע בלייבט נאָך אַ ווײלע שטעהן לעבען קלאָץ פֿאַר די יאַטקעס און טראַכט, וואו זאָל ער איצט געהן, און באַשליסט צו לאָזען זיך צו דער גרויסער קופּע מיסט, וואָס ליגט אויפֿ׳ן מאַרק.

די קופּע מיסט איז אויך אַ גאָלדענער אָרט, אַהער קומט אַריין גאָר די שמוץ, אויסער, פֿאַרשטעהט זיך, די, וואָס די דינסטען פֿאַרגעסען אויסצוקערען פֿון אַלע בעלי־הבית׳ישע הייזער. יאַנקעלע האָפּט אַריינצופֿאַלען פּשוט אין אַ שמאַלץ־גרוב, נור איבערריענדיג די גאַנצע קופּע מיסט, וואָס האָט זיך ווייט אויסגעשפּרייט אי־

בער׳ן גאַנצען מאַרק, האָט ער קוים רייבער געמאַכט זיין טאָרבעטש־קע מיט אַ פּאָר קליינע שמאַטקעס.

— יאַסעלע, אַ קלאָג צו איהם, האָט שוין געמוזט פאַרכאַפּען!

ביז פאַרנאַכט האָט יאַנקעלע אוספּייעט אויסשלעפּען זיך איבער אַלע גאַסען און איבעררייען יעדע פאַרוואָרפענע קופּקעלע מיסט און פון יעדען טאָפּ די טאָרבעטשקע, ביים אויסגעפינען, אַז זי ווערט פולער, איז איהם צוגעקומען אַ שטיק חיות. פאַרנאַכט האָט ער צוזאַמענגעשאָטען אַלע ביינער, אָפּקלייבענדיג די שמאַ־טעס אַז אַ זייט פון די עטליכע טעג און אָפּגעטראָגען צו די קאַדערניצע.

יאַנקעלען האָבען זיך די אויגען צולאָפען, ווען ער האָט דער־זעהן די גרויסע קופּע ביינער, וואו די קאַדערניצע האָט איהם גע־הייסען אויסשיטען זיין קליין טאָרבעטשקע. ער האָט געקראָגען פּאָר זיין סחורה אַ זעקסער (דריי קאָפּיקעס) און איז אַרויס פון דאַרטען מיט דער גרויסער קופּע ביינער פּאַר די אויגען און זי, די קופּע, איז איהם נאָכגעלאָפען סאַמע ביז פּערקע׳ס טיהר, וואָס האָט געפיהרט צום גן־עדן פון ריציסניקעס.

פון די זעקס ריציסניקעס, וואָס ער האָט געקראָגען פאַר׳ן געלד, האָט ער די ערשטע צוויי כמעט איינגעשלונגען אין איין הרף־עין, ביים דריטען האָט ער זיך דערמאָנט אַן די שוועסטער און איז אוועקגעלאָפען אַהיים, פאַרוואָרפענדיג די ליידיגע טאָרבעטשקע אויפ׳ן פּלייצע מיט די איבעריגע דריי אין קעשענע.

„די אינגערע שוועסטער אויך אַ האַלבען", רעדט ער צו זיך אויפ׳ן וועג. ער וואָלט געווען פאָלקאָם גליקליך, ווען ער זאָל קענען דער מאַמען אויך איינטהיילען פון די ריציסניקעס, נור איהר האָט ער גאָר מורא צו ווייזען. זי וועט איהם גלייך פרעגען, וואו ער האָט דאָס גענומען.

— זעהסטו? איך האָב געזאָגט, מיר וועלען אַלע האָבען, וועלען מיר, — האָט יאַנקעלע באַגעגענדיג די שוועסטער און אָנווייזענדיג איהר אויף דער קעשענע מיט די ריציסניקעס, געזאָגט מיט שטאָלץ און פרייד.

— אי—אי—אי! ריציסניקעס — אי!

זיי האָבען זיך געזעצט אויף דער פריזבע עסען מיט גרויסע צערעמאַניעס. ס'איז געווען אָנהויב אָווענד, נור דאָס שטיקעל הי־מעל, וואָס איז געווען באַלויכטען פון דער לבנה, האָט אַריינגע־בראַכט אַ ביסעל ליכטיגקייט אין דעם קליינעם געסעל, וואו זיי זיינען געזעסען. אַ קליין, ריין וואָלקענדעל, ווי אויסגעבאָרשטער פלאָקס, האָט זיך געצויגען איבער'ן שטיקעל הימעל. פון דער זייט האָט אַ ליכטיגער שטערן פון וועלכען עס האָבען זיך געצויגען בלויליכע שטראַלען, אַראָפּגעקוקט גלייך אויף זיי.

— דאָרטען זיצט דער טאַטע אָלעשאָלעם און קוועלט וואָס מיר עסען ריציסניקעס. — זאָגט דאָס שוועסטערל צו יאַנקעלען.

— וואו דאָרטען?

— אָט דאָרטען, דאָרטען, דו זעהסט? — ווייזט די שוועסטער מיט דער האַנד אויף דעם ליכטיגען שטערן.

— ווייז מיט'ן קליינעם פינגערל, מיט'ן האַנד טאָר מען ניט ווייזען אויפ'ן הימעל.

און זיי קוקען ביידע אויף יענעם שטערן, און פרעהען זיך מיט'ן טאַטענס שמחה.

די מאַמע האָט די קינדער קוים דערופען צו וועטשערע, זיי זיינען געזעסען ווי צוגעשמידטע צו דער פריזבע און ניט געקענט זיך אָפּרייסען פון דאָרטען.

יאַנקעלע האָט די וועטשערע געזופּט פויל שלעפעריג און איז באַלד איינגעשלאָפען.

די גאַנצע נאַכט איז ער אָפּגעשלאָפען מיט אַ פעסטען, רוהיגען קינדערשען שלאָף און אין דער פריה איז געקומען אַ גוטער מלאך און באַוויזען איהם אַ פיינעם חלום.

יאַנקעלע האָט די וועטשערע געזופּט פויל, שלעפעריג, און איז עס איז מיט אַן אויג ניט צו פאַרוואַרפען, און דער גאַנצער סמעטע־ניק איז נור פון הוילע ביינער. ער שאַרט ניט, ער קלייבט ניט, ער כאַפּט גאַנצע הויפענס און וואַרפט אין טאָרבע. די טאָרבע ווערט גלייך פול און ער שטופּט איהר פלינק אונטער אונטער'ן קישען און קלייבט אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פיערטע... דער סמעטניק איז גרויס, ער נעהמט זיך ניט אויס, ער פולט זיך ניט, ער איילט

און אַרבייט שטאַרק, אַזאַ גליק, אַזאַ גליק, מען טאָר ניט גענעצען.

ער דערהערט פון דערווייטענס אַ קול. ער דערקענט איהם, דאָס שרייט יוסעלע, פאַרשמאַליעט זאָל ער ווערען, ער האָט שוין דערשמעקט און לויפט אַהער.

— אַהאַ, ברודער! אַ גוטען אָרט פאַצאַפּעט! — זאָגט יאָסעלע.

ער קעהרט זיך אָפּ מיט אַ פולער טאַרבע אין האַנד אין יאָסעלעס זייט און דערזעהט די שוועסטער.

— וואָס טהוסטו דאָ? — פרעגט ער איהר.

— וואָס הייסט, וואָס טהו איך דאָ? שטעה אויף, עס איז שוין שפּעט.

יאַנקעלע קוקט מיט אָפענע אויגען און פאַרשטעהט ניט, וואָס דאָ טהוט זיך, עס נעהמט איהם אַ גוטע פּאָר סעקונדען ביז ער כאַפּט זיך, אַז ער רעדט מיט דער שוועסטער אויפ'ן וואָהר. און ניט רעדענדיג קיין וואָרט, רוקט ער גלייך אַרונטער די האַנד אונטער'ן קישען זוכען די טאַרבעס ביינער, וואָס ער האָט דאָרטען אונטערגעשטופּט.

— וואו זיינען זיי? — פרעגט ער מיט כעס.

— ווער?

— די טאַרבעס.

— וועלכע טאַרבעס?

איצט ערוואַכט ער אינגאַנצען און דער חלום ווערט גענצליך פאַרשוואונדען. ער בלייבט אונצופריעדען.

מיט אַ זויערען פּנים איז ער אַרויס אין גאַס און פויל זיך געבויגען נאָך אַ ביינדעל, וואָס האָט זיך דורך נסים פאַרוואַלגערט ערגעץ אונטער'ן פענסטער פון אַן אָרימער שטיבעל נאָך פון שבת־צו־נאַכט. נאָך אַזאַ קופּע ביינער, ווי ער האָט געזעהען אין חלום, וואָס פאַר אַ ווערטה האָט געקענט האָבען איין איינציג קליין פאַר־בלאַטיגט ביינדעל? און עס האָט איהם גענומען אַ לאַנגע צייט ביז ער האָט זיך אַרויסגעשלאָגען פון חלום.

— ברוך הבא! — האָט יאַכנע באַגעגענט יאַנקעלען אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען ער איז געקומען צו וואַרעמס פון גאַס. — ברוך הבא! פון וואַנען קומט אַ תנא ברא?

יאַנקעלע פאַרשטעהט, אַז דאָ איז עפּעס אַ צרה געשעהן און ער שווייגט.

— שטום ביזטו, וואָס, קענסט ניט רעדען, וואָס? אפשר אַ קשיה אויף אַ מעשה, שטעהט דיר גאָר ניט אָן מיט מיר צו רעדען?

„זי וויים שוין!" לויפט יאַנקעלען איבער אַ געדאַנק און ער הויבט אָן מורא צו האָבען. ער ענטפערט ווייטער ניט. ער שטעהט צוגעשמידט צו זיין אָרט און קעהרט דעם קאָפּ ניט אָפּ.

— זאָג מיר, וואו ביזטו דאָס געווען, תכשיט מיינער? — בייט זי אום דעם קול און געהט צו צו איהם נעהענטער.

שטיל, קיין וואָרט לאָזט יאַנקעלע ניט אַרויס פון מויל.

— וואָס בין איך דיר, אַ צויג בין איך דיר? איך רעד דאָך צו דיר!

שאַ.

— רעד, איך פרעג דאָך דיר! — ביי די ווערטער האָט יאַכנע אָנגענומען יאַנקעלען פאַר די אַקסלען און טרייסעלט איהם שטאַרק, פונקט ווי זי וואָלט וועלען מיט'ן טרייסלען אויסשאָקלען פון איהם אַ פּאָר ווערטער.

יאַנקעלע לאָזט זיך און האַלט דאָס מויל פאַרשלאָסען.

— דו ווערסט ניט ענטפערען?

יאַנקעלען פעהלט אָטהעם, דאָס האַרץ פאַלט איהם אַרויס פון שרעק, ער פיהלט עפּעס ווי אַ שווערע משא וואָלט איהם געפּרעסט.

פּעטש, קלעפּ, קולאַקעס האָבען זיך גענומען שיטען ווי באָב און צרות איבער'ן קאָפּ, אין האַרצען און די זייטען. יאַנקעלע איז נור געשטאַנען און געווינט זיך, געבוינען זיך, אַהין וואו דער קלאַפּ האָט איהם אַ שטויס געטאָן.

איצט, ווען די מאַמע האָט איהם געשלאָגען, האָט זיך יאַנקעלע געפיהלט פיעל גרינגער, די מורא איז איהם אַריבער און די קלעפּ האָט ער מקבל באהבה געווען, ווי אַ זאַך וואָס ער האָט כשר פאַרדיענט.

— זאָג מיר, ווען ביזטו געווען אין חדר, זאָג מיר! — האָט יאַכנע געפרעגט, ווען דער האַגעל קלעפּ האָט אויפגעהערט.

„אַט איצטער וועט זיך אָנהויבען די סאַמע גערׅיכטע", האָט יאַנקעלע אַ טראַכט געטאָן און דאַך האָט ער איצטער געוואַרט אויף זיין גזר־דין מיט קנאַפּערע מורא.

יאַכנע האָט אָבער בשום אופן ניט געקענט אַרויסקריגען פון איהם אַ וואָרט, ער איז געוועזען שטום ווי אַ פיש.

זי האָט איהם ווייטער גענומען שלאָגען און, ניט הערענדיג פון איהם קיין קלאָג, קיין געשריי, אַזש בייסען פאַר כעס. ער איז געשטאַנען און ניט געוועהרט זיך, נור באַשיצט דאָס געזיכט מיט די הענד, ווען די קלעפּ זיינען איהם געפאַלען אויפ׳ן פּנים.

— אַ גוי וועל איך האָדעווען אין שטוב, ער זאָל מיר נאָך דאַרטען פאַרשוואַרצען די אויגען! אַ מצוה וועל איך האָבען קאַר־מענען אַזאַ טרפה׳נע ביין!... קוים מיט צרות אַריינגעבראַכט איהם אין אַ חדר און ער נעהמט און געהט אַוועק... אַ פריי־מאַיאָר! גאַר ניט געפרעגט ביי קיינעם! דו האָסט ניט קיין מאַמען? זאָג, קיין מאַמען האָסטו ניט?

— דו הערסט? — זאָגט זי אין אַ רגע אַרום, ווי זי האָט אויפ־געהערט צו שלאָגען, — דו הערסט? שוין אין חדר! אָבער דו הערסט? טאַקע שוין, די מינוט! דו וועסט אוספּייען זיך אַרומ־שלעפּען מיט ביינער, ווען דו וועסט קענען לכל הפחות דאַווענען. ווען דו וועסט כאָטשע קענען אַליין קדיש זאָגען... אַך, טאַטע דער באַרימהערציגער, נעם מיר שוין צו פון דאַנען, זאָלען כאָטש מיינע אויגען די צרות ניט זעהן...

יאַכנע האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. איהר וויינען האָט אויף יאַנקעלען אַ סך מעהר געווירקט און פאַרשאַפט איהם אַ סך מעהר וועה, ווי די קלעפּ. ער וואָלט זיך איצטער בעסער געוואונשען זי זאָל איהם שלאָגען גאַר אָהן אויפהער, אָבי נור ניט צו הערען איהר וויינען. נור ביי זיין בעסטען ווילען קען ער אין חדר ניט געהן; דער וועג אַהין איז אָפּגעשניטען, אַ ווייטערדיגע באַגעגעניש מיט׳ן רבי׳ן איז אונמעגליך.

די מאַמע האָט איצט גענומען מיט ווייכען איהם מוסר׳ען און מאָלען איהם דעם פינסטערען סוף, וואָס איהם וועט אויסגעהן, אויב ער וועט איהר ניט פאָלגען. יאַנקעלע איז אַלץ געשטאַנען

ווי אַ זינדיגער, האָט איהר אויסגעהערט מיט אַ פאַרקלעמטען האַרץ און דאַד איהר ניט געקענט נאָכגעבען.

אַז מיט גוטען העלפט אויך ניט האָט זי ווייטער פּרובירט מיט בייזען:

— געדענק־זשע, פאַרשרייב זיך דאָס אויפ׳ן שטערן, דיין פּוס וועט זיך ניט טאָרען יאַוועז ביי מיר אויפ׳ן שוועל, אויב דו וועסט ניט געהן גלייך אין חדר. איך וועל דיר שוין מעהר ניט שלאָגען, ניט רעדען, טהו וואָס דו ווילסט, געה כאַטשע אויסען הויז, נור מיט מיר האָסטו שוין ניט מעהר וואָס צו טאָן. דו וועסט קענען פּגר׳ען פאַר הונגער מיט די הינט אויף דער גאַס, מיר וועט גאָר ניט אַרען, ניט מיין דאגה!

ה

עס זיינען אָנגעקומען די נייען טעג. יאַנקעלע איז פון אין דער פריה אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען און האָט קיין ביינדעל אויף קיין רפואה ניט געפונען. פאַר די יאַטקעס איז געווען שטיל און עס האָט זיך מעהר ניט געהערט דאָס שאַרפען פון מעסערס איינס אָן אַנדערען, דאָס קראַכען פון ביינער אונטער דער האַק איבער׳ן קלאָץ. אין די טעג זיינען שוין ניט געווען קיין ריציסניקעס און ניט קיין קוכען. אַ היים האָט ער שוין נאָך דער סצענע מיט דער מאַמען ניט געקאָנט געהן, ווי איהם האָט אויסגעוויזען. אויב ער האָט נאָך געהאַט עפּעס אַ שייכות מיט דער היים איז דאָס געווען בשתיקה פון דער מאַמען, און די עלטערע שוועסטער האָט איהם אַרויסגעטראָגען אַ שטיקעל ברויט, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון איהר עסען.

עס איז ערשט געוואָרען אָנהויב אָוונד ווען ער האָט זיך גע־לאָזט געהן צום געסעל, וואו זיין מאַמע האָט געוואוינט. פאַר דער צייט וואָס ער האָט איבערגעריסען מיט זיין היים, פלעגט ער אין געסעל זיך וויזען שפּעט אין אָוונד. ער פלעגט קומען זעהן זיך מיט דער שוועסטער און ווען ער האָט נעהאַט אַ גוטען טאָג, האָט ער זיך מיט איהר געטהיילט מיט די לאָקאָטקעס, וואָס זיינען איהם פאַרבליבען, און נאָך אַ הונגעריגען טאָג האָט זי פאַר

איהם געהאַט אנגעגרייט אַ שטיקעל ברויט, אָדער אַ שטיקעל קוכען. אַ חוץ דעם האָט ער גערעכענט, אַז אויב ער האָט פאַרלאָרען זיין רעכט צום היים, איז איהם נאָך אָבער געבליבען אַ רעכט אויף דער פריזבע פאַר'ן היים. און אויף דער פריזבע האָט ער געהאַט זיין מקום־מנוחה ביינאַכט.

דער טאָג איז געווען אַ שלעכטער, און ווען ער איז איצט גע־גאַנגען אַ הונגעריגער, אַ בייזער צו באַגעגענען זיך מיט דער שוועסטער, האָט ער זיך אַלע ווייל אָפּגעשטעלט פאַר די אָפענע פענסטער, וועלכע ער האָט גענאָרפּט פאַרבייגעהן. אומעדום איז מען איצט געזעסען אַרום טיש און מען האָט געגעסען וועטשערע. ער האָט געזעהן ווי ביי גרונם דעם סטאָליער האָט מען דערלאַנגט צום טיש אַ שיסעל יונגע קאַרטאָפעליעס פון וועלכע עס האָט זיך געהויבען אַ פאַרע און ער איז אַ היבשע צייט געשטאַנען און גע־קוקט ווי דאָס הויזגעזינד האָט געשלונגען איין הייסע קאַרטאָפעל נאָכ'ן צווייטען און דערביי פאַרזופּט מיט ראָסעל פון געזייערטע־אוגערקעס. און דאָס מויל איז איהם פאַרלאָפען געוואָרן מיט וואַסער. ווען ער איז פון דאָרטען אָפּגעטראָטען און האָט זיך אויסגעגלייכט מיט פאַלטע דעם שוסטער'ס שטיבעל, האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט צו קוקען, און עס האָט זיך קיין שמייכעל ניט באַוויזען אויף זיין איינגעצויגענע געזיכט, ווען ער האָט געזעהן, ווי פאַלטע פאַר־רייסט זיין ציגען־בערדעל און יאָגט זיך מיט די ליפען נאָך אַ לאַנגען לאָקש, וואָס איז אַרונטערגעהאַנגען פון אַ הילצערנע לעפעל, וועלכע ער האָט געהאַלטען הויך איבער'ן געזיכט.

די שוועסטער האָט איהם באַגעגענט מיט עטליכע הייזער פריהער פאַר זייער שטיבעל.

— די מאַמע שלאָפט נאָך ניט? — האָט ער געפרעגט אונרוהיג.

— זי זיצט אויף דער פריזבע, — האָט די שוועסטער געענט־פערט.

ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און געפרעגט:

— האסטו עפּעס פאַר מיר?

— אַ שלעכטער טאָג, האַ? — האָט זי פון איהר זייט געפרעגט מיט אַ קול אין וועלכען עס זיינען געווען אויסגעמישט מיטלייד

צו איהם און אַ זשעדניקייט נאָך די לאַקאַטקעס, וואָס זי האָט פון איהם ערוואַרט.

— איך וויל עסען — האָט יאַנקעלע געזאָגט ברוגז׳דיג.

— איך האָב אַ קראַיטשיק ברויט און איך ברענג דיר גלייך.

זי איז אויף אַ ווײַלע פאַרשוואונדען און ער האָט זיך ווידער געשטעלט פאַר פאַלטע׳ס פענסטער און געקוקט ווי זיין ציגען־בערדעל און אדם׳ס עפּעל שפּרינגען אַרויף און אַראָפּ, ווי ער יאָגט זיך מיט׳ן מויל נאָך די אָראָפּגעהאָנגענע לאַקשען.

ווען די שוועסטער האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט׳ן אקראַיטשיק ברויט, האָט זי איהם געפרעגט:

— פאַר וואָס איז דאָס היינט געווען אַ שלעכטער טאָג?

די פראַגע האָט איהם פאַרדראָסען. איהם איז אויסגעקומען, אַזוי ווי זי נעהמט אָפּ ביי איהם חשבון. און ער האָט געענטפערט בייז, גריזשענדיג דאָס האַרטע ברויט:

— פאַר וואָס? איך ווייס ניט פאַר וואָס!

— מסתמא צוליעב די נייען טעג? — האָט זיך די שוועסטער ניט איינגענומען.

ער האָט ניט געענטפערט.

אַ ווײַלע האָבען זיי ביידע געשוויגען. דאַן האָט זי ווידער געזאָגט:

— מילא, איז נייען טעג, איז ניטאָ קיין ביינער, נאָר פאַר שמאַטעס מאַכט דאָך ניט אויס, צי נייען טעג צי ניט נייען טעג?

— דו ווערסט זיך פון מיר אָפּטשעפּען צי ניט? וואָס ביזטו צו מיר צוגעשטאַנען, ווי אַ קלעק? — האָט ער אויף איהר אַ גע־שריי געטאָן.

זי איז מיט רוגזה אַנשוויגען געוואָרען. זי טהוט פאַר איהם אַלץ און אַז עס קומט צו עפּעס, שרייט ער אויף איהר.

— האָסטו ניט געקאָנט אַרויסטראָגען אַ פּאָר בולבעס? ביי גרונם דעם סטאָליער האָט מען איצט געגעסען נייע בולבעס מיט ראָסעל.

— די מאַמע איז ניט אַזאַ פאַרדיענערקע, ווי גרונם דער סטאָליער, — האָט די שוועסטער געענטפערט. — און דו ביזט אויך עס אַזאַ גרויסער פאַרדיענער.

— דו וועסט זעהן, וואַרט! — האָט יאַנקעלע געזאָגט מיט האַרץ. — דו וועסט זעהן, אַז איך וועל פאַרדיענען ניט ערגער ווי פאַלטע דער שוסטער און ווי גרונם דער סטאָליער און —

ער האָט זיך אין מיטען אָפּגעהאַקט. ער האָט געוואָלט זאָגען, אַז ניט ערגער אפילו ווי דער מעהלער, ביי וועמען זי דיענט, נאָר ער האָט זיך אַליין דערשראָקען פאַר אַזא ווייטע פאַנטאַזיע, הגם ער האָט אַליין ניט געגלויבט אין דעם, וואָס ער האָט גערעדט, און ער האָט עס נאָר געזאָגט צו ווייזען זיין שוועסטער, אַז ער איז ניט קיין אַרויסגעוואָרפענער און אַז ער קען זיין שטעדטעל אַליין באַשטעהן. נאָך אַ ביטערען הונגעריגען טאָג איז געווען צופיעל זיין שוועסטער'ס פאַרוואורף.

נאָך דער וועטשערע האָט דער עולם אָנגעהויבען אַרויסצוקריכען פון די שטיבלאַך און אויסזעצען זיך אויף די פּריזבעס. פיעלע האָבען אַרויסגעטראָגען קישעלאַך און צוגעמאַסטשעט זיך שלאָפען.

— אַ מחיה, קיהל, — האָט עמיצער געזאָגט מיט אַ געבראָכענעם געניץ.

— די פליי בייסען זיך, — האָט אַ אידענע באַמערקט.

— נו, איצט איז זייער יריד, — האָט געענטפערט אַ צווייטע אידענע.

— עס וועט נאָך היינט זיין רעגען, — האָט ווידער באַמערקט די ערשטע אידענע.

— מען דאַרף איצט קיין רעגען ניט.

— די פלינען האָבען זיך היינט געביסען.

— עס איז אַמאָל קיין ראיה ניט.

און עס האָט זיך פאַרבונדען אַ געשפּרעך פון איין פּריזבע צו דער צווייטער וועגען וועטער און וועגען יקרות און וועגען דער פרנסה וואָס איז אין דער ערד. דער געשפּרעך איז אַלע ווייַלע איבערגעריסען געוואָרען פון אַ געניץ, וואָס האָט זיך געטראָגען פון איין מויל צום צווייטען, פון איין פּריזבע צו דער צווייטער, פון איין געסעל צום צווייטען. פון צייט צו צייט האָט זיך אויך געהערט, ווי עמיצער האָט אונטער דער נאָז געמורמעלט אַ נגון פון סנות.

— וואָס זיצט זי, די מאַמע, אויף דער פּריזבע? — האָט יאַנ־קעלע געזאָגט אונצופרידענע.

— אַלע זיצן, — האָט די שוועסטער געענטפערט.

— איך וויל שלאָפן.

— מען קען דאָך די מאַמען ניט אַוועקטרייבן.

— געה, זאָג, אַז דו ווילסט שלאָפן, וועט זי אַריין אין שטוב.

— עס איז נאָך פריה און אין שטוב איז דושנע.

פון דעסטוועגן איז די שוועסטער אַריבער צו דער מאַמען און גערופן איהר שלאָפן.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די פּריזבע פאַר'ן שטיבעל, וואו זיין מאַמע האָט געוואוינט, איז געוואָרן ליידיג, און איידער די פּריזבע האָט זיך אָפּגעקיהלט איז ער שוין געלעגן איינגעדרעהט ווי אַ קנויל, מיט'ן הענטעל אָנשטאָט אַ קישען אונטער'ן קאָפּ און מיט די ערשטע ווערטער פון קריאת שמע איז ער איינגעשלאָפן.

ווען ער האָט ווידער געעפענט די אויגן, האָט ער געהערט עפּעס אַ בראָזעגענים פון טיהרען און געזעהן ווי האַלב־נאַקעטע ווייבער, מענער, מיט קאָלדרעס און קישעלאַך אין די הענד זיינען געלאָפן פון גאַס אין די הייזער. עטליכע סעקונדען האָט ער ניט געקענט פאַרשטעהן, וואָס פאַר זיינע אויגען קומט פאָר. די סצענע האָט אויסגעזעהן עפּעס אומבאַקאַנט־ווילד, נאָר ווען ער האָט דער־פיהלט ווי זיין פּנים ווערט נאַס און עפּעס אַ פייכטקייט נעהמט איהם דורך, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס געהט אַ רעגען.

ער איז אַרונטערגעשפּרונגען פון פּריזבע און שטיל זיך אַריינ־געכאַפּט אין פאַרהויז. איבערגעריסען פון ערשטען שלאָף, דורכ־געווייקט פון דעם רעגען האָט ער שוין אַזוי גיך ניט געקאָנט איינ־שלאָפען אויף דער האַרטער ערד, נאָר ענדליך האָט יוגענד גע־נומען דאָס איהריגע און ער איז ווידער אַמאָל איינגעשלאָפען מיט'ן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דעם טרעפּעל, וואָס האָט געפיהרט צו דער מאַמען אין שטוב.

עס איז געווען אַ כמורנער באַגינען, ווען יאַנקעלע איז מיט פאַרגליווערטע גלידער אַרויסגעגאַנגען פון פאַרהויז אין געסעל די אויגען האָבען זיך נאָך געקלעפּט פון שלאָף און ער האָט זיי

נעריבען מיט ביידע פויסטען און געקאַרטשעט זיך און געגעניצט דערביי.

דער הימעל איז נאָך געווען פאַרוואָלקענט, הגם קיין רעגען איז שוין מעהר ניט נעגאַנגען. די ערד איז געווען נאַס, בלאָטיג. דאָס געסעל איז געווען שטיל. פון ערגעץ האָט זיך געהערט אַ שברים־הוסט און דאַן איז ווידער געוואָרען שטיל.

יאַנקעלע איז געגאַנגען פּאַמעלאַך, האַלב פאַרשלאָפען. עס איז נאָך געווען צו פריה צו נעהמען זיך צו זיין ארבייט, און ער האָט אַליין ניט געוואוסט, וואו ער געהט און וואָס צו טאָן, און ער האָט זיך אַזוי ארומגעשלעפּט פון איין געסעל אין צווייטען.

פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. עפּעס האָט מיט עטליכע סעקונדען צוריק אַ ריס געטאָן איהם די אויגען נאָך מחמת זיין האַלב פאַרשלאָפענקייט איז ער פאַרבייגעגאַנגען און ניט געשענקט זיין אויפמערקזאַמקייט. דער איינדרוק אָבער האָט זיך איינגע־פרעסט אין זיין מאַרך און ער האָט זיך געלאָזט געהן צוריק. איצט האָט ער זיך אין גאַנצען אויסגעניכטערט, זיינע אויגלאָך זיינען געוואָרען שאַרף און זיי זיינען געשפּרונגען איבער דער ערד פון איין זייט צו דער צווייטער.

דער איינדרוק איז געווען ניט קיין פאַלשער. ניט ווייט פון אַ פּלאַנקען איז געלעגען אַ גרויסע שמאַטע. מיט איין האַנד האָט ער פּלינק געעפענט זיין טאָרבע און מיט דער צווייטער גענומען שטופּען אהין די שמאַטע, נאָר ווען זי האָט שוין געהאַלטען ביים פאַרשווינדען האָט ער דערזעהן, אַז דאָס איז געווען אַ העמד. ער גיט אַ וואָרף מיט די אויגען ארויף און אַראָפּ די געסעל, לויפט מיט זיי דורך אַלע פענסטער צו זיין זיכער, אַז קיינער קוקט ניט און ניט ענערגיש אַ שטופּ די העמד אין טאָרבע.

איצט האָט ער געזעהן, אַז אויפ׳ן פּלאַנקען איז געהאַנגען גרעט. ער ווייסט וועמעס גרעט דאָס איז, און אַז די העמד איז דאָס ארונטערגעפאַלען פון פּאַרקאַן, נאָר קוים איז די העמד געלעגען אויף דער ערד און האָט אויסגעזעהן ווי אַ שמאַטע, האָט ער אויף איהר אַ היתר. פון פּאַרקען האָט ער די העמד ניט געשלעפּט.

און דאָך האָט ער זיך געאײַלט אָפּצוטרעטן פֿון דאָרטן, אַזוי ווי עס וואָלט פֿאַר איהם ניט געווען זיכער צו זײַן מיט דער שמאַטע און זײַן טאָרבע אין דער געגענד.

ער האָט נאָכאַמאָל אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף די פֿענסטער און האָט זיך מיט האַסטיגע טריט אָפּגעטראָגן פֿון דעם געסעל.

אויפֿ׳ן וועג האָט איהם עפּעס אַ געדאַנק אַזן עגבער געטאָן אין מח, אַז דאָס איז געווען אַ מין גנבה. נאָר ער האָט באַלד זיך אַליין געענטפֿערט, אַז ווען ניט ער וואָלט יאָסעלע געוויס פֿאַרנומען די שמאַטע און פֿאַר יאָסעלען איז ער גאָר ניט מחויב איבערצולאָזען.

איצט האָט ער זיך מיט אַ פֿרעהליכערען געמיט געלאָזט געהן צום בית המדרש. אין פּאָליש איז נאָך געשלאָפֿען מייטע, דער שטאָדט־אידיאָט, און יאַנקעלע האָט בײַם פֿאַרבײַגעהן אַ בריקע געטאָן איהם מיט׳ן פֿוס, אַזוי אויפֿגעראַמט האָט ער זיך געפֿיהלט פֿון דעם גוטען „אָנהויב“ וואָס ער האָט געהאָט. אין בית המדרש האָבען ערשט די פּרושים געשלעפּט זייערע קישעלאָך און קאָלדרעס פֿון די בענק, וואו זיי זײַנען געשלאָפֿען צום אַלמער בײַ דער טיהר און דער אונטער־שמש האָט זיך מיט עפּעס געפּאָרקעט אויף דער בימה. יאַנקעלע האָט אָפּגעוואָרט ביז די פּרושים האָבען זיך ארומגעוואַשען און דאַן איז ער צוגעגאַנגען צום כיור, האָט אָפּגעגאָסן נעגעל־וואַסער, אַ פֿיהר געטאָן מיט דער נאַסער האַנד איבער׳ן פּנים און אָפּגעווישט זיך מיט׳ן קהל׳שען האַנדטוך, וואָס איז געהאַנגען איבער׳ן כיור.

דאַווענען האָט ער ניט געקאָנט. נאָר דאָס האָט איהם ניט באַפֿרייט פֿון אידישקייט. אין בית המדרש האָט ער געוואָרט ביז דער עולם איז צוזאַמענגעקומען, און בײַם אויווען איז ער אויסגעזעסן די צייט פֿון דאַווענען. ער האָט געענטפֿערט ברכו גלייך מיט אַלעמען און צו קריאת שמע האָט ער אַרויסגענומען זײַנע ציצות, געהאַלטען זיי די גאַנצע צייט וואָס אַלע האָבען געהאַלטען זייערע ציצות און געקושט זיי גלייך מיט אַלעמען. נאָך קדושה האָט ער געוואוסט, אַז ער האָט שוין מעהר ניט צו וואַרטען און ער איז אַרוים צו דער אַרבייט.

דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבען גוט. נאָר די אינערליכע צו־פריעדענהייט האָט ניט אַזוי געשטאַמט פון דער שמאַטע, ווי פון דעם היתר וואָס ער האָט אויף איהר געפונען, און ער האָט גע־פיהלט, אַז פון היינט אָן הויבט זיך אָן אַ בעסערע צייט פאַר איהם. דער מאָרגען, דער איבערמאָרגען האָט שוין ניט אויסגעזעהן אַזוי נעבעלדיג און וואָלקענדיג. ער האָט געפיהלט, אַז ברויט און קוכענס און ריציסניקעס זיינען מעהר ניט אָפּהענגיג אָן אַ צופאַל, נאָר אַז ער קאָן זיך גרינג העלפען.

דער טאָג, ווי הארמאָנירענדיג מיט זיינע געדאַנקען, איז גע־וואָרען שעהנער. די וואָלקענס וואָס האָבען פאַרטאָג פאַרשפּרייט אַ מרה שחורה, זיינען ביסלעכווייז פאַרשוואונדען, און די זון, די זומערדיגע זון, האָט באַלד פאַרטריבען יערע פייכטקייט און יעדען טונקעלען שאָטען.

די געהויבענע שטימונג האָט איהם ניט פאַרלאָזען דעם גאַנצען טאָג. געוואוינליך, האָט ער געזוכט אויסצומיידען זיין קאָנקורענט אויפ׳ן פעלד פוןביינער און שמאַטעס, יאָסעלען, און אַזוי גיך ווי ער פלעגט איהם דערזעהן, פלעגט ער אָפּטרעטען אָן אַ זייט. יאָסעלע איז געווען מיט אַ פאַר יאָהר עלטער פון איהם, און איז געווען פונקט דער היפך פון איהם, הויך־געוואַקסיג און דאַר מיט אַ פּנים וואָס האָט פון ווייטען געמאַכט דעם איינדרוק אַזוי ווי עס וואָלט געהאַט אַ סך אויגען, צוליעב די לעכער וואָס פּאָקען האָבען אויף איהם איבערגעלאָזען. יאָסעלע איז געווען פלינקער, ריהרעוודיגער און לעבעדיגער און אַזוי ווי ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט זיך גענומען צו דער פּרנסה, האָט יאַנקעלע פאַר איהם מורא געהאַט פאַר השגת גבול. נאָר היינט ווען ער האָט איהם דערזעהן, האָט ער צו איהם אויסגעשריען:

— יאָסעלע!

יענער האָט זיך אומגעקוקט און דורך די צייהנער געפרעגט:

— וואָס?

— נעהאַט אַ גוטען טאָג?

— הלואי ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר זאָלסטו בעסער ניט מאַכען.

— דו ביזט אין כעס אויף מיר?

— הערסט דאָך, אַז איך גיב דיר אַ ברכה.

— אַז דו ווילסט, וועל איך מיט דיר מאַכען שותפות.

— מיט דיר שותפות! מיט אַזאַ בולבעטשקע, ווי דו ביזט! דו וועסט דאָך ביי מיר אויף אַיין צאָהן ניט סטאַיען!

— מיין ניט, אַז איך בין אַזאַ —

— אויף אַ טשיקאַוועס, ווייז, וואָס פאַר אַ בריה דו ביזט.

יאַנקעלע האָט גאוה׳דיג צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— היינט אנגעקליבען? — האָט יאָסעלע געפרעגט ווי ניט גלויבענדיג. — וואָס האָסטו דאַרטען... ביינער?

— שמאַטעס? — האָט יאָסעלע געפרעגט נאָך מעהר פאַרוואונדערט.

יאַנקעלע האָט גואה׳דיג צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— געלאַטכענעט, — האָט יאָסעלע געזאָגט מיט אַ קול, אין וועלכען עס האָט זיך ניט געהערט קיין טאָן פון אַ גאָט׳ס סטראַפּטשע.

יאַנקעלע איז אָנפאַנגס בלייך געוואָרען. זייענדיג אַ פּחד־לב׳ער, האָט ער אין סעקונדע זיך פאַרגעשטעלט, אַז יאָסעלע ווייסט שוין וועמעס העמד איז ביי איהם אין טאָרבע, אַז ער געהט גלייך אוועק און דערצעהלט וועמען מען דאַרף, אַז ער האָט די העמד אַרונטערגעשלעפּט פון פּאַרקאַן, אַז מען וועט איהם דערפאַר אַריינזעצען אין כאַלאַדנע, אַז ער וועט זיך מעהר ניט קאָנען ווייזען אין די גאַסען און אַז דער סוף זיינער איז שוין געקומען. נאָר ווען ער האָט דערהערט ווי רוהיג יאָסעלע האָט עס אַרויסגעזאָגט, איז ער גלייך געקומען צו זיך און געענטפערט:

— ניין.

— מיר וועסטו ניט דערצעהלען קיין מעשיות, — האָט יאָסעלע געזאָגט, אַרויסגענומען אַ פּושקעלע מיט טאַבאַק און גענומען דרעהען אַ פּאַפּיראָס. — וועסט פונדעסווען רעציסניקעס?

— איך האָב ניט קיין פּרוטה.

— קום, די קאָדערניצע וועט געבען.

יאַנקעלעס שטימונג איז נאָך געהויבענער געוואָרען. זיין געגנער באָט איהם אַז צו ווערען אַ חבר, און ווי ער האָט פאַר איהם

מורא געהאַט, האָט ער נאָך מעהר פאַר איהם דרך ארץ געהאַט.
ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט שמחה אָן דעם פאָרשלאָג און גע־ענטפערט:

— קום!

— דו ווילסט אַ ציה? — האָט יאָסעלע געפרעגט, אויסשפּייענ־דיג דעם זאַמדיגען טאַבאַק, וואָס ער האָט אַריינגעצויגען אין מויל ביים פאַרויכערען דעם פּאַפּיראָס. יאַנקעלע האָט זיך ניט געלאָזט בעטען, האָט אַ ציה געטאָן פון יאָסעלעס פּאַפּיראָס און האָט זיך פאַרהוסט.

— אז דו וועסט זיך צוגעוואוינען, וועט עס געהן גלאַט. דו זעהסט?

און יאָסעלע האָט איהם געוויזען, ווי ער שלינגט איין דעם גאַנצען רויך, האָט געעפענט דאָס מויל און געצייגט, אז דאָרטען איז קיין רויך ניטאָ און נאָכדעם אַרויסגעלאָזט אַ גאַנצען וואָלקען. דאַן האָט ער איהם געוויזען, ווי דער רויך געהט דורך דער נאָז, און דאַן דורכ'ן מויל און דער נאָז צוזאַמען.

— נאָך אַ ציה?

און הגם די טרערען האָבען זיך נאָך ניט אויסגעטריקענט ביי יאַנקעלען אין די אויגען און דער הוסט האָט איהם נאָך געשטיקט אין האַלז, האָט ער ווידער אַ ציה געטאָן און ווידער זיך צוהוסט.

יאָסעלע איז געבליבען אין דרויסען. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן רעכטען אַקסעל אָן דעם אוסאַק פון דער טיהר, וואָס האָט געפיהרט צום שפּייכלער פון דער קאָדערניצע, האָט דעם לינקען פוס אַריבערגעבויגען איבער'ן רעכטען, טיעף אַריינגעצויגען דעם רויך פון זיין פּאַפּיראָס און נאָך יעדען מאָל, וואָס ער האָט דעם רויך אַרויסגעלאָזט, האָט ער, ניט בייטענדיג זיין פּאָזע, אָהן דעם מינדעסטען ריהר פון קאָפּ, אַרויסגעשטויסען מיט דער צונג אַ שפּיי דורך די צייהנער.

יאַנקעלע איז נעגאַנגען רופען די קאָדערניצע. ער איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג, ווען ער איז אַוועק פון יאָסעלען, נאָר וואָס נעהענטער ער איז צוגעקומען צו לאה די קאָדערניצע איז זיין מוטה אַלץ מעהר געפאַלען. לאה די קאָדערניצע איז געווען

א פיינע אידענע, א ברייטע בעל־הבית׳טע, שטענדיג מיט א פאַר־רוק אויפ׳ן קאָפּ, מיט א גרויסען בינטעל שליסעלאך אין ספּאָדניצע, מיט א מערקווירדיגע מאַלינאָווע פאַרב אין די באַקען, און דער עיקר אין געווען וואס זי האָט א מאַן אויף וועלכען מען האָט געזאָגט, אז ער האָט געקאָנט זיין א רב. ער האָט זיך אין גע־שעפט ניט געמישט און איז געזעסען אין בית המדרש און גע־לערענט, און זי האָט אליין געפיהרט די פּרנסה. און ווען יאַנקעלע איז צו איהר איצט געגאַנגען, האָט איהם פּלוצים נעגעבען א זעץ אין קאָפּ: וואס א שטיינער וועט זיין, אז זי וועט איהם פרעגען, וואו האָט ער גענומען אזא שמאַטע? און זי וועט געווים דער־קאָנען, אז דאָס איז ניט קיין שמאַטע, וואָס וואַלגערט זיך גע־וואוינליך אין גאַס. זי וועט איהם גלייך זאָגען, אז דאָס איז א גע׳גנב׳עטע זאַך.

זיינע טריט זיינען שוואַכער געוואָרען. ער האָט זיך אַרומ־געקוקט, צו יאָסעלע שטעהט נאָך ביים שפּייכלער און ווען ער האָט איהם דערזעהן שטעהן אין דער זעלביגער פּאָזע, אין וועלכער ער האָט איהם איבערגעלאָזט, האָט ער געזאָגט מיט כעס:

— וואָס וויל ער פון מיר? וואָס האָט ער זיך אָן מיר אָנ־געטשעפּעט?

זיינע טריט זיינען געוואָרען נאָך שוואַכער. ער וואָלט איצט בשום אופן ניט געגאַנגען צו דער קאָדערניצע. דאָס קלינגסטע איז אָפּצוואַרטען עטליכע טעג. ווער ווייסט, אפשר איז מען שוין געווען ביי דער קאָדערניצע און מען האָט איהר געבעטען, אז זי זאָל האָבען אן אויג אויף די שמאַטעס, וואָס מען וועט איהר היינט ברענגען. אין עטליכע טעג ארום וועט שוין קיין ריזיקע ניט זיין, א חוץ דעם קאָן ער די העמד צורייסען. אָבער איצט איז א גרויסע ריזיקע. —

ער האָט זיך ווידער אומגעקוקט: יאָסעלע איז געשטאַנען אויפ׳ן זעלבען פּלאַץ.

„שטעהן זאָל ער דאָרט אין געהאַקטע וואונדען!“ -- האָט ער אַרויסגערעדט מיט האַרץ.

פּלוצלונג האָט איהם אַ שיין געטאָן אַ שטראַל פון האָפנונג. ער וועט מאַכען אַ תירוץ און זאָגען — אַז די קאָדערניצע איז אין דער היים ניטאָ. דערפרעהט פון דעם געדאַנק, האָט ער זיך געלאָזט געהן מיט זיכערע טריט. נאָר ווי אויף צו להכעיס האָט זיך איצט לאה די קאָדערניצע געוויזען אויפ׳ן שוועל און אנידערגעזעצט זיך מיט אַ זאַק, וואָס זי האָט געהאַלטען אין שטריקען אין האַנד.

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען און מיט אַ קראַץ אין קאָפּ האָט ער זיך געשטעלט עטליכע טריט ווייט פון שוועל.

— נו? — האָט לאה געפרעגט.

יאַנקעלע האָט ניט געענטפערט און האָט נאָר געוויזען אויף דער טאָרבעטשקע.

— וואָרט אַ ווײלע! — האָט לאה געזאָגט און געמאַכט עט־ליכע אויגלאָך אין זאַק. דאַן האָט זי זיך אויפגעהויבען, איז צוריק אַריין אין שטוב, האָט גענומען אַ גרויסען שליסעל און געלאָזט זיך געהן צום שפּייכלער און יאַנקעלע נאָך איהר.

ווען ער האָט אַרויסגעוואָרפען די שמאַטעס פון דער טאָרבע, האָט זיך לאה אָפּגערופען:

— דו ביזט אַ חכם!

יאַנקעלען האָט פאַרפעהלט אָטהעם. ער האָט געגלויבט, אַז זי האָט שוין דערקאַנט.

— דו מיינסט, אַז דו וועסט אויסדרעהען דיינע שמאַטעס אין בלאָטע, וועל איך דיר צאָהלען פאַר דער בלאָטע, ווייטער, אַז דו וועסט ברענגען שמאַטעס, זאָלען זיי זיין ריינע. וואַרף זיי אַריין אהער!

זי האָט ניט געקוקט און ניט געוואויגען, און דערלאַנגט איהם פיער גראָשען. אַ שווערער שטיין האָט זיך איהם אַראָפּגעקייקעלט פון הארצען, און ווידער אַ פרעהליכער איז ער אַרוים צו יאָסעלען. ווען ער האָט זיך מיט איהם אויסגעגלייכט, האָט ער אַן עפען גע־טאָן די האַנד און געוויזען.

— אַ פיערער! — האָט יאָסעלע געזאָגט און האָט זיך פאַר־קרימט.

— האסטו געמאַכט היינט מעהר? — האָט יאַנקעלע געפרעגט ווי באַליידיגט.

— דו האָסט דאָך געהאַט אַ גאַנצע טאָרבע.

— צו בלאָטיג, — האָט יאַנקעלע געענטפערט קורץ.

פון דעם טאָג אָן האָט זיך יאַנקעלע מעהר ניט געפיהלט איינזאַם, דען מיט יעדען נייעם טאָג איז ער אַלץ מעהר און מעהר אָפּגעשטאַנען פון זיינע פריהערדיגע חברים. ער האָט זיך מעהר ניט געררוקט צו שפּיעלען מיט די חדר־אינגלאַך, ווי ער וואָלט געפיהלט, אַז צווישען איהם און זיי איז אויסגעוואַקסען אַ מחיצה. זיי האָבען איהם מעהר אין זייער קאָמפּאַניע ניט גערופען, ווען אפילו ער איז געווען נויטיג צום שפּיעל. זיין אָפּגעזונדערטקייט פון די אַנדערע אינגלאַך איז געקומען ווי אַ זאַך וואָס איז זעלבסט־פאַרשטענדליך, און ניט נאָר ער נאָר אפילו זיין שוועסטער איז אויך ביסלאַכווייז אָפּגעזונדערט געוואָרען פון די אַנדערע מיידלאַך.

די ערשטע צייט האָט ער שטאַרק געפיהלט, און אָפט פלעגט ער ביז מנחה למעריב, ווען די חדר־אינגלאַך זיינען פריי, זיך זעצען אויף אַ גרויסען שטיין נעבען דער מיליאַרסקער קלויז אויפ'ן שוהל־הויף און מיט קנאה'דיגע אויגען נאָכקוקען די געוועזענע חברים, ווי זיי לויפען, שטיפען און שפּיעלען זיך. פון צייט צו צייט האָט אַ אינגעל פון גרוים האָסט געמאַכט אַ טעות און צוגעלאָפען צו איהם און אַ קלאַפּ געטאָן איהם אין אַקסעל, נאָר אַזוי גיך ווי יענער האָט איהם דערזעהן, האָט זיך גלייך דער טעות געוויזען אין דעם אויסדרוק פון זיינע אויגען, און יאַנקעלע האָט מיט אַ פאַרשימעטען הארצען געמוזט ענטפערען: „איך שפּיעל ניט“.

נאָר צייט ער האָט געשלאָסען חברותא מיט יאָסעלען, האָט ער שוין מעהר די איינזאַמקייט ניט געפיהלט. יאָסעלע האָט ניט געהאַט די שעמעדיגקייט און די מורא'דיגקייט פון יאַנקעלען. די חדר־אינגלאַך האָבען מיט איהם אויך גאָר ניט געהאַט צו טאָן, און דאָס ניט האָבען צו טאָן מיט איהם איז געווען מעהר באַוואוסטזיניג, עלטערן האָבען געוואָרענט די קינדער, אַז מען זאָל אין זיינע ד' אמות ניט שטעהן, נאָר ער האָט עס ניט אָנגעהויבען צו פיהלען, ווי אַ זאַך וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדליך. ער האָט

זיך דוקא פון דערווייטענס ניט געהאַלטען, ער פלעגט בכיון אריינשפרינגען אין מיטען אַ שפּיעל, כדי צו צומישען די אינגלאַך, און ווען מען האָט איהם פאַרטריבען פלעגט ער אָפּטרעטען מיט אַ געלעכטער. זומער ביים באָדען זיך האָט ער זיך אויסגעמישט מיט אַלע אינגלאַך און געשוואומען גלייך מיט אַלעמען און געמאַכט קולות גלייך מיט אַלעמען. ווינטער, שבת נאָכ׳ן טשאָלענט, ווען די עלטערע כאַפּען נאָכ׳ן עסען אַ דרעמעל און די אינגלאַך כאַפּען זיך אַרויס הינטערן באָד אויפ׳ן גליטש, איז יאָסעלע געווען צווישען די ערשטע גליטשערס און ער האָט קיינעם דעם וועג ניט אָפּגעטראָטען און איז מיט התלהבות נעגאַנגען אַ „שמונה עשרה" אַ „ויאמר דוד" און קיינער האָט אַזוי פיעל פאַרגעניגען ניט געהאַט ווען עס איז געוואָרען אַ „קעז". דאָס הייסט ווען איינער האָט זיך אויסגעגליטשט, און אַלע נאָך איהם האָבען זיך איבערגעקוליעט איינער אויפ׳ן אַנדערען.

יאַנקעלע איז געוואָרען זיין אַדיוטאַנט און ניט נאָר זיין איינזאַמקייט איז פאַרשוואונדען, נאָר עס איהם געוואָרען גאַנץ פרעהליך. יאָסעלע האָט איהם מיטגענומען אומעטום און יאַנקעלע האָט זיך ניט געקאָנט גענוג אָפּוואונדערען פון זיינע קונצען, פון זיין איד־האָב־אַלעמען־אין־דער־לינקער־פּאה, פון זיין ביטרעקייט פון זיין פלינקייט. יעדעס מאָהל האָט ער אין איהם ענדעקט עפּעס אַ נייעם שטריך, פאַר וואָס ער האָט איהם אַלץ מעהר באַוואונדערט.

פון יאָסעלען האָט ער געקראָגען די ערשטע לעקציע, אַז גרעט פון אַ פלאַנקען טאָר מען ניט שלעפּען. איין מאָל וועט געלינגען, צוויי מאָל וועט געלינגען, און דעם דריטען מאָל וועט מען אריינפאַלען. אויסער זייביידען איז קיינער ניטאָ, וואָס זאָל זוכען שמאַטעס, און לאָה די קאָדערניצע איז די איינציגע, וואָס קויפט די שמאַטעס, און מען קען גאָר גרינג אויסגעפינען, ווער עס שלעפּט דאָס גרעט פון די פלאַנקענס. און אַז מען וועט אויסגעפינען וועט איהם זיין וויסט און פינסטער.

אַ סך אַ גרינגערע אַרבייט איז געווען צו שלעפּען זאַוויעסקעס פון די וועגען. אַ זאַוויעסקע איז ניט מעהר ווי אַ קליין שטיקעל אייזען, מען קאָן איהר גרינג אַרויסשלעפּען און גרינג באַהאַלטען

אין קעשענע. יעדע קרעמערקע וועט דערפאַר באַצאָהלען אַ פּאָר גראָשען. דערביי איז ניט קיין מורא און דער פאַרדיענסט איז אַ גרינגער.

מיט יאָסעלען פאַר אַ חבר איז די פּרנסה געוואָרען לעבעדיג. אַ חוץ דעם וואָס דער פאַרדיענסט איז געוואָרען גרינגער, האָט ער אויך געהאַט אַ געוויסען רייץ. די ערשטע צייט, ווען ער, יאַנקעלע האָט אַרויסגעשלעפּט אַ זאַוויעסקע פון אַ ראָד, פלעגט איהם די נשמה אַריין אין די פּיאַטעס און ער פלעגט זיך גלייך לאָזען לויפען. נאָר דאָס איז ניט געפעלען געוואָרען יאָסעלען. אַזוי איז קיין קונץ ניט, יעדער אינגעל קען אַרויסכאַפּען אַ זאַוו־יעסקע ווען קיינער איז ביים וואָגען ניטאָ און אַנטלויפען. און אַזוי גיך ווי ער האָט געזעהן, ווי יאַנקעלע שטעלט פיס, האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— וואָס האָסטו מורא? וואָס לויפסטו?

יאַנקעלע איז אָבער געווען אַ צו פּחד־לב־ער, אַז ער זאָל זיך קאָנען איינהאַלטען ניט צו לויפען. די פיס האָבען איהם געטראָגען, ניט פרעגענדיג זיין דעה. נאָר ווען ער האָט עטליכע מאָל געזעהן, ווי קונציג יאָסעלע טהוט אָפּ די זעלביגע אַרבייט און בלייבט שטעהן, ווי ניט איהם מיינט מען עס, האָט ער זיך אויך אָנגענומען מעהר מוטה און נאָכגעטאָן זיין חבר. ער האָט אויך געמאַכט אָן אונשולדיגע מינע, הגם ביי איהם איז די מינע גיכער אַרויסגעקומען אַ שטיינערנע, אַזוי, אַז יאָסעלע פלעגט אויסשיסען אין אַ גע־געלעכטער, ווען ער האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן.

— דו קריגסט אַ פּנים פון אַ געטש! — פלעגט איהם יאָסעלע זאָגען.

נאָר ווי יאַנקעלע האָט זיך ניט געמטאַרעט צו קאָפּירען יאָסעלען איז עס איהם ניט געלונגען. דאָס בעסטע וואָס ער האָט געקאָנט איז געווען אָננעהמען אַ שטיינערנעם פּנים.

יאָסעלע האָט זיך אויך ניט באַנוגענט דערמיט, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ זאַוויעסקע פון אַ ראָד. דאָס איז געווען ניט מעהר ווי פּרנסה, ער האָט אָבער דערפון אויך געזוכט אויסצושלאָגען פאַרגעניגען, ווי פון יעדער זאַך וואָס ער האָט געטאָן. ער האָט

דאריבער זיין אויגעל ניט אראָפּגעלאָזט פון דעם וואָגען. און קוים האָט דער פויער, דער בעל הבית פון וואָגען אריינגעזעצט זיך אין איהם, איז יאָסעלע געקומען צו לויפען הענדום פענדום און האָט מיט שטראַהלענדע אויגען געהיט וואָס וועט באַלד פאָרקומען. פון דער מינוט, וואָס דער פויער האָט אַ שמיץ געטאָן דעם פערד האָט ער ניט אויפגעהערט צו שיטען באַמערקונגען:

— גיכער! גיכער! קנאַק! קנאַק! דו האָסט קיין צייט ניט, הא? לויף, פליה אין דער ערד! באַד!

דער לעצטער אויסגעשריי איז געווען, ווען דער ראָד איז ארונטערגעפלויגען און דער וואָגען האָט זיך מיט'ן שפּיץ אַקס אריינגעהאַקט אין דער ערד.

געוואוינליך איז יאַנקעלע אויך געווען דערביי, און בשעת יאָסעלע האָט זיך אַזוי געפרעהט אַזוי ווי די גאַנצע זאַך איז געטאָן געוואָרען צו פאַרשאַפען איהם פאַרגעניגען, האָט אויף יאַנקעלען די הויט געציטערט, טאָמער שטויסט זיך אָן דער פויער, אַז דאָס איז זייער אַרבייט, און וואָס מעהר ער האָט געציטערט, אַלץ מעהר דרך ארץ האָט ער געקראָגען פאַר יאָסעלען.

— יעמוד, פויערל! — האָט זיך יאָסעלע ניט איינגענומען און ער איז ניט אָפּגעטראָטען פון אָרט די גאַנצע צייט, וואָס דער פויער איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן מאַרק זוכען אַ שטיקעל האָלץ צו מאַכען דערפון אויף דערווײלע אַ הילצערנע זאַוויעסקע.

די חבר'שאַפט מיט יאָסעלען האָט אין איהם אַביסעל איינגעשטופּט זיין שרעקעדיגקייט און די לייכטערע גראָשענס וואָס זיינען איהם עפּטער אַריינגעפאַלען האָבען איהם אַזוי פיעל מוטה געגעבען, אַז ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען די קאַלטע אָווענדען פון אָסיען, האָט ער אין אַ שעהנעם אָווענד שפּעט אין אלול געמאַכט הארץ און געלאָזט זיך פיהרען פון זיין חבר אַהיים.

— וואָס וועט זי דיר טאָן? — האָט יאָסעלע גערעדט איבער איהם, צוגעבענדיג איהם מוטה, אַז ער זאָל געהן צו דער מאַמען.

— זי איז ניט מעהר ווי אַ אידענע און אַז זי וועט געבען אַ קלאַפּ? אַ גרויסע מציאה! טאַקע פאַרהאַן פאַר וואָס מורא צו האָבען. זי וועט דיך ניט אויפעסען, אין קאַשע ניט אויסקאָכען.

— אָבער זי האָט׳ער מיך אַרויסגעטריבען, — האָט יאַנקעלע געענטפערט איינגעקאַרטשעט.

— פּס! אַרויסגעטריבען! זי האָט אַרויסגעטריבען, אויף דעם איז זי אַ מאַמע און דו קומסט צוריק, אויף דעם ביזטו אַ זוהן.

— און אַז זי וועט ניט אַריינלאָזען?

— וואָס ניט אַריינלאָזען! ווען ניט אַריינלאָזען! זי וועט זיך שטעלען מיט דער פּלייצע צו דער טיהר און ניט אַריינלאָזען דיך?

— זי וועט אַרויסטרייבען!

— וועסטו ניט געהן. מיין מאַמע האָט מיר שוין געשלאָגען און געטריבען און גאָר ניט.

יאַנקעלע האָט זיך מעהר ניט געדונגען און זיי זיינען שוויי־גענדיג געגאַנגען צום געסעל, וואָס האָט געפיהרט צום שטיבעל, וואו יאַנקעלעס מאַמע האָט געוואוינט. יאַנקעלע האָט אָנגעהויבען צו געהן מיט לאַנגזאַמערע טריט.

— דו שטעהסט שוין צו? — האָט יאָסעלע געפרעגט.

— ניין.

— דו ביזט שוין ווידער הונגעריג?

— וואָס איז?

— דו קאָנסט שוין די פּיס ניט שלעפּען.

פאַר׳ן שטיבעלע האָט זיך יאַנקעלע אָפּגעשטעלט, ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און געזאָגט:

— איך וועל בעסער נאָך אַ מאָל זיך דורכרעדען מיט דער שוועסטער, און נאָכדעם וועל איך אַריין צו דער מאַמען.

— וואָס מיר שוועסטער! ווער מיר שוועסטער! געה, זאָג איך דיר.

— יאָסעלע!

— געה, זאָג איך. אַז ניט וועל איך דיר אַריינשטופּען דורך דער טיהר.

— איך וועל אַריין, אָבער דו געה אוועק, — האָט זיך יאַנקעלע געבעטען.

— איך וועל נאָר זעהן, ווי דו וועסט פאַרמאַכען די טיהר.

— איך קען ניט, אַז דו שטעהסט דאָ.

— איך וועל קוקען אַן אַ זייט.

די שוועסטער האָט דערהערט זייערע שטימען און איז אַרויס צו זיי.

— אַט איז די שוועסטער, — האָט יאַנקעלע געזאָגט און האָט זיך דערפריהלט אַביסעל גרינגער.

יאָסעלע האָט זיך פּלוצלונג דערפריהלט עפּעס ניט היימיש וואָס יאַנקעלעס שוועסטער איז צו זיי געקומען. ער האָט אויף מיידלאַך געקוקט פון אויבען אַרונטער און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו רעדען מיט זיי. נאָר צו ווייזען איהר, אַז ער איז ניט אַבי ווער, האָט ער אַרויסגענומען זיין קיילעכדיגע בלעכענע פּושקעלע מיט טאַבאַק אָנגעהויבען צו דרעהען אַ פּאַפּיראָס, אָפּגעביסען מיט די ליפּען דאָס איבעריגע פּאַפּיראָס־פּאַפּיר און ענערגיש אַרויסגעבלאָזען פון מויל דאָס פּאַפּיר.

נאָך די ערשטע פּאָר ציה איז יאָסעלע געקומען צו זיך און האָט געזאָגט סאַרקאַסטיש:

— נעהם איהם פאַר'ן הענטעל און פיהר איהם אַריין אין שטוב.

יאַנקעלע האָט מעהר קיין ברירה ניט געהאַט. ער האָט גע־בעטען די שוועסטער, אַז זי זאָל אַריין פריהער און ער וועט אַריין נאָך איהר.

— און איך וועל דאָ אַכטונג געבען, אַז ער זאָל קיין פּליטה ניט מאַכען.

יאַנקעלע איז אַריין אין שטוב מיט דער שטיינערנער מינע אויפ'ן פּנים און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען.

די מאַמע האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן, ניט אויפהערענדיג צו אַרבייטען מיט די פּרוטקעס פון איהר אָנגעהויבענע זאַק און געזאָגט:

— אַ גאַסט, כ'לעבען!

יאַנקעלען איז אַראָפּ אַ שטיין פון הארצען. ער האָט זיך פאַר־געשטעלט, אַז זיין קבלת פּנים וועט זיין עפּעס אַ שרעקליכער, און דאָס איז געוועזען דער געוואוינליכער לשון פון דער מאַמען. ער האָט גאָר ניט געענטפערט.

— אַזוי, געקומען אַ היים!

שטיל...

— און דו מיינסט, אַז איך וועל קאַרמענען אַזאַ לעדיג־געהער, אַזאַ גוי....

— איך דאַרף ניט, זאָלסט מיך קאַרמענען, איך פאַרדיען איצט...

— אַזוי, אַ פאַרדיענער געוואָרען! אפשר וואָלט געווען אַ סברה, אַז דו זאָלסט מפרנס זיין דיין קראַנקע מאַמע און דיין שוואַכע שוועסטער?

— ד'וועל.

די מאַמע איז געבליבען אַזוי פאַרוואונדערט, אַז זי האָט אַרונטערגעלאָזט די זאַק מיט די פּרוטקעס אויפ'ן טיש און מיטביידע הענט האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אַן זאַק.

— אַזאַ גרויסער פאַרדיענער ביזטו?

אנשטאָט אַן ענטפער האָט ער אַריינגעלעגט די האַנד אין קעשענע, אַרויסגענומען עטליכע קאָפּיקעס און אַנידערגעלעגט אויפ'ן טיש.

— פון וואַנען נעהמסטו דאָס געלד?

— איך קלייב ביינער און שמאַטעס.

די מאַמע האָט אַ לאַנגען זיפץ געטאָן. צו דאָס איז געווען אַ האַרץ־ברעכענדער זיפץ אויף דער פּרנסה פון איהר זוהן, צי דאָס איז געווען אַ זיפץ פון ערלייכטערונג, וואָס זי האָט שוין אַ שטיצער אין איהר הילפלאָזער לאַגע, איז שווער צו זאָגען. אַ ווייל̇ע האָט זי געשוויגען, דאַן האָט זי ווידער געפרעגט:

— פאַרדיענט מען דערביי אַזוי פיעל געלד?

יאַנקעלע האָט צוגעשאַקעלט מיט'ן קאָפּ.

— ער האָט מיר עטליכע מאָל געבראַכט אַ מאַרעמאָנסקען ריציסניק, — האָט זיך די שוועסטער אַריינגעמישט, וועלענדיג דערמיט אילוסטרירען, אַז מען פאַרדיענט ביי יאַנקעלעס פּרנסה ניט שלעכט.

— ביזטו הונגעריג?

— ניין.

— געדאַוועגט מעריב?

— יאָ.

אז ער קאָן ניט דאַוונען, האָט זי ניט געוואוסט.

— ביזט שלעפעריג?

— ניין.

די מאַמע האָט ווידער גענומען די אַנגעהויבענע זאָק און גע־נומען שטריקען, ניט קוקענדיג אויף די פּרוטקעס. די קנייטשען האָבען זיך טיעפער אויסגעלעגט אויפ׳ן שטערען און עס איז גע־ווען קענטיג, אז זי טראַכט שווער.

די שוועסטער האָט אַ וואונק געטאָן צו יאַנקעלען און ענערגיש אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ אַלס אַ צייכען, אז דער שטורם איז אריבער און ער האָט שוין מעהר ניט וואָס מורא צו האָבען.

— וואו ביזטו געשלאָפען די גאַנצע צייט?

— אויף דער פּריזבע, אין פאַרהויז.

— פאַר וואָס ביזטו ניט געקומען אַ היים?

— איך האָב מורא געהאַט.

די מאַמע האָט אָנגעהויבען צו ארבייטען שנעלער מיט די פּרוטקעס, ווי זי וואָלט וועלען פאַרטרייב׳ן עפּעס אַ שווערען גע־דאַנק, איהר שטערן האָט זיך טיעפער צוקנייטשט. און ווען דער פאָדים האָט זיך פאַרטשעפּעט אין קנוילכעל האָט זי איהם אַ ציה געטאָן מיט מעהר ענערגיע, ווי געוואוינליך.

יאַנקעלע איז געשטאַנען און געוואַרט, די אויגען נאָך אַלץ אראָפּגעלאָזט צו דער ערד, נאָר פון צייט צו צייט האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַ פאַר׳גנב׳עטען בליק אין איהר זייט, צו זעהן דעם אויסדרוק אויף איהר געזיכט און צו זי וויל איהם נאָך עפּעס פרעגען. פון דער מאַמען איז זיין בליק איבערגעשפּרונגען אויף דער שוועסטער, און ווען ער האָט באַמערקט, ווי זי מאַכט איהם אַ צייכען מיט די אויגען, אז ער זאָל צוגעהן צו איהר, האָט ער זיך שטיל צו־גערוקט צו איהר, אַנידערגעזעצט זיך לעבען איהר און זיי האָבען זיך ביידע אנגעהויבען צו שושקען.

זייער געשפּרעך איז אָנפאַנגס באַשטאַנען פון פראַגען און ענטפערס. זי האָט געפרעגט און ער האָט קורץ געענטפערט. ער איז נאָך אַלץ געווען אונרוהיג, און זיינע אויגען האָבען זיך אַלע ווײַלע אַ קעהר געטאָן צו דער מאַמען. נאָר קוים זיינען אריבער עטליכע

מינוט, און די גאַנצע אונרוהיגקייט און אָנגעשטרענגטקייט איז פאַרשוואונדען. ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען דער שוועסטער, וואָס פאַר אַ חבר ער האָט געקראָגען און ער האָט ניט געקאַרגט קיין פאַרבען צו מאָלען יאַסעלעס בילד וואָס העלער. עס האָט אויסגעוויזען, אַז עס איז ניטאָ גענוג פאַרבען איבערצוגעבען די ריכטיגע קאָלירען. און וואָס מעהר ער האָט געלויבט זיין חבר אַלץ מעהר איז געוואַקסען זיין באַגייסטערונג פאַר איהם און זיין שושקעדיגער קול איז אַזש פאַרשטיקט געוואָרען פון התפעלות.

און ווען עס האָבען איהם געפעלט ווערטער, האָט ער מיט די הענד, מיט די אויגען, מיט תנועות און מיט'ן גאַנצען קערפּער בעשיינפּערליך באַוויזען, ווי זיין חבר האַלט זיך און וואָס ער טהוט.

און שפּעט אין אָוונט זיינען זיי ביידע, דער ברודער און די שוועסטער, געזעסען אויפ'ן זעלביגען אָרט און גערעדט אַלץ וועגען יאַסעלען. זייערע ביידענס אויגעלאַך האָבען געגלאַנצט און איהר האָט אָפּט פאַרפעהלט אָטהעם, און ווען זיי האָבען דערהערט דער מאַמעס קול: „וואָס שושקעט איהר זיך דאָרטען?“ האָבען ביידע געהאַט דאָס אונאַנגענעהמע געפיהל פון יענע, וועלכע מען רייסט אויף פון אַ צויבער־שעהנעם חלום.

6

יאַסעלעס פלינקייט און געשיקטקייט האָבען זיך אַרויסגעוויזען, ווען ביידע חברים זיינען שוין אַביסעל אונטערגעוואַקסען און ער האָט אין מיטען מאַרק, אין מיטען העלען טאָג אַרויסגעשלעפּט אַ שוואַרען פון אַ וואָגען, און דערביי האָט ער געדאַרפט פריהער אונטערקריכען אונטער'ן וואָגען און מיט אַ שטיין אַרויפקלאַפּען דעם שוואָרען אַזוי, אַז ער זאָל אַרויסקריכען איבער אַ העלפט אין וואָגען, און דערנאָך אַריבערבויגען זיך אין וואָגען און אַרויס־שלעפּען איהם. דאָס איז געווען אַ געוואַגטע שטיקעל אַרבייט, הגם דער געווינס איז דערביי געווען זעהר אַ קליינער. נאָך אַלעמען איז אַ שוואָרען ניט מעהר ווי אַ קליינער אייזערנער פלעקעל.

הגם יאַנקעלע האָט איהם אין דעם ניט געהאָלפען, איז ער דאָך געשטאַנען דערביי. ער איז געשטאַנען און האָט געציטערט

מיט אַלע גליעדער. ער האָט זיין קאָפּ געדרעהט אין אַלע זייטען און געהיט אַז דער אייגענטהימער זאָל ניט אָנקומען. און ווען יאסעל איז געוואָרען פאַרטיג מיט דער אַרבייט און מיט׳ן שוואַרצען אין האַנד פאַרשטעלט מיט דער פאַלע האָט ער זיך געלאָזט פון מאַרק, האָט ער ניט אָהן גדלות אויסגעהערט, ווי יאַנקעלע האָט איהם אויסגעדריקט באוואונדערונג.

— יאָ, אַ שווערע שטיקעל אַרבייט, — האָט יאסעלע צוגעגעבען.

— אַ סך יאַטען האָבען געזעהן, ווי דו ביסט געלעגען אונטער׳ן וואָגען, — האָט יאַנקעלע באַמערקט.

— וועלכע יאַטען?

— גלאַט יאַטען!

— וואָס געהט עס זיי אָן! עס איז ניט זייער וואָגען — האָט יאסעלע געזאָגט מיט אַ פאַראַכטליכע מינע.

דער שוואַרצען האָט איהם זעהר וועניג איינגעבראַכט, נאָר דעם גאַנצען טאָג איז יאָסעלע געווען אין אַ געהויבענעם מוטה. ווען זיי האָבען זיך ביידע צוגעזעצט, האָט יאָסעלע אַריינגערוקט זיין האַנד צום חבר אין קעשענע און שטיל אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטען זיין פּושקע מיט׳ן טאַבאַק.

— גיב מיר נאָר אַ פּאַפּיראָס, מיין טאַבאַק איז אויסגעגאַנגען, — האָט יאסעלע געזאָגט.

יאַנקעלע האָט אָנגעהויבען צו זוכען אין די קעשענעס, איז איבערגעגאַנגען פון רעקעל צו די הויזען פון די הויזען צום בוזים קעשענע, דאַן ווידער צו די קעשענעס אין רעקעל און האָט די פּושקע ניט געפונען.

— איך ווייס ניט, וואו מיין פּושקע איז, — האָט יאַנקעלע געזאָגט מיט אַ פאַרלאָרענער מינע.

— אפשר זוכסטו ניט גוט, — האָט יאָסעלע באַמערקט.

יאַנקעלע האָט ווידער גענומען טאַפּען אין אַלע קעשענעס, נאָר די פּושקע האָט ער ניט געקאָנט געפינען.

— לאָז מיר, וועל איך אַ קוק טאָן.

— וואָס איז, דאָס איז אַ שפּילקע? — האָט יאַנקעלע געזאָגט באַליידיגט און האָט ווידער דורכגעטאַפּט אַלע קעשענעס.

ווען יאָסעלע האָט צו איהם אַריינגעלעגט די הענד אין קע־שענע, האָט ער גלייך אַרויסגענומען די פּושקע.

— אַט איז זי! — האָט ער אויסגעשריען.

— דו האָסט אַליין געזעהן, אַז איך האָב דאָ געזוכט, — האָט זיך יאָסעלע פאַרענטפערט.

— אַזוי מסתמא האָסטו געזוכט.

שפּעטער ווען יאַנקעלע האָט געוואָלט אַרויסנעמען די פּושקע, האָט ער ווידער געפונען די קעשענע ליידיג.

— עפּעס איז היינט אַ כשוף אויף דער פּושקע, — האָט יאַנ־קעלע געזאָגט בייז און האָט זיך אויפגעהויבען. ער האָט כסדר אָנגעהויבען צו זוכען ביי זיך אין אַלע קעשענעס און ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער לעצטער קעשענע, האָט ער צוריק אָנ־געהויבען פון דער ערשטער, נאָר איצט האָט ער זיך שוין נית באַנוגענט מיט׳ן אַריינשטעקען אַליין, ער האָט יעדע קעשענע איי־בערגעקערט, און ווען די פּושקע האָט זיך אַלץ נית אָפּגעזוכט, האָט ער געמורמעלט:

— ניט אַנדערש, ווי אַ כישוף. דו האָסט איהר אַליין פריהער געהאַלטען און געזעהן ווי איך האָב אַריינגעלעגט אין דער קעשענע.

— יאָ.

— און זי איז ווי אין דר׳ערד אַריין.

— לאָז, וועל איך אַ זוך טאָן.

— וואו וועסטו איהר זוכען — אין דר׳ערד? דו זעהסט דאָך, אַלע קעשענעס זיינען איבערגעקערט.

— לאָז!

יאָסעלע האָט גענומען זוכען און ער האָט איהר ווידער געפונען.

ערשט איצט האָט יאַנקעלע פאַרשטאַנען, וואָס איז געווען דער כשוף מיט דער פּושקע.

— אַה, דו האָסט איהר אַרויסגעשלעפּט!

— איך? — האָט יאָסעלע געפרעגט ווי באַליידיגט.

— דו וועסט מיר ניט איינשמועסען, איך ווייס.

דאָס איז ביי זיי געוואָרען דער בעסטער צייטפאַרטרייב און ווען נאָר זיי זיינען געווען אין גוטען מוטה האָבען זיי איינער ביים

צווייטען געשלעפּט פון די קעשענעס און ווי נאָר איינער האָט זיך געכאַפּט, אַז איהם פעלט עפּעס האָט ער זיך גלייך געווענדעט צום צווייטען, ער זאָל עס אָפּשטעקען.

עס איז געווען אַ מאַרק־טאָג ווען ביידע חברים האָבען באַשלאָסען צו אויספּרובירען זייער פינגער־קונסט אויף אַן אמת. זיי האָבען זיך אַנידערגעשטעלט צווישען דעם ראַנד קראָמען און האָבען די אויגען ניט אַראָפּגעלאָזט פון די קונים. זיי האָבען געזעהן ווי די קונים, וואָס האָבען זיך געאיילט, זיינען אַרויס פון קראָם מיט אַן אָפּענעם בייטעל, מיט דער איינגעקויפטער סחורה אונטער׳ן אָרים, מיט דער רעשטע צווישען די צייהנער, וואו זיי זיינען אַ רגע געבליבען שטעהן, אַרויסגענומען די רעשטע מיט׳ן שנירעל, פאַרקאַשערט די רעכטע פּאָלע, אַריינגעלעגט עס אין אַ קעשענע פון די הויזען און דאַן געלאָזט זיך געהן מיט גיכערע טריט אין מאַרק.

יאַנקעלע איז געשטאַנען די גאַנצע צייט מיט זיין פּנים פאַרשטיינערט, נאָר פון זיינע פאַרסטשימעטע צייהנער און שטייף פאַרמאַכטע ליפּען האָט מען געקענט באַמערקען אַז ער אָטהעמט זעהר גיך און איז אונרוהיגער ווי געוואוינליך. ער איז געשטאַנען אויף איין פּלאַץ און האָט נאָר געביטען די געוויכט פון קערפּער פון איין פוס צום צווייטען. זיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען שטאַרק צו פינטלען, ווען ער האָט דערזעהן אַ קונה אַרויסגעהן מיט אַן אָפענע בייטעל, און ער האָט דאַן נאָך שטייפער פאַרביסען זיינע ליפּען. נאָר ווען ער פלעגט דערזעהן, ווי דער בייטעל פאַרשווינדט אין דער קעשענע פון די הויזען האָט זיך עפּעס ווי אַ שאָטען פון אומעט פאַרשפּרייט אויף זיין פאַרשטיינערטען פּנים.

יאָסעלע האָט די גאַנצע צייט געהאַט אַן אונשולדיגע מינע, נאָר איצט איז ער אויך געווען אונרוהיג. ער האָט גערויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכ׳ן צווייטען און איז זיך פון צייט צו צייט דורכגעגאַנגען צווישען דעם גאַנצען ראַנד קראָמען. ווי ער האָט נאָר דערזעהן אַ קונה מיט אַ בייטעל אין האַנד האָט ער זיך געלאָזט געהן צו איהם, פיעלע איז ער נאָכגעגאַנגען אין מאַרק נאָר ער האָט זיך באַלד צוריקגעקערט.

אין מיטען טאָג איזביידענס אויפמערקזאַמקייט געפאַלען אויף אַ שכור'ן פויער, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. עס ווייזט אויס, אַז ביי ביידען איז דורכגעלאָפען דערזעלבער געדאַנק, אַז דאָ האָבען זיי אַ גוטע געלעגענהייט צו פּרובירען זייערע כחות. זייערע אויגען האָבען זיך צוגעשמידט צו איהם און זיי האָבען איהם פון פלעק ניט אַראָפּגעלאָזט. יאָסעלע האָט זיך אַזוי ווייט פאַרגעסען, אַז ער האָט זיך געוואָלט דורכשטופען צוזאַמען מיט'ן פויער אין קראָם אַריין, נאָר דער קרעמער האָט אויף איהם אַ געשריי געטאָן: — וואָס דאַרפסטו דאָ? — און יאָסעלע האָט זיך געכאַפּט, אַז זיין האַסטיגקייט האָט איהם צו ווייט פאַרשלעפּט, און ער איז אָהן ווערטער אָפּגעטראָטען צוריק.

עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז דער פויער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער קניה, נאָר ווען ער איז אַרויס פון קראָם מיט דער איינגעקויפטער סחורה אונטער'ן אָרעם, האָט ער קיין בייטעל אין האַנד ניט געהאַלטען, און זיי האָבען איצט ניט געוואוסט מעהר ווי פריהער, וואו ער האַלט זיין געלד.

יאַנקעלע האָט פון פאַרדרוס נאָך שטייפער פאַרביסען די ליפען און האָט זיך מעהר מיט'ן קערפּער אָנגעשפּאַרט אויפ'ן לינקען פוס. יאָסעלע'ס אויגען האָבען אַ בליץ געטאָן, נאָר דאָס איז שוין ניט געווען קיין בליק פון זשעדניקייט, נאָר פון כעס. ער האָט אונטער דעם אָטהעם קוים אַרויסגערעדט:

— קום!

און זיי האָבען זיך ביידע געלאָזט געהן נאָכ'ן פויער.

עס האָט אויסגעוויזען, אַז ביי יאָסעלען איז געווען אָפּגעמאַכט: איצט אָדער קיינמאָל ניט. איהם האָט אויסגעוויזען אַז דאָס איז זעהר אַ גרינגער ביסען, און ער האָט אַ וואונק געטאָן צו יאַנקעל'ן, אַז ער זאָל זיך שטעלען ביים פויער פון איין זייט, און יאָסעלע האָט זיך געשטעלט פון דער צווייטער זייט. זיי האָבען זיך אַלע ווייל'ע אָנגעשטויסען אַן פויער און אַ טאַפּ געטאָן די אויבערשטע קעשענעס פון דער סערמינקע. זיי זיינען מיט איהם אַזוי געגאַנגען איבער דעם גאַנצען מאַרק, ביז אַנדרעיקע דער דעסיאַטניק, האָט זיי דערזעהן און אַ געשריי געטאָן:

— העי, זשוליקעס, וואָס שפּאַרט איהר זיך אַזוי?

— גאָר ניט, — האָט יאָסעלע געענטפערט צושראָקען.

— מאַרש! — האָט אַנדרעיקע אַ געשריי געטאָן.— זאָלען אייך מיינע אויגען דאָ ניט זעהן.

יאָסעלע איז בלייך געוואָרען און האָט זיך אָהן ווערטער גע־לאָזט געהן און באַלד פאַרמישט זיך צווישען די וועגען.

יאַנקעלע איז איהם נאָכגעגאַנגען מיט אַ ציטער אין די קני. און ווען ער האָט דערזעהן, ווי יאָסעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער איהם אַ שלעפּ געטאָן פאַר'ן אַרבעל און מיט מורא געזאָגט:

— קום!

יאָסעלע האָט איהם אַ שטויס געטאָן פון זיך און אויסגעשריען:

— געה אין דר'ערד!

— פאַר וואָס שלאָגסצאַד?

— דו ביסט אַ גולם, אַ גלאָמפּ. מען קאָן גלייך אין דיין צורה דערקאָנען אַז דו ביסט אַ גנב. וואָס פינטעלסטו מיט די אויגען?

יאָסעלע'ס אויגען האָבען געבליצט. זיין כעס איז אַלץ מעהר געשטיגען, וואָס מעהר ער האָט איינגעזעהן זיין אייגענע שוואַכ־קייט.

— נאַר איך וועל זיך מיט איהם אָפּרעכענען, וועל איך, — האָט יאָסעלע פון דאָס־ניי אויסגעשאָסען. — אַנדרעי, לאָקשען מיט אַן איי, ער מיינט, אַז ער איז אַ דעסיאַטניק איז ער שוין אַ גאַנצער יאַ־טעביע־דאָם.

אויף יאַנקעלעס פּנים האָט זיך אויסגעגאָסען אַ שרעק, הגם אין דער זעלביגער צייט האָט ער דערפיהלט אַן ערלייכטערונג, וואָס יאָסעלעס צאָרען איז איבערגעגאַנגען פון איהם אויף אַנדרעי־קען. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס זאָל ער טאָן, צי זאָל ער בלייבען לעבען יאָסעלען אָדער שטעלען פיס און אַוועק פון מאַרק. לאַנג האָט ער ניט געטראַכט און האָט זיך געלאָזט געהן.

— וואו געהסטו אין דר'ערד? — האָט יאָסעלע אויסגעשריען.

יאַנקעלע האָט אָנגעהויבען צו געהן גיכער.

יאַסעלע האָט זיך געלאָזט גייען נאָך איהם און האָט איהם נערופען מיט די געלעגענהייט אוועקצוגעהן פון מאַרק און זאָל דערבײַ ניט דאַרפען ארויסווייזען, אז ער האָט זיך אָנגעשראָקען פאַר אנדרעיקען.

— וואָס וואָלט ער דיר געטאָן? — האָט יאַסעלע געפרעגט, ווען ער האָט אנגעיאָגט יאַנקעלען אין אַ זייטיגען געסעל. — ער וואָלט דיך אויפגעגעסען אין קאַשע? וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען? קיינער קען מיר ניט פאַרווערען צו אַרומגעהן איבער'ן מאַרק.

— פון וואַנען ווייס אַנדרעיקע? — האָט יאַנקעלע אָנגעהויבען צו שטאַמלען.

— וואָס ווייס ער? — איז אויף איהם אָנגעפאַלען יאַסעלע.

— ער האָט אונז גערופען זשוליקעס.

— דו האָסט אַזאַ גנב'ישען פּנים.

— ער האָט דאָך דיך אויך געמיינט.

— וואָס? !

דער גאַנצער טאָג איז אַריבער צווישען זיי אין קריגעניש און רייסעניש, און זיי האָבען געדאַרפט וואַרטען אויף אַ צווייטען מאַרק. די גאַנצע וואָך האָבען זיי ביידע געפּראַקטעצירט אין גנב'ענען איינעם ביים צווייטען פון די קעשענעס, נאָר איצט האָבען זיי זיך שוין ניט באַגנוגענט מיט די אויבערשטע קעשענעס און האָבען זיך געסטאַרעט צו צוקומען מיט די פלינקע פינגער צו אַן אינעווייניגסטע קעשענע. דאָס איז גראָד בעסער געלונגען יאַנקעלע'ן, ווייל זיין מורא האָט איהם אונטערגעזאָגט צו זיין פאָרזיכטיג. און הגם דערווייל איז דאָס געווען ניט מעהר ווי גע־שפּיעלט, האָט ער זיך אין דעם אַריינגעטאָן מיט לייב און מיט לעבען, און ווען איין מאָל איז יאַנקעלע'ן געלונגען אַרויסצושלעפּען די בלעכענע פּושקע פון דער הויזען־קעשענע, האָט יאַסעלע אַזש אויסגעשריען מיט באַוואונדערונג.

— דו ביסט אַ מאַלאָדיעץ!

יאַנקעלע האָט אויפגעהויבען די אַקסלען און אַ דרעה געטאָן מיט די ביינער פון דער פּלייצע פון פאַרגעניגען, נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז יאַסעלע קען נאָך צו שטעהן צו איהם, אַז

ער זאָל דעם קונץ ווייזען אין מארק, און ער האָט מיט אַן אַראָפּ־געפאַלענעם קול געזאָגט:

— באשר מיט דיר איז עס גרינג.

עס איז אַריבערגעגאַנגען ניט איין מאַרק־טאָג, ביז יאָסעלע האָט דער ערשטער דערוויזען אַרויסצושלעפּען א בייטעל פון אַן אויבערשטע קעשענע. זיי האָבען ביידע אַנגעווענדעט זייער אַלטע טאַקטיק, ביז זיי האָבען דערהיט, ווי אַ פּויער האָט אַריינגעלעגט דעם בייטעל אין דער קעשענע פון סערמינקע. דעם פּויער האָט דערהיט יאַנקעלע און ער האָט זיך געלאָזט גיהן נאָך איהם. עטלי־כע מאָל האָט ער זיך אַ ריב געטאָן אַן דעם פּויער'ס רעכטע זייט און בשעת ער האָט מיט דער לינקער האַנד אַ שטופּ געטאָן איהם, ווי ער וואָלט וועלען מאַכען פאַר זיך פּלאַץ דורכצוגעהן, האָט ער מיט דער רעכטער האַנד אַ רוק געטאָן אין קעשענע. די סערמינקע איז געוועזן איבערצויגען אין מיטען מיט אַ רימען, און הגם דער רימען האָט ניט דערגרייכט ביז דער קעשענע, האָט זיך אַרום דער קעשענע געפּיהלט די איינגעצויגענקייט, און יאַנקעלע האָט אָפּגעכאַפּט די האַנד צוריק. אַ צווייטער פּאַרזוך האָט איהם ווידער ניט אָפּגעגאָלטען. יאַנקעלע איז געוועזן צו פּאָרזיכטיג, אַז ער זאָל אַריינשטופּען די האַנד, ווען זי לאָזט זיך לייכט ניט אַריינשטעקען, מיט אַ שולדיגען און פּאַרלאָרענעם בליק האָט ער אַ קוק געטאָן אויף יאָסעלען, וועלכער איז איהם נאָכגעגאַנגען פון הינטען. יאָסעלע האָט מעהר ניט געוואָרט, האָט מיט כעס אַ שטויס געטאָן זיין חבר און אין אַ צוויי מינוט אַרום, האָט ער זיך האַסטיג אַ קעהר געטאָן און מיט טריט וואָס זיינען וואָס ווייטער געוואָרען שנעלער האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט צו אַ זייטיגער געסעל.

יאַנקעלע האָט איהם אַנגעיאָגט און אָהן אַן אָטהעם געפרעגט:

— נו, וואָס?

יאָסעלע האָט זיך אויסגעלאַכט און געוואָלט מאַכען אַ רוהיגע מינע, אזוי ווי דאָס וואָלט ביי איהם געוועזן אַ גאַנץ געוואוינליכע זאַך, נאָר ער האָט פון ערגערונג קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויס־רעדען.

— גיב אַ קוק, — האָט יאַנקעלע געזאָגט.

— ניט דאָ, — האָט יאָסעלע געענטפערט און האָט זיך אַרומ־געקוקט.

— קום אין פּאַליש.

יאָסעלע האָט גענומען זוכען זיין פּושקע מיט טאַבאַק און האָט איהם ענדליך אַרויסגעשלעפּט. ער האָט קוים מיט צרות אָפּגע־ריסען אַ שטיקעל פּאַפּיראָס־פּאַפּיר און אָנגעשאָטען אין פּאַפּיר טאַבאַק, נאָר ער האָט עס בשום אופן ניט געקאָנט צוזאַמענדרעהען, אַזוי האָבען זיך ביי איהם די הענד געטרייסעלט און ער האָט אַ שאָט געטאָן דעם טאַבאַק מיט׳ן פּאַפּיר.

אין פּאַליש האָבען זיי זיך שוין געפיהלט זיכערער, און ליתר בטחון האָט יאָסעלע געזאָגט:

— שטעה אין טיהר און גיב אַכטונג.

יאַנקעלע האָט געפאָלגט, נאָר ער האָט זיינע אויגען ניט אַראָפּ־געלאָזט פון יאָסעלע׳ן, און ווען יענער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע דעם בייטעל, האָט ער פאַרגעסען דאָס ער איז אויף דער וואַך און איז צוגעלאָפען צו איהם.

ווען יאָסעלע האָט געעפענט דאָס בייטעל האָבעןביידע גע־האַלטען פאַרמאַכט די מיילער און שווער געאָטעמט דורך דער נאָז. די ערשטע זאַך, אויף וועלכע דער בליק איז געפאַלען, איז געווען אַ קרעמען, דאָן אַן אייזען, דאָן אַ ביסעל מאַכאָרקע. יאָסעלע האָט אַריינגערוקט די האַנט און אַ טאַפּ געטאָן אינוועניג און גע־זאָגט:

— געלט!

ער האָט אַריינגערוקט טיעף די האַנט און האָט אַרויסגעשלעפּט עטליכע מטבעות צוזאַמען מיט אַביסעל מאַכאָרקע. ווען ער הייט אַראָפּגעלאָזען די טאַבאַק זיינען איהם אין האַנט געבליבען אַ גרויסער פּוים, אַ צעהנער און זעקסער, און סך־הכל נייןצעהן גראָשען.

ביידע האָבען זיך פאַרקרימט, נאָר יאַנקעלע האָט באַמערקט:

— זוך, אפשר איז דאָרטען נאָך פאַראַן.

יאָסעלע האָט אַרויסגעוואָרפען דעם קרעמען, דאָס אייזען און אַ טאַפּ געטאָן דאָס בייטעל פון דרויסען.

— נאָך! — האָט ער געזאָגט לאַקאָניש.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט נאָך אַ פּאָר קליינע מטבעות.

— זוך נאָך!

יאָסעלע האָט פאַרשטשימעט די ציינער און גענומען אַרויס־שלעפּען מיט די שפּיצען פון דריי פינגער דעם טאַבאַק. ווען דאָס בייטעל איז שוין געווען לעדיג האָט ער אַריינגעקוקט אינווענינ און מיט אַ זויערען קול געזאָגט:

— ניטאָ!

— אַ כאָלעריע! — האָט זיך אַרויסגעריסען ביי יאַנקעלען אַ קללה.

יאָסעלע האָט זיך דערפון געפונען באַליידיגט און האָט אויף איהם אָפּגעריסען זיין כעס:

— וואָס איז, דיר האָט עס אַ סך געקאָסט?

— אַזאַ בייטעל! — האָט זיך יאַנקעלע פאַרענטפערט. — איך האָב געמיינט, אַז עה, — עה —

— נו, און דיר האָט די טרחה ניט געלוינט?

— איך האָב געמיינט פאַר דיר.

— פאַר מיר זאָל דיין קאָפּ ניט דאַרען. קום!

יאַנקעלע האָט אויפגעהויבען פון דער ערד דעם קרעמען און דעם אייזען, צוטראָטען מיט די פיס דעם טאַבאַק, כדי עס זאָל קיין שפור ניט בלייבען און האָט זיך געלאָזט געהן נאָכ'ן חבר.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און די צוויי גנבים האָבען זיך אַריינגעצויגען אין זייער פּרנסה, און זיי האָבען געשטעקט זייערע הענט אין פרעמדע קעשענעס, ניט נאָר ווען זיי האָבען געזעהן וואו אַ בייטעל שטעקט, נאָר אויך דאַן ווען מען האָט געדאַרפט זוכען צו עפּעס איז פאַרהאַן אין קעשענע.

זיי זיינען שוין מעהר ניט געשטאַנען אין ראַנד קראָמען צו זעהן וואו איינער באַהאַלט זיין געלט. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען איבער'ן מאַרק און געריבען זיך אַרום די קעשענעס. די ענגשאַפט פון מאַרק האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו רייבען זיך אַזוי אַרום די קעשענעס, אַז קיין פאַרדאַכט זאָל אויף זיי ניט פאַלען.

ווען עפּעס האָט זיך אַנגעטאָפּט, זיינען זיי שוין ניט אָפּגעטראָטען, ביז זיי האָבען עס „פּאַצאַפּאָוועט".

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די געוואוינהייט האָט ביי זיי מעהר אָדער ווייניגער אָפּגעטעמפּט דעם שרעק, האָבען זיי שטענדיג געציטערט ביי דער אַרבייט. זיי האָבען זיך געפיהלט ווי אַ פּאָר שעפּעלאַך צווישען אַ גרויסע סטאַיע וועלף. זיי זיינען נאָך געווען זיכער, ווען מען האָט זיי ניט באַמערקט, און דאַ זיינען זיי געווען אַרומגערינגעלט מיט הונדערטע אויגען. אויב זייער געשיקטקייט איז געווען אַזאַ, אַז דער בעל־דבר אַליין האָט ניט געזעהן און געפיהלט, האָבען זיך אָבער אַרומגעדרעהט מענשען, און קיין גע־שיקטקייט קען ניט העלפען, אַז די אַרומיגע זאָלען ניט זעהן און זייער אַרבייט האָט געמוזט געטאָן ווערען בפרהסיא.

און ווען יאַנקעלע׳ס פינף פינגער האָבען זיך אָוועקגעלאָזט צו דער אַרבייט, האָט זיין געזיכט אַנגענומען דעם געוועהנלאַכען פאַר־גליווערטען אויסדרוק, די ליפּען אַזוי שטייף פאַרצויגען אַז זיי האָ־בען געקראָגען אַ בלויען קאָליר, נאָר די אויגען זיינען איהם בשעת מעשה געווען ווי ביי אַ שוואַכע חיה וואָס ווערט נאָכגעיאָגט פון די יעגער. זיי האָבען אין דערזעלבער צייט אויסגעדריקט מורא, האַס, פאַרצווייפלונג, און האָבען ווי געבעטען רחמנות.

יאָסעלע האָט זיך גע׳חבר׳ט און געסטאַרעט זיך צו באַהאַלטען זיין מורא, נאָר ער האָט זיך ניט געקענט באַפרייען פון דעם דאָ־זיגען געפיהל. זיין געזיכט פלעגט ווערען בלייך ווי קאַלך, נאָר זיינע אויגען האָבען שוין ניט געבעטען קיין רחמנות; זיי האָבען געשאָסען בליצען, ווי זיי וואָלטען וועלען דורכשטעכען יעדען איי־נעם, וואָס האָט איהם געזעהן ביי דער דאָזיגער אַרבייט.

די גאַנצע אַרבייט איז געווען אין מאַרק־טאָג. דעמאָלט איז געווען זייער ירידה, און די גאַנצע וואָך איז געווען רוה. אינסטינק־טיוו האָבען זיי געפיהלט, אַז זייער אַרבייט קען אַנגעהן אומגע־שטערט, כל זמן זיי ריהרען ניט אָן קיין מענשען פון זייער שטעד־טעל. און טאַקע אין שטעדטעל גופא האָט מען פון קיין גנבות ניט געוואוסט. קיינער האָט זיך קיין מאָל ניט געקלאָגט, אַז מען זאָל ביי איהם עפּעס גנב׳ענען. עס איז אמת, אַז אַ סך פּעננט׳ער

אין די הייזער זיינען געווען פאַרזעהן מיט לאָדענס, די טירען האָבען געהאַט פאַררוקערס, נאָר דאָס איז שוין ניט געווען געמאַכט פאַר גנבים. אין שטעדטעל האָט מען געוואוסט, אַז „אַ שלאָס העלפט ניט פון קיין גנב", און די פענסטער מיט די לאָדענס און די טירען מיט די פאַררוקערס זיינען מעהר געווען צו יוצא זיין פאַר „לפני עור לא תתן מכשול", לייג ניט קיין שטרויכלונג דעם בלינדען אין וועג, ווייל מען האָט טאַקע געדאַרפט זיין בלינד ניט צו זעהן, ווי אַזוי ביי יעדער טיר איז געווען אַ באַזונדער קלוגער איינפאַל, ווי צו עפענען די פאַררוקערס פון דרויסען, כדי ווען אַ בעל־הבית אָדער זיין יונגער זוהן קומט אַ מאָל שפּעט, זאָל ער ניט דאַרפען אויפוועקען די שלאָפענדיגע. עס איז אויך אמת, אַז דאָס שטעדטעל נעדענקט אַ גאַנצע אַבלאַווע, וואָס מען האָט אַ מאָל געמאַכט אויף אַ סך הייזער אין שטאָדט, און טאַקע אין עטליכע גאָר שעהנע הייזער, אַן אַבלאַווע וואָס האָט געמאַכט אַ גוואַלדיגען רושם און וואָס מען האָט געהאַט צו געדענקען יאָהרען און יאָהרען לאַנג. און דוקא איז דאָס געווען אַן אַבלאַווע צו זוכען גע׳גנב׳עטע סחורה, אָה, עס האָבען זיך פון ערגעץ אַראָפּגעלאָזט הויכע טשינאָווניקעס מיט קאָקאַרדעס אין די היטלען און מיט מעשענע קנעפּ, און אין אַ וועלכע שטונדע צייט איז אין דעם שטעד־טעל געוואָרען אַן איבערקערעניש. מען האָט זיך אַריינגעריסען אין די הייזער און דאָרטען געמאַכט אַביסקעס. די זוכער זיינען געווען דער דעסיאַטניק, זשאַנדאַר און אוריאַדניק. מען האָט פון דאָרט אַרויסגעפיהרט שעהנע בעלי־בתים מיט סאָלדאַטען אַלס אונטער־פירער און אַרויסגעטראָגען פּעק און פּעקלאַך טיכער, טישטוכער און לייַלעכער, וואָס די באַלעבאָסטעס האָבען אָנגעקויפט פון אַ דורכפאָהרענדער דייטשקע האַלב אומזיסט.

נאָר קיינעם איז ניט איינגעפאַלען זיי צו רעכענען פאַר גנבים. וואָס הייסט, פון וואַנען האָבען זייערע פרויען געקענט וויסען, אַז דאָס איז גע׳גנב׳עטע סחורה? אַנשטויסען האָט מען זיך טאַקע געמעגט, נאָר מען האָט געמעגט זיך ניט אַנשטויסען אויך. האָט מען טאַקע ניט געקענט פאַרשטעהן, פאַר וואָס מען האָט זיי אַרעס־טירט. פאַרוואָס אַרעסטירען? פאַרווען אַרעסטירען?

מען דערצעהלט נאָך עד־היום אין שטעדטעל, אז בשעת דער ערשטער שרעק איז אריבער און מען האָט די ארעסטאַנטען גע־פיהרט פאַרוויז איבער די גאַסען, זיינען אין איין פּאָר געווען רבי אליהו דער שיינקער און בערעלע דער סיבירניק; דער ערשטער אַ מורה־הוראה׳ס אַ זוהן, געקנאַטען פון יחוס, און דער צווייטער — ניט חס־ושלום אַ גנב, אַ גזלן, נאָר אַ איד מיט אַ בריטאַנסקע מויל און הענט וואָס האָבען געקענט געבען קלעפּ, אז מען האָט איהם דער־רגז׳עט, און דאָס איז ניט געווען אידישלאַך. זיין הומאָ־ריסטישער אָדערל האָט זיך אַזוי געפיהלט געקיצעלט, וואָס זיין שכן אין קייטען איז געווען רבי אליה, אז ער האָט זיך אָפּגע־רופען:

— מילא, איך איז גאָר ניט, נאָר איהר, רבי אליה, ווי פּאַסט עס פאַר אייך צו געהן אין קייטען איבער די גאַסען.

און ער האָט דערביי געלאַכט.

אַזוי אָבער האָט מען פון קיין גנבות אין שטעדטעל ניט גע־הערט.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און אין גאַנץ שטעדטעל האָט מען געוואוסט, אז יאַנקעלע און יאָסעלע זיינען קעשעניקעס. יע־דער האָט פריהער אָדער שפּעטער געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן זיי ביי דער אַרבייט, נאָר קיינער האָט זיי ניט געריהרט. יעדער האָט זיך געטראַכט: זאָלען זיי זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואַנט — ביי מיר גנב׳ענען זיי ניט, אַרט עס מיר ניט. די ערשטע צייט האָבען זיך די צוויי גנבים געפיהלט עפּעס פריקרע — טאָן אַזאַ אַרבייט פאַר אַלעמען אין די אויגען, און גלייך נאָכ׳ן מאַרק האָבען זיי זיך אין גאַס ניט געוויזען. זיי האָבען זיך פאַרקליבען צו יאַנקלען אין שטוב און דאָרטען האָבען זיי פאַרבראַכט די גאַנצע טעג און די אָבענדען. יאַנקעלעס מוטער פלעגט ניט קענען פאַרשטעהן, ווי אַזוי אַזעלכע גרויסע באַלבאַקעס געהען דאָס אַרום לעדיג, נאָר יאַנקעלע האָט זיך שוין איצט מעהר ניט געשראָקען פאַר דער מאַמען און פלעגט אָפּט אַ געשריי טאָן, אז זי זאָל שווייגען, און ניט נאָר יאַנקעלע, נאָר אויך יאָסעלע פלעגט אויף איהר עפּענען אַ מויל. ער איז אין שטוב געוואָרען אַ גאַנצער בן־בית.

די טעג און די אָבענדען האָבען זיי פארבראכט אין קאָרטען־שפּילען. יאַנקעלע׳ס שוועסטער, וועלכע איז שוין איצט געווען אין גאַנצען אויף אַן אָרט און האָט ביי דער מוהמען גאָר ניט געהאט וואס צו טאָן, האָט אָנגעהויבען צו קומען זעהר אָפט צו דער מאַמען.

— ווי קומסטו אַהער אין מיטען טאָג? — האָט די מאַמע גע־פרעגט פארוואונדערט?

— איך בין געקומען צו דיר געוואויר ווערען, — האָט די טאָכ־טער געענטפערט.

— דאָס איז זעהר גוט, טאָכטער.

נאָר זי האָט אפילו קיין צייט ניט געהאט צו דערצעהלען דער מאַמען, ווי איהר געהט. זי איז גלייך איבערגעגאנגען צום טישעל, וואו יאַנקעלע און יאָסעלע זיינען געזעסען.

— וועט איהר נעהמען אַ האַנט? — האָט יאָסעלע געפרעגט.

— ווי קומט זי צו קאָרטען! — האָט יאַנקעלע געענטפערט פאַר איהר.

זי איז רויט געוואָרען און דאַן בלייך געוואָרען. זי האָט גע־זעהן אַ גרינגשעצונג אין דעם ברודער׳ס ענטפער און זי איז אין כעס געוואָרען.

— איך האָב קיין צייט ניט, — האָט זי געענטפערט.

— זי שפּילט בעסער פון דיר, דו חזיר! — האָט זיך יאָסעלע אריינגעמישט.

זי האָט דערפּיהלט צו איהם אַזאַ דאַנקבאַרקייט אַז כמעט טרעהרען זיינען איהר צוגעטראָטען צו די אויגען. די מאַמע האָט איהר עטליכע מאָל אַ רוף געטאָן, נאָר זי האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט. נאָר ווען די מאַמע האָט אָנגעהויבען צו שרייען, אַז מען וועט איהר אַרויסטרייבען פון איהר אָרט, האָט זי ווי אַ ריס געטאָן זיך פון איהר אָרט און איז אַרויסגעלאָפען פון שטוב.

די מאַמע האָט אַ שווערען זיפץ געטאָן.

באַלד אָבער זיינען די צוויי גנבים געוואוינט געוואָרען מיט זייער לאַגע און זיי האָבען אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסען אַזוי אָפט, ווי זיי האָט זיך געגלוסט.

יאָסעלע האָט אָנגעהויבען צו טראָגען זיין היטעל טיעף אַרונ־טערגערוקט צום רעכטען אויער און אין דערזעלבער צייט אַזוי פיעל פאַררוקט צו דער פּאַטילניצע, אַז דער ברילעק האָט פון פאַ־רענט ניט פאַרדעקט דעם גאַנצען טשופּ. יאַנקעלע האָט איהם נאָכגעטאָן, נאָר ער האָט דערמיט ניט געקענט אַרויסרופען יענעם כוואַטסקען אויסדרוק, וואָס יאָסעלע. ווינטער, אין די וואַרעמע טעג, האָבען זיי ביידע געטראָגען בלוטשקענע שאַלקעס אַרום האַלז, מיט איין עק פאַרוואָרפען אויף דער פּלייצע און מיט׳ן צוויי־טען אַראָפּגעהאָנגען איבער׳ן ברוסט, און דאָס איז אויך געווען אויסגערעכענט צו פאַרגרעסערן דעם כוואַטסקען אויסזעהן.

געוועהנלאַך זיינען זיי איינער פון דעם אַנדערן ניט אָפּגע־טראָטען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, יאַנקעלע איז געווען יאָסעלעס שאָטען, און וואו ער איז געגאַנגען איז יאַנקעלע איהם נאָכגע־גאַנגען. איבעריגענס — זיי האָבען ביידע ניט געהאַט, אַ חוץ איי־נער מיט׳ן אַנדערן, מיט וועמען צו פאַרקעהרען. יאָסעלע איז גע־ווען צופרידען, וואָס יאַנקעלע איז איהם בלינד נאָכגעגאַנגען און געלאָזט זיך שאַפען מיט זיך, און אויב ער איז אָפּט אַרוים פון די כלים און אויפגעוואָרפען זיין חבר: „גנבישע פּראַצע!” איז דאָס נאָר געווען, ווען ער איז געווען ניט גוט אויפגעלעגט. דעם נאָמען „גנבישע פּראַצע” האָט ער איהם געגעבען ניט אַזוי פאַר זיין פּראָפעסיאָן, ווי פאַר זיין פינטלען מיט די אויגען.

— מען דאַרף נאָר אַ קוק טאָן אין דיין גנבישע פּראַצע און מען קען גלייך זעהן, אַז דו ביזט אַ קעשעניק.

יאַנקעלע האָט קיין מאָל ניט געוואָגט צו ענטפערען איהם, אַז ער איז אויך אַ קעשעניק, און דאָס האָט פאַרשטאַרקט די חבר־שאַפט צווישען זיי, ווייל יאָסעלע האָט געהאַט אויף וועמען אויס־צולאָזען זיין כעס.

די שווערסטע פּאַרציע פלעגט יאַנקעלע כאַפּען פון זיין חבר, ווען אַנדריעקע דער דעסיאַטניק פלעגט זיך צו זיי טשעפּען. יאָ־סעלע איז געווען זיכער, אַז נאָר צוליעב יאַנקעלע׳ס פינטלען מיט די אויגען איז זיי דער דעסיאַטניק חושד אין גנבה. און אַנדריעקע דער דעסיאַטניק האָט זיי פון אויג ניט אָפּגעלאָזט. ווען נאָר ער

איז געווען אין מאַרק און האָט זיי דערזעהן, האָט ער זיך צו זיי געלאָזט מיט רציחה און פאַרטריבען זיי.

עס איז געווען פאַרנאַכט נאָך אַ קורצען אַסיענדיגען מאַרק־טאָג, ווען ביידע קעשעניקעס זיינען געשטאַנען און געוואָרפען מיט די אויגען אַרום זיך. דער מאַרק איז שוין דריי פערטעל געווען אָפּגעראַמט, די וועגען וואָס זיינען נאָך פאַרבליבען זיינען שוין געווען געשפּאַנט, און דאָס רוב זיינען אינעווייניג געזעסען אומ־רוהיגע פויערטעס, איינגעוויקעלט אין זייערע גרויסע פּאַטשיילעס און האָבען מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זייערע מענער, וואָס זיי־נען פאַרזעסען אין די שיינקען. פון די שיינקען האָט זיך געהערט אַ שפּילעריי פון האַרמאָניקעס און אַ שכור׳ער געזאַנג. דאָ און דאָר־טען האָט אַ פויערטע, אין אַ העל־קאָלירטע פּאַטשיילקע אויפ׳ן קאָפּ, מיט אַ גרויסע פּאַטשיילע איבער די אַקסלען, אין גרויסע מענערשע שטיוועל, מיט אַן אויפגערעגטען פּנים געשלעפּט פון שיינק איבער׳ן מאַרק איהר מאַן, וואָס האָט זיך אויף די פיס ניט געקענט האַלטען און איז געפאַלען פון איין זייט אויף דער צוויי־טער. צווישען די שכור׳ע האָט מען אויך געקענט זעהן מאַן און ווייב, ביידע טוידט שכור און ביידע האָבען זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. זיי האָבען שוין איצט ווייניג ערוואַרט אַרבייט, ווייל אין דער צייט האָט שוין דער פויער דאָס ביסעל געלט וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך, איבערגעלאָזט אין די קראָמען און דאָס רעשט פאַרטרונקען אין שיינק.

פון הינטען איז צוגעקומען בערקע פּאַיפּעיאָל און האָט מיט ביידע הענט אַ זעץ געטאָן ביידע קעשעניקעס מיט אַמאָל איבער דער פּלייצע. זיי האָבען זיך אַ צאַפּעל געטאָן און געגעבען אַ קער אום צו איהם מיט צושראָקענע פּנימע׳ר. נאָר ווען זיי האָבען דער־זעהן בערקען מיט זיין כיטרען שמייכעל, האָבען זיי חניפה׳דיג אָנגעהויבען צו שמייכלען צו איהם. דאָס איז געווען דער ערשטער ערוואַקסענער מענש אין שטעדטעל, וואָס זאָל זיי ווייזען אַזאַ פריינדלאכקייט.

— דערשראָקען, האַ? — האָט געפרעגט פּאַיפּעיאָל.

— מיר האָבען זיך ניט געריכט.

— געמיינט א דעסיאַטניק, הא?

— וואָס האָבען מיר צו טאָן מיט א דעסיאַטניק? — האָט יאַסעלע זיך אָנגערופען.

— אוי, א כפרה זאָלסטו ווערען, דו ווייסעל פון אויג. דערצעהל מיר קיין מעשיות ניט! איך האָב שוין אויף אייך אַן אויג א לאַנגע צייט. ע, זייט ניט קיין חזירים און קומט. גיט אַן ארענטלאַכען מענשען א מאַגעריטש.

— אַה, א מאַגעריטש! — האָבען ביידע אויסגערופען דערפרעהט.

זיי זיינען שוין מעהר ניט קיין אָפּגעזונדערטע, „מחוץ למחנהניקעס", זיי זיינען מעהר ניט די ברואים, אויף וועלכע נאָר אנדרעיקע האָט אַן אויג. בערקע פאַיפעיאַל באָט אַליין אַן חבר'שאַפט און הייסט זיך טראַקטירען מיט א מאַגעריטש.

בערקע האָט געהייסען פאַיפעיאַל ניט דערפאַר, וואָס ער האָט געשפּילט אויף אַזא מין אינסטרומענט, נאָר ווייל מיט זיין אויסזעהן האָט ער דערמאָנט א קלאַרינעט. ער איז געווען הויך און דאַר, מיט א שמאָלען קאָפּ, און איז געווען פול מיט דער אונטערשטער וועלט'ל. איז געקומען א צירק אין שטאָדט איז ער דאָרטען געווען א גאַנצער כל ולך; זיינען געקומען קונצענמאַכער, איז ער גלייך מיט זיי געוואָרען א פּאַני־בראַט און האָט געדרעהט פאַר זיי א קאַטערינקע. הגם ער האָט ניט געקענט שפּילען אויף קיין אינסטרומענט, האָט ער זיך שטענדיג געזוכט צו שאַרען צו די שטערטעלדיגע כלי־זמר און האָט זיך פון זיי אויסגעלערענט דעם כלי־זמר־ישען לשון. פּורים איז ער מיט זיין חברה ארומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב און געשפּילט די מלכה ושתי און דעם אחשורוש שפּיל. ער האָט שטענדיג געהאַט א פרעהליכען שמייכעל אויפ'ן געזיכט און האָט זיך באַליבט געמאַכט אין דער אונטער־וועלט'ל מיט זיינע בדחנ'ישע שטיק.

— א מאַגעריטש זאָל זיין א מאַגעריטש! — האָט זיך יאַסעלע אָפּגערופען. וואו?

— אַ דאָגה וואו? מיט ממתקים איז שוין גאָר קיין דאגה ניט! נאָר אפילו מיט די ממתקים האָט בערקע פאַיפעיאַל גוט גע־

וואוסט פאַסט זיך ניט אַריינצוגעהן מיט קעשעניקעס אין אַ בכבוד׳יד־
גען שיינק, און ער האָט זיי אַריינגעפיהרט צו ביילקע די צאַצקע.
איהר שיינק איז פון פּאַרענט געווען ווי יעדער שיינק און פון
הינטען האָט זי געהאַלטען אַ פּאַר גוי׳קעס פאַר אַנדערע צוועקען.
בערקע פּאַיפּעיאַל האָט זיך דאָ געפיהלט היימיש, און ער האָט
גלייך געהייסען זיינע צוויי חברה־לייט זעצען זיך צו אַ טישעל
און אַליין צוגעגאַנגען צו דער סטאַיקע און געהייסען דערלאַנגען
פון „כל טוב“.

— נישקשה, מיינע חברה־לייט זיינען ניט קראַנק צו צאַהלען.
עס קאָסט זיי פינף פינגער מיט אַ כאַפּ, און ער האָט אַ וואונק
געטאָן צו די צוויי קעשעניקעס, ווי ער וואָלט זיי דערמיט וועלען
זאָגען: מיר זיינען צווישען אייגענע מענשען און מען דאַרף
זיך ניט שעמען.

און באַלד איז ער געזעסען ביי אַ טישעל מיט זיי און איידער
מען האָט עפּעס דערלאַנגט, האָט ער אונטערגעברומט אַ לידעל פון
אחשורוש.

— וואָס זיצט איהר ווי צוויי גלאָמפּען? — האָט ער געזאָגט,
באַמערקענדיג ווי זיי האָבען מורא געהאַט צו עפענען אַ מויל.

יאַנקעלע האָט געמאַכט אַ נאַרישען געלעכטער, אַזוי ווי דאָס,
וואָס בערקע האָט געזאָגט, האָט געדאַרפט זיין אַ המצאה. יאָסעלע
איז רויט געוואָרען.

— אַז מען וועט אייך געבען עסען, זאָלט איהר זיך ניט לאָזען
בעטען. איהר וועט צאַהלען ווי טאַטעס. ברוך הבא! אָט קומט
מיין „שיכטע“.

צום טיש איז צוגעקומען מלכה, דער בעל־הבית׳טעס טאָכטער,
אַ מיידעל פון אַ יאָהר אַכצעהן, מיט אַ טאַץ, אויף וועלכען עס
זיינען געשטאַנען טעלער מיט געפילטע פיש מיט זאַפּרען, געפלאָכ־
טענע בולקעס, אַ קאַראַפאַנקע מיט שנאַפּס, גלעזלאַך און בשעת
זיי האָבען זיך עטוואָס אַנגעבויגען, אום אַנידערצושטעלען דעם
טאַץ אויפ׳ן טישעל, האָט בערקע איהר אַ קניפּ געטאָן אין איהר
בלייכע באַק, אַזוי אַז דאָרטען האָט זיך גלייך געשטעלט פאַרב.

— די הענט זאָלען אייך אָפּדאַרען.

— איך האָב קיין מאָל ניט געהערט, אַז פון אַ קניפּ זאָלן די הענט אָפּדאַרן. זעהסטו, דו קריגסט פון אַ קניפּ דעם זיבע־טען חן.

— קנייפּט בילכערע! — האָט מלכה געענטפערט פון דער ווייטענס.

— נו, חברה, ווייזט וואָס איהר קענט. ביי אייער מאַמען אין קימפּעט האָט איהר אַזוינס ניט געהאַט. אַז איהר וועט זיין גוטע ברידער, וועט איהר עס ביי מיר אָפט האָבען. לחיים! גוטער בראָנפען! הלואי מאָרגען ניט ערגער. איהר זעהט נאָר, אַז ממתקים זאָלען זיין, וועל איך שוין אַלץ באַזאָרגען.

בערקע פאַפּעיאַל האָט ניט איבערטריבען, ווען ער האָט גע־זאָגט, אַז אַפילו אין דער מאַמעס קימפּעט האָבען זיי אַזאַ פיש ניט געגעסען. זיי האָבען געוואוסט דעם טעם פון פּלאַטקעס, שטינ־קעס און דער ריגען פון אַ פּלאַטקע איז געווען די גרעסטע נאַשעריי. די געפילטע שטיק פיש פון אַ גרויסען העכט מיט זאַפּראַן האָט געהאַט דעם טעם פון גן־עדן. יאַנקעלע האָט זיך ניט געקענט איינ־האַלטען און באַמערקט:

— קוים געקומען צום שכל! — האָט בערקע געענטפערט צו־פרידען. וואַרט, באַלד הויבען זיך געזלאַך, וועט איהר ביי מיר האָבען פּאַלקעס, אַז איהר וועט זיך אַזש באַלעקען. נאָר איהר זייט קיין חזירים ניט.

דערוואַרימט פון די ערשטע גלעזלאַך זיינען די צוויי קע־שעניקעס געוואָרען רעדעוודיגער. דער געשפּרעך האָט אָנגענומען אַ מעהר אינטימען כאַראַקטער. בערקע האָט זיי אויסגעפרעגט, ווי זיי מאַכען אויס, צי מען טשעפּעט זיי ניט, און יאָסעלע האָט ער־קלעהרט, אַז נאָר פון אַנדרעיקע'ן האָבען זיי צו ליידען.

— אַנדרעיקע? האַ־האַ־האַ! נאַראָנים וואָס איהר זייט! פאַר־לאָזט זיך אויף מיר. עס וועט קאָסטען עטלאַכע „רייסערס" (קערב־לאַך), נאָר דערפאַר וועט ער שוויינען, ווי יורקעס הונט, ער איז אַ גוטער ערל.

דאַן האָט ער אַ קעהר געטאָן דעם קאָפּ צו דער זייט וואו מלכה איז געזעסען און האָט אויסגערופען:

— מלכה!

— נו?

— איך וויל א קוש!

— קושען זאָלט איהר זיך מיט׳ן מלאך המות.

—ביידע קעשעניקעס האָבען אַ וואָרף געטאָן אויף איהר אַ פוטערנעם בליק און האָבען נאַריש געשמייכעלט.

— איך וויל בלינצעס! — האָט בערקע געזאָגט.

— אַזוי רעדט!

די בלינצעס האָבען דערגאַסען דעם לעצטען טראָפּען צופרידענהייט אין פּאַיפּעיאַל׳ס בעכער. ער האָט עטוואָס אַנגעבויגען דעם קאָפּ אָן אַ זייט, געקוקט אויף יאַסעלע׳ן און יאַנקעלע׳ן מיט אַ האַלב שכור׳ן און גאַנץ גליקליכען שמייכעל און געזאָגט:

— איהר זייט, אַזאַ יאָהר אויף מיר, וואָס פאַר גוטע יאַטעס איהר זייט, כוואַטעס איהר זייט, ווי איהר זעהט מיך אַ לעבעדיגען, אַט וואָס איהר זייט. איהר האָט דאָך טייערע, זיידענע פינגער, אַזאַ יאָהר אויף מיר. אַ כפּרה אַלע כלי־זמר פאַר אייך. וואָס טויגען זיי? אויף צעהן טיסיאַטשע כפּרות! פון הונגער פּעגכיען זיי. און נעהמט אַזעלכע צוויי אינגלאַך, איהר דאַרפט נאָר אַ פיהר טאָן מיט די פינגער און עס שפּרינגט אַרויס אַ בייטעל געלט! ממזרים וואָס איהר זייט! לחיים!

די גאַנצע צייט וואָס פּאַיפּעיאַל האָט גערעדט זיינען די אַנדערע צוויי געזעסען שטיל. נאָר עטליכע מאָל האָט יאַסעלע אַ זעץ געטאָן יאַנקעלע׳ן מיט׳ן פוס, ווי ער וואָלט וועלען דערמיט אָוועקשטעלען אַ טראָפּ אויף אַ געוויסען זאַץ, וואָס איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען. זייערע ביידענס אויגען האָבען געגלאַנצט פאַר שמחה, און עניוות׳דיגע שעמעוודיגקייט, ווי ביי אַ קינסטלער, וואָס איז יאָהרען־לאַנג ניט אָנערקענט געוואָרען און איז ערנידעריגט געוואָרען, און פּלוצים געפינט זיך דער אמת׳ער מבין און ווייזט איהם זיין גרויסקייט. נאָר ביי די לעצטע ווערטער האָבען זיי זיך דערפיהלט עפּעס אומבאַקוועם און זייערע אויגען האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט.

זיי האבען ניט פארשטאנען, אז יעדעס ווארט, וואס ער האט געזאגט איז געווען געמיינט אלס באוואונדערונג. ער האט ווירקליך געכאפט התפעלות פון זיי. אין איהם געזעסען א גלגול פון א ניט־פארענדיגטע ארטיסטישע נשמה. ער האט נאר געקענט פארוואונדערען און אליין קיין זאך ניט טאן, און אויב ער האט יא עפעס געטאן, האט עס ניט געהאט קיין טעם און קיין ריח. זיין מלאכה איז געווען שוסטעריי, נאר העכער ווי א לאטוטניק איז ער קיינמאל ניט געשטיגען. צייט פון די בחור'שע יאהרען איז ער ביי דער דאזיגער מלאכה קיינמאל ניט געזעסען און ער האט דעם אל און דראטווע פיינט געהאט. אין דער גאנצער אונטערוועלט איז ער געווען א בן־בית, נאר ווי איינער וואס טאנצט אויף פרעמדע חתונות. האט ער זיך געדרעהט צווישען די כלי־זמר, איז אלץ וואס ער האט געקענט טאן אויף דעם געביט, איז געווען צו לעקען פון זיי די פינגער, באוואונדערן זיי, פארגעטערן זיי. און ער האט זיך זאגאר קיין גרעסערן גליק ניט געקענט פארשטעלען, ווי צו זיין א מיטגליד פון דער פרעהליכער קאפעליע. ווען ער האט נאר געהאט די געלעגענהייט האט ער גענומען דעם קלארינעט און געמאטערט זיך פייפען, נאר עס איז גאר ניט ארויסגעקומען. מיט'ן טרומייט האט איהם אויך בעסער ניט געגליקט און ער האט זיך נאר אנגעבלאזען באקען. די איינציגע וואס האט איהם געענטפערט, איז געווען די פויק: האט ער געגעבען א קלאפ מיט'ן שטעקעל, האט זי געענטפערט „בום“ און ער האט זיך דערמיט געפרעהט, ווי דאס וואלט זיין זיינע אן ענטדעקונג. און ווען א מאל איז דער פייקלער קראנק געווארען האט דער הויפט פון דער קאפעליע איהם צוגערופען און געזאגט איהם, אז ער זאל נעהמען דעם פויק און געהן מיט זיי אויף א חתונה, און דערביי מתרה געווען, אז ער זאל ניט ארייגפאלען ווי א יון אין סוכה, ער זאל נאר א פויק טאן ביי אן אפשטעל. דער הויפט פון דער קאפעליע האט פאר איהם געשפיעלט א ווייל און געוויזען איהם, ווי ער זאל געבען א פויק.

— אבער ניט מעהר, — האט ער געזאגט. — פאר די יאטעס מוז מען האבען די פויק. זיי קענען נאכדעם האבען טענות, אז מען האט זיי ניט געגעבען די גאנצע קאפעליע.

און בערקע פּאַיפּעיאַל איז געווען אויפ׳ן זיבעטען הימעל, וואָס מען האָט איהם אַנפאַרטרויט די פּויק. און ווען די קאַפּעליע איז געגאַנגען צו דער חתונה האָט ער זיך אויפ׳ן וועג ניט געקענט איינ־האַלטען און געגעבען אַ פּאָר מאָל אַ פּויק, און אויף דער חתונה, ווען די קאַפּעליע האָט ניט געשפּילט, האָט ער פון צייט צו צייט אַ קלאַפּ געטאָן מיט׳ן שטעקעל אין פּויק און האָט זיך געשמאַלצען אין נחת פון יעדען „בום“, וואָס ער האָט געקראָגען אַלס ענטפער. נאָר ווייטער איז ער ניט געגאַנגען.

דאָס זעלבע איז געווען מיט יעדער זאַך, וואָס ער האָט געטאָן. אומעטום איז איהם אויסגעקומען צו זיין דער באַוואונדערענדער צושויער, וואָס האָט פאַרשטאַנען צו שעצען די קונסט, און אַליין האָט ער זיך אין ערגעץ ניט געקענט אויפהויבען צו דער מדרגה, אַז ער זאָל אַליין קענען עפּעס אויפטאָן.

און ווען ער איז איצט געזעסען מיט די צוויי קעשעניקעס, האָט ער אין הארצען ניט געהאַט געגנען זיי דעם מינדעסטען פאַרוואורף. פאַרקעהרט, ער האָט אויף זיי געקוקט מיט די אויגען פון דעם אמת׳ען שעצער פון קונסט. ער וואָלט גערן אריין אין זייערע שיך, נאָר דערצו האָט איהם געפעהלט דער מוט.

עס קען זיין, אַז בשעת ער האָט זיי אַזוי אָפען אויסגעדריקט זיין באַוואונדערונג, האָט ער זיך נעבאַפּט, אַז ער איז אויך ניט קיין ארויסגעוואָרפענער, און ער איז ניט פון די, וואָס מען קויפט דריי פאַר אַ גראשען, און ער האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען זיינע גליקען. מיט וועמען, מיט וועמען האָט ער שוין ניט געמאַנג־ריטשעוועט! דער קונצענמאַכער, וואָס איז אַנוסטען געגאַנגען אויפ׳ן שטריק האָט איהם אַליין נעקלאַפּט אין אַקסעל און געזאָגט „מאַלאַדיעץ, בערקאַ!“ און דערביי האָט ער אונטערגעשטראָכען, אַז דעם קאָמפּלימענט האָט איהם געגעבען ניט דער קאָמעדיאַנט, נאָר טאַקע דער סאַמע קונצענמאַכער אַליין. און די גאַנצע צייט וואָס ער איז געשטאַנען אין שטעדטעל האָט ער איהם נעגאָסען נאָלד אין האַלז: טרינקען און עסען וואָס נאָר אַ מויל האָט גע־קענט ארויסברענגען. און ווען דער צירק איז געשטאַנען אין שטעד־טעל איז יעדע נאַכט געווען אַ הוליאַנקע, אַז מען האָט זיך אַזש

געפרעהט אין הימעל. אַי, האָט עס דעם אידישען דאָקטאָר אָפּגע־קאָסט אַ מטבע! ער האָט זיך פאַרליאַפּעט אין דער יפה־פיה, דער רייטערקע, און איז פון איהר ניט אָפּגעטראָטען. און וועד איז גע־ווען ביי די הוליאַנקעס? פאַרשטעהט זיך, בערקא. אהן בערקע'ן גיט מען זיך ניט קיין ריהר. מעג דאָרטען זיין אַ יפה־פיה, מעג דאָרטען זיין אַ דאָקטאָר — אהן בערקע'ן איז ניע אים מיעסטאָ!

— איך האָב געזעהן, — האָט זיך יאָסעלע אריינגעמישט, — ווי דער יאָט דער דאָקטאָר פלעגט מיט דער יפה־פיה פאָהרען רייי־טענדיג. זי איז געווען אַ פיינע נקבה!

— אַזאַ יאָהר אויף מיר, וואָס פאַר אַ יפה־פיה זי איז געווען! — האָט בערקע געענטפערט מיט שטאָלץ, אַזוי ווי דאָס וואָלט פאַר־גרעסערען זיין יחוס. — דו, ברודער, פאַררייס ניט די אויגען, און קוק ניט ארויף. דאָס איז ניט פאַר דיר! פאַר דיר איז דאָ — האָט ער געזאָגט און געוויזען מיט דער האַנט אין דער ריכטונג צו אַ טיר, וואָס האָט געפירט פון שיינק צו אַ הינטער שטיבעל, פון וואַנען עס האָבען דערגרייכט צו זיי שכור'ע קולות.

אַן אנגעפּאַרבטע שיקסע, מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, איז אויף אַ ווייל'ע אריינגעלאָפען פון דער הינטעל־שטיבעל אין שיינק.

— אָט דאָס איז פאַר דיר סחורה, דו פאַרשטעהסט?

די שיקסע האָט זיך אַ קעהר געטאָן און אַ קוק געטאָן אין זייער זייט.

— אהאַ — בערקאַ! — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— סאַשקאַ, קום אהער, וועל איך דיר געבען אַ בלינצע.

— איך האָב קיין צייט ניט — האָט זי געענטפערט און נאָכ־הער ווי זי האָט עפּעס אַ שושקע געטאָן ביילקע די צאַצקע אין אויער, איז זי צוריק פאַרשוואונדען פון דער זעלביגער טיר.

די טיר פון פאַרענט האָט זיך געעפענט און אויפ'ן שוועל האָט זיך געוויזען אַנדרעיקע דער דעסיאַטניק.

יאָסעלע און יאַנקעלע האָבען זיך אַ צאַפּעל געטאָן.

— אהאַ, זשוליקעס! — האָט ער זיי באַגריסט, — פריהער גנב'עט איהר און נאָכדעם מאַכט איהר מאַלצייטען. יאָ וואָס דאָס!

— האָט קיין מורא ניט, — האָט זיך בערקע צולאַכט. — קום, אנדרעי, פּריהער שווענק דורך דעם האַלז!

אנדרעי איז ווי א גוטער ברודער צוגעגאַנגען צום טישעל, האָט אַריינגעקעהרט דאָס גלעזעל מיט א מאָל און האָט א הוסט געטאָן.

— אַ הוסט הייסט נאָך, — האָט בערקע באַמערקט.

— שטאָ טי וואָריאַש? — האָט אנדרעי געזאָגט גוטמוטיג.

— אויף מיינע אחריות. עס וועט דיר ניט שאַדען. יעסטשע אַדני.

אנדרעי האָט זיך ניט געלאָזט בעטען.

— זיי זיינען מיינע פריינד, — האָט בערקע אָנגעהויבען.

— אַני זשוליקי! — האָט איהם אנדרעי איבערגעריסען.

— זיי זיינען גוטע יונגען.

— איך האָב אויף זיי אַן אויג און איך וועל זיי פּאַצאַפּען —

— נתנ׳ט איהם אַ „רייסער“ (רובעל), גיט מיר.

— יאַנקעלע האָט זיך גענומען גריבלען אין קעשענע און האָט פון אונטער׳ן טיש דערלאַנגט בערקען.

— ני טראַגאַי איך, אנדרעי, — האָט ער געזאָגט און אָנגענומען איהם פאַר דער האַנט.

— אַז זיי זיינען דיינע פריינד און אַז זיי וועלען זיין גוטע יונגען.

— יעסטשע אַדני! — האָט בערקע געזאָגט און אָנגעגאָסען איהם אַ גלעזעל.

אנדרעי האָט אַריינגעלעגט די האַנט אין קעשענע, דאַן גענומען דאָס גלעזעל, אַריינגעקעהרט און אַ וויש געטאָן מיט׳ן אַרבעל פון שינעל דאָס מויל, געזאָגט „דאָ סווידאַניע“ און איז אַרויס.

— נו, איצט זייט איהר מיט איהם פאַר׳דאגה׳ט, ער וועט אייך מעהר ניט טשעפּען.

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָבענד, ווען בערקע פאַפּיעראַל און די צוויי גנבים האָבען זיך אויפגעהויבען פון טיש. בערקע האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַ גלעט געטאָן איבער׳ן בויך, ווי ער וואָלט וועלען זאָגען דעם מאָגען: „היינט קענסטו אויף מיר קיין פאַר־

איבעל ניט האָבען. איך האָב דיר אָנגעשטאָפּט געגנוג", און בשעת די צוויי גנבים זיינען געשטאַנען ביי דער סטאָיקע און האָבען באַצאָהלט פאַר דעם מאַלציית, איז ער, האַלטענדיג דער בויך מיט דער לינקער האַנט, צוגעגאַנגען צו מלכה׳ן און געוואָלט איהר אַ קניפּ טאָן אין באַק, זאָגענדיג:

— מלכה הייסטו און ווי אַ מלכה ביזטו שעהן.

נאָר מיט אַ פלינקען קעהר האָט זי זיך פון איהם אויסגעדרעהט.

— ניט פאַר אייך געדאַכט.

— פאַר וואָס אויף מיר אַזאַ ביטערער גזר? אַלע בחורים האָבען כלות, נאָר איך בין אַליין, — האָט ער נאָכגעמאַכט אַ געוויסע פאָלקס־לידעל און אויסגעזונגען מיט׳ן באַקאַנטען ניגון.

— זינגט עס אייער ווייב?

בערקע איז מיט אַ מאָל געוואָרען ווי ניכטערער.

— קומט! — האָט ער געזאָגט צו די צוויי גנבים. גיט אַכטונג, דאָ איז אַ בריקעל.

ווען זיי זיינען אַרונטער פון בריקעל און געלאָזט זיך געהן אַהיים, האָט ער גענומען יעדען איינעם פון זיי אונטער דער האַנט, און ווענדענדיג זיך מיט׳ן קאָפּ אַ מאָל צו איינעם און אַ מאָל צום צווייטען האָט ער געזאָגט:

— אַט האָבען מיר געגעסען, אָנגעשטופּט דעם טרעבוך, געפילטע פיש מיט זאָפּרען, געפּלאַכטענע בולקעלאַך, בלינטשעס, בראָנפען, כל טוב, האַ? גאָרנישט, מען האָט געקענט מיינען, אַז איך בין וואָס, האַ? גאָרנישט. נאָר קיכלען געהט מיר אָפּ. האַ?

ער האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ נעהענטער צו יאַנקעלע׳ס אויער און מיט אַ אַראָפּגעלאָזטען קול געזאָגט:

— ברודער, איך בין אַ קבצן.

דערנאָך האָט ער איבערגעבויגען דעם קאָפּ אין יאָסעלעס זייט און מיט דעמזעלביגען אַראָפּגעלאָזטען קול געזאָגט:

— אַ קבצן בין איך.

און נאכדעם, ווי ער האט זייביידען פארטרויט דעם סוד האט ער גערעדט ווייטער מיט'ן געבראכענעם קול:

— איהר מיינט, מען לאכט, מען פרעהט זיך, איז דאס טאקע געלאכט, געפרעהט זיך?

ער האט ארויסגענומען ביידע הענט פון אונטער זייערע ארעמס, אוועקגעשטעלט זיך אנטקעגען יאסעלען און געזאגט:

— דו האסט מיר געזעהן פורים שפילען ושתי? די מלכה ושתי? בין איך ושתי? בין איך א מלכה?

ער האט זיי ווידער גענומען אונטער די ארעמס, געלאזט זיך געהן און גערעדט ווייטער:

— איך בין בערקע, פארשטעהט איהר מיך, בערקע פאיפעיאל, א קבצן א איד. איך האב א ווייב, צוויי קליינע קינדערלאך, עופה־לאך, און זיי ווילען עסען, און זיי ווילען עסען.

די לעצטע ווערטער האט ער ארויסגערעדט מיט א געזונקענעם קול, פריהער ווענדענדיג זיך צו איינעם און נאכהער צום צווייטען. דאן האט ער זיך ווידער אפגעשטעלט, ארויסגענומען ביידע הענט פון אונטער זייערע ארעמס, געשטעלט זיך צו זיי פנים צו פנים און געזאגט, ווי איינרוימענדיג א סוד:

— ברידער, איהר וועט דאך מיר ניט לאזען פאלען. מיר זיינען נאש־בראט, ניטא וואס צו שעמען זיך, חרפה אן א זייט. עס געהט צו ווינטער און כאטש טרובי!

א וואלקען האט זיך אנגערוקט אויף יאסעלע'ס פנים. נו, דא הויבט זיך שוין אן א סדרה פון צאפעניש — האט ער צו זיך גע־זאגט, און האט מיט'ן פוס א קלאפ געטאן יאנקעלע'ן, ווי ווע־לענדיג איהם אויפמערקזאם מאכען, אז מען דארף ניט זיין קיין יאלדען. דערנאך האט ער געפרעגט מיט א קאלטען קול:

— פיעל?

— פיעל? פע! דאס האב איך זיך אויף אייך ניט געריכט. איך בין דאך ניט קיין דעסיאטניק, וואס מען דארף צאהלען כא־באר. מיר זיינען נאש־בראט. אט איז מיין קעשענע און אט איז מיין האנט. איך דאנק אייך פאר וויפיעל איהר וועט אריינווארפען. דער קול איז געווען א ווייבער און עס האט זיך געהערט אין

איהם א טאג פון תחנונים. דער וואלקען פון יאסעלעס פנים איז גלייך פארשוואונדען. יאסעלע האט עפעס א שושקע געטאן יאנקע־לע׳ן אין אויער, און זיי זיינען ביידע אפגעטראטען אויף א פאר סעקונדען אז א זייט. נאכדעם איז יאסעלע צוגעגאנגען און דער־לאנגט איהם אין האנט.

— נייז, אין צימבעל אריין, — האט בערקע געזאגט און אויס־געשטעלט די קעשענע. אזא יאהר אויף מיר, וואס פאר גוטע ברידער איהר זייט, — האט ער געזאגט פרעהליכער און ווידער גע־נומען זיי אונטער די הענט. פאנימאיעטע, בערקע פאיפעיאל שטעהט פאר אייך שטאל און אייזען און, פאנימאיעטע, דאס איז גענוג.

ווען זיי האבען זיך צושיידט, זיינען בערקע׳ס טריט געווען לייכט ניט נאר פון דעם בראנפען, נאר אויך פון די פאר פאפירלאך, וואס ער האט אנגעטאפט אין קעשענע.

— וואוילע יונגען, אזא יאהר אויף מיר! — האט ער צו זיך גע־רעדט און געמאכט לעבעדיג מיט די הענט.

און ער האט זיך פארגעשטעלט, ווען ער וועט קומען אהיים, וועט ער לאזען חייקען אפרייסען אויף איהם איהר הארץ, און נאכדעם וועט ער איהר דערלאנגען די פאר רובעל און ווייזען, אז ער איז נאך ניט ארויסגעווארפענער און אז ער דאגה׳ט פאר ווייב און קינדער.

— וואס זאגסטו צו דעם יאט? — האט יאנקעלע אויסגעשאסען נאכדעם ווי בערקע איז פארשוואונדען. ער האט אונז פיין ארומ־געקאלופעט.

און ווער וואלט מיט דיר געגאנגען אין א שיינק און געזעצט זיך ביי איין טיש און געטרונקען מיט דיר לחיים, ווי מיט א גוטען ברודער, איז יאסעלע אויף איהם אנגעפאלען. — און די באקאנט־שאפט מיט אנדרעי־קען איז ביי דיר גארניט, הא?

— איך האב ניט געמיינט —

— וואס האסטו ניט געמיינט? דו ביזט א חזיר, אט וואס דו ביזט, דו דארפסט איהם זיין דאנקבאר, ער פיהרט דיך אריין צווישען מענשען. זעהסטו, ער האט דיר ניט געזאגט, ניב מיר אזוי פיעל געלט, נאר ער האט געבעטען ווי ביי גוטע ברידער, און

דו דאַרפסט זיך פרעהען, וואָס ער איז אונזערער אַ גוטער ברודער.
— אודאי, איך בין צופרידען.
— טאַ וואָס־זשע זאָגסטו, אַז ער האָט אונז אַרומגעקאַלופּעט.
די פיש איז געווען אַן אַנטיק און די בלינצעס זיינען זיך צוגאַנגען אין מויל. אַ כפרה פּערקע מיט איהרע רוציסניקעס! חזירים זיי־נען מיר געווען, אַט וואָס מיר זיינען געווען. אַט ער ווייסט, ווי מען לעבט אַ גוטען טאָג. און געלט וועט זיין, נישקשה! נאָר ניט גע׳דאגה׳ט.
אין דעם הויכען מוטה איז יאָסעלע געווען, ווען זיי האָבען זיך אויסגעלייכט מיט׳ן שטיבעל, וואו יאַנקעלע׳ס מאַמע האָט גע־וואוינט.
— וואו זייט איהר דאָס געווען? — האָבען זיי פּלוצים דער־הערט.
אין טיר פון פאַרהויז איז געשטאַנען יאַנקעלע׳ס שוועסטער.
— ניט דיין געשעפט. וואָס מיינסטו, מיר זיינען אינגלאך? — האָט יאַנקעלע געענטפערט און האָט פאַררייסען דעם קאָפּ.
— זעה, זעה, ס׳אַרא פּריץ ער איז געוואָרען, מען טאָר שוין ביי איהם ניט פרעגען.
— וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט? — האָט יאַנקעלע געפרעגט.
— איך בין געקומען געוואויר ווערען צו דער מאַמען.
— געה אויף דיין שטעל, עס איז שוין שפּעט.
— וואָס טרייבסטו איהר? — האָט זיך יאָסעלע אַנגענומען פאַר איהר.
— שוין שפּעט, שוין שפּעט! — האָט יאַנקעלע געזאָגט אומ־צופרידען.
— אַ גוטע נאַכט! — האָט זי געזאָגט און געלאָזט זיך געהן.
יאָסעלע האָט אָפּגעוואַרט אַ פּאָר סעקונדען און געזאָגט:
— מען דאַרף שוין געהן אַהיים שלאָפען.
ער האָט זיך געלאָזט געהן אין דער ריכטונג פון זיין היים, נאָר ביי דער ערשטער געסעל האָט ער זיך פאַרקערעוועט צוריק און האָט זיך געלאָזט לויפען אַניאָגען יאַנקעלע׳ס שוועסטער.
— וואַרט, וואַרט! — האָט ער איהר נאָכגעשריען.

— יאָסעל? — האָט זי געפרעגט, ארומקוקענדיג זיך.
— דאָס בין איך, — האָט ער געענטפערט, צוקומענדיג צו איהר.
— וואו געהסט איהר איצט?
— איך דאַרף האָבען אין גאָס.

איהרע באַזוכען צו דער מאַמען זיינען געווען מעהר אַן אויס־רעד, כדי צו קענען באַגעגענען זיך מיט יאָסעל׳ען. זי איז היינ־טיגען אָבענד געשטאַנען אַ לאַנגע צייט אין פאַרהויז און געוואַרט אויף זיין קומען. ווען נאָר זיי האָבען געהאַט אַ געלעגענהייט צו בלייבען אונטער פיר אויגען, האָט ער איהר געוויזען ליבשאַפטען און זי איז געווען אויפ׳ן זיבעטען הימעל פון גליק. נאָר איצט, ווען ער האָט איהר אַנגעיאָגט, האָט זי זיך דערשראָקען. אַ ציטער איז איהר דורכגעלאָפען איבער׳ן גאַנצען לייב און זי האָט כמעט ניט געקענט רעדען. אַ ווייטער אינסטינקט, וואָס האָט זיך אויסגע־אַרבייט ביי פרויען דורך לאַנגע טויזענדע יאָהרען, האָט איהר גלייך געוואַרענט, אַז היינטיגער אָבענד איז ניט ווי די אַלע פריהער־דיגע.

— איך מוז לויפען, — האָט זי קוים אַרויסגערעדט.
— וואָס איילסטו זיך? — האָט ער געענטפערט מיט אַ וויב־רירענדער שטימע.
— עס איז שוין שפּעט.
— נישקשה, דו וועסט ניט פאַרזאַמען. קום!
— וואוהין?

יאָסעלע איז געבליבען שטעהן און האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. ער האָט אַליין ניט געוואוסט, וואו ער וויל מיט איהר געהן. ער האָט נאָר געוואוסט, אַז זיי דאַרפען אַוועק פון דער גאָס.

— קום צוריק צו דער מאַמען.
— וואָס וועט דער ברודער זאָגען?
— אַ, ער שלאָפט שוין ווי אַ געהרג׳עטער.

דער שרעק האָט איהר עטוואָס אָפּגעלאָזט. זי וועט זיין נאָהענט פון דער מאַמען און פון דעם ברודער.

זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט אין געסעל, וואו איהר מוטער׳ס שטיבעל איז געשטאנען. זי האט זיך געוואלט אנידערזעצען אויף דער פריזבע.

— עס איז צו קאלט אין דרויסען, — האט ער געזאגט. — קום אריין אין פארהויז.

— ניין, לאמיר זיצען דא.

זיי זיינען א ווײלע געשטאנען און גערעדט שטיל. דאן האט ער איהר צוגעצויגען צו זיך און געוואלט ארומנעהמען.

— ניט אין געסעל.

— טא קום אריין.

זי האט ניט געוואלט, נאר ער האט איהר גרינג אריינגעשלעפט אינעווייניג.

7.

פון דעם אבענד וואס יאנקעלע און יאסעלע האבען פארבראכט מיט בערקע פאיפעיאל ביי ביילקע די צאצקע אין שיינק, איז עפעס פארגעקומען מיט דער חברותא פון די צוויי גנבים. פריהער האבען זיי איינער אהן דעם אנדערן קיין טריט ניט געמאכט, וואו איינער איז געגאנגען איז איהם דער צווייטער נאכגעגאנגען. זיי זיינען געווען אנגעווארפען איינער אויפ׳ן אנדערן, ווייל קיינער האט מיט זיי ניט געהאט קיין מגע ומשא. נאר צייט דעם אבענד האבען זיי אליין ניט באמערקט, ווי איינער האט זיך געוואלט ארויסמאכען פון דעם צווייטען. עס האט זיך פלוצלונג ארויסגעוויזען, אז יעדער באזונדער פון זיי האט עפעס זיינע אייגענע עסקים.

דער ערשטער וואס האט אנגעהויבען צו פארשווינדען אויף גאנצע אבענדען איז געווען יאסעלע. אנפאנגס האט עס געהייסען, אז ער איז שלעפעריג, אדער פיהלט זיך ניט גוט, און דאן האט ער אנגעהויבען אפילו צו זוכען תירוצים.

יאנקעלע האט די ערשטע צייט ניט געוואוסט, וואו אהינצוטאן זיך. אין דער היים, מיט דער מאמען, איז איהם געווען ניט פרעהלאך. זי האט שטענדיג געמורמעלט, און הגם ער האט זיך וועגען איהר מורמלען ניט געקימערט, איז עס איהם געווען אומ־

אנגענעם, און ער האָט געווייכט פון דער היים, ווי ווייט ער האָט זיך געקענט העלפן. אַ פּאָר מאָל איז ער אַריינגעגאַנגען צו ביילקען אין שיינק, ניט ווייל ער האָט געוואָלט עפּעס עסן אָדער טרינקען, נאָר אַהין איז שוין געווען פאַר איהם אַן אויסגעטראָטענער וועג. בערקע פאיפעיאָל האָט איהם אַהין געעפענט די טיר און ער האָט זיך געפיהלט מעשה מענש, ווען ער איז אַהין אַריינגעגאַנגען.

געוועהנלאך האָט ער זיך געהייסען עפּעס דערלאַנגען צום עסען, און הגם ער איז געזעסען ווי אַ שטומער, האָט ער אַזוי לאַנג מאריך געווען אין זיין צובייסונג, ווי נאָר עס האָט זיך געלאָזט. פון צייט צו צייט האָט ער געוואָרפען אַ פּאַר׳גנב׳עטען בליק אויף מלכה׳ן, נאָר אַזוי גיך ווי זי האָט אַ קוק געטאָן אין זיין זייט האָט ער צוזאַמענגעפּרעסט די ליפּען, די אַקסלען האָבען זיך אַנגעהויבען צו קרימען און אויפ׳ן געזיכט האָט זיך באַוויזען אַ פּיינלאַכער אויסדרוק.

יאַנקעלע האָט קיינמאָל ניט געוואָגט צו זאָגען איהר אַ וואָרט. ער האָט ניט געוואָגט צו ווענדען זיך צו איהר, אַז מען זאָל איהם עפּעס דערלאַנגען. אויב ער האָט עפּעס געוואָלט, איז ער צוגעגאַנגען צו דער סטאַיקע און געזאָגט ביילקען וואָס ער וויל, און הגם ביילקע האָט גלייך געהייסען מלכה׳ן, אַז זי זאָל איהם דערלאַנגען, האָט ער ניט געהאַט דעם מוט צו ווענדען זיך צו איהר דירעקט. ער האָט געפיהלט, ווי עס פאַלט אויף איהר אַ פּחיתת־הכבוד, דערפאַר, וואָס זי דאַרף האָבען צו טאָן מיט אַזאַ נידעריגע בריאה, ווי ער איז.

אַ מאָל, אין אַ פּראָסטיגען ווינטער־אָבענד, איז ער געזעסען אין שיינק ביים טיש איבער אַ גוט איינגעפּרעגעלטע געגזענע פּאָלקע און האָט געגעסען זעהר שעמעוודיג. אין שענק איז געווען זעהר שטיל. ביילקע איז געזעסען הינטער דער סטאַיקע און האָט געשטריקט אַ זאָק. מלכה איז געזעסען ניט ווייט אויף אַ שטול און האָט געלייענט אַ אידישען ראָמאַן. די נייגעריגקייט וואָס איז געווען אויסגעגאָסען אויף איהר פּנים האָט געוויזען, אַז דער ראָמאַן האָט איהר פאַרכאַפּט דעם אָטעם. אויף איהר בלייכען געזיכט איז געווען אויסגעגאָסען אַ פאַרב און די אויגען זיינען געווען

צונטער רויט. ענדליך האָט זי אַריינגעטאָן דעם פינגער אויפ׳ן פּלאַץ, וואו זי האָט געהאַלטען אין לייענען, האָט אַ מיש געטאָן די בלעטלאַך און איז דורכגעלאָפען מיט די אויגען עטלאַכע שורות, דאַן האָט זי ווידער אַ מיש געטאָן אַ פּאָר בלעטלאַך, געלייענט אַ פּאָר מינוט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און צוריק אויפגעמישט, וואו זי האָט פריהער געהאַלטען.

פון דער הינטער־טיר איז אַריין אַ שיקסע מיט אָנגעפּאַרבטע באַקען. דער אומנאַטירלאַכער רויטער קאָליר איז ניט געווען צו־צוגעבען חן דער געזיכט, נאָר איז גיכער געברויכט געוואָרען אַלס אַ שילד, אַז מען זאָל וויסען, וואָס זי איז.

— פאַרמאַך די טיר! — האָט ביילקע אַ געשריי געטאָן און האָט זיך אַ קאַרטשע געטאָן פון קעלט.

די שיקסע האָט צוגעמאַכט די טיר, איז אַ פּאָר מאָל דורכ־געגאַנגען איבער׳ן צימער, נאָר יאַנקעלע האָט איהר אפילו קיין בליק ניט געשאָנקען.

— און איהר לייענט נאָך אַלץ? — האָט זי זיך געווענדעט צו מלכה׳ן.

מלכה האָט אפילו ניט געענטפערט.

די שיקסע האָט נאָך אַ פּאָר מאָל אַ דרעה געטאָן זיך איבער׳ן שטוב, האָט עטלאַכע מאָל אַ קוק געטאָן אויף יאַנקעלע׳ן, איז צו־געגאַנגען צו דער פאָדערשטער טיר, איז אַרוים אויף אַ ווײַלע אויפ׳ן גאַנעק און איז באַלד צוריק אַריין.

מיט איהר עפענען די טיר, האָט זיך דער פראָסט גענומען קייקלען פון אונטען איבער דער פּאָדלאָגע ווי אַ ווייסער רויך.

— אוה, קאַלט! — האָט זי געזאָגט.

— עס ווייזט אויס, דיר איז וואַרים. וואָס דרעהסטו זיך אַרום? — האָט ביילקע געזאָגט בייז.

— נו, שרייט ניט, שרייט ניט, — האָט די שיקסע געזאָגט, צו־געהענדיג צו דער סטאַיקע. קיינער איז ניטאָ. עס איז אומעטיג. ניט אַ פּעקעל פּאַפּיראָסען.

זי האָט זיך אָנגעבויגען און באַקומען פון זאַק אַ טיכעל, פון וואַנען זי האָט אַרויסגענומען אַ מטבע און דאַן ווידער באַהאַלטען דאָס טיכעל אין זאַק.

מלכה האָט פֿאַרמאַכט דאָס ביכעל, אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ פון ערלייכטערונג.

— געענדיגט? — האָט זיך די שיקסע אינטערעסירט.

— געענדיגט. — האָט מלכה געענטפערט צופרידען.

— ווען איך זאָל קענען לייענען! — האָט די שיקסע געזאָגט מיט קנאה.

— טאָקע נויטיג דאַרפסטו עס האָבען! — האָט זיך אַריינגע־מישט ביילקע און מיט'ן פּרוטאַק אַ קראַץ געטאָן דעם קאָפּ אונטער'ן פּאַרוק.

— איהר זיצט עפּעס גאָר אַליין. — האָט מלכה געזאָגט צו יאַנקלען.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי האָט פאַרצויגען מיט איהם אַ געשפּרעך.

ער איז געוואָרען פאַרשעמט און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן, און האָט נאָר אַרויסגעשטאַמעלט.

— עה—עה—עה.

— פּאַצאַפּע איהם, — האָט די שיקסע איהר אַריינגערוימט אין אויער, — ער האָט געלט.

— שווייג, דו נאַר! — האָט מלכה איהר אַ זאָג געטאָן בייז.

— אייער חבר האָט אייך איבערגעלאָזט. דאָס איז ניט שעהן פון זיין זייט.

— אָך, ער האָט עפּעס אָנגעהויבען פאַרפאַלען צו ווערען, — האָט ער, יאַנקעלע, זיך געפּאַסט מוטה און געענטפערט, און איז דערביי אַליין אויסגעוואַקסען אין זיינע אויגען.

— ער מוז זיין פאַרליבט! — האָט זי באַמערקט.

— פאַרליבט? חאַ־חאַ־חאַ! — האָט זיך יאַנקעלע צולאַכט.

יאַנקעלעס געלעכטער איז געוואָרען זויער. ער אַליין פלעגט געוועהנלאך רעדען מיט באַגייסטערונג וועגען יאָסעלע'ן, און ער פלעגט זיך פיהלען, ווי באַשמירט מיט פּוטער, ווען ער האָט גע־הערט אַ גוט וואָרט וועגען זיין חבר. נאָר ווען ער האָט עס איצט געהערט פון איהר, פון מלכה'ן, האָט זיך זיין פּנים פאַרקרימט און ער האָט קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסזאָגען.

דער געשפּרעך האָט זיך מעהר ניט געקלעפּט און ער איז באַלד אוועק אַהיים.

פון דעם טאָג אָן האָט שוין יאַנקעלע אָנגעהויבען צו זוכען תירוצים, ווי אַזוי ער זאָל קענען פּטור ווערען פון זיין חבר יאָסע־לע׳ן, און אַזוי גיך ווי ער האָט זיך פון איהם אַרויסגעמאַכט, איז ער אוועק צו ביילקע׳ן אין שיינק.

מיט יעדען טאָג איז זיין באַקאַנטשאַפט מיט מלכה׳ן אַלץ גרעסער געוואָרען. וואָס ווייטער, האָט ער אַלץ מעהר מוטה אָנגע־נומען צו רעדען מיט איהר, און ער האָט אויסגעמאַרקירט צו קומען אַהין, ווען דער שיינק איז געווען לעדיג. נאָר מעהר פון אַלץ האָט ער זיך געהיט ניט צו ווייזען זיך דאָרטען צוזאַמען מיט יאָסעלען. געוועהנלאַך ניט מעהר ווי יאָסעלע׳ס שאָטען, האָט יאַנ־קעלע אין דעם אַרויסגעוויזען אַ זעלטענע האַרטנעקיגקייט, און פיעל מאָל יאָסעלע האָט איהם געדופען צו ביילקע׳ן אין שיינק, האָט ער בשום אופן ניט געלאָזט איהם אַריבערטרעטען דעם שוועל — ער איז געווען גרייט צו געהן מיט איהם וואו ער וויל, נאָר ניט צו ביילקע׳ן אין שיינק.

— פאַר וואָס? מיר פלעגען דאָך געהן אַהין! — פלעגט יאָ־סעלע פרעגען פאַרוואונדערט.

נאָר יאַנקעלע האָט אויף דעם קיין תירוץ ניט געגעבען און האָט נאָר געענטפערט מיט עקשנות:

— איך וויל ניט און גאָר ניט.

דערפאַר איז ער געווען גליקלאַך, ווען ער פלעגט קומען אין אבענד אַליין און קיינעם ניט טרעפען אין שיינק. אָפט האָט ער מעהר ווי צעהן ווערטער ניט אַרויסגערעדט דעם גאַנצען אבענד, נאָר אַהיים איז ער אוועק אַ גליקליכער, מיט אַ לייכטע שכרות אין קאָפּ, ניט פון בראַנפען, נאָר פון עפּעס אַ געפיהל, וואָס האָט איהם געמאַכט גרינג די פיס און אַרויסגערופען אַ געזאַנג אין דער נשמה.

יאַנקעלע האָט אויסגעצייכענט געוואוסט, אַז ביילקע די צאַצ־קעס שיינק איז אָפט פאַר אַלעמען; אַז קיין אָנשטענדיגע מענשען פאַרשמעקען ניט אַהין; אַז יונים, קאַזאַקען, פויערים, זיינען די

דאָרטיגע באָזוכער און אויב איידער פּאַיפּעיאַל האָט איהם און זיין חבר אַהין אַריינגעפיהרט, וואָלט ער מורא געהאט אַהין אַריינצוגעהן, איז דאָס געווען ניט מחמת ער האָט געהאט דרך־ארץ פאַר'ן שיינק, נאָר וויל ער האָט געוואוסט, אַז מען רעכענט איהם אומעטום פאַר „אַ ווייסעל פון אַן אויג״ און מען וויל איהם ערגעץ ניט האָבען; נאָר צייט דער באַזוך מיט פּאַיפּעיאַל'ן איז די דאָזיגע מורא פאַרשוואונדען. ווען ער האָט באַלד נאָכדעם אָנגעהויבען צו באַזוכען דעם שיינק גאַנץ אָפט, האָט ער געזעהן, אַז ער איז דאָרטען אַן אָנגענומענער גאַסט. נאָר וואָס פריינדלאַכער מלכה האָט זיך אַרויסגעוויזען צו איהם, האָט זיך אַלץ מעהר צוריקגעקערט די מורא פאַר'ן שיינק. עס האָט איהם געצויגען צום שיינק ווי אַ מאַגנעט. אַלע זיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט מלכה'ן און ער וואָלט אַלץ אָפּגעגעבען צו זיין נאָהענט פון איהר, צו זיצען ביי אַ טישעל און וואַרפען פאַר'גנב'עטע בליקען אויף איהר, נאָר ווען ער פלעגט צוקומען נאָהענט צום שיינק, האָט איהם אויסגעוויזען, אַז ער געהט פאַרשוועכען אַ הייליגע זאַך. ער פלעגט זיך פּלוצים דערפיהלען אַזוי אומווירדיג, אַזוי שפּל'דיג, אַזוי קליין, אַז ער האָט זיך גענומען ציהען צוריק און פון דערווייטענס פלעגט ער קוקען אויף דער טיר פון שיינק, טאָמער וועט זי זיך ווייזען אויפ'ן שוועל און ער וועט קענען כאַפּען אויף איהר אַ בליק. ווי אַ קמצן איבער אַן אוצר האָט ער געציטערט איבער איהר, און ער האָט געקוקט מיט קנאה און מיט שרעק, ווען ער האָט געזעהן, ווי די געוועהנלאַכע באַזוכער פון דעם שיינק געהען אַריין אַהין מיט אַזאַ וואָכעדיגקייט, אַזוי ווי קיין מלכה וואָלט דאָרטען ניט געווען.

און יעדעס מאָל וואָס ער האָט געמאַכט האַרץ און איז אַריין אין שיינק, האָט ער זיך געפיהלט ווי אַ פאַרלאָרענער, ווי אַ זינדיגער. ער פלעגט זיך ווי איינקאָרטשען און אַנידערזעצען זיך אויפ'ן ערשטען לעדיגען פּלאַץ. ער האָט קיינעם ניט געזעהן, אַזוי ווי מלכה וואָלט פול געמאַכט די גאַנצע הויז. אפילו ווען ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען און געקוקט אויף זיינע שטיוועל, האָט ער פאַר זיך געזעהן מלכה'ן.

אַמאָל איז ער געקומען, ווען ביילקע די צאַצקע איז אין שיינק ניט געווען און פאַר'ן בופעט איז געזעסען מלכה. יאַנקעלע האָט

זיך פאַרלאָרען מעהר ווי אַלע מאָל און אַנידערגעזעצט זיך, ניט זאָגענדיג קיין וואָרט. אַ ווײַלע איז אַוועקגעגאַנגען שטיל. דאַן האָט מלכה באַמערקט:

— צייט איהר געהט אַריין אַהער, האָט איהר נאָך קיינמאָל ביי מיר קיין זאַך ניט באַשטעלט.

— איך וויל אייך ניט מטריח זיין, — האָט ער געענטפערט און דאָס הארץ האָט איהם אָנגעהויבען קלאַפּען האַסטיג.

— דאָס איז דאָך אונזער פּרנסה.

— יאָ, אָבער —

מלכה האָט אויסגעשטרעקט איהר האַלז, ווי זי זאָל בעסער וועלען הערען, וואָס ער זאָגט, נאָר ער האָט דעם זאַץ ניט געענדיגט.

— אָבער — וואָס? — האָט זי געפאָדערט.

— איהר עה, איהר עה, איהר זייט — האָט ער געשטאַמעלט און ניט געקענט אַרויסזאָגען וואָס ער מיינט.

— וואָס בין איך? — האָט זי זיך ניט איינגענומען.

— איהר ווייסט, אַז איך בין ניט ווערטה, איהר זאָלט מיר באַדינען — האָט ער פּלוצים אַרויסגעשאָסען.

— איך דאַנק אייך פאַר אייער קאָמפּלימענט, און דערפאַר טאַקע, וואָס איהר האָט וועגען מיר אַזאַ גוטע מיינונג זאָלט איהר פון היינט אָן ניט וואַגען צו ווענדען זיך צו וועמען־עס־איז, נאָר צו מיר.

אַ צופרידענער שמייכעל האָט זיך געוויזען אויף זיין געזיכט און ער האָט אָנגעהויבען צו רייבען די הענט פאַר פאַרגעניגען.

— וואָס זאָל איך אייך איצט דערלאַנגען? — האָט זי געפרעגט, איז אַרויס פון הינטערן בופעט און צוגעגאַנגען נעהענטער צו איהם.

— וואָס איהר וועט געבען וועט זיין גוט.

— אָה, איך האָב גאָר ניט געוואוסט, איהר קענט דאָך מאַכען קאָמפּלימענטען.

ער האָט ניט געוואוסט, וואָס קאָמפּלימענטען זיינען, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין ענטפער איז געווען אַ געראָטענער, און ער האָט דאָס ערשטע מאָל אָנגעקוואָלען פון זיך.

די טיר האָט זיך געעפענט און פּאיפּעיאַל איז ווי אַ ווינט אַריין אין שיינק.

— אַט דאָס הייסט אַ פּאָר טייבעלאַך. ווי איך בין אַ איד, קיין בעסערע פּאָר דאַרף מען גאָר ניט האָבן. כאַ־כאַ־כאַ! איהר ווילט גאָר אַנזעצען די שדכנים —

— אַז אַפּדאַרען זאָל איך דאָס מויל! — האָט מלכה געזאָגט און איז אַוועק צום בופעט.

יאַנקעלע איז אָנפאַנגס געווען מלא רציחה, ווען ער האָט דער־זעהן בערקע פּאיפּעיאַל אַריינקומען. ער האָט איהם איבערגעריסען דעם גליקלאַכען מאָמענט אין זיין לעבען און ער האָט איהם גע־וואונשען, אַז די ערד זאָל זיך אונטער איהם עפענען און איינ־שלינגען איהם, נאָר ווען ער האָט דערהערט וואָס פּאיפּעיאַל האָט געזאָגט, הגם ער האָט די אויגען דערביי אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט און ער איז געוואָרען אין כעס, פאַר וואָס ער האָט באַליידיגט מלכה׳ן, האָט אין דערזועלבער צייט זיין האַרץ געשלאָגען מיט וואַ־רימער דאַנקבאַרקייט צו פּאיפּעיאַל׳ן.

— נו, נו, וואָס זיצסטו ווי אַ חתן־בחור! הייס עפּעס דערלאַנ־גען! פאַר מיר, ברודער, דאַרף מען זיך ניט שעמען. איך בין אַ מענש, קאַטאָרי וועלכער, ווי מען זאָגט, מען דאַרף מיר קיין פינגער אין מויל ניט אַריינלעגען. נו, מלכה, וואָס האָסטו זיך פאַררוקט הינטער׳ן בופעט! אַהער דערלאַנג און לעג אַרויף אויפ׳ן טעלער. אַזאַ יאָהר אויף מיר, וואָס פאַר אַ מיידעל זי איז! אוי, ווען איך זאָל ניט זיין קיין באַשטאַטער.

ער איז צוגעגאַנגען צום בופעט און געשטעלט זיך פאַר מלכה׳ן.

— וואָס זאָגסטו, מלכה, ווען איך זאָל ניט זיין קיין באַ־שטאַטער, וואָלט איך געוואָרט, אַט אַזוי וואָלט איך פון —

ער האָט איהר געוואָלט אַרומנעהמען, נאָר זי האָט איהם אָפּ־געשטופּט.

— קיינער וויל ניט קיין באַשטאַטען — נו, מלכה, דערלאַנג.

ער האָט אָנגעוויזען מיט׳ן פינגער וואָס ער וויל, און מלכה האָט גלייך צוגעטראָגען צום טיש.

— חתן דומה לכלב, פוי! איך מיין למלך, — האָט ער אָנ־געהויבען.

— הערט אויף אייערע הינטישע שטיק! — האָט זיך מלכה צובייזערט.

— דו דערצעהלסט איהם מעשיות, אָבער ניט מיר. איך זעה אייערע אויגען, זיי רעדען דאָך מעהר ווי דיינע מעשיות, וואָס דו לייענסט —

— הייסט איהר, ער זאָל אויפהערען, איהר זייט דאָך א מאַנסביל.

— הערט אויף! — האָט שוין יאַנקעלע געבעטען, אז ניט וועל איך אנטלויפען פון דאַנען.

— שוין מעהר ניט! לחיים! הלואי איבער א יאָהר, מירצע שעם, — נו, שוין מעהר ניט. לחיים, גיב די האַנט. לחיים, מלכה, אָהן ווערטער, נאָר דו ביזט דאָך קיין נאַר ניט, און פאַרשטעהסט וואָס איך מיין. א ביסעל זאַלץ!

ער האָט אנגעקלאַפּט אָז איי אָן טיש, אָפּגעשיילט איהר אַזוי, אַז דער גאַנצער שאָלעכץ האָט זיך אראָפּגענומען מיט א מאָל, און בשעת ער האָט די איי געקייט, האָט ער זיך אָנגעבויגען צו יאַנקלען און געזאָגט:

— אַזאַ יאָהר אויף מיר, וואָס פאַר א מיידעל זי איז! נאָר דו זיי ניט קיין חזיר. זעהסט איהרע אויערען? זיי זיינען שעהן, האַ? מיט שעהנע אוירינגלאַך זיינען זיי נאָך שעהנער. זשאַלעווע ניט קיין געלט און קויף די שעהנסטע, וואָס דו וועסט קריגען, זי איז דאָס ווערטה.

— הערט אויף — האָט זיך יאַנקעלע געבעטען.

— דו נאַר, א מיידעל איז א בושת־פנים. עס איז שוין ביי זיי אַזאַ טבע. דו גיסט איהר א מאָל א קוש און זי גיט דיר א פאַטש, און זי מיינט עס ניט, פאַרקערט, דער פאַטש זאָגט, גיב נאָך א קוש. פאַרשטעהסט, איך בין פּאַיפּעיאָל, איך בין א כלי־זמר, דאָס הייסט, איך קען זיין א כלי־זמר, און איך ווייס וואָס איך רעד. מילא, אנטקעגען וואָס האָב איך דאָס געזאָגט?

— איך ווייס ניט.

— גנעה, רעד מיט אייך! אַ יאָ, איך ווייס שוין. מילאָ, ביי מיידלאַך איז שוין אַזאַ טבע, אָבער דו — דו זאָלסט זיך ניט קימערן. טו, וואָס איך הייס דיר און דו קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן. ניט אמת, מלכה? — האָט ער זיך פּלוצלונג אַ קעהר געטאָן מיט'ן געזיכט צום בופעט.

— וואָס?

— אַזוי ווי דו ווייסט ניט, אַזוי ועט דיר ניט שאַדען.

דאַן האָט ער זיך נעהענטער אַנגעבויגען צו יאַנקעלע'ן און איינגערוימט איהם אין אויער:

— די ממזרת, זי הערט יעדעס וואָרט. פאָלג מיר, זיי ניט קיין חזיר און קום, מיר וועלען ביידע עפּעס אויסקלייבען פאַר איהר, און דו וועסט נאָכדעם מיר דאַנקען.

— וואָס שושקעט איהר זיך דאָרטען? — האָט מלכה געפרעגט.

— אַהאָ! די אידענע איז אין איהר אַריינגעשפּרונגען.

— וועט זי... וועט זי נעהמען? — האָט יאַנקעלע געשטאַמעלט.

— אַז מען גיט נעהמט מען — האָט זיך פּאַיפּעיאָל צולאַכט. — האָסטו ווען געזעהן אַזעלכע נאַראָנים, וואָס זאָלען ניט וועלען נעהמען, אַז מען גיט. אדרבה, איך וואָלט אויף אַ טשיקאַוועס וועלען זעהן אַזעלכע יאָלדען.

יאַנקעלען האָט זיך אָפּגעריסען אין האַרצען פון דעם לאַכען. זי וועט זיך אָנשטויסען, אַז דאָס רעדען זיי וועגען איהר און ער וועט זיך שוין מעהר ניט טאָרען ווייזען אויף איהרע אויגען. וואָס פאַר אַ רעכט האָבען זיי צו רעדען וועגען איהר! ער האָט מיט אַ תחנונים־בליק געקוקט אויף פּאַיפּעיאָל'ן, אַז ער זאָל אויפהערען צו לאַכען און דאַן האָט ער זיך האַסטיג אַ הויב געטאָן און געזאָגט שטיל:

— קומט!

— מיר וועלען באַלד קומען צוריק, — האָט פּאַיפּעיאָל געזאָגט.

— איז ניט אַ סברא, אַז איהר זאָלט וואַרטען, ביז איך וועל נאָך אייך שיקען? — האָט מלכה געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו פּאַיפּעיאָל.

— אוי, דיין צינגעל, ער זאָל דיר נאָר אָפּדאַרען. דו וואָלסט דאָך געווען דאָס בעסטע מיידעל אין דער וועלט.

— פון מויל אין בוזים איז נעהענטער.

— נו, נו, זיי ניט אַזוי שלעכט, — האָט פּאַיפּעיאַל געזאָגט. — געדענק מיין וואָרט, אַז דו וועסט זיך דערפרעהען, ווען דו וועסט אונז באַלד ווידער זעהן.

— קומט! — האָט יאַנקעלע איהם אַ שלעפּ געטאָן, מורא האָ־בענדיג, אַז ער זאָל זיך ניט אויסרעדען.

ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, איז מלכה מיט אַ שמייכעל צוגעגאַנגען צום פענסטער און נאָכגעקוקט, וואו זיי געהען. זי האָט געכאַפּט עטליכע ווערטער און האָט זיך אַנגעשטויסען, וואָס זייער איצטיגער גאַנג באַדייט, און האָט זיך נאָר געוואָלט איבער־צייגען, אַז זי האָט קיין טעות ניט געמאַכט

עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז פּאַיפּעיאַל איז צוריק אַריינגעקומען אין שיינק. און אַריינגעקומען איז ער אַליין. פּאַי־פּעיאַל האָט בשום אופן ניט געקענט פּועל'ן ביי יאַנקעלע'ן, אַז ער זאָל אויך אַריין מיט איהם. יאַנקעלע האָט אפילו קיין האַרץ ניט געהאַט צו בלייבען אין מאַרק.

— וואָלסטו זיך ווען געגלויבט, אַז מען זאָל פאַר דיר אַזוי מורא האָבען? — האָט פּאַיפּעיאַל געפרעגט מלכה'ן.

— דאַכט זיך, איך בייס זיך ניט — האָט זי געענטפערט.

— אֵי, האָט יאַנקעלע מורא פאַר דיר!

— מסתמא האָט ער אָפּגעטאָן עפּעס אַ שלעכטע זאַך.

— דווקא ניט קיין שלעכטע. אַט זעהסטו דאָס רינגעלע? גע־פעלט ער דיר?

מלכה האָט זיך אַ קרים געטאָן.

— וואָס? דער רינגעלע געפעלט דיר ניט? — האָט פּאַיפּעיאַל אויסגערופען ערשטוינט.

— וואָס מאַכט עס אייך אויס, צי עס געפעלט מיר צי ניט?

— אַה, עס מאַכט זעהר אויס. מיר קענען עס אומבייטען.

— איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איהר שטעלט אַזוי פיעל אויף מיין געשמאַק.

— דו גנב׳טע, דו קיסלערטע! — האָט ער פּלוצים אויסגע־שאָסען אין אַ געלעכטער. — וואָס מולירסטו אַ קאָפּ! אוי, דיינע גנב׳ישע אויגען! ווי איך בין אַ איד, ווען איך וואָלט זיך ניט פאַרדרעהט מיט מיין פּלונית׳טע...

— איך ווייס ניט וואָס איהר לאַכט.

— קוק איהר נאָר אָן! זי פאַרשטעהט נעבאך ניט. דאָס איז דאָך פאַר דיר.

— פאַר מיר? איך דאַרף ניט אייער רינגעלע.

— מיין רינגעלע? ווי קום איך צו געבען רינגעלאך? פון וואַנען זאָל איך עס נעהמען? דאָס האָט דיר יאַנקעלע געשיקט. פאַרשטעהסט, יאַנקעלע!

— איך האָב ביי איהם קיין רינגעלע ניט געבעטען.

פאַיפעיאל האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ. משמעות, אויף אַזאַ ענטפער האָט ער זיך ניט גערעכנט. עטליכע סעקונדען איז ער געבליבען שטעהן מיט אַ נאַרישען שמייכעל, אָהן ווערטער. דאַן האָט ער געזאָגט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נאַפּאַסטש! ניט וועלען אַ רינ־געלע?

— וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט מיר, צו געבען מיר רינ־געלאך?

— הערסטו, ער וויל ווערען אַ מחותן. נאַר, ער געהט אוים פאַר דיר. דו האָסט געדאַרפט זעהן, ווי קיין זאַך איז איהם ניט געננוג פאַר דיר, ווען ער האָט גענומען זוכען עפּעס אַ חפץ פאַר דיר. ער וועט דאָך אויף די לאַפּקעס קריכען פאַר דיר, ער וועט דיר דאָס טעלערעל פון הימעל פאַרשאַפען.

מלכה האָט זיך פון איהם אָפּגעקערט און איז צוגעגאַנגען צום בופעט.

— וואָס מאַכסטו זיך נאַריש, מלכה! — האָט פאַיפעיאל שוין געזאָגט אומצופרידען. וואָס איז, ער בעט ביי דיר עפּעס? ער פאַרלאַנגט פון דיר עפּעס? גאָר ניט, ער וויל דיר מאַכען אַ מתנה. ער האָט דערפון הנאה, און דו לעגסט צו דעם מסחר גאָר ניט צו.

— זאָגט איהם, אַז ער זאָל אַליין קומען.

— ווערסטו איהם געבען אַזאַ קאַלטען ברוך־הבא ווי מיר? דו האָסט דאָך מיר מיט אַ קאַלטען עמער וואַסער אָפּגעפּליוכעט.

— זאָל אייך ניט אַרען, וואָס איך וועל איהם זאָגען.

— גוט! — האָט פאַיפּעיאָל אויסגערופען דערפרעהט פון דעם נייעם געדאַנק, וואָס איהם איז איינגעפאַלען. נעהם דאָס רינגעלע און איך וועל איהם גלייך שיקען.

— רעדט צו דער וואַנט, — האָט מלכה געענטפערט און אָפּגע־קערט פון איהם דעם קאָפּ.

— צייט איך לעב, צייט איך שטעה אויף מיינע פיס, העד איך דאָס ערשטע מאָל, אַז מען זאָל ניט וועלען נעהמען אַ גוטע זאַך, ווען עס קאָסט ניט קיין געלט. פוי זאָלסטו ווערען!

און מיט די ווערטער איז ער אַרויס פון שיינק.

יאַנקעלע האָט היבשע עטליכע טעג ניט געוואַגט צו ווייזען זיך פאַר ביילקע'ן אין שיינק. ער האָט אָנגענומען זיין אַלטע מע־טאָדע פון פאַרעהרונג און פלעגט זיך שטעלען אַז אַ זייט אין מאַרק און קוקען פון דערווייטענס מיט קנאה'דיגע אויגען, ווי די באַזוכער פון דעם שיינק פלעגען אַריין און אַרויס.

איין מאָל, ווען ער איז אַזוי געשטאַנען מיט די הענט אין די קעשענעס און מיט אויגען איינגעגעסען אין דער טיר פון שיינק, איז פון הינטען אָנגעקומען מלכה און אויסגלייכענדיג זיך מיט איהם, האָט זי באַמערקט:

— שוין אַ צייט ניט געווען ביי אונז. פאַר וואָס זעהט מען אייך ניט?

זי האָט ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער און געלאָזט זיך געהן צום הויז. ער האָט עפּעס אַ מורמעל געטאָן אַלס ענטפער, און איז איהר שטיל נאָכגעגאַנגען און איז אַריין נאָך איהר אין שיינק.

— איך האָב געמיינט, — האָט ער אָנגעהויבען צו ערקלערען איהר די אורזאַכע, נאָר ער האָט מעהר ניט געקענט אַרויסרעדען.

אין שיינק איז געווען שטיל. די מאַמע איז געווען באַשעפטיגט אין קיך און זי האָט זיך נאָר אויף אַ מינוט באַוויזען ביי מלכה'ס

אריינגאנג און מיט א באמערקונג: „וואו ביזטו דאס ארויסגעלאָ־פען? איך בין פארנומען אין קיד", איז זי צוריק פארשוואונדען.

— בין איך ניט געווען פריינדלאך צו אייך? — האט מלכה געפרעגט ביי יאנקעלע׳ן, וועלכער איז געשטאנען, ווי א פאר־משפט׳ער מיט אן אראפגעלאזטען קאפ און געביטען זיין געוויכט פון איין פוס אויפ׳ן צווייטען.

— אה, נאך ווי פריינדלאך! מיין מאמע אפילו וואלט מיר אפילו קיין בעסערע פריינדלאכקייט ניט געקענט ווייזען. קיינער איז צו מיר אזוי פריינדלאך ניט געווען, ווי איהר, — האט ער גע־זאגט מיט ווארעמקייט.

— אויב אזוי, פאר וואס האט איהר מיר באליידיגט? — האט זי געפרעגט און געקוקט איהם גלייך אין געזיכט.

— איך — אייך?

— פאר וואס האט איהר מיר געשיקט א רינגעלע דורך פאי־פעיאל׳ן?

ער האט אנגעהויבען צו מורמלען און שטאמלען, צו שלינגען הארט און עס איז געווען אונמעגלאך צו פארשטעהן, וואס ער מיינט.

— אויב איהר ווילט מיר קויפען א מתנה, קען איך ניט פאר־וועהרען, נאר איהר דארפט ניט צופויקען עס איבער אלע גאסען.

— וועט איהר נעהמען? — האט יאנקעלע אויסגעשריען אויסער זיך פאר פרייד. — איך וועל.... איך וועל....

ער האט האסטיג ארויסגעכאפט דאס רינגעלע און דערלאנגט איהר —

— א רינגעלע דארף מען פאסען אויף א געוויסען פינגער — און דאס רינגעלע איז אפשר גוט פאר פאיפעיאל׳ס פינגער.

יאנקעלע האט איצט דערפיהלט, אז די וועלט איז עפעס ברייי־טער געווארען, אדער ריכטיגער, אז אין איהם גופא איז באשאפען געווארען א נייע וועלט. זיין דערשלאגענער מוטה האט זיך מיט אמאל א הויב געטאן און ער האט פאר זיך דערזעהן אזא הויכ־קייט, ברייטקייט און ווייטקייט און עס איז געווען א פארגעניגען צו שוועבען אהן א שטער, אהן אן אפהאלט. נייע פארלאנגען,

נייע באַגעהרען, נייע חלומות האָבען זיך געשטויסען איינע נאָך די אַנדערע, און דער צענטער פון דעם אַלעם איז געווען מלכה. אַלע זיינע געדאַנקען, אַלע זיינע מחשבות זיינען געווען פאַרנומען מיט איהר.

די ערשטע צייט האָט ער געלעבט מיט איין שטרעבונג, צו פאַרשאַפען איהר פאַרגעניגען, נאָר ער האָט ניט געקענט אויס־טראַכטען קיין אַנדער פאַרגעניגען פאַר איהר, ווי מאַכען איהר מתנות. זיין ליעבע צו איהר איז געווען מעהר א ווייבערישע, ער איז געווען מעהר דורכגעדרונגען מיט א געפיהל צו אָפּפערן פאַר איהר, צו וועקען איהר רחמנות. ער האָט קיין מאָל ניט געוואַגט צו געבען איהר א קוש, צוצודריקען איהר צו זיך. ווען ער איז געזעסען זעהר נאָהענט צו איהר און די ווארימקייט פון איהר קערפּער האָט אריינגעשיקט עלעקטרישע שטראָמען אין זיינעם און אַרויסגערופען א ציטער ביי איהם, האָט ער דערביי געסטאַרעט זיך צו מאַכען א מינע, ווי אַזוי זיין זעצען זיך נאָהענט נעבען איהר וואָלט געווען ניט געמיינט בכיון, עפּעס אַזוי צופעליג, און ער וואָלט קיינמאָל ניט געוואַגט צו רויבען אביסעל ווארימקייט פון איהר קערפּער. ער איז געווען גליקלאַך צו זיצען אין א ווינקעל און באַטראַכטען איהר, צי זי טוט עפּעס אין שיינק און ווי איהר לאַנגער צאָפּ טאַנצט אַרום איבער איהר פּלייצע ביי איהר יעדען קעהר און ריהר. איהר קעהר און ריהר איז געווען א לעבעדיגער, אַן ענערגישער. ער האָט משונה הנאה געהאַט ווען ער האָט גע־הערט, ווי זי בריהט אָפּ פאַיפּעיאַלין, הגם אין דער זעלבער צייט האָט איהם ווערה געטאָן צו זעהן, ווי ער האַלט זיך פריי מיט איהר.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לאַנגע קאַריערע פון גנבה, האָט ער אָנגעהויבען צו דיינקען וועגען זיין פּראָפעסיע. עס האָט איהם געעגבערט דער צווייפעל, צי אַזא הויכע ווען, ווי מלכה, קען זיך אַזוי ווייט ערנידעריגען און ליעבען איהם, אַזא פּחות שבפּחותים, און צי וועט ער ניט שטעמפּלען איהר מיט אַזא שאַנד־פלעק, פון וועלכען זי וועט זיך קיינמאָל ניט אָפּוואַשען.

אַזעלכע געדאַנקען האָבען איהם געוועהנלאַך געמאַטערט, ווען ער איז ניט געווען נעבען איהר, דאָס רויב אין אָבענד, ווען ער

פלעגט ליגען און ניט קענען איינשלאפען אין בעט. דעמאלט פלעגט עפעס א שווארצער פליגעל אויסשפרייטען זיך איבער זיינע אינערלאכע אויגען, און אלע זיסע האפנונגען, אלע גליקלאכע ערינערונגען, אלע פרעהלאכע פארבען, וואס די פאנטאזיע האט פאר איהם געמאלען, זיינען ווי אפגעווישט געווארען. אין אזעלכע מאמענטען האט ער זיך טויזענטער מאל איבערגעפרעגט, וואס אזוינס ער קען טאן, אז ער זאל זיין ווערט איהר ליבע, און אויף דעם האט ער קיין ענטפער ניט געקענט געפינען. אפט האט ער ביי זיך אפגעמאכט צו פארלאזען זיך אין גאנצען אויף איהר. ער וועט איהר דערצעהלען, וועלכע ספקות עס פייניגען איהם און זאל זי איהם געבען די עצה, וואס צו טאן. זי איז אזא קלוגע! נאר אויף מארגען, ווען ער איז געקומען צו איהר, זיינע אלע ספקות פארשוואונדען, און ווידער האבען די האפנונגען איהם געשיינט, און ווידער האט אלץ אויסגעזעהן אזוי גלאט און פרעהלאך.

ווען זיי האבען געשמועסט, איז אויף אלע פראזען, וואס דערמאנען גנבה, געווען א חרם. נאר עס איז געווען שווער זיך איינצוהאלטען. א מאל איז ער געקומען אין שיינק זעהר אויפגעלעגט, זיין באנעמען און זיין שמייכלען האט באוויזען, אז ער האט עפעס אן איבערראשונג פאר איהר. אין זיין געהויבענער שטימונג איז ער געגאנגען אזוי ווייט, אז ער האט איהר אפילו א פאר מאל אנגענומען פאר'ן לעמפעל פון אויער. זי האט זיך גלייך אנגעשטויסען וואס דאס באטייט און האט ענדלאך געזאגט:

— נו, ווייז שוין, וואס דו האסט געבראכט.

— קיין זאך ניט, — האט ער געזאגט מיט א מינע, ווי ער ווייסט ניט פון וואס צו זאגען. נאר אין דערזעלביגער צייט מיט א באהאלטענעם שמייכעל אין ווינקעל מויל.

— ווייז שוין!

— נא זוך! — זאגט ער און שטעלט אוים די קעשענעס און ווייזט דייטלאכער ארוים דעם שמייכעל אין ווינקעל מויל.

זי זוכט ניט אין די קעשענעס, וואס ער שטעלט אוים, נאר רוקט אריין די האנט אין זיין בוזים־קעשענע און שלעפט ארוים א קליין פודעלקע.

— דו ג'נ'—!

ער האָט איהר געוואָלט מאַכען אַ קאָמפּלימענט און האָט זיך איבערגעהאַקט אין מיטען וואָרט. זיין געזיכט איז געוואָרען בלייכער ווי געוועהנלאַך און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען צו דער ערד. די גרויסע שמחה האָט זיך געענדיגט מיט אַ האַרץ־וועה.

מלכה האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג. זי האָט דערווייל געעפענט די פּודעלקע און דערזעהן אַ גאָלדען זייגערל.

— אַה, וואָס פאַר אַ מתנה! — האָט זי אויסגעשריען מיט מעהר התפּעלות, ווי זי האָט געהאַט בדעה אַרויסצעווייזען, כדי צו פאַרטרייבען דעם שווערען איינדרוק.

זי האָט איהם אַרומגעכאַפּט מיטביידע הענט אַרום האַלז, געגעבען איהם אַ קוש און איז אַרויסגעלאָפען.

דאָס איז געווען דער ערשטער קוש, וואָס זי האָט איהם געגעבען, נאָר אפילו דער קוש האָט איצט ניט געהאַט די מאַגישע מאַכט צו פאַרטרייבען די וואָלקען, וואָס האָבען זיך גענומען פון אַן אומפאַרזיכטיגען אויסגעשריי, און פון אַזעלכע אויסגעשרייען, באַמערקונגען, ווערטלאַך איז געווען שווער זיך אויסצובאַהאַלטען, און זיי זיינען געווען די פליגען, וואָס האָבען פון צייט צו צייט פאַרדאַרבען דעם בוימאייל.

8.

עס איז געווען אַ יריד אין שטעדטעל. צו דעם יריד האָט מען זיך געריכט וואָכען לאַנג ניט נאָר אין שטעדטעל, נאָר אויך אין די אַרומיגע שטעדטלאַך. דער גאַנצער מאַרק איז געווען פאַרשטעלט מיט וועגען אַזוי, אַז ערטערווייז האָט מען געדאַרפט קריכען איבער די רעדער פון די וועגען צו געפינען אַ דורכגאַנג. די שטופּעניש, די שפּאַרעניש, דער געדראַנג איז געווען מעהר ווי אין אַ געוועהנלאַכען מאַרק־טאָג. די לופט איז געווען פול מיט פאַרשידענע קלאַנגען: די קירזשנער האָבען אויסגערופען זייער סחורה און געוויזען היטלען מיט שוואַרצע גלאַטע ברילעקעס, די שוסטער מיט געלבלאַכע שטיוועל, לעדער קאַליר, איבער'ן רעכטען אַקסעל און איבער די הענט, האָבען זיך געדרונגען מיט די פּויערים, געשריען, געט'טענה'ט, געזידעלט, געטריבען און דאַן צוריקגערופען.

קליבאַנע בעטלער זיינען געזעסען פאַר אַ שיינק מיט אַלטע ביבלאָך, פאַרשמירטע בלעטער און מיט גרויסע סלאַוויאַנישע אותיות אין די הענט און געזונגען מיט יענעם רוסישען סקאַרבאַווען נגון, וואָס איהר ווייסט ניט צי איז דאָס אַ געוויין, אַ קרעכץ אָדער אַ געבעט. זייערע טאָרבעס זיינען געווען אָפען און פון דאָרטען האָבען אַרויס־געסטאַרטשעט סקיבעס ברויט, שטיקער חזיר, לאַנגע בולקעס און דאָס גלייכען. די תבואה־הענדלער מיט פאַנאַנדערגעשפּיליעטע לעטניקעס, מיט שטרויהעלאַך צווישען די ציינער, מיט פאַררוקטע היטלען זיינען געקראָכען איבער די וועגען, געטאַפּט אין די זעק און געדונגען זיך מיט די פּויערטעס, וועלכע זיינען געזעסען אין די וועגען מיט די יום־טוב'דיגע העל־קאָלירטע טיכלאַך איבער'ן קאָפּ, מיט די פּאַטשיילעס איבער דער פּלייצע און מיט גרויסע שטי־וועל אויף די פיס. די פערד האָבען געהירזשעט, דאָ און דאָרטען האָט אַ חזיר, צוגעבונדען פאַר איין פיסעל מיט אַ שטריק צום וואַגען, געבראַקעט, געקוויטשעט. דער קאַנאַוואַל, אין אַ רויטער העמדעל, מיט אַ פּעך שוואַרצע באָרד און פייערדיגע אויגען, איז אַרומגעגאַנגען און געקלאַפּט מיט זיינע אינסטרומענטען, וואָס האָ־בען גיכער אויסגעזעהן ווי משונה'דיגע שליסלען. פון די אייזענ־קראָמען האָט זיך געהערט אַ קלאַפּעריי פון שווערע האַמערס אי־בער אייזערנע שטאַנגען. פון יעדען ווינקעל, פון יעדען וואַגען האָט זיך געהערט אַן אַנדער קלאַפּ, און זיי אַלע האָבען זיך צוזאַ־מענגעגאָסען אין איין שטענדיגען, אומאויפהערלאַכען גערויש, גע־פּילדער, רעש, אַז מען האָט ניט געקענט גוט הערען איינער דעם צווייטען, הגם יעדער האָט גערעדט אויפ'ן אויבער, מיט יענעם קול וואָס דערמאַנט שוין הייזעריגקייט.

נאָר אין מארק טאָג פּלעגען איצט יאַנקעלע און יאָסעלע אַרומ־געהן צוזאַמען. אַ גאַנצע וואָך האָט איינער אויסגעמיטען דעם צווייטען. יאַנקעלע האָט זיך נאָך ניט באַפרייט פון דער באַוואונ־דערונג, וואָס ער האָט געהאַט פון זייער ערשטער באַקאַנטשאַפט אַן פאַר זיין חבר, און ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל ביי איהם ניט אויסכאַפּען זיין מלכה'ן. ביי איהם איז קיין צווייפעל ניט געווען, אַז ווען נאָר יאָסעלע און מלכה זאָלען האָבען די געלעגענ־

הייט צו באַקענען זיך נעהענטער, וועט ער איהר בעסער געפעלען ווערען און ער האָט געטאָן וואָס ער האָט געקענט, אַז זיי זאָלען זיך ניט באַקענען נעהענטער. ער איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט די געדאַנקען, אַז ער האָט ניט געזעהן און ניט באַמערקט, וואָס עס קומט פאָר צווישען זיין חבר און זיין שוועסטער. ער האָט ניט געזעהן און ניט באַמערקט, ווי זיין שוועסטער האָט פאַרלאָרען איין שטעלע נאָך דער אַנדערער, ווי צו יעדער צייט אין טאָג, אין אָבענד, אין דער נאַכט, וואַקסט זי פּלוצים אויס אין אַפּגעלעגטע ווינקלען, וואו עס וויינט זיך אויך שפּעטער יאַסעלע, און אַ מאָל ליגט זי פאַר זיינע פיס אין דעם ראַי פאַר דעם מאָהילניק און ער ערלויבט איהר צוטוליען זיך צו איהם, צו קושען איהם ליי־דענשאַפטלאַך, און אַ מאָל פּאַטשט ער איהר און שטויסט איהר פון זיך, און מיט שטילע טרעהרען בעט זי זיך: „פאַר וואָס, יאַסעלע?“ יאַנקעלע האָט קיין זאַך ניט געזעהן און קיין זאַך ניט באַמערקט און איז געווען איבערצופרידען, וואָס ער באַגעגענט זעלטען זיין חבר אין מיטען וואָך, און נאָר אין מאַרק זיינען זיי אַרומגעגאַנגען ביידע צוזאַמען, יעדער מיט זיינע באַזונדערע געדאַנקען, יעדער מיט אַ באַזונדער טריב.

— העי, יאַנקעלע, דו ביזט דאָך עפּעס ביי מיר אַ גאַנצער כוואַט געוואָרען! ווי קומט עס צו דיר? — האָט יאַסעלע געפרעגט האַלב איראָניש, ווען ער האָט געזעהן, ווי יאַנקעלע האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אַרויסצושלעפּען אַ בייטעל פון די פּלודערן ביי אַ פּויער.

יאַנקעלע האָט איצט געוואוסט, אַז מתנות פאַרשאַפען מלכה'ן פאַרגעניגען, און ווען דער מאַרק־טאָג האָט זיך אָנגעהויבען איז ער געווען דורכגעדרונגען מיט איין געדאַנק, צו שאַפען וואָס מעהר מיטלען פאַר אַזעלכע מתנות. ער האָט דעריבער געוואַגט אַ סך מעהר, ווי פריהער.

— און דו מיינסט, אַז דו ביזט דער איינציגער כוואַט, — האָט יאַנקעלע זיך אָפּגעביסען דערפאַר, וואָס זיין פאַרזוך האָט איהם ניט געלונגען.

זיי זיינען געווען ביידע פאַרשוויצט, די היטלען פאַררוקט טי־פער צו דער פּאַטילניצע און הגם דער יריד האָט אַרום געקאָכט און

עס איז איצט ניט געווען קיין צייט פאר שטעך־ווערטלאך, האט דאך יאסעלע ניט געקענט דולדען, אז דער חבר, וואס האט שטענדיג צו איהם פאררייסען די אויגען, זאל איהם ענטפערען אנטקעגען. אין זיינע אויגען האט זיך באוויזען א פייערל און ער האט געזאגט:

— אהא! דאס האט די צאצקע געמאכט פון דיר אזא בריה!

יאנקעלע איז בלייך געווארען. דאס איז געווען דער ערשטער מאל, וואס ער האט געהאט אן אנצוהערעניש וועגען זיינע פאר־העלטנישען מיט מלכה'ן, און דער נאמען „צאצקע" האט איהם אזוי אויפגעקאכט, אז ער האט עטלאכע סעקונדען ניט געקענט אויסרעדען א ווארט. דאן איז אויף איהם פלוצים אנגעפאלען א מורא. ער האט נאר ניט געענטפערט און איז אפגעטראטען אויף אן אנדער זייט.

ער איז געווען אזוי אויפגערודערט, אז שטונדען־לאנג האט ער ניט געקענט קומען צו זיך, און אויב ער האט זיך געשטופט צווישען די פויערים איז דאס געווען מעהר מעכאניש. ער איז געווען פארנומען מיט די גערדאנקען, ווי אפצורעכענען זיך מיט יאַ־סעלע'ן און ווי צו מאכען איהם אומשעדלאך. פארשידענע פלענער זיינען איהם איינגעפאלען, נאר די פלענער זיינען ניט געווען אזעל־כע, וואס ער האט געקענט טאן, נאר וואס ער האט געוואלט טאן, ווען ער זאל האבען די נויטיגע מיטלען.

ווען ער האט זיך א ביסעל בארוהיגט, איז שוין דער יריד שטילער געווארען. די שטיקעניש און ענגשאפט אויפ'ן מארק איז שוין אריבער. די קליבאנער בעטלער האבען שוין געזונגען אהן חשק. חעמקע דער שוסטער איז ארומגעגאנגען מיט איין פאר האלב־ווייס־האלב־געלע שטיוועל אויפ'ן ארעם. דאס איז געווען אלץ, וואס איהם איז געבליבען פון דעם יריד און ער איז געווען זעהר אויפגעלעגט און האט צופרידען ארומגעשפרייזט, און ווען ער האט זיך איצט געווענדעט צו א קונה איז שוין ניט געווען מיט'ן צוועק צו פארקויפען דאס לעצטע פאר שטיוועל, נאר צו האבען א ביסעל נחת, און זיין נוסח צו די פארבייגעהער האט זיך געענ־דערט. מיט א האלב־זינגענדיגען קול האט ער זיך געווענדעט צו יעדען פויער: „פוליאי אי בודזשע סמערטש" אנשטאט דעם

פריהערדיגען נוסח „קופּליאַי אי בודזשעש אימעטש" און ער האָט ממש אָנגעקוואָלען פון דער הצלחה און געריבען זיך די הענט און געוואונקען מיט די אויגען.

יאַנקעלע האָט זיך איצט מיט פאַרצווייפלונג גענומען צו זיין אַרבייט. ער האָט איצט געוואָלט אָפּכאַפּען פאַר וואָס ער האָט פריהער ניט געטאָן. זיינע אויגען זיינען אַרומגעשפּרונגען פון איין פויער אויפ'ן צווייטען און אָפּגעמאָסטען יעדען פון קאָפּ ביז די פיס און איבערהויפט די קעשענעס. עטלאַכע מאָל האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן מיט אימפּעט, ווען ער האָט גערענקט, אַז ער זעהט אַ קרבן און האָט זיך געריבען אַרום דער קעשענע פון דער סער־מינקע און געטאַפּט די קעשענע פון די פּלודערן, נאָר די אַרבייט איז געווען אומזיסט.

ענדלאַך האָט ער באַמערקט, ווי אַ פויער האָט געמאָסטען אַ היטעל זיין קליינעם שייגעץ אויפ'ן קאָפּ. ער האָט זיך געשטעלט ניט ווייט פון איהם און צוגעקוקט זיך, פון וואַנען ער וועט אַרויס־נעהמען זיין בייטעל. ווען דער פויער האָט פאַרקאַשערט די פּאָלע און האָט אַרויסגענומען דאָס בייטעל, האָט זיך יאַנקעלע צוגערוקט נעהענטער, נאָר ער האָט גלייך באַמערקט אַ שלעכטען בליק ביים קירזשנער אין די אויגען און ער איז אָפּגעטראָטען צוריק און איז געבליבען שטעהן פון דערווייטענס. דער קליינער שייגעץ איז געווען אַ שטער, ווייל דער פויער האָט דאָס בייטעל אַריינגעלעגט אין דער רעכטער קעשענע אין די פּלודערן, און ער האָט מיט דער רעכטער האַנט אָנגענומען זיין אינגעל פאַר'ן הענטעל און האָט זיך מיט איהם אַזוי געלאָזט געהן צום וואָגען. אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך צווישען זיי דורכגעשפּאַרט און צושיידט דעם פאָטער מיט'ן אינגעל, נאָר זיי האָבען זיך ביידע גלייך אַ קעהר געטאָן און ווידער זיך אָנגענומען פאַר די הענט. יאַנקעלע האָט אַזש גע־קריצט מיט די ציינער פאַר כעס. ער איז געווען מלא רציחה אויפ'ן קליינעם שייגעץ. פאַר כעס האָט יאַנקעלע אַ דרעה געטאָן מיט'ן עלענבויגען און אַרונטערגעריסען דאָס נייע היטעל פון דעם שייגעץ. נאָר דאָס האָט איהם אויך גאָר ניט געהאָלפען. דער שייגעץ האָט עס גיך אויפגעהויבען, אַרומגעווישט מיט'ן אַרבעל דעם שטויב

און טיפער אַרויפגעזעצט אויף'ן קאָפּ אַזוי, אַז נאָר דאָס ברייטע ציבעלע־נעזעל האָט זיך אַרויסגעזעהן פון אונטער דעם שוואַרצען ברילעק.

— ניע פּיכאַיסיאַ זשיד! — האָט דער פּויער געזאָגט מיט כעס צו יאַנקלע'ן, און האָט בייז אַ שלעפּ געטאָן דאָס אינגעל פאַר'ן הענטעל.

יאַנקעלע איז אויף אַ ווײַלע אָפּגעטראָטען אַן אַ זייט, נאָר ער האָט שוין דעם פּויער פון די אויגען ניט אַראָפּגעלאָזט.

לאַנג האָט ער ניט געדאַרפט וואַרטען. ווען דער פּויער איז צוגעקומען צו זיין וואָגען, האָט ער אַהין אַרייננגעזעצט זיין אינגעל, האָט אַ ווײַלע געדעדט מיט זיין ווייב, און דאַן האָט ער זיך געלאָזט געהן אין שיינק.

יאַנקעלע האָט איצט אויף קיין זאַך ניט געקוקט, אַזוי ווי עס וואָלט איהם געגאַנגען אין לעבען צו באַקומען דאָס בייטעל, ער האָט אָוועקגעוואָרפען יעדע פאָרזיכטיגקייט אַן אַ זייט, און אַזוי גיך ווי דער פּויער האָט זיך געדאַרפט דורכשפּאַרען דורך עטליכע מענשען, וואָס האָבען פאַרשטעלט דעם וועג, האָט זיך יאַנקעלע צוגעקלעפּט צו זיין רעכטער זייט, האָט אָפּגעקאַשערט די פּאָלע פון סערמינקע און גענומען קריכען מיט דער האַנט צו דער קעשענע אין די פּלודערן.

ער האָט דאָס בייטעל אָנגעטאַפּט און גענומען עס שלעפּען. עפּעס האָט זיך אין קעשענע פאַרטשעפּעט און ווען ער האָט צו־שטאַרק אַ שלעפּ געטאָן, האָט זיך דער פּויער אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער קעשענע. יאַנקעלע האָט אויף דרך־ארץ ניט געוואַרט און האָט גלייך געשטעלט פיס. ער האָט אָבער קיין דריי טריט ניט געמאַכט, ווי דער פּויער האָט אָנגעהויבען שרייען ניט ווי מיט זיין קול:

— זלאָפּאַי וואָראַ! זלאָפּאַי וואָראַ!

אין אַ מינוט אַרום איז שוין געווען אַ געדיכטער רעדעל אַרום יאַנקעלע'ן. דער פּויער האָט איהם געכאַפּט און האָט איהם גלייך מיט די קולאַקעס אָנגעהויבען צו שלאָגען, און צו יעדען קלאַפּ אויס־געשריען: „אָכטי־וואָר!“

— ראַטויטשי! ראַטויטשי! — האָט יאַנקעלע געשריען מיט אַלע כחות.

א געלאָף איז געוואָרען איבער׳ן גאַנצען מאַרק. דאָס רעדעל איז געוואָרען אַלץ געדיכטער און גרעסער.

— וואָס איז געשעהן? וואָס טוט זיך דאָ? — האָבען זיך גע־הערט צושראָקענע קולות פון אַלע זייטען.

— אָה, א גנב געכאַפּט! — האָבען די אַנדערע בארוהיגט, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען א זאַך, וואָס דאַרף קיינעם ניט אַרען.

די פּויערים וואָס זיינען געשטאַנען אַרום האָבען גענומען א האַנט אין דעם שלאָגען. די קולות „ראַטויטשי" זיינען שוואַכער געוואָרען. ער איז שוין איצט געלעגען אויף דער ערד, און עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי ביי די פּויערים האָט זיך מיט יעדען קלאַפּ דערוועקט דער אַפּעטיט און האָבען איהם געבריקעט מיט די פיס און געשליידערט פון איינעם צום צווייטען.

— וו׳פּאַליציו, יאַהאָ!

— ניע טרעבאַ פּאַליצאי! סאַמי ספּראַווימסיא.

— דוי, בראַט!

— דוי!

די טויבע געשרייען „דוי!" און די צוקאַכטע, פול מיט רציחה פּנים׳ער פון די שלעגער האָט באַלד אַרויסגעוואָרפען א שרעק אויף די אַרומיגע. דער שרעק האָט זיך איבערגעגעסען פון פּנים צו פּנים און וואָס ווייטער ער האָט דערגרייכט, אַלץ גרעסער איז ער גע־וואַקסען. די פּויערים וואָס זיינען געשטאַנען מיט זייערע וועגען ווייט פון דעם רעדעל, ניט וויסענדיג גענוי וואָס עס קומט פּאָר, נאָר זעהענדיג פון דעם וואַקסענדיגען שרעק, אַז עפּעס מורא׳דיגעס טוט זיך אַרום, האָבען אַהן א נשמה׳ געכאַפּט שפּאַנען זייערע פּערדלאַך און מיט אַן אומגעוועהנלאַכער קלאַפּעריי האָבען זיך די רעדער האַסטיג געקייקעלט און די וועגען געטרייסעלט איבער׳ן ניט־גלייכען ברוקירטען מאַרק.

ווען דער שרעק האָט דערגרייכט אין די ראַנדען קראָמען, איז די מהומה געוואָרען נאָך גרעסער. מיט יעדער שפּאַן ווייטער האָ־בען זיך די ווערטער, וואָס האָבען געשוועבט אין דער לופטען, גע־

ביטען און אנגענומען אַ מעהר־אימה׳דיגען אויסדרוק. פון די ערשטע אידישע צושויער וואָס האָבען זיך גלייכגילטיג אָפּגעקערט מיט אַ באַמערקונג: „מען שלאָגט יאַנקעלע דעם גנב!“ „אַ שעהנע ריינע כפּרה!“ האָט זיך צו די ווייטערע דערטראָגען דער געשריי: „מען שלאָגט!“ און אין די פראַגען: „ווער?“ „וואָס?“ „וועמען?“ האָט זיך דער גנב פאַרלאָרען, און די נאָך ווייטערע האָבען שוין געהערט:

— מען שלאָגט אַ אידען!

— מען ממית׳ט אַ אידען!

— מען הרג׳עט אַ אידען!

— ראַטעוועט, אידען!

און די קרעמער האָבען צושראָקענע און אין איילעניש גענומען אַרויסשפּאַרען זייערע קונים, און פילע האָבען זיך שוין געכאַפּט צו פאַרשליסען די קראָמען, ווען די געשרייען זיינען שטילער געוואָרען. אַנדרעיקע און נאָך אַ פּאָר דעסיאַטניקעס, געפיהרט פון פּאָיפּעיאַל, האָבען זיך געלאָזט לויפען ניט־טוידט ניט־לעבעדיג, אונטערהאַלטענדיג מיט די הענט די שפּאַגעס, כדי זיי זאָלען זיך ניט באַמבלען צווישען די פיס, און האָבען זיך גענומען דורכשפּאַרען דורך דער גרויסער מחנה מענשען אין מאַרק.

דאָס שלאָגען האָט אויפגעהערט. יאַנקעלע איז געלעגען אַ צובלוטיגטער ווי אַ פלאַכע אויף דער ערד.

— יאָ וואָס, ראַזבאַיניקי! — האָט זיך אַנדעירקע געקאָכט און געמאַכט מיט׳ן קולאַק.

— זנאַמאַ! — האָט זיך דערהערט אַ קול הינטער איהם. — איהר מאַכט אַלע בלאָט!

— שטאָ, שטאָ? — האָט זיך אַנדרעיקע געשווינד אַ קעהר געטאָן, — שטאָ טי סקאַזאַל, סווינאַפּאַס?

— ניטשאָהאָ! — האָט געענטפערט דער פויער, צו וועלכען אַנדרעיקע האָט זיך געווענדט.

— טאָ־טאָ ניטשאָהאָ! — האָט איהם אַנדרעיקע איבערגעקרימט. — איך וועל אייך אין קאַנדאַלען פאַרשמידען, אין קאַטאָרגע פאַרשיקען, ראַזבאַיניקי, גאַלאָוואָריעזי!

פּאַיפּעיאַל האָט זיך אָנגעבויגען איבער יאַנקעלע.

— דאָס בין איך, יאַנקעל, — האָט ער צו איהם געזאָגט און האָט איהם אָנגענומען פאַר דער האַנט, נאָר די האַנט האָט זיך אַרונטערגעלאָזט לעבלאָז.

— יאַנקעל, יאַנקעל, גיט אַ קוק אויף מיר!

יאַנקעל האָט די אויגען ניט געעפענט.

— זיי האָבען איהם דערהרג׳עט! — האָט ער אויסגעשריען. — ער איז טויט!

איצט האָט זיך אַנדרעיקע אָנגעבויגען. די פּויערים וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דעם שלאָגען האָבען זיך גענומען ציהען אַהינטער. דער שרעק, וואָס זיי האָבען פריהער פאַרשפּרייט, איז איצט נעפאַלען אויף זיי גופא. נאָר דאָס איז שוין געווען דער שרעק פון פייגלינגע, ווען זיי דערשפּירען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר זייער טאַט.

— ער איז באַוואוסטלאָז! — האָט אַנדרעיקע געזאָגט אויסגלייכענדיג זיך. — נו, זוויערי!

דאַ האָט ער זיך געווענדעט צום פּויער, וואָס האָט אָנגעהויבען דעם געשלעג און וואָס איז געבליבען שטעהן אויף זיין אָרט מיט אַ פינסטערן געזיכט, און געזאָגט:

— בודעט טעביע ליכאָ, בודעט!

דערביי האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, אַז מען זאָל נעמען יאַנקעלע׳ן אַ געחלש׳טען און אַוועקטראָגען אין פּאָליציע און געהייסען דעם פּויער מיטגעהן.

פילע פּויערים, וואָס זיינען געווען ביים געשלעג און וואָס האָבען אפשר אויך אָנטייל גענומען אין דעם זיינען נאָכגעגאַנגען. עס זיינען אויך נאָכגעגאַנגען פילע שטעדטעלדיגע, סיי קריסטען און סיי אידען. די פּראָצעסיע איז געווען אַ שטילע, נאָר אומעטום וואו זי איז פאַרבייגעגאַנגען און וואו מען האָט געזעהן דעם צובלוטיגטען קערפּער פון יאַנקעלען, ווי זיין קאָפּ און זיינע הענט זיינען לעבלאָז אַראָפּגעהאַנגען און געטרייסעלט זיך פון די באַוועגונגען פון די, וואָס האָבען איהם געטראָגען, האָט מען געשאָקעלט אומצופרידען מיט׳ן קאָפּ און מען האָט געקענט הערען די באַמערקונג:

— נוי׳אישע רציחה !

און אפילו די, וואס האבען, קוקענדיג אויפ׳ן לעבלאזען קערפער, געשאקעלט מיט׳ן קאפ און געזאגט „סוף גנב לתליה“, האבען עס געזאגט מיט׳ן זעלביגען קול ווי מען זאגט „ברוך דיין האמת“.

* * *

יאנקעלע און זיין חבר יאסעלע זיינען שוין ניט איין מאל ארעסטירט געווארען פריהער, ווען מען האט זיי געכאפט ביי דער האנט. נאר זייער ארעסט איז געוועזן ניט מעהר ווי א פארם. צי אנדרעיקע צי אן אנדער דעסיאטניק האט זיי ארעסטירט, זיינען זיי ווייטער ווי ביי דער טיר פון דער „כאלאדנע“ ניט געגאנגען. און אויב אפילו זיי איז אויסגעקומען צו זיצען עטליכע טעג אין „כאלאדנע“ איז דאס נאר געוועזן לפנים וועגען. נאר איצט איז די זאך געוועזן גאר אן אנדערע. צי די דעסיאטניקעס האבען געוואלט צי ניט געוואלט, האט די גנבה מיט׳ן געשלעג געמוזט געמעלדעט ווערען אין דער פאליציע. אין פאליציע האט מען יאנקעל׳ן געבראכט צום באוואוסטזיין און מען האט געמאכט א פארמאלען פראטאקאל. נאכדעם איז די זאך איבערגעגאנגען אין געריכט און יאנקעלע האט געקראגען קארגע צוויי יאהר געפענגניש.

אויף א מערקווירדיגען אופן איז יאנקעל׳ן אפילו קיין גליד ניט צובראכען געווארען פון דעם שרעקליכען שלאגען. נאר פון דעם טאג איז זיין פנים געווארען געלער און ער האט דעם קאפ בשום אופן ניט געקענט אויסגלייכען. מען האט געזאגט, אז מען האט איהם אפגעשלאגען דעם לונגען־לעבער, און די גאנצע צייט אין געפענגעניש האט ער געקרענקט שטילערהייט.

די ערשטע צייט פלעגען קומען באזוכען איהם יאסעלע און די שוועסטער, בערקע פאיפעיאל און די מאמע. נאר זייער באזוך האט קיין פרייד איהם ניט פארשאפט. ער איז געוועזן עפעס ווי מרה־שחורה׳דיג, און ביי איהם איז געוועזן צו זעהן זיך מיט די באזוכער ווי איינע פון די פליכטען, וואס מען מוז טאן אין געפענגניש. איין אויסנאמע האט נאר געהאט די מאמע און די אויסנאמע איז געוועזן ניט צום בעסערן. ווען ער פלעגט איהר דערזעהן, פלעגט ער ווערען ווי צורייצט. זי איז געוועזן פאר איהם

אַ לעבעדיגער פאַרוואורף און אויב צו די אַנדערע איז ער געווען גלייכגילטיג, האָט ער דער מאַמען אָפען געזאָגט, אַז ער וויל ניט, זי זאָל איהם קומען זעהן.

שפּעטער זיינען די וויזיטען פון די באַזוכער געוואָרען זעלטענער, און נאָר די מאַמע איז געקומען רעגעלמעסיג. איין מאָל נאָכ'ן צווייטען האָט איהם די מאַמע עפּעס דערצעהלט מיט טרערען, נאָר פון איהר קלאַגען זיך זיינען איהם נאָר פאַרבליבען אָפּגעריסענע ווערטער: „יאַסעלע", „מערקע", „אַרגענטינע" און ער האָט ניט באַגריפען דעם צוזאַמענהאַנג דערפון.

זיינע אַלע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט מלכה'ן. פון די ערשטע טעג, וואָס מען האָט איהם איינגעשפּאַרט אין געפענגניש, האָט ער טיף אין הארצען געצערטעלט די האָפנונג, אַז מלכה וועט קומען געוואויר ווערען, הגם צו זיך אַליין האָט ער געזאָגט, אַז זי טאָר ניט קומען און דאַרף ניט קומען און וועט ניט קומען. און ווען די באַזוכער זיינען געקומען און ער האָט מלכה'ן צווישען זיי ניט געזעהן, איז זיין ענטוישונג אין דער פאַרבאָרגענער האָפנונג געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט פון די אַנדערע באַזוכער ניט געוואָלט וויסען. און וואָס אַ וואָך און וואָס אַ חודש מעהר איז אַריבער, האָט זיך ביי איהם אַלץ מעהר אָנגעהויבען אַ ביטערקייט געגען איהר. ער האָט זיך דערמאַנט אַלע מתנות, וואָס ער האָט איהר איבערגעגעבען, און ביי די דאָזיגע ערינערונגען האָט איהם אָנגעהויבען עגבערן אַ חשד, צי זי האָט איהם ווען ליב געהאַט, צי האָט זי אין גאַנצען ניט געמיינט זיינע מתנות.

נאָר אַזעלכע ביטערע געדאַנקען און צווייפלען האָבען לאַנג ניט אָנגעהאַלטען און ער האָט זיך אַליין אָנגערופען מיט די ערגסטע נעמען דערפאַר, וואָס ער האָט אויף זיין געטין געקענט האָבען אַזאַ חשד, און טויזענט מאָל האָט ער ביי זיך אין הארצען געבעטען פאַרגעבונג פאַר אַזאַ חלול הקודש.

און ווען ער האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצען פּעריאָד פון פאַרביטערונג געגען איהר און פון צווייפלען איז איהם געוואָרען גרינגער אויפ'ן הארצען. ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבען צו דענקען, ווי גרויס עס איז געווען זיין עולה, וואָס ער האָט געוואָגט אויפ־

צוהויבען זיינע אומריינע אויגען אויף אַזאַ הויכע ווערען, ווי מלכה, און ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז האָט ער אָנגעהויבען דורכצודרינגען מיט אַ נייעם געדאַנק, אַז אויף איהם ליגט אַ פליכט ניט צו דער־לאָזען איהר אַראָפּצוזינקען צו איהם. איצט, ווייט פון איהר, האָט ער קלערער געקענט זעהן: זי איז אַ מלאך מיט די ווייסטע פליגעלאָך, און ער איז אַ שמוציגע בריאה; וואו נאָר ער וועט זיך צוריהרען, וועט ער איהר באַפלעקען און באַשמוצען.

און אין דעם פּעריאָד, ווען ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ זעלבסט־אויפאָפּפערונג, איז צו איהם געקומען בערקע פּאַיפּעיאַל מיט אַ באַזוך.

— עי, חברה־מאַן, — האָט פּאַיפּעיאַל אויסגערופען מיט אַ צופרידענעם שמייכעל, — דו זעהסט דאָך שוין אויס ווי אַ בן־מלך!

און האָט פּאַפּיפּעיאַל אָפּגעטראָטען אַ פּאָר טריט לינקס און געקוקט אויף איהם אין פּראָפיל, און דאַן אַ פּאָר טריט רעכטס און ווידער געקוקט אויף איהם אין פּראָפיל, און דאַן זיך געשטעלט פּונקט אַנטקעגען איהם און געזאָגט:

— ווי איך בין אַ איד, דו ביזט אַ כוואַט אַ יונג! איך וואָלט זיך קיינמאָל עס ניט געגלויבט. דו ביזט דאָך שוין געווען גאָר אַ בן־מות׳ער.

פּאַיפּעיאַל האָט ניט אויפגעהערט צו פּלאַפּלען, געוועהנלאָך, האָט ער אַליין הנאה געהאַט פון זיין רעדען, און ער האָט ניט באַמערקט, ווי יאַנקעלע האָט עטלאַכע מאָל אָנגעהויבען עפּעס צו שטאַמלען און יעדעס מאָל אָפּגעהאַקט זיך אין מיטען. ווען פּאַיפּעיאַל איז ענדליך אַנטשווינען געוואָרען, האָט יאַנקעלע ווידער אָנגעהויבען:

— איהר זייט... איהר זייט... און איהר ווייסט... איהר זייט געווען... איהר געדענקט...

— וואָס קלאַפּסטו מיט דער צונג?

— איך האָב געוואָלט —

— איך האָב געוואָלט —

— אדרבא, לאָמיר הערען.

— גאָרניט, זאָל שוין זיין!

— ניין, אַזוי גערט ניט. האָסטו אַנגעהויבען, זאָג שוין ווייטער. דו וועסט האָבען זאַאיקעוואַטע קינדער, און מלכה וועט צו מיר נאָכדעם האָבען טענות.

אַ געפיהל פון וועהטאָג האָט זיך שוין געוויזען אויף זיין געזיכט און דאַן האָט ער ווידער אַנגעהויבען:

— טאַקע וועגען איהר —

— מלכה׳ן?

— יאָ; זאָגט איהר, אַז... אַז איך האָב זיך ערשט אַרומגעזעהן — הערט, איך בעט אייך, שווערט מיר, אַז איהר וועט קיינעם ניט זאָגען, אַז איך און זי —

— אסור צער, אויב איך ווייס, וואָס דו דרעהסט מיר דאָ אַ קאָפּטוך.

יאַנקעלע האָט זיך נאָך מעהר פאַרלאָרען, נאָר פּלוצים האָט ער זיך אַנגענומען מיט מוט און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ מאָל:

— איך בעט אייך, ווי גאָט איז אייך ליעב, איהר זאָלט קיינעם ניט זאָגען — ניט זאָגען, אַז איך האָב איהר האָלט געהאַט. קיינער דאַרף ניט וויסען וועגען דעם. זאָגט איהר מיר צו?

בערקע פּאַיפּעיאַל האָט איהם אַנגעקוקט פאַרוואונדערט און געפרעגט:

— וואָס איז?

— עס איז ניט שעהן פאַר איהר, אַז אַזאַ ווי איך זאָל מיט איהר —

— זיין קוצעניו מוצעניו?

— יאַנקעלע האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן מיט פאָרוואורף.

— רעדט ניט אַזוי!

— אוי, ביזטו מיר אַ יאָלד! — האָט פּאַיפּעיאַל געזאָגט און ווייט אויסגעשטעלט די אונטערשטע ליפּ, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ.

נאָר יאַנקעלע האָט ניט געהערט און געזאָגט ווייטער:

— זאָגט איהר, אַז איך האָב אייך געבעטען, איהר זאָלט איהר אַזוי זאָגען.

— פאַרוואָס זאָלסטו עס אַליין ניט זאָגען? פיעל דאַרפסטו נאָך זיצען? נאָך אַ חודש?

— איך וועל פון דאַנען גלייך אַוועקפאָהרען. איך וועל זיך איהר מעהר ניט ווייזען אויף די אויגען.

.1897 — 1898

חיימ׳קע מזיק

1.

חיים׳קע פּעסיע די אַלמנה׳ס האָבען אַלע ראַפּשאַנסקער גע־קענט, און ניט נאָר חיימ׳קען אַליין, נאָר אפילו בערקע פּייוועלע קנאַקס, חיים׳קעס פּליגעל אדיוטאַנט האָבען אויך אַלע געקענט, און נאָך מעהר אפילו לייזערקע דער קאַליקעס, וואָס איז נאָר געווען פון חיים׳קעס „יוצר משרתים“, איז אויך געווען אין ראַפּשאַנסק אַ שם דבר.

אמת, ראַפּשאַנסק איז ניט קיין גרויסע שטאָדט, אַז מען זאָל זיך דאַרפען חדוש׳ען, ווען אַ שטעדטעל קען איינעם, ווי אַ בייזען שילינגער. אַלע ראַפּשאַנסקער, ברוך השם, קענען איינער דעם צווייטען אויסגעבונדען און מען ווייסט, וואָס ביי יענעם אין טעפּעל טוט זיך. נאָר דאָס איז אַליץ גערעדט מיט גרויסע, מיט ערוואַק־סענע, מיט סטאַלנע מענשען, אָבער גאָר אַנדערש איז מיט קינדער. זיי קען מען אָפּטמאָל אפילו אין איין געסעל ניט דערקענען. ראַפּ־שאַנסק, און נאָר ראַפּשאַנסק אַליין איז דערגאַנגען די גרויסע קונסט צו מאַכען זיבען פּאַטראַוועס פון קאַרטאָפּעל און דאָס גאַנצע שטעד־טעל קאָרמעט זיך מיט קאַרטאָפּעל פון פריה ביז ביי נאַכט, און ווי באַוואוסט, דאַרף מען נאָך קאַרטאָפּעל ניט בענשען און מען מאַכט נאָר אַ ברכה אחרונה — „בורא נפשות רבות“...

און צווישען די „נפשות רבות“ איז שווער צו דערקענען די קליינע שעפּעלאַך, און אויב חיים׳קען האָבען אַלע געקענט, געקענט ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגעל, האָט ער דאָס מיט זיינע מעשים פאַרדינט.

שוין אין די יונגע יאָהרען האָט ער אַרויסגעוויזען, וואָס פאַר אַ כלי דאָס וואַקסט. אין גאַנץ ראַפּשאַנסק איז ניט געווען איין בעל־הבית׳יש אינגעל, וואָס האָט ניט געהאַט פון איהם אַ צודראַ־

פעטע צורה, אן אפגעריסענע נאז, אן אונטערגעשלאגענע אויג. עס איז ניט געווען א גארטען, פון וואנען ער האט ניט געשלעפט אוגערקעס, אפילו אין די שעהנסטע, ליכטיגע זומערדיגע נעכט. אפילו פון דעם אלטען מארשאלאק׳ס סאד, וואס איז געווען ארומגעצאמט מיט הויכע פלעקער, ביי די שפיצען באשלאגען מיט גרויסע טשעוועקעס און באוואכט פון א גרויסען געלען הונט, אפילו פון דעם סאד האט ער באקומען עפעל און בארנעס. א מזיק איז ער געווען איינער און האט זיין גלייכען ניט געהאט אין קלעטערן אויף גלייכע ווענט. אין ראפשאנסק איז געווען אן אלטער איינגעפאלענער שלאס, עס האבען זיך פון איהם אפגעשטעלט נאר די סקעלעטען פון די ווענט; אפט קייקעלט זיך אראפ פון די שפיצען א שטיין, א ציגעל, און ווען א ראפשאנסקער תושב געהט פארביי דעם שלאס, האלט ער זיך פון דערווייטענס און קוקט אין דער הויך, צי עס פליהט ניט א שטיין פון אויבען — און אויף די ווענט האט מען חיימ׳קען געזעהן זומער־צייט יעדען שבת נאך וואָרעמעס, ווי ער קריכט אזש צום שפיץ, כדי צו באקומען א נעסט פון פויגעלאך.

חיימ׳קע האט געהאט גענוג צייט ארויסצואווייזען זיינע שטיק. אין חדר איז ער ניט געגאנגען, ווייל פעסיע, א וויסטע אלמנה, האט קיין שכר לימוד ניט געקענט צאהלען און אין תלמוד תורה האט ער נאר דריי זמנים דערצויגען און האט זיך קוים אויסגעלערנט דאוונען. ביים חומש איז ער כמעט א זמן אפגעזעסען און האט מיט די הענט אונטערן טיש געקנאטען טייגלאך פון ברעקלאך ברויט און געמאכט פון דעם פויגעלאך און מייזעלאך און קיינמאל ניט געהערט וואס דער רבי זאגט. און ווען דעם רבי׳ס א פאטש האט איהם פלוצים דערמאנט, וואו ער געפינט זיך און דעם רבי׳ס קול האט א ברום געטאן: „וואו האלטסטו?“ — האט ער די גאנצע האנט ארויפגעלעגט אויפ׳ן חומש, יעדען פינגער אויף א באזונדער ארט און געענטפערט: „אטא“, און דערווייל מיט די אויגען געזוכט, וואו איז דער „אטא“.

— וואו אטא? — פרעגט דער רבי מיט א קוויטש און באגלייט די פראגע מיט א דרעה פון אויער.

נאָר דאָס האָט פּאַסירט אַזוי אָפּט, און חיים׳קע איז געווען דערצו אַזוי צוגעוועהנט, אַז ער האָט ניט געקענט אָפּטיילען די קלעפּ פון לערנען. ער האָט ניט געשריען, ניט געוויינט, האָט זיך נאָר אַנגעבלאָזען און אַ וויילע שפּעטער זיינען ווידער אונטערן טיש אַרויסגעטראָטען די מייזעלאַך און די פויגעלאַך. דער חומש האָט איהם ניט געצויגען. דער זמן, ווען ער האָט דעם חומש אָנגעהויבען צו לערנען איז געווען זומער, און ער האָט אָנגעהויבען פון ויקרא און אי דער בראַנד־אָפּפער און אי דער גאַנץ־אָפּפער האָבען איהם אויסגעוויזען ווי ווילדע חיות, וואָס האָבען איהם פאַרטריבען פון דער ליבער גאַס און איינגעשפּאַרט אין תלמוד תורה.

איין מאָל איז ער פאַראינטערעסירט געוואָרען און ער האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט זיך, וואָס דער רבי זאָגט, און אין זיין קינדערשען קעפּעל האָבען זיך גענומען דרעהען פראַגען. דאָס איז געווען, ווען מען איז געקומען צום פּסוק: „מכה אביו ואמו מות יומת״ — דער וואָס שלאָגט זיין טאַטען־מאַמען, זאָל געטויטעט ווערען. ער האָט אַ ציטער געטאָן. געטויטעט ווערען פאַר שלאָגען די מאַמען? ער האָט שוין אַמאָל דער מאַמען געגעבען אַ שטורך, פאַר וואָס זי האָט איהם געשלאָגען. קומט איהם טאַקע טוידטען?... ניין, דאָס איז איהם ניט געפעלען...

אַ מאָל, ווען ער איז אַזוי געזעסען פאַר׳ן חומש און די קינדער האָבען געגעניצט איבער׳ן טרוקענעם למוד, ווי די אידען האָבען געצויגען פון סכות און גערוט אין מחנים, און געצויגען פון מחנים און גערוהט... האָט חיים׳קע אונטער׳ן טיש געהאַט אַ לעבעדיגען געשלעג מיט אַ חבר. דער חבר איז געזעסען איהם אַנטקעגען־איבער און ביי דעם געשלעג האָט מען נאָר געברויכט די פיס. דער רבי האָט שוין לאַנג באַמערקט, וואָס אונטער׳ן טיש קומט פאָר און האָט אָבער אַלץ געוואַרט. פּלוצים, ווען חיים׳קע האָט זיך אַ היבשע שטיק אַראָפּגערוקט פון ביינקעל, כדי אַ גרעסערער טייל פון זיין קערפּער זאָל זיין אונטער׳ן טיש און האָט דעם חבר אַריינגעפּאַהרען אַ גוטען זעץ, האָט דער רבי איהם אַ פרעג געטאָן: „וואו האַלטסטו?״ חיים׳קע האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַרויפגעלעגט די גאַנצע האַנט אויפ׳ן חומש — „אָטאָ״.

— וואו אטא? — האט דער רבי געפרעגט מיט א דומפען קול און האט איהם קיין ריהר ניט געטאן.

אויף אלע קינדער איז אנגעפאלען א טויט־שרעק. ביים חיים׳קען און זיין חבר פון געשלעג איז קיין נשמה ניט געבליבען. דער דומפער קול שמעקט שוין ניט מיט קלעפ, נאר מיט א באד.

— וואו אטא? זאג, ממזר׳ישע צורה! וואו „אטא“?

צום אומגליק האט היינט חיים׳קע בשום אופן ניט געקענט טרעפען, ווייל מען האט שוין געהאלטען אויף א צווייטען בלאט און ער האט זיינעם ניט איבערגעבלעטערט.

— וואו אטא? — האט דער רבי געפרעגט צום דריטען מאל און האט זיך פלוצים אויף איהם א ווארף געטאן. אבער ניט צו שלאגען, נאר ער האט איהם געוואלט אראפשלעפען פון ביינקעל אויף דער ערד. חיים׳קע האט זיך געשווינד א כאפ געטאן מיט ביידע הענט פאר׳ן טיש און דעם רבי׳ן איז אויסגעקומען צו שלעפען איהם צוזאמען מיט׳ן טיש. דער רבי האט איהם געריסען די הענט, געשטורכעט, אבער דאס איז געווען א שווערע ארבייט, נאר ענדליך האט ער, סאפענדיג, מיט די אונטערשטע ציינער אויסגעשטעלט, זיינע הענט אפגעריסען און פון ביינקעל אראפ־געשלעפט און זיין קאפ צווישען די פיס אריינגענומען. חיים׳קעס ווידערשטעלען זיך האט דעם רבי׳ס כעס נאך מעהר אויפגערייצט, און ער האט איהם איצט געשמיסען אהן רחמנות.

די באד איז געווען זעהר א הייסע, דעם רבי׳ס געזיכט איז געווען פארקרימט, אין די ווינקלען פון מויל איז געשטאנען פיענע, און א טויבער „הא־הא“ האט באגלייט יעדען שמיץ. חיים׳קע האט זיך געווארפען מיט די פיס, האט מיט זיינע קליינע הענטלאך געשטויסען, געקניפען דעם רבי׳ן אין די פיס, נאר ער האט גאר־ניט געקענט מאכען, ווייל זיין קאפ איז געווען ווי אין אייזערנע קלעסטשעס צווישען דעם רבי׳ס דארע פיס.

ווען די באד האט זיך געענדיגט, און חיים׳קעס קאפ איז בא־פרייט געווארען האט ער זיך ווי א ווילדע חיה א ווארף געטאן אויפ׳ן רבי און מיט די ציינער זיך אריינגעגעסען אין זיין האנט און עס האט זיך נאר געהערט זיין שטילער זייען צווישען

די ציינער „האַ־אַ־אַ־אַ“. דער רבי האָט איהם מיט דער אַנדערער האַנט געשלאָגען, גע׳ממית׳ט און האָט געשריען פאַר ווייטאָג, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען, און ווען ער האָט ענדליך זיין האַנט באַ־פרייט, איז געווען א שטיק פלייש אָפּגעריסען, און חיים׳קע איז געווען — איננו.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס חיים׳קע איז געווען אין תלמוד־תורה. פון דעם טאָג אָן איז ער געוואָרען א פריי־מאַיאָר און האָט גענומען גראָבען אַרבייט פון אונטער דער ערד.

צו יענער צייט זיינען דורך ראַפּשאַנסק דורכגעפאָהרען קאָ־מעדיאַנטען, און אויפ׳ן פלעצעל אונטער דער שטאָדט האָבען זיי גענומען מאַכען הכנות צו ווייזען דעם עולם קונצען. ער מיט זיינע צוויי קאַמעראַדען, בערקע און לייזערקע, זיינען דאָרטען אָפּגעשטאַנען גאַנצע טעג און זיי זיינען געווען איבערגליקלאַך, ווען זיי האָט געראָטען אונטערצוכאַפּען א נויטיגען שטריקעל און דער־לאַנגען, וואו מען דאַרף, העלפען אַריינטראָגען א פלאָקען, דער־לאַנגען א נאָגעל. און חיים׳קע האָט זיך אַזוי ווייט ניצליך געמאַכט, אז איינער פון די קאָמעדיאַנטען האָט איהם א פריינדלאַכען קלאַפּ געטאָן אין פלייצע און געזאָגט „מאָלאָדיעץ“, פון וואָס ער האָט זיך אַזוי גדלות׳דיג פאַרשעמט, ווי אַן אומשולדיג מיידעל פון א בחור׳ס א קאָמפּלימענט.

די גאַנצע צייט פון די פאָרבאַרייטונגען איז ער און זיינע חברים פון פלעק ניט אָפּגעטראָטען. זיי האָבען פאַרגעסען אָז עסען און טרינקען. אָט ווען די קונצען האָבען זיך אָנגעהויבען, זיינען זיי געווען פון די ערשטע אויפ׳ן פּלאַץ און זיינען אַוועק ניט פריהער, אַלס ווען די קאָמעדיאַנטען האָבען נאָך די קונצען דערגרייכט זייער אכסניא און די טיר האָט זיך הינטער זיי פאַר־מאַכט. זיי האָבען דאָרשטיג צוגעזעהן, ווי איין קאָמעדיאַנט האָט זיך פאַר די קונצען איינגעפאַרבט מיט קרייד און רויטע פאַרב, האָט אָנגעטאָן ברייטע פערקאַלענע „גאַנצע“ פלודערן און א פאַפּי־רענע מיץ און געמאַכט משוגע׳נע העויות, א צווייטער האָט גע־טראָגען לייב־קאָלירטע, שטייפע צום לייב הויזען און האָט זיך געקוליעט, געדרעהט אין פעטליעס, א דריטער האָט געהאַלטען א

פלאַקען אין האַנט און איז געגאַנגען איבער אַ שטריק. — חיים׳קען און זיינע קאַמעראַדען איז די זאַך שטאַרק געפעלען געוואָרען, און ווען די קאַמעדיאַנטען האָבען פאַרלאָזען ראַפּשאַנסק, האָט ער מיט בערקען און לייזערקען אָפּגערעדט, אַז זיי וועלען אויך פּראָווען מאַכען די קונצען.

חיים׳קע האָט דערהיט, ווען די מאַמע איז אַוועק פון שטוב, האָט דאַבוועוועט די שטריק, אויף וועלכע זי הענגט גרעט, אויך האָט ער נעבען אַ קראַם אָפּגעזוכט אַ שטיקעל קרייד, אויסגעפונען ערגעץ רויטע שטיקלאַך פּאַפּיר, און אַלע דריי ביי לייזערקען אויפ׳ן בוידעם אָנגעהויבען צו מאַכען די זעלביגע קונצען. זיי האָבען זיך איינגעפּאַרבט, די שטריק צושניטען און געמאַכט דערפון אי פּעטליעס און אי אַ שטריקעל צום געהן.

קוליען זיך אין די פּעטליעס איז געווען ניט שווער, נאָר שטעלען זיך אויפ׳ן שטריק האָט קיינעם ניט געראַטען. נאָר דאָס האָט זיי ניט געשטערט צו מאַכען דערפון אַ שטיקעל פּרנסה און האָבען פון די בעל־הבית׳ישע אינגלאַך גענומען גרעשלאַך פאַר׳ן אַרויפגעהן אויפ׳ן בוידעם צו זעהן די קונצען.

באַלד נאָכדעם האָט דער ווינט פאַרבלאָזען אין ראַפּשאַנסק אַ צווייטען מין קונצענמאַכער. דאָ איז געווען דער הויפּט־קונץ, וואָס איינער האָט אויפ׳ן האַרצען אַרויפגעלעגט אַ גרויסען און שווערען שטיין, און אַ צווייטער איז געשטאַנען איבער איהם מיט אַ גרויסען האַמער און האָט געקלאַפּט איבער׳ן שטיין. פיעלע פון די צו־קוקער האָבען געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פאַרבלענדעניש, זיי לאָזען אַריין אַ טומאַן אין די אויגען: דער שטיין ליגט גאָר אויף דער ערד, נאָר דעם עולם דאַכט זיך אָפּ, אַז דער שטיין ליגט אויפ׳ן האַרצען: „איז דאָס דען הוה אמינא, אַז אַ מענש זאָל דאָס אויס־האַלטען?“ חיים׳קע האָט דאָס געהערט און האָט אויך געגלויבט, אַז דאָס איז א בלענדעניש, נאָר דאָך האָט ער אויף מאָרגען געמאַכט אַ פּראָבע. ער האָט אַרויפגענומען אַ היבשען שטיין אויפ׳ן האַרצען און האָט געהייסען בערקען, ער זאָל „דריען“. ניט האָבענדיג קיין האַמער, האָט ער געקלאַפּט מיט אַ קלענערען שטיין. דער ערשטער קלאַפּ האָט זיך איהם אָפּגערופען אין אַלע גלידער, נאָר ער האָט

געמאַכט האַרץ און האָט געהייסען אַ צווייטען מאָל אַ קלאַפּ טאָן.

— נישקשה, מען קען דעם קונץ אויך ווייזען, האָט חיים׳קע געזאָגט.

אין דער היים פלעגט חיים׳קע קיין מאָל ניט זיצען. אהער איז ער געקומען שלאָפען און ווען דער מאָגען האָט געמאָנט דאָס זייניגע און ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו פאַרשטאָפּען איהם, איז ער אויך געקומען עסען. אין אַזאַ פאַל פלעגט ער אַריינקומען ברוגז׳דיג מיט אַ זייט און האָט געקוקט פון אַ זייט שלייף.

— וואָס תנא ברא? — פלעגט איהם די מוטער באַגעגענען. — פרעסען?

— עסען! — האָט ער געענטפערט אָנגעבלאָזען.

— מכות פון אַלע אידען! אין חדר געהסטו? אַ מצוה אַ גרויסע וועל איך האָבען צו קאָרמענען אַזאַ דאַרמאַיעד, אַזא וועפּער!

ער האָט איהר מוסר אויסגעהערט מיט דער זעלביגער אָנגעבלאָזענער מינע און האָט איהר אַ וואָרט ניט געענטפערט, ווייזענדיג איהר מיט דעם, אַז זי איז גערעכט, ווי גאָט אַליין, נאָר דאָס עסען קומט איהם. דו דאַרפסט טאַקע רעדען, אָבער עסען גיב. ער האָט אין אַזעלכע פעלע צוגענומען אַ קלאַפּ אויך, אָבער ער האָט ניט דערלאָזען, זי זאָל איבערכאַפּען די מאָס, און ווי ער האָט באַקומען די שטיקעל סקאָרינקע איז ער ווייטער אַוועק.

די זומערדיגע טעג איז ער אָפּגעלעגען ביים טייך. געהן באָדען זיך איז ער שטענדיג געגאַנגען מיט זיין חברה, אָדער ווי מען האָט זיי אין שטאָדט גערופען „חבריא“. צוגעקומען צום טייך זיינען זיי מיט אַ רעש, אַ געפּילדער, אַ ליאַרעם, ווי אַ שונא באַפאַלט אַ רוהיגע שטעדטעל. שוין אַ טריט צעהן פאַר׳ן טייך האָט זיך חיים׳קע מיט זיין חבריא גענומען אויסטאָן, דאָס הייסט, אַראָפּוואַרפען פון זיך די זאַכען, וואָס האָט גענומען ניט מעהר ווי אַ פּאָר סעקונדען צייט, אַזוי ווי די גאַנצע זאַכען זיינען נאָר באַשטאַנען פון אַן אַרבע כנפות, מייטקעס, העמד און היטעל, געהענדיג און צוקומענדיג צום טייך איז איהם נאָר געבליבען אַראָפּוואַרפען די היטעל. ער פלעגט גלייך אַריינשפּרינגען אין סאַמע מיטען טייך,

מיט׳ן קאָפּ אַרונטער, אָפּהאַלטען זיך עטליכע סעקונדען אונטערן וואַסער און אַרויסווייזען זיך אין אַ צווייטען זייט, אָפּווישענדיג זיך דאָס געזיכט מיט איין האַנט. ביי זיין ערשיינען נעבען טייך פלעגען גלייך אַלע בעל־הבית׳ישע קינדער אַרויסשפּרינגען פון וואַסער, און עס איז געוואָרען אַ געשריי „חיים׳קע איז דאָ!״ נאָר טאָמער האָט איינער ניט באַמערקט און האָט זיך גע׳בריה׳ט אין שווימען, אָדער ער איז געווען ווייט פון ברעג, איז חיים׳קעס עבודה געווען מאַכען צו איהם „קלאַפּטער״ (ער איז געווען אַ בריה אין שווימען און ביי זיינע קלאַפּטער האָט ער כמעט קיין שפּריץ ניט געטאָן) און אַראָפּטונקען דאָס קעפּעל אונטער׳ן וואַסער און „צוטרינקען״ איהם.

און אַז מען פלעגט קומען צו פּעסיע׳ן מסר׳ען אויף איהר בנ׳אָקל, פלעגט זי ענטפערען גאַנץ געלאַסען, וואָס האָט געוויזען, אַז זי איז שוין געוואוינט מיט אַזעלכע מסירות:

— נעהמט איהם אַראָפּ דעם קאָפּ, וועל איך אייך געבען אַ יישר כח.

נאָר מען דאַרף ניט מיינען, אַז חיים׳קע האָט געוואָלט חס־ושלום וועמען דערטרינקען. ניט איין מאָל האָט ער זיך געוואָרפען אין „קעסעל גרוב״ ראַטעווען אַ אינגעל. נאָר דאָס איז געדעדט געווען ווען איינער טרינקט זיך, אָבער אַזוי פאַר וואָס ניט האָבען דעם פאַרגעניגען אָנשטאָפּען יענעם אַ פול מויל מיט וואַסער?

חיים׳קע האָט געהאַט משונה הנאה, וואָס די אינגלאַך לויפען אַרויס פון טייך ביי זיין קומען, און נאָך מעהר הנאה האָט ער געהאַט, ווען ער האָט איינעם פּאַצאַפּעט אין טייך. נאָר ווען ער האָט שוין מיט זיין חבריא געמאַכט אי קלאַפּטער, אי געשוואומען אויפ׳ן רוקען, ניט רירענדיג זיך, איז געלעגען אונטער׳ן וואַסער און באַקומען פון גרונד שטיינדלאַך און ד. גל. און ער האָט געזעהן, אַז די בעל־הבית׳ישע קינדער טוען זיך אָן אויף אָוועקגעהן, דאַן האָט ער זיך צו זיי געווענדעט מיט אַ פראַגע:

— העי, פאַר וואָס געהט איהר ניט, קינדער, אין טייך?

נאָך דער פראַגע האָט מען שוין אָהן מורא געמעגט געהן אין טייך. איצט וועט ער שוין קיינעם ניט ריהרען.

צווישען די בעל־הבית׳שע אינגלאך האט ער געהאט פיעלע, וועלכע ער האט פאטראניזירט, און זיין פריינדשאפט איז געווען זעהר לייכט צו קויפען, מיט א בים בייגעל, א שטיקעל קוכען, א בארנע, אן עפעל, א קאפיקע. יעדע זאך איז פאר איהם געווען א קרן. א מאל איז געווען א חניפה אליין גענוג, און די אלע זיינען געווען פון זיינע יוצר משרתים און ווען זיי זיינען געווען פריי פון חדר, האבען זיי זיך נאך איהם נאכגעשלעפט צום טייך זיך באדען, אין פעלד שפילען זיך אין יונים, אין וואלד קלייבען יאגדעס. אור־מעטום איז ער געווען דער ראש און ער האט אנגעפיהרט זיין מחנה. ווען מען האט זיך געשפילט אין יונים איז ער געווען דער „יענעראל״ און האט קאמאנדעוועט: „נאליעווא נאפראווא שאגאם מארש!״ מיט א געמאכטען גראבען קול און די קינדער זיינען גע־גאנגען א מאל רעכט א מאל לינקס און דאס האט זיך געווענדעט אן דעם, ווי ער האט געמאכט דעם ערשטען טראט.

א מאל איז ער געגאנגען פארביי דער „קלאס״ אין דער צייט פון „פערעמענע״ (ריסעס). פון צווישען די פלעקער פון פארקאן האט ער געזעהן, ווי קינדער לויפען ארום און שפילען זיך. איהם איז דאס געפעלען געווארען און ער איז אוועק צו דער מאמען און געזאגט איהר, אז ער וויל געהן אין קלאס.

— אין קלא־אס! — האט איהם די מאמע אנגעקוקט פארוואונ־דערט: — דער טאטע האט אפגעדינט פינף־און־צוואנציג יאהר אין סלוזשבע (מיליטער־דיענסט) און איז געבליבען א איד, וועל איך פון זיין קינד מאכען א גוי?!

און דער ענטפער איז געווען גענוג ארויסצוטרייבען ביי איהם פון קאפ דעם גוי׳אישען געדאנק וועגען קלאס. ער האט פ א ר־ש ט א נ ע ן, אז דער קלאס איז ניט פאר איהם. ווערען א גוי? א־א־א! דעם טאטען האט מען מיט די קניע אויף ארבעס גע־שטעלט, ער זאל זאגען פאטשערם און איז פארט געבליבען א איד — וועט ער פון העלער הויט ווערען א גוי?

און פון דעמאלט אן האט ער זיך נוקם געווען, ווי אן עהרליכער איד, אן די שילער פון קלאס. ווען ער האט זיי געזעהן געהן מיט

די טעקעס אונטער׳ן אָרעם, איז ער זיי נאָכגעלאָפען און געוואָרפען מיט שטיינער, שרייענדיג:

— גוי, גוי, לאַדיינאַי! קלאַסניק! גוי, גוי, לאַדיינאַי! קלאַסניק!

און ניט איין מאָל איז דערפון געקומען צו אַ ביטערען געשלעג.

.2

חיים׳קעס פאָטער איז געווען אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט. געווען איז ער ביי זיין מאַמען, די בייגעל־בעקערקע, אַ בן־יחיד, נאָר געגאַנגען דינען איז ער, ווייל... ווייל אַזוי איז אין יענע צייטען געווען די מאָדע. יד ישראל היתה תקיפה — דאָס הייסט, אידען האָבען געלבט גאָר אידישלאַך, אַ רב האָט דעמאָלט געהאַט אַ דעה, קהל האָט געהאַט וואָס צו זאָגען, און זיי האָבען געטאָן, ווי זיי האָבען פאַרשטאַנען; און פאַרשטאַנען האָבען זיי, אַז שיקען דינען דאַרף מען נאָר די אָרימע קינדער, איבערהויפּט די פּינסטערע בעלי מלאכה׳ס, ווייל זיי וועט דער שוואַרץ יאָהר ניט נעהמען. אויף די רייכע קינדער אָבער און קלויזניקעס איז אַ רחמנות.

לייזער, חיים׳קעס פאָטער, איז געווען אַ יתום, און ווען די כאַפּער האָבען איהם אַרויסגעריסען פון דער מאַמעס הענט, איז ער אַלט געווען צוועלף יאָהר, אָנגעדיענט האָט ער פינף און צוואַנציג און אין דיענסט האָט ער זיך אויסגעלערענט נעהען און איז אַראָפּגעקומען אַ היים אַ שניידער.

ווען ער איז אַראָפּגעקומען אַהיים האָט ער שוין קיינעם פון זיין פאַמיליע ניט געפונען. די מאַמע איז שוין געווען לאַנג טויט, קיין שוועסטער, קיין ברידער האָט ער ניט געהאַט, די נעהענטערע קרובים האָבען זיך אונטער דער צייט אָוועקגערוקט אויף יענעם עולם.

ער איז גלייך נאָך זיין קומען געגאַנגען אויף קבר אבות. מיט גרויס שוועריגקייטען האָט מען אָפּגעזוכט די בערגלאַך אויף די קברים פון זיין טאַטען־מאַמען; ווי אַ קליין קינד איז ער צוגעפאַלען צו דער מאַמעס קבר, האָט אויסגעגאָסען פאַר איהר זיין אָנגעלאָדען האַרץ און האָט ביטער געוויינט.

אַ פּאָר יאָהר איז ער אַרומגעגאַנגען אין זיינע סאָלדאַטסקע קליידער, ניט ווייל ער איז געווען אַזוי פאַרליבט אין זיי, נאָר ווייל ער האָט קיין אַנדערע ניט געהאַט. ער איז אָפּגעזעסען לאַנגע שטונדען אין שניידערשען קלייזעל און געמאַטערט זיך דורכצוקריכען דעם דאַווענען און נאָך מעריב האָט ער אונטערן אויווען פאַר אַ קופּקע מענשען דערצעהלט די אייביגע געשיכטעס פון די קאַנטאָניסטען.

אין צוויי יאָהר אַרום האָט איהם די שטאָדט געגעבען אַביסעל געלט און חתונה געמאַכט איהם מיט פּעסיע'ן, אַן עלענדע יתומה, אָהן אַ גראָשען געלט ביים לייב און זעל.

געלעבט האָבען זיי אין גרויסע דחקות, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס פלייש האָט ער געקענט קויפען אָהן קאָראָבקע און געהאָט די אַלע פּריווילעגיעס (זכות) פון אַ ניקאָליעווסקען סאָלדאַט. זיי איז זעהר אָפט אויסגעקומען צו הונגערן און אין די בעסטע טעג קוים האָבען גענוג צו עסען, ווייל אין נעהען איז לייזער ניט געווען קיין גרויסער בריה.

אַ יאָהר נאָך דער חתונה האָט איהם זיין ווייב געבאָרען אַ זוהן. נאָר ווי עס שיינט איז איהם דעם טאַטענ'ס קעסט ניט געפעלען געוואָרען און ער האָט זיך אָפּגעטראָגען אויף יענער וועלט.

אין אַ פּאָר יאָהר אַרום האָט פּעסיע איהם געבאָרען אַ צווייטען זוהן און כדי ער זאָל ניט אַוועק אין דעם וועג פון זיין ברודער, האָט מען איהם צו זיין נאָמען צוגעלעגט אַ צווייטען, חיים. מיט'ן אמת'ן נאָמען האָט איהם קיינער ניט גערופען. דאָס איז געבליבען אַ סוד, און אַלע האָבען איהם גערופען חיים'קע.

לייזער האָט זעהר ליעב געהאַט אין די ווינטערדיגע, קאַלטע און לאַנגע נעכט, זיצענדיג ביים טיש פאַר אַ חלב'נע ליכטעל און שיילענדיג די פעלצלאַך פון געבאַקטע קאַרטאָפעל, וועהרענד אויף די קניע איז ביי איהם געלעגען אַן אַלטער פוטער, וואָס מען האָט איהם געגעבען צום איבערניצעווען, דערצעהלען פון זיין לעבען אין דיענסט און פאַר'ן דיענסט. ער פלעגט דערצעהלען קאַלט און רוהיג פון די אַלע צרות, וואָס ער און אַלע קליינע קאַנטאָניסטען זיינען אויסגעשטאַנען. ביי פּעסיע'ן פלעגט דאָס בלוט קיהלען אין די אָדערען פון די גרוילען. חיים'קע האָט נאָך אויך צייט געהאַט

אַנצוהערען זיך פון די מעשיות. ער פלעגט דערביי „סטרעליאען“ מיט די אויגען, און די קינדערשע הערצעל האָט גענומען צאַפּלען זעהר יונג.

מעהר ווי אַלץ האָט זיך חיים׳קע איינגעהאַקט אין קאָפּ די געשיכטע, ווי ער, לייזער, האָט זיך געזעגענט מיט דער מאַמען זיינער.

— ס׳איז דעמאָלט געווען אַ קנאַקענדיגער פראָסט. מיר און די קאַמעראַדען האָט מען אַנגעטאָן לאַנגע שינעלען מיט לאַנגע אַרבעל. געטריבען האָט אונז אַ קאָנוואָי. מיר זיינען געגאַנגען, און די פאָלעס האָבען זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס און מיר האָבען זיך געקייקעלט איבער׳ן שניי ווי האַלקעס. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום פּלאַסטשאַד (איצט פאַרטרייבט מען דאָרטען די ציגען). זעה איך די מאַמע שטעהט מיט אַנגעפּוכנעטע אויגען און וויינט.

— מיין קינד, מיין איינציג קינד, מיין לייזערל! — האָט זי געיאָמערט און געריסען זיך צו מיר.

— מאַמע! מאַמע! — האָב איך געקריטשעט אויפ׳ן קול.

נאָר דער דיאַדקע האָט איהר אַ שטויס געטאָן און ניט דאָפּוסטשעט צו מיר. זי האָט זיך אַלץ געריסען צו מיר און איז נאָכגעגאַנגען.

— נאַ, נעהם, מיין זוהן — האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַרדישעטען קול, און דערלאַנגט מיר אַ פּאָר תפילין אין אַ תפילין זעקעל. פאַרגעסט ניט, מיין זוהן, אַז דו ביזט אַ איד!

און מעהר האָב איך איהר שוין ניט געזעהן.

ביי די לעצטע ווערטער האָט ער מיט דער לינקער זייט האַנט אויסגעווישט אַ טרער פון די אויגען.

פעסיע האָט געזיפצט און געווישט מיט׳ן פאַרטוך די טרערען פון די אויגען, און חיים׳קע האָט צונויפגעקוועטשט זיין קליינע הענטעל אין אַ קולאַק.

ווען חיים׳קע איז געגאַנגען דאָס זיבעטע יאָהר איז לייזער געשטאָרבען און האָט זיין ווייב און דעם זוהן, דעם איינציגען יורש, איבערגעלאָזט אַ קאַנורקע, וואָס האָט געהייסען שטיבעל, וואָס ער האָט גע׳ירש׳עט פון זיין מאַמען די ביינעל בעקערקע און אַ

שערעלע מיט א פינגער־הוט און א צורונצעלטע שטיקעל וואקס.

לייזער׳ס טויט האָט אין שטוב קיין גרויסע ענדערונג ניט גע־קענט מאַכען, ווייל קיין גרויסער פאַרדינער איז ער ניט געווען און פעסיע איז ביי זיין לעבען אויך ניט געזעסען לעדיג. זי איז געגאַנגען קנעטען דייזשעס און האָט פאַרדינט איהרע אַנדערטהאַל־בען—צוויי־גילדען א טאָג. מיט ברויט און קאַרטאָפעל וואָלט זי דורכגעקומען. זי האָט זיך אפילו געקענט ערלויבען צו קויפען אין מיטען וואָך א שטיקעל לונגען אָדער א שטיקעל קישקע ביי דער שוחט׳קע (אויף קישקע איז שטענדיג פאַראַן שמאַלץ און ווען מען לעגט דאָס אַריין אין געקעכטס באַקומט שוין דאָס געקעכטס א פּנים און עס האָט שוין עפּעס א טעם. אָהן געקעכטס אָבער קען מען ניט לעבען, עס סאַכנעט נאָר דאָס האַרץ.) אָדער א שטיקעל מילץ אָדער אַן אַנדער שטיקעל דראָבושקע וואָס באַלאַנגט צום שוחט. גאָט צו דאַנקען, אַז מען זאָל נאָר האָבען געלט, קען מען ביי דער שוחט׳קע קריגען וואָס צום קאָכען, און ניט טהייער אויך! אין די ערגסטע וואָכען האָט זי אין טשאָלענט, לכבוד שבת, גע־האַט א שלל ביינער... אַז זי איז דאָנערשטאָג געקומען צו דער יאַטקע קויפען פלייש אויף שבת, האָט זי ניט געדאַרפט זאָגען, וואָס זי וויל—דער קצב האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס איז א קונד אויף דער מאַרדע און ער האָט איהר ניט געזשאַלעוועט די ביינער פון קאָפּ.

פעסיע האָט איהר שטעדטעל געקענט באַשטעהן, זי איז גע־ווען א פּראַצעוויטע ווייבעל, ניט קיין מאָגערע און ניט קיין פאַר׳חושכ׳טע, נאָר חיים׳קע האָט איהר נישט געלאָזט רוהען. מען קען דאָך איהם ניט לאָזען אַזוי שלינק־און־שלאַנק אַרומגעהן איבער די גאַסען, פון איהם קען דאָך אויסוואַקסען גאָט ווייסט וואָס. ווען מען האָט איהם פון תלמוד־תורה אַרויסגעטריבען, איז זי געגאַנגען בעטען פאַר איהם, איז אַרומגעלאָפען צו אַלע גבאים, אָבער דאָס איז געווען אומזיסט. נאָכדעם, ווי ער איז זיך אַזוי באַגאַנגען מיט זיין רביין קען מען איהם אין א תלמוד־תורה ניט האַלטען. איצט איז פאַר איהר געבליבען איין וועג—אָפּצוגעבען איהם צו א בעל־מלאכה, נאָר דערצו דאַרף מען האָבען געלט, לכל־

הפחות דארף מען פופצעהן רובעל איינצאהלען, און דאס איז אזא אוצר, פון וועלכען זי קען אפילו ניט חלומ׳ען. זי האט איהם גע־וואלט אפגעבען אויף א לענגערען משך, און מען זאל איהם שפע־טער צאהלען ווענינער. נאר אומעטום האט זי געקראגען איין ענטפער:

— וואס וועל איך איהם טאן, אז ער וועט אוועק אין א יאהר ארער צוויי? איך וועל איהם אנשיטען זאלץ אויפ׳ן עק?

און זי האט געוואוסט, אז חיים׳קען וועט קיינער ניט קענען אנשיטען זאלץ אויפ׳ן עק. זי האט געבראכען דעם קאפ און גע־טראכט, וואס פאר אן עצה מען גיט זיך, און אין אזעלכע טעג ווען חיים׳קע איז געקומען אהיים און געמאכט העויות, האט ער זיך פון איהר ניט גענארט: כל חמתה האט זי אויסגעלאזען צו איהם.

מען דארף דאס געלט אפשפארען — דאס איז געווען די איינ־ציגע תרופה. נאר שפארען פון וואס? פון די צרות איהרע? און דאך האט זי גענומען קלייבען א קניפעלע, א יאהר איז אוועק נאך א יאהר און ערשט ווען חיים׳קע איז בר־מצוה געווארען, האט זי די נויטיגע סומע אנגעקליבען און האט איהם אוועקגעגעבען צו א שניידער אויף א טערמין פון פיר יאהר. דאס ערשטע יאהר זאל ער גאר ניט באקומען און עסען ביי דער מאמען, דאס צווייטע יאהר זאל ער קריגען פופצעהן רובעל און עסען ביים בעל־הבית. דאס דריטע יאהר — פינף־און־צוואנציג רובעל און דאס פערטע יאהר — גאנצע פערציג רובעל.

.3

פעסיע האט דערפיהלט, ווי א שווערער יאך איז איהר אראפ פון האלז, נאר חיים׳קע האט זיך ניט שטארק איינגעשפאנט אין דער ארבייט. געהענדיג אהיים עסען און דערנאך צוריק צו דער ארבייט, האט ער אפט, זעהר אפט, פארגעסען, אז ער טערמינעוועט און האט זיך אומגעקערט צו זיינע אלטע שטיק. איין טאג איז ער גאר פארפאלען געווארען: קומענדיג אהיים עסען האט ער

דערזעהן ביי זיי אויפ׳ן דעכעל אַ פּאָר טייבעלאַך. די נשמה איז איהם שיער ניט ארויסגעשפּרונגען, אַזוי אויפגערעגט איז ער געווארען. ער האָט דערפיהלט, אַז אין די שלייפען האָט איהם אָנגעהויבען צו קלאַפּען און דאָס האַרץ האָט זיך גענומען צאַפּלען אַזוי האַסטיג, אַזוי האַסטיג!

— בעמבעם! בעמבעם! — האָט ער אויסגעשריען.

חיים׳קען האָט מען קיין פינגער אין מויל ניט געדאַרפט לעגען. ער איז געווען אַ מבין אויף טויבען. נאָר דאָ האָט מען גאָר קיין גרויסע מבינות ניט געדאַרפט האָבען, אַ בלינדער האָט געקענט זעהן, וואָס פאַר אַ טייבעלאַך דאָס זיינען. זיי זיינען געווען ווייס, ווי מילך, מיט געדיכט באַוואַקסענע לאַפּקעס. בעמבעם אַליין זיינען געווען גענוג צו מאַכען איהם פאַרגעסען אַז עסען, אַז בעל־הבית און אַז דער מאַמען, נאָר חיים׳קע האָט געזעהן נאָך עפּעס, ער האָט געזעהן, אַז דאָס זיינען די טשובאַטע בעמבעם. ער האָט זיי גלייך דערקענט (פּטור, ווער קען אין שטאָדט ניט סוקעוויטשעס טשובאַטע בעמבעם). אַך, ווען ער זאָל זיי איצט קענען פאַרנאַרען צו זיך אויפ׳ן בוידעם! ער האָט זיך ארומגעדרעהט ארום שטוב, ווי אַ משוגע׳נער, איז ארויפגעקראָכען פיעל מאָל אויפ׳ן בוידעם. אַ האַרץ־ווערטאָג דאָס איז! ביי איהם איבער׳ן קאָפּ שטעהען זיי, דאכט זיך, מיט דער האַנט קען מען צו זיי דערגרייכען, און ער ווייסט ניט ווי צוצוקומען צו זיי. אַ פּאָר שטונדען האָט ער זיך אַזוי ארומגעדרעהט. איין מאָל האָט איין טייבעלע אָנגעבויגען דאָס קעפּעלע, און האָט, דאכט זיך, אריינגעקוקט אין לאָך פון בוידעם. ביי חיים׳קען איז דאָס האַרץ שיער ניט אָפּגעשטאָרבען, נאָר ווי עס ווייזט אויס האָט ער חרטה געקראָגען און איז אָפּגעשפּרונגען ווייטער אויפ׳ן דאַך. חיים׳קע האָט דערווייל געכאַפּט אין שטוב אַ שטיקעל ווייסע ברויט (אַך, ווען ער וואָלט איצט געהאַט קאַנאַפּלעס, כאַטשע ארבעס!) און האָט עס צובראָקעלט און פאַרזיכטיג פון בוידעם אראָפּגעשאָטען אויפ׳ן אָפּדעכעל, נאָר דער אָפּדעכעל איז געווען צו־משופּע׳דיג און די ברעקלאַך האָבען זיך אראָפּגעקייקעלט. ענדליך האָבען זיך די טייבעלאַך מיישב געווען און זיינען אראָפּגעפלויגען אויף אַ צווייטען בוידעם. חיים׳קעס

קלעמעניש איז צום אנפאנג געווען שרעקלאך, נאר, האט ער זיך געטרייסט, אז אויב זיי וועלען ארײנלויפען אין יענעם בוידעם, וועלען זיי אויך זיין זיינע.

אזוי האט ער זיך ארומגעדרעהט ארום די טייבעלאך ביז פאר־נאכט, און דאן האבען זיי געגעבען א פאטש מיט די פליגלען און זיינען אוועקגעפלויגען צו זייער בעל־הבית.

ווען ער איז אויף מארגען געקומען צו דער ארבייט, האבען איהם דער בעל־הבית און די בעל־הבית׳טע באגעגענט מיט א ברוך־הבא:

— א גאסט, כ׳לעבען! פון וואנען קומט א איד?

חיים׳קע האט זיך מיט קיין תירוץ ניט צוגעגרייט; ער האט ארונטערגעלעגט די האנט אונטער׳ן היטעל און האט נעקראצט די פאטילניצע און האט דאביי נאריש געשמייכעלט.

דער שמייכעל האט דעם בעל־הבית אויפגעקאכט און ער האט אויף איהם גענומען שרייען אז ער דארף ביי זיך קיין לעדיג־געהער ניט האלטען, אז ער פארנעהמט נאר אומזיסט א פלאץ ביים טיש א. ז. וו.

— שרייט ניט אזוי, באלאבאס, איהר קארמעט מיך ניט און די מאמע האט נאך אייך געגעבען געלט, וואס מאכט איהר אזא מין פוריע?

— זעה, זעה! געלט האט מען ביי איהם גענומען! — האט זיך ארײנגעמישט די בעל־הבית׳טע. — פיש־שטע געהערט, וואס פאר א געלט מען האט פון זיין מאמען גענומען. דער אנדערער וואלט געשטאנען אן א זייט וואלט ער מיינען, אז מען איז פון איהם רייך געווארען! יענער האט זיך ביי אונז קוים איינגעבעטען...

— איהר, באלעבאסטע, שווייגט, ביי אייך פרעגט מען ניט. איהר הערט?

— צו וועמען רעדסטו אזוי, צו מיין ווייב? איך וועל דיר די צורה צופראסקען, איך וועל דיר לערנען דרך־ארץ פאר א באַ־לאבאסטע צו האבען, האט זיך דער בעל־הבית צו איהם א ווארף געטאן.

— באַלאַבאָס! און וואָס וועל איך טאָן? איך וועל אייך מיט אַ שטיין דעם קאָפּ צופּלעטען! איך וועל אייך אַלע שויבען אויס־זעצען...

דער לעצטער אַרגומענט איז געווען זעהר אַ שטאַרקער. אַ שטיין איז נאָך ווי עס איז, אָבער די שויבען זיינען זעהר אַ ברע־נעדיגע זאַך און יעדע שויב קאָסט ניט איין שילינגער וועלוועלער, ווי צוואַנציג גראָשען, און אויף חיים׳קע דעם מזיק איז אַ קשיא צי ער קען דאָס טאָן. נאָר, פאַרשטעהט זיך, ווייזען גלאַט, אַז ער האָט מורא, פּאַסט ניט, און ער האָט איהם געסטראַשעט, אַז ער וועט איהם אין כּאַלאַדנע אַריינזעצען, נאָר דאָביי איז געבליבען, און חיים׳קע האָט זיך ווידער געזעצט צו דער אַרבייט. דער בעל־הבית האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז היינטיגס מאָל שענקט ער איהם, נאָר נאָך אַ מאָל אַז ער וועט אַוועקגעהן און פּלוצים פאַרפאַלען ווערען, ווי נעכטען, זאָל ער בעסער מעהר ניט קומען, ווייל ער וועט מיט איהם קיין טענות ניט מאַכען און וועט איהם נעהמען פאַר׳ן קראַגען און אַרויסוואַרפען.

נאָר וואָס דער בעל־הבית רעדט איז איין זאַך, און טייבעלאַך זיינען ווייטער אַ באַזונדער זאַך. איהם פעהלט נאָר איין פּאָר טויבען און ער איז זיכער, אַז ער וועט אַלע סוקעוויטשעס און דעם פּאַפּים און אַרקע׳ס טויבען פאַרנאַרען. ער ווייס, אַז אַנדרייקע דער שוסטער האָט צוויי געזונטע שקצים און ער וועט פון זיי גוט ניט אָפּשניידען, אַז זיי וועלען איהם כאַפּען, האָט ער דאָך באַ־שלאָסען צו מאַכען מיט בערקע׳ן אַ וויזיט צו אַנדרייקען אויפ׳ן בוידעם און באַקומען (באַקומען און ניט גנב׳ענען, חס ושלום, ווייל ביי טויבען וואָס איז שייך גנב׳ענען? מיט וואָס איז דאָס ערגער פון אויבס אָדער אוגערקעס? פאַרקערט, די לעצטע וועלען צו דיר אין קעשענע ניט אַריינלויפען, און אַ טייבעלע קען אַריינלויפען צו דיר אויפ׳ן בוידעם און זיין דיינע).

ביי אַנדרייקע דעם שוסטער האָט ער די טייבעלאַך באַקומען, און בערקע און לייזערקע האָבען איהם צוגעהאָלפען צו מאַכען אַ שטייג אויפ׳ן בוידעם (מען האָט דאָס געדאַרפט מאַכען אַזוי, אַז די מאַמע זאָל דערפון ניט געוואָר ווערען), אויסצוהאַקען אַ טירעל

אין בוידעם נעבען אַפּדעכעל, און צושלאָגען דאָרטען אַ טויבען־כאַפּער, וואָס איז געווען ענלאָך צו אַ שטייגעלע.

די טייבעלאָך האָבען פאַר איהם געעפענט אַ נייע וועלט, און האָבען פאַרשלונגען זיין גאַנצע לעדיגע צייט. ווי נאָר ער האָט געקענט האָט ער זיך אַפּגעריסען פון דער ארבייט. און צווישען איהם מיט׳ן בעל־הבית זיינען פאַרגעקומען אַפטע רייסערייען, און ער האָט אַ יאָהר ניט אויסגעהאַלטען און איז פון איהם אַוועק. דאָס הייסט, דער בעל־הבית האָט איהם בשום אופן ניט געוואָלט האַלטען מעהר.

נאָר איצט האָט ער שוין אַ נאָדעל געקענט האַלטען און עס האָט געהייסען, אַז ער האָט שוין אַ יאָהר געטערמינעוועט און אַפּזוכען אַ בעל־הבית איז שוין געווען פיעל גרינגער. די איינ־ציגע באַדינגונג, וואָס מען האָט איהם געמאַכט, איז געווען, ער זאָל נאָר זיצען און אַרבייטען און ניט אַרומפּאַדען. און ער האָט געשוואָרען, ווי ער איז אַ איד, אַז ער וועט זיצען און אַרבייטען.

נאָר מיט׳ן צווייטען בעל־הבית האָט ער אויך קיין טאָפּ זאַלץ ניט אויפגעגעסען און דאָס זעלבע איז געווען מיט׳ן דריטען און מיט׳ן פערטען. דער פערטער איז געווען אַ כהן, אַ גרויסען כעסן, און צווישען זיי איז געקומען צו אַ בלוטיגען געשלעג און מען האָט זיי קוים־קוים צוריסען.

און אויף אַזאַ אופן, ווען איהם איז געוואָרען זעכצעהן יאָהר, האָט ער שוין דריי יאָהר אַפּגעטערמינעוועט, האָט אומגעביטען פיר בעלי־הבתים און פון זיין נעהען, האָט ער קיין גראָשען ניט געהאַט.

— וואו אַ ויהי — דאָרטען איז דאָך חיים׳קע. ער זיצט על־כל־פנים איין ביי דער אַרבייט? — האָבען די בעלי־הבתים גע׳טענה׳ט און גע׳פטר׳ט זיך פון צאַהלען.

דער חשק צו די טייבעלאָך איז צו דער צייט שוין ביי איהם שוואַך געוואָרען און האָט זיך מיט זיי נאָר באַשעפטיגט אַ מאָל שבת. נאָר ביי דער אַרבייט האָט ער פונדעסטוועגען ניט געקענט איינזיצען. ווי נאָר אין שטעדטעל האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ דראַקע, האָט ער שוין דערשמעקט און אריינשטעכען די נאָדעל אין

קאַמזעלקע און צופליהען צום אָרט פון דעם געשלעג, און דאָס האָט איהם גאַט צוגעשיקט זעהר אָפט: שבת אין שניידערשען קלייזעל איז אָפט געקומען צו פּאַטשעריי, מאָנטאָג אין מאַרק־טאָג איז צווי־שען אשיינקער און שכור׳ע פויערים געווים געווען אַ געשלעג און אַזוי האָט זיך אויך עפּעס אונטערגערוקט אין מיטען דער וואָך. ווער עס איז גערעכט און ווער אומגערעכט האָט איהם ניט גע־אַרט. ער האָט נאָר געוואוסט, אַז דאָ קען מען געבען אַ קלאַפּ און דאָס איז פאַר איהם געווען גענוג, און ממילא, פאַרשטעהט זיך, אַז אין אַ געשלעג צווישען פויערים און אַ אידישען שיינקער, וועט ער דעם שיינקער ניט שלאָגען.

גענאַנגען איז ער קרוע־בלוע. קיין מאָל האָט ער קיין גאַנצען שוך ניט געהאַט, קיין גאַנצען בגד. פון די שטיוועל האָבען זיך ארויסגעזעהן די גראָבע פינגער, פון די פּלודערן — די קניע; פון כאַלאַט — די עלענבויגענס, פון היטעל איז דער ברילעק געווען האַלב אָפּגעריסען. נאָר איהם האָט דאָס ווייניג־וואָס געאַרט: זיין דאגה! פאַר וועמען איז זיך דאָ צו פוצען?

און ער האָט טאַקע פיינט געהאַט דעם פוץ. ווען אַ שטייגער שבת אין דער פריה, ווען די עטליכע בחורים בעל־מלאכ׳ים געהען ארוים צו קריאת־התורה אויפ׳ן שול־הויף און זיינען אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג, האָט חיים׳קע ניט געקענט צוזעהן גלייכ־גילטיג, ווי ביי יענעם זיינען די קאַמאַשען אָפּגעפּוצט און ער האָט געמוזט אַנטרעטען יענעם אויפ׳ן פוס, כלומרשט ווי ניט בכיון, כדי אראָפּצורייסען דעם גלאַנץ פון די שוה־וואַקס.

און ווידער גערעדט, אין אַ בכבוד׳יגען בגד וואָלט ער זיך גע־פיהלט ניט היימיש. געה שלאָג זיך אין אַ גוטען בגד און יענער זאָל דיר גלייך אָפּרייסען די קלאַפּעס. אַזוי, פּטור, איז ער אַ פרייער מענש, ער איז ניט קיין קנעכט ביי זיינע קליידער!...

.4

צו דער צייט האָט די חבריא פאַרלאָרען אַ וויכטיגען מיטגליד: לייזערקע דער קאַליקעס האָט פאַרלאָזען ראַפּשאַנסק. ער האָט געהאַט אַ שוועסטער אין ווילנע, וועלכע איז געווען אויף אַ שטעלע

אין א רייכע הויז, דאס הייסט, זי איז דארט געווען א דינסט, און זי האט איהם שוין מיט אשר׳קע דעם בעל־העגלה אנגעזאגט פיעל מאל, אז ער זאל קומען צו איהר, דאס הייסט, אין ווילנא, ווייל דא וועט ער ווערען א מענש און א גוטער בעל־מלאכה.

אנפאנגס האט לייזערקע זיך ניט געוואלט שיידען מיט זיין חבריא, וועלכע האט זיך אנגעהויבען צו מישען אין קהל׳שע ענינים און האבען געשעפטען מיט סטאלנע מענשען. נאר די נייגעריגקייט צו זעהן יענע שטאדט, פון וואנען אשר׳קע דער בעל־העגלה פלעגט ברענגען האלב־זיידענע ברויט פאר זיינע קינדער א מתנה, יענע שטאדט, וועגען וועלכע די ראפשאנסקער זאגען, אז ווער עס האט ווילנא ניט געזעהן, יענער האט די וועלט ניט געזעהן, האט גע־נומען די אויבערהאנט און לייזערקע איז ענדליך אוועקגעפאהרען פון ראפשאנסק.

חיים׳קע און זיין פליגעל־אדיוטאנט בערקע האבען זיך אין די לעצטע פאר יאהר א הייב געטאן. זיי זיינען געווארען הויכע בחורים און אויף זייערען א פאטש איז שוין גראז ניט גע־וואקסען. זיי האבען שוין אויפגעגעבען זייער ארומפיהרען זיך מיט אינגלאך, און האבען זיך גענומען מישען אין קהל׳שע ענינים און שטאדטישע זאכען.

ווען עס האט זיך א שטייגער געמאכט א יקרות אין שטעדטעל, און דאס האט געטראפען גאנץ אפט, און דער רב האט געגעבען א חרם, אז די תבואה־הענדלער זאלען די תבואות פון מארק ניט קויי־פען און זאלען ניט געהן אונטער די ראגאטקעס, האט שוין חיים׳קע מיט זיין חבריא זייער ארבייט אוועקגעווארפען און האבען גע־נומען „צוואלעווען" ווער עס וועט עובר חרם זיין. די פיקעטס זיינען ארומגעלאפען ווי פאר׳סמ׳טע פון איין ראגאטקע צו דער צווייטער (חיים׳קע און זיין פליגעל אדיוטאנט זיינען מיט פאר־לייגטע הענט אהינטער ארומגעגאנגען איבער׳ן מארק און געווא־פען אוינגלאך ארום און ארום). ניט חיים׳קע און ניט בערקע, און ניט די יוצר־משרתים האבען דעם גאנצען טאג געגעסען, און פאר־נאכט, ווען די פויערים האבען איינגעשפאנט די וועגלאך און האבען זיך גענומען צו פאהרען, האט חיים׳קע אויסגעהערט אלע ראפארטען

און איז אהן אַ נשמה געלאָפען אויפ׳ן שול־הויף. אהער איז ער געלאָפען ניט דאַווענען, צו מנחה און מעריב איז ער גאָר ניט געוועהנט געווען. נאָך פון די קינדערשע יאָהרען אָן איז ער די צייט פון מנחה למעריב געווען זעהר פאַרנומען. נאָר געקומען איז ער אהער, ווייל דאָ האָט זיין ראַפּאָרט געפונען פיעל צוהערער. דאָ איז געווען גאַנץ ראַפּשאַנסק פאַרזאַמעלט.

חיים׳קע, און באַלד נאָך איהם בערקע, פאַלט צו צו די ערשטע רעדעל, וואָס איז געווען פאַרזאַמעלט געגען דער שניידער קלייזעל. ער ניט אָפּ דעם באַריכט מיט אַזאַ מינע, פונקט ווי די שטאָדט וואָלט איהם געשלאָגען אין קאָרק, ער זאָל טאָן די שליחות.

— איך האָב נאָך היינט אַ לעק אין מויל ניט געהאַט... — הויבט חיים׳קע אָן צו דערצעהלען.

— און איך — וואָס אַ האָר איז ווערט, אַז פון צער, — זעצט חיים׳קע פאָר.

— זיינען מיר ארומגעלאָפען, — כאַפּט אונטער בערקע.

— מיר האָבען אומעטום געצוואָלעוועט...

— און פּאַצאַפּעוועט...

— שש! — ניט זיך חיים׳קע אויף איהם אַ בייזער. — נאָר ברידער, שטיל, קיין האָן זאָל ניט אַ קרעה טאָן... שפּעטער.

ביי די ווערטער לאָזט חיים׳קע אראָפּ דעם קול, דרעהט מיט די אויגען אַזוי, אַז איינס איז פאַרמאַכט און דאָס צווייטע קוקט פון דער זייט און ליתר בטחון מאַכט ער צו יעדען אַ „פּאַנאַק“.

בערקע קראַצט אַ ווייל׳ע דעם קאָפּ און ער שלאָגט זיך מיט דער דעה, צי זאָל ער איצט אויף אַ וויילע אָפּטרעטען פון חיים׳קען און געהן צו זיינע שוסטער, אָדער ניט. ענדליך האָלט ער ניט אויס און לויפט אַוועק צו זיינע שוסטער.

— איך קום שוין צוריק! — שרייעט ער צו חיים׳קען.

— ווער, ווער איז דאָס? — פרעגען די פאַראינטערעסירטע, מיינענדיג דעם עובר־חרם׳ניק.

— דעם ציגעלניק׳ס איידעם און פייסקע דער דראָזשקאָווניק. נאָר שטיל, ברידער.

— האַ־האַ! דעם ציגעלניק׳ס איידעם! — וואונדערן זיך די שניידער. — דעם ציגעלניק׳ס איידעם. זעהט, אַ לערנער, אַ זיידע־נער יונגערמאַנטשיק, און געהט עובר־חרם זיין... פּייסקע וועט זיך ניט נאַרען.

— ביי נאַכט וועלען מיר זיי פּאַקען, קוקט און שווייגט!

חיים׳קע לויפט פון איין רעדעל צו דער צווייטער, פון די שניי־דער צו די סטאָליאַרעס און פון די סטאָליאַרעס צו די טשעסלערס און פון די טשעסלערס צו די מוליאַרעס און גיט איבער די וויכ־טיגע נייעס, אַז ער האָט פּאַצאַפּעוועט דעם ציגעלניק׳ס איידעם און פּייסקע דעם דראַנזשקאַווניק.

— אַ מאַלאַדיעץ, חיים׳קע! — רופט זיך אָן אַ יונגער סטאָליער, וואָס האָט אַ שם פאַר אַ „גוואר“. — מיר וועלען היינט רייבען אַ מאָרדע.

נאָך מעריב געהט שוין ניט דער עולם אַהיים. די מילכיגע וועטשערע קען וואַרטען — דאָ איז פאַראַן אַ בילכערער עסק. די גאַסען ווערען פול מיט רעדלאַך; אַלע טענה׳ן, אַלע ריידען, דאָס איז אַן אַקציע אין דער וועלט. צעהן גראָשען פאַר אַ פונטעלע ברויט זאָל מען צאָהלען. דער רב גיט אַ חרם און מען זאָל ניט פאָלגען!

אין די טענות מישט זיך חיים׳קע מיט זיין אַדיוטאַנט ניט אריין. דאָס באַלאַנגט צו דער שטאָדט. די שטאָדט דאַרף ריידען און זיי וועלען טאָן.

שפּעטער אביסעל, ווען חיים׳קע האָט שוין צום הונדערטען מאָל דערצעהלט, אַז ווי ער, דאָס הייסט ווי זיי, האָבען דעם גאַנצען טאָג געצוואָלעוועט און פּאַצאַפּעוועט די צוויי חברה־לייט און דער עולם אין גאַס איז וואַרעם געוואָרען, און דער לעצטער סטאָפּעט האָט געבראַכט די בשורה, אַז דער עובר־חרם־ניק איז איצט אוועק צום שפּייכלער, גיט חיים׳קע אַ געשריי:

— קומט, חברה, קומט צום ציגעלניק׳ס איידעם. מיר וועלען איצט דעם „יאַט“ „אַפּאַנעווען“ ביים שפּייכלער!

חיים׳קע און בערקע און זייער יוצר־משרתים געהען פאָראויס. הינטער זיי און פון די זייטען לויפען ראַפּשאַנסקער אינגלאַך און

קוקען מיט קנאה אויפ׳ן העלד פון דעם טאָג, און הינטער זיי געהען נאָך אַלע סטאַלנע אידען און ווייבער.

צוקומענדיג צום שפּייכלער, טרעפען זיי דעם ציגעלניק׳ס איי־דעם, ווי ער האָט פּאַרהאַקט דעם שלאָס. די גרעסערע היץ־קעפּ פון די סטאַלנע אידען טרעטען צו איהם צו און דערצעהלען איהם, אַז מען האָט געזעהן, ווי ער האָט היינט אויפגעקויפט תבואות, און אויב דאָס איז אַ ליגען, זאָל ער ווייזען דעם שפּייכלער.

— ער וויל ניט! — הערען זיך קולות.

ביים איבעררעדען מיט׳ן יאַט, איז חיים׳קע געשטאַנען אָן אַ זייט. נאָר איצט איז ער ארויסגעשפּרונגען פון פּובליקום מיט אַ געשריי:

— נערעכט, ווי איך בין אַ איד. אַזאַ יאָהר זאָל איך האָבען ווי ער איז גערעכט. ער וויל אין מאָרדע!

ביי חיים׳קען זיינען שוין די הענט פּאַרקאַשערט, און ער שטעהט שוין מיט אַ קולאַק אַ זעץ צו טאָן. ביים יאַט געהט די נשמה אַוועק אין די פּיאַטעס. ער שטעהט מיט אַ צושראָקענע גע־זיכט און געפינט קיין וואָרט ניט.

חיים׳קע קוקט איהם אָן אַ סעקונדע און לאָזט אָבער גלייך די קולאַקעס אַראָפּ.

— ניע סטאַאיט די הענט מאַראַיען. עי, רעביאַטאַ, עס לוינט זיך ניט פּאַטשקענען די הענט, קומט חברים, לאָמיר אויפברעכען די טיר.

נאָר דאַ געפינט שוין דעם ציגעלניק׳ס איידעם ווערטער און הויבט זיך אָן צו בעטען, מען זאָל איהם קיין היזק ניט מאַכען.

און אַזוי ווי די קלעפּ האָט געוואָלט געבען חיים׳קע און ער איז דער, וואָס האָט די עצה געגעבען אויפצוברעכען די טיר פון שפּייכלער, ווענדעט זיך דער יאַט צו איהם און בעט זיך ביי איהם, ער זאָל איהם ניט טאָן קיין שאָדען. דאָס קיצעלט זעהר חיים׳קען. ער איז איצט דער ראש ניט פון זיין חבריא, זאָנדערן פון אַ גאַנצע עדה אידען, פון גאַנץ ראַפּשאַנסק, און ער ווערט ווייך ווי אַ פּוטער און לאָזט זיך איינגעהן אויף אַ פּשרה.

— וואָס זאָגט איהר, ברידער, מען דאַרף איהם קנס׳ענען? — וואַנדעט ער זיך צום עולם.

— מען דאַרף איהם קנס׳ענען! — געהט גלייך אַריין בערקע און נאָך איהם עטליכע פון עולם.

— אויף אונזער קלויז? — פרעגט חיים׳קע.

— אויף אונזער קלויז! — כאַפּען אונטער אַלע שניידער.

— אויפ׳ן בית־מדרש! — איילען צו זאָגען די בית־מדרש־לייט.

— אויף די מוליאַרסקע קלייזעל...

— אויף די שוסטערשע קלייזעל...

— אויף די סטאָליאַרסקע קלייזעל...

— אויף די טשעסלערשע...

חיים׳קע הויבט אָן צו קראַצען מיטביידע הענט די פּאַטילני־צע. ער פאַרלירט זיך און ווייסט ניט וואָס צו טאָן.

— איין העלפט אויפ׳ן שול און די צווייטע אויפ׳ן בית־מדרש! — שרייט איינער אויס און פיעלע האַלטען איהם אונטער.

דער פּלאַן ווערט אָנגענומען.

— אין פיעל זאָלען מיר איהם קנס׳ענען?

— אין פיעל? — העלפט אונטער בערקע.

דער עולם זשאַלעוועט ניט. מען דאַרף אַזאַ חברה׳מאַן אָנ־לערנען. עס ווערט אַ דינגעניש. דאָס הייסט, דער עולם דינגט זיך. דערוויייל קומט צו לויפען אַהן אָטעם דער שווער, דער ציגעל־ניק און די שוויגער, און הויבען אָן צו שרייען.

— אַ פּסיק פון אַ טייגאַכץ! — ענטפערט זיי חיים׳קע, און דער עולם לאַכט.

עס בלייבט, אַז דער עובר־חרם׳ניק זאָל גע׳קנס׳ט ווערען אין פינף און צוואַנציג רובעל און אַ פוד ליכט.

— איין גראָשען וועט ניט אַראָפּ, — זאָגט חיים׳קע צום יאַט און מאַכט אַ פּאַנאַק. — נאָר סמאַטרי שטאָבי טאָ ניע בולאָ (זאָל דאָס מעהר ניט געדאַכט ווערען) און ער דריקט מיט׳ן נגינה אויפ׳ן מלופם.

ביי אַ שרפה האָט חיים׳קע אַרויסגעוויזען גרויסע בריה׳שאַפט. ווי נאָר אַ פייער האָט ערגעץ אויסגעבראָכען, איז חיים׳קע גלייך

געלאָפּען צום פייער און מיט אַלע כחות געשריען „פּאַזשאַר!“ „פּאַזשאַר!“ זיין אָרט איז געווען אויפ'ן דאַך און ער איז ממש אין פייער געקראָכען. ער האָט געאַרבייט מיט אַלע כלים, מיט אַ האַק, מיט דער פּאָמפּע, וואָס נאָר די הייסע שעה האָט גע־פאָדערט.

— וואָס שטעהט איהר, גזלנים, העלפט ראַטעווען! — שרייעט ער פון דאַך צו די וואָס זיינען געשטאַנען אונטען פון דערווייטענס, איבערהויפּט, ווען דאָס פייער איז געווען גרויס און האָט זיך ניט געלאָזט אַזוי גיך לעשען.

— וואַדיי דאַוואַיטשע! וואַדיי דאַוואַיטשע! — דערלאַנגט וואַסער! וואַסער דערלאַנגט! — שרייט ער מיט די לעצטע כחות, האַלב דערשטיקט פון רויך.

צווישען דעם גרויען רויך און די רויטע פייערדיגע צונגען און דעם זייל פונקען זעהט ער אויס אויבען ווי אַ שוואַרצער ריהרעוודי־קער שאָטען, און די וואָס קריכען אויף די לייטערם און דערלאַנגען איהם וואַסער — ווי לצים. פון אונטען שיינט, אַז ער ווערט אַ פאַרברענטער און דערשראָקענע קולות הערען זיך:

— אַראָפּ פון דאַך! אַראָפּ פון דאַך!

— וואַדיי דאַוואַיטשע! וואַדיי דאַוואַיטשע — ענטפערט ער אויף די קולות. איבעריגענס, ער הערט ניט, וואָס מען שרייט פון אונטען.

— שלעפּט איהם אַראָפּ! — שרייט מען פון אונטען צו די וואָס קריכען אויף די לייטערם.

— וואַדיי דאַוואַיטשע! וואַדיי דאַוואַיטשע!

יעצט איז שוין זיין קול הייזעריגלאַך פון שרייען. ער פאַר־לאָזט דעם דאַך נאָר דאַן, ווען דער פייער איז אויסגעלאָשען אָדער ווען ער קען ניט בייקומען. ווען ער געהט אַראָפּ איז ער פאַר־רויכערט און פאַרשאָטען מיט אַש און נאַס ווי אַ קאַץ און די קליידער זיינען דורכגעווייקט, און וואָס מעהר ער איז פאַררויכערט און וואָס מעהר נאַס ער איז, אַלץ מעהר שטאָלצירט ער. אומאַנגע־נעם איז איהם נאָר פון די ברעקלאַך קוילען, וואָס זיינען איהם

אריין אין די אויגען און ער האלט זיי אין איין רייבען מיט׳ן קולאק.

— א כוואט, חיים־קע, א כוואט א יונג! — הערען זיך פון אלע זייטען, ווען איהם איז געלונגען דעם פייער אויסצולעשען.

און עטליכע טעג נאכאנאנד געהט ער פארנאכט ארום איבער׳ן שול־הויף און דערצעהלט מיט א הייזעריק קול (פון די הייזעריג־קייט האט ער משונה הנאה) אלע איינצעלהייטען פון דער שרפה, וואס ער האט געהאלטען אין נעהען, ווען ער האט דערהערט „פאַ־זשאר!" און ווי גיך ער איז געלאפען, און וואו האט ער דאס פייער דערזעהן, און וואו האט עס זיך אנגעהויבען, און וועמען האט ער געטראפען ביי דער ברענענדער הויז, און וואס פאר א צרות ער האט געהאט מיט דער פאמפע און ז. וו. א. ז. וו.

און ווען אין שטאדט ווערט א מחלוקת איבער א חזן, און די ראפשאנסקער איינוואוינער ווערען צוטיילט אין אין צוויי פיינט־ליכע לאגערן: די שעהנע מענשען ווילען אראפברענגען זייערען, און די בעלי־מלאכות טענה׳ן, אז זיי וועלען צום עמוד ניט צולאזען קיין אנדערען ווי דעם, וואס זיי קלייבען אויס, דאן הויבט זיך אן פאר חיים־קען א גרויסע באשעפטיגונג. גאנצע נעכט געהט ער ארום מיט חברים, מען האלט עצות וואס צו טאן, מען דארף אויס־געפינען, וואס ווילען יענע טאן און ער לויפט ארום פון איין רעדעל צו דער צווייטער, נעהמט צו און גיט איבער פאטשטען און וואו מען דארף ווייזען עזות אדער א קולאק איז שוין חיים־קעס ארבייט. און פאר איהם און זיינע קאמעראדען האט מען מורא.

— וואס טוט מען מיט אזא מין מזיק? ער וועט אריינלעגען א קלאפ, וועט קיינער ניט ארויסנעהמען.

און ער האט ניט געהאט וואס מורא צו האבען. אויפ׳ן ערגסטען פאל, וועט ער איבערזיצען א נאכט אין „כאלאדנע", און ער האט געוואוסט, אז ער איז א תקיף.

— פאר קיין יון וועט איהר מיך ניט אפגעבען, — איז געווען זיין שפרוך צו די שעהנע מענשען. — ניטא שוין די יאהרען, פאַ־נימאיטע? — און ביי די ווערטער פלעגט ער עטוואס צוטרייסלען מיט׳ן קאפ פון אונטער ארויף.

אין די יאָהרען האָט חיים׳קע טריי געדינט דעם צבור און ער האָט זיך קיין מאָל אין זינען ניט געהאַט, און מען האָט געקענט מיינען, אַז ער נעהמט געצאָהלט פאַר וואָס ער רייסט זיך אַזוי פון הויט פאַר דער שטאָדט. ער האָט דאָס געטאָן גאָר אָהן שום רעכענונג. עס האָט איהם עפּעס געטריבען דערצו, און דערפאַר, ווען ער פלעגט, אַ שטייגער שבת נאָכ׳ן טשאָלענט, ארויסגעהן אויף דער גאַס, די הענט פאַרלעגט אַהינטער, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, האָט יעדער, ניט קוקענדיג אויף זיין טראַנטעוואַטען הולך, געקענט זאָגען, אַז דאָ געהט דער בעל־הבית פון שטאָדט, אַזוי שטייף זיינען געוועזען זיינע טריט, אַזוי צופרידען איז געוועזען זיין מינע און אַזוי שטאָלץ איז געוועזען זיין בליק.

אַליין האָט ער פרום ניט געקענט זיין, דאָס הייסט פרום ווי אַ כשר׳ער איד דאַרף זיין, נאָר פון אידישען דרך איז ער חס־ושלום ניט אַראָפּ. פאַרקערט, ער האָט זיך פאַר דער אמונה אַזוי אָנגע־נומען, ווי פאַר דער שטאָדט. אַ גלח האָט ער פיינט געהאַט ווי אַ שפּין, נאָר זיין אייפער אין רעליגיאָנס־זאַכען האָט זיך הויפּט־זעכליך ארויסגעוויזען אין אנגעלעגענהייטען צווישען בחורים און מיידלאַך. ער פלעגט בכיון געהן אונטערן מאַהילניק און אין קאָרן, ווען ער האָט צייט געהאַט, כדי צו זעהן, אַז עס זאָלען ניט געשעהן מיאוס׳ע זאַכען. ער האָט שטענדיג געהאַט אַן אויג אויף די גע־ווזענע קלאַסניקעס, וואָס זיינען גאַנצע טעג ארומגעגאַנגען מיט שטעקלאַך אין די גאַסען און פאַרנאַכט האָבען זיי זיך ארומגע־שלעפּט מיט מיידלאַך שפּאַצירען. נאָר פאַר זיי האָט ער געפיהלט עפּעס אַ מין דרך־ארץ, אַזוי ווי זיי וואָלטען גאָר קיין ראַפּשאַנסקער ניט געווען. אַנדערש איז אָבער געווען מיט פייסקע דעם פעלדשערל, וועלכער איז געווען געכאַפּט אין דער מעשה, און יענער איז פון איהם אויסגעשטאַנען געברענטע ליידען. און די יונגע בעלי־מלאכות אין ראַפּשאַנסק האָבען לאַנג, לאַנג געהאַט צו דערצעהלען פון אַ שפּיצעל, וואָס חיים׳קע מיט בערקען האָבען איהם אָפּגעטאָן. חיים׳קע האָט זיך פאַרקליידעט פאַר אַ שיקסע און בערקע האָט דעם פעלדשערל געבראַכט צו דער שיקסע אונטערן מאַהילניק אָבענד־צייט. דער סוף איז געווען, אַז דער פעלשערל איז קוים מיט׳ן לעבען אַנטלאָפען פון דאָרטען.

5.

אין ראפשאנסק איז א גאסט אראפגעקומען.

דער גאסט איז געווען לייזערקע, פון חיים׳קעס אמאליגע יוצר־משרתים. ווען חיים׳קע האט איהם דערזעהן, האט ער אויפגע־עפענט דאס מויל און איז געבליבען אפהענדיג, אזוי פארוואונדערט איז ער געווארען, נאר באלד האט ער אויסגעשאסען אין א גרוים געלעכטער און אויסגעשריען:

— צו דיין קאפ, צו דיין לייב און לעבען! וואס זאגט איהר צו דעם שררה!

לייזערקע האט געטראגען א שטייפען קאפעלוש, א פיינעם קאסטיום, א געפרעסטע העמד, נייע קאמאשען מיט סקריפקע און א שטעקעלע. דערצו איז ער געווען ראזירט.

חיים׳קע איז אפגעטראטען א טריט אהינטער, כדי בעסער צו קענען באקוקען זיין חבר און געזאגט:

— וואו האסטו דאס גענומען אזא טשאלענט־טאפ? דו זעהסט דאך אוים ווי אן אבעזיאנע.

— און דו ביזט נאך אלץ אזא טראנטע!

— וואס האסטו געוואלט, אז איך זאל אויך אנטאן אזא טשא־לענט־טאפ אויפ׳ן קאפ! — האט חיים׳קע געענטפערט אנמעסטענדיג דעם קאפעלוש.

חיים׳קע איז געבליבען צופרידען מיט זיין חבר און ער האט איהם אפילו געשאנקען, וואס ער איז א גלות, איבערהויפט, ווען ער האט זיך פון לייזערקען דערוואוסט, אז טראגען א בארד אין א חרפה אין א גרויסע שטאדט. זיין צופרידענהייט האט ער אויסגע־דריקט יעדעס מאל, ווען ער האט זיך באגעגענט מיט א באקאנטען און געפרעגט, קראצענדיג מיט א שמייכעל דעם קאפ: „ווי געפעלט אייך אונזער לייזערקע?" נאר מקנא געווען האט ער איהם ניט.

אנדערש אבער איז געווארען, ווען ער האט דערזעהן דעם צויבער־קונץ, וואס לייזערקע האט געוויזען איבער מיידלאך. אלע נייטערקעס זיינען געווארען „פארזאטענע" פון איהם. זיי זיינען נאך איהם אויסגעגאנגען. און אין דער צייט וואס חיים׳קעס גרע־

סטער פאַרגעניגען איז געווען שבת נאָכ'ן פעטען טשאָלענט געהן אין מאַרק צום פלומפּ און אָנטרינקען זיך מיט קאַלטע וואַסער, אונטערשטעלענדיג דאָס מויל אונטער'ן פּאָמפּע אָדער געהן באַווען אַ טייבעלע, האָט זיך לייזערקע פאַרקליבען ביי חיענע די נייטערקע און געטאַנצט דאָרטען מיט מיידלאַך.

חיים'קען איז ניט איינמאָל אויסגעקומען צו געהן פאַרביי חיענע די נייטערקעס שטוב און ער האָט נאָך פון דערווייטענס געהערט דעם פרעהלאַכען געזאַנג פון די בחורים און מיידלאַך, די לעבע־דיגע טופּעריי מיט די פיס און טאַקט איבער דער פּאָדלאָגע, און אויסגלייכענדיג זיך מיט'ן פענסטער, האָט ער געזעהן ווי לייזערקע האַלט אַרומגענומען דאָ אַפּראַיקע דעם קירזשנערס מיידעל און דאָ בערקע דעם סטאָלערס און דאָ איצינקע דעם טשעסלערס מיידעל און טראָגט זיך אַרום ווי אַ רוח איבער'ן שטוב, און... חיים'קע האָט ניט געקענט לאַכען. עפּעס אַן אומבאַקאַנטע כוואַליע האָט איהם אַ זעץ געטאָן אין האַרצען, און די אויגען האָבען איהם אָנגעהויבען צו פינטלען.

חיענע די נייטערקעס שטיבעל האָט איהם געשיינט פאַר אַ שטילען גן־עדן, נאָר אין דעם גן־עדן, קען ער, חיים'קע, ניט אריין. דאָ איז לייזערקע דער העלד; לייזערקע, וואָס איז גאָר געווען פון זיינע יוצר־משרתים! לייזערקע האָט איהם אריבערגעוואָרפען אי־בער'ן ביינקעל.

איין שבת־צו־נאַכט איז ער גלייך נאָך הבדלה געקומען צו זיין בעל־הבית, און אַזוי ווי דאָס איז געווען זומער־צייט, ווען מען אַרבייט ניט שבת־צו־נאַכט, האָט איהם דער בעל־הבית פאַרוואונ־דערט אָנגעקוקט.

— איך וויל געלט אויף אַ גאַרניטער, — האָט חיים'קע גלייך אויסגעשאָסען.

דער בעל־הבית האָט איהם אַ ווײַלע אָנגעקוקט און דערנאָך געזאָגט מיט אַ געלעכטער:

— וואָס איז דיר דאָס געשעהן פּלוצלונג?

— איך דאַרף געלט אויף אַ גאַרניטער.

— דו א גאַרניטער! מען וועט דאָך איהם אויף דיר דעם ער־שטען טאָג צורייסען.

— זאָל אייער קאָפּ דערפאַר ניט דאַרען! — האָט חיים׳קע גע־זאָגט האַלב אין כעס.

— דו ביזט אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט, צו וואָס?

— איהר הערט אויף צו לאַכען? — האָט חיים׳קע געזאָגט, און די אויגען האָבען זיך איהם אָנגעגאָסען מיט בלוט.

— פיעל קומט דאָס דיר אַזוי?

— באַדונגען האָבען מיר זיך פערציג רובעל אַ יאָהר.

— אָבער ערשטענס איז דאָס יאָהר נאָך ניט אַריבער. ווען ביזטו אָנגעקומען? אויף יום־טובים, און איצט איז נאָך ערשט תמוז, און צווייטענס האָבען מיר גערעדט אַז דו זאָלסט זיצען.

— גוט, גוט, אָבער אויף אַ גאַרניטער וועט מיר קומען און איהר וועט מיר דערוויי׳ל געבען דאָס געלט.

— וואַרט, איי׳ל זיך ניט, ברודער, — האָט דער בעל־הבית גע־זאָגט געלאַסען. — איך וויים נאָך ניט.

— וואָס ווייסט איהר ניט? — האָט חיים׳קע געפרעגט אויפ־שפּרינגענדיג, און האָט צונויפגעקוועטשט אַ קולאַק, נאָר ער איז גלייך רוהיגער געוואָרען און צוריק אַנידערגעזעצט זיך.

— ברענגט מיר ניט אַריין אין כעס! — האָט ער ווידער גע־זאָגט.

— און וואָס וועסטו מיר טאָן? — האָט דער בעל־הבית גע־פרעגט, ווי רייצענדיג זיך, נאָר דאָס האַרץ האָט איהם אָנגעהויבען צו קלאַפּען האַסטיגער.

— וואָס איז דאָס ביי אייך? — האָט זיך אַריינגעמישט די בעל־הבית׳טע, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען שטי׳ל און צו־געהערט זיך שטי׳ל צום געשפּרעך. — וואָס קענט איהר זיך דאָס אַזוי ניט צו טהיילען?

איצט האָט חיים׳קע אויסגעלייענט אַ גאַנצען צעטעל זידלעריי אויפ׳ן בעל־הבית, ווענדענדיג זיך צו דער בעל־הבית׳טע.

— זידעל זיך ניט אַזוי. צו וואָס זאָל מען זיך קריגען? קען מען דען מיט גוטען ניט רעדען?

— הערט, אַז ער וויל מיר צודרעהען. איך זאָג, בעל־הבית, מיר קומט געלט און גיט מיר דערווייל אויף אַ גאַרניטער און ער מאַכט נאָר יאַ־טעביע־ניע־בענדע.

— ווער, איך וויל דיר צודרעהען? — האָט זיך דער בעל־הבית אנגערופען. — איך האָב נאָר געזאָגט, אַז איך ווייס ניט וויפיעל דיר קומט, אָבער וואָס דיר קומט וועל איך באַצאָהלען ביז אַ גראָשען.

אַ לאַנגע צייט האָבען זיי זיך נאָך געווערטעלט און עס איז געבליבען, אַז דער בעל־הבית זאָל איהם נאָך די וואָך נעהמען אויף אַ קאָסטיום.

נאָכ׳ן געשפּרעך מיט׳ן בעל־הבית, איז חיים׳קע פאַרבליבען אין שטוב (טיש און דירה האָט ער שוין געהאַט ביים בעל־הבית). איצט האָט ער גענומען באַטראַכטען די צוריסענע קניע אין די מאַיטקעס, דעם אָפּגעריסענעם ברילעק פון היטעל, האָט אַ פּרואוו געטאָן די שטיוועל ביים שפּיץ, פון וואַנען עס האָבען אַרויסגעקוקט די פאַר־שמירטע פינגער און ער איז געוועזן אומעדיג.

פון קליאַפּע האָט ער אַרויסגעצויגען אַ נאָדעל־פּאָדים (מוקצה און טראָגען אום שבת האָט איהם ניט געאַרט) און גענומען צונעהען דעם ברילעק. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און דער ברילעק איז געזעסען אויף אַן אָרט. ער האָט דאָס היטעל אַ פּאָר מאָל אַ דרעה געטאָן אין האַנט, באַקוקט עס פון אַלע זייטען און אַ שליידער געטאָן עס אויפ׳ן טיש.

— ניין, — האָט ער געזאָגט אומצופרידען. — עס איז שוין צייט צו געבען איהם אַ „טשיסטע סטאַווקע“.

איצט דאַרף מען עפּעס טאָן מיט די קניע. ער האָט זיך אויפ־געהויבען פון אָרט און גענומען זוכען אַ לאַטקע, און ער האָט שטאַרק מקפיד געווען, אַז די לאַטקע זאָל זיין פון איין שטאָף מיט די מאַיטקעס, נאָר אַזאַ שטיקעל שטאָף האָט ער ניט געקענט געפי־נען. ענדליך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שטיקעל צייג און האָט גענומען לאַטען.

— אַן אַרעסטאַנטסקע לאַטע!

דאָך האָט ער די לאַטע ניט אָפּגעריסען: אַלץ בעסער ווי מיט די הוילע קניע.

דער אבענד איז ביי איהם געווען א פארשטערטער, לייזערקע איז איהם פון זינען ניט ארויס, און איצט האט ער איהם מקנא געווען.

אויף מארגען איז דער בעל־הבית מיט איהם אוועק צו צירה לאה׳ן אין טוד־קראם און האט פאר איהם גענומען אויף א גארני־טער, און ביז שבת איז דער גארניטער געווען פארטיג.

שבת אין דער פריה האט ער זיך צום ערשטען מאל גענומען אויספוצען, און ווייל ער איז ניט געווען געוועהנט צו אזא מין ארבייט, האט דאס ביי איהם פארנומען די גאנצע צייט פון דאוונען. די גרעסטע צרה איז איהם געקומען אויסצושטעהן פון דער גע־פרעסטער העמד. די שפאנקעס האבען בשום אופן ניט געוואלט דורכקריכען דורך די הארטע לעכלאך פון העמד און דער קראגען האט זיך בשום אופן ניט געלאזט פארשפילען. חיים האט מיט די ציינער געקריצט פאר כעס, נאר ניט דער קראגען און ניט די שפאנקעס האבען זיך דערפון אפגעשראקען: א פאר מאל האט ער געמוזט אפלאזען די הענט, אזוי שוואך זיינען זיי איהם גע־ווארען, און ווען ער איז ענדליך ביינעקומען, האט ער דערפיהלט, אז דער קאלנער ליגט איהם אויפ׳ן האלז ווי א שווערער כאמעט און די העמד האט זיין גאנצען קערפער ארומגענומען ווי מיט קלעמטשעס. ער האט דאס האלז ניט געקענט א ריהר טאן און דעם קאפ האט ער געמוזט האלטען אזוי, ווי ער וואלט א שטעקען איינ־געשלונגען.

ער וואלט איצט פון זיך אליין געלאכט, ווען ער וואלט אזוי ניט געווען אויפגערעגט פון כעס. ער האט מיט׳ן טיכעל אפגע־ווישט דעם שוויים פון געזיכט און איז צוגעגאנגען צו דער טיר.

און דא איז איהם פלוצים דער כעס פארשוואונדען און אנ־שטאט דעם האט איהם דאס הארץ גענומען קלאפען פאר שרעק. ער האט א פאר מאל די האנט ארויפגעלעגט אויף די קליאמקע און געלאזט איהר אזוי ליגען אין אומבאשלאסענהייט. איצט איז אויף איהם אנגעפאלען די אימה פאר׳ן צבור. איצט האט חיים׳קע מורא געהאט פאר ליאדע א בליק, פאר ליאדע א שמייכעלע.

ער איז געווען זעהר צופרידען, וואָס עס איז שוין צו שפּעט צו געהן אין קלייזעל, און ער האָט זיך געלאָזט איינגעהן אויף אַ פּשרה: ער וועט דעם ראָק אויסטאָן און וועט אַזוי ארויסגעהן אין דער געפּרעסטער העמד און אין די נייע הויזען מיט די נייע קאַמאַשען. דאָס וועט אַזוי ניט רייסען די אויגען.

ניט בעסער האָט זיך חיים׳קע געפיהלט, ווען לייזערקע האָט איהם צום ערשטען מאָל אריינגעפיהרט צו חיענע די נייטערקע. עפּעס האָט לייזערקע געהאַט גאָר אַן אנדער לשון צו די מיידלאַך, ער האָט געהאַט עפּעס אַזעלכע שעהנע ווערטער, אַז חיים׳קע האָט איהם אַנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג. און ווען עס איז געקומען צום טאַנצען, האָט ער זיך גאָר דערפיהלט ווי אַ באַגראַבענער: ער האָט ניט געוואוסט, ווי צו שטעלען אַ פוס. ביי יעדער פראַגע, וואָס אַ מיידעל האָט איהם געשטעלט, איז ער געוואָרען רויט ביז איבער די אויערען, און די צונג האָט זיך עפּעס פאַרטשעפּעט.

— איז דאָס חיים׳קע דער מזיק? — האָבען די מיידלאַך געפרעגט איינע ביי דער צווייטער פאַרוואונדערט.

און דעם מזיק חיים׳קע איז ווירקליך ניט געווען צו דערקענען. ער איז געוואָרען שטילער, געזעצטער און האָט אויפגעהערט צו זיין אַ גרויסער נדבן אויף קולאַקעס. איהם האָט אַלץ געדאַכט, אַז פון ערגעץ קוקט אַרוים איינע פון די מיידלאַך, וואָס קלייבען זיך צונויף שבת ביי טאָג ביי חיענע די נייטערקע, און דאָס האָט איהם געצוואונגען מעהר אָדער ווייניגער צו סטאַטקעווען.

איבערהויפּט האָט איהם געבונדען די העכט מירקע, איצינקע דעם טשעסלערס; זי איז געווען אַ נייטערקע, אַ מיידעל פון אַ יאָהר אַכצעהן, פון מיטעלען וואוקס מיט בלאָנדע געקרייזעלטע האָר. צווישען די אַלע מיידלאַך, וואָס האָבען זיך שבת פאַרזאַמעלט ביי חיענע די נייטערקע, איז זי געווען די שטילסטע. זי האָט אַ וואָרט ניט אויסגערעדט מיט חיים׳קען, נאָר ווען לייזערקע פלעגט איהר אַרומכאַפּען ביי דער טאַליע צו אַ פּאָלקע און זי פלעגט אַנשפּאַרען איהר קין־באַק אַן זיין אַקסעל און צוטוליען זיך צו איהם מיט איהר ברוסט, האָט חיים׳קע שטאַרק געקראַצט דעם קאָפּ און שרעקלאַך געפינטעלט מיט די אויגען. דאָס האַרץ האָט

איהם געקלאפט א סך האסטיגער, און ער האט געפיהלט, אז ער האט לייזערקען פיינט ווי א שפין. ער וואלט איהם, דאכט זיך, צור־מורשעט אונטער די הענט. ווען לייזערקע האט געטאנצט מיט אנדערע מיידלאך אדער געפראוועט שטיק מיט זיי, האט איהם ניט געארט אזוי שטארק. דעמאלט האט ער איהם נאר מקנא געווען, וואס ער האט זיך אזוי אויסגעריבען אין ווילנע, אבער צו מירקע׳ן ווען ער האט זיך צוגעריהרט, האט חיים׳קע געפיהלט, אז דאס הארץ קאכט אין איהם, ווי ביי א גזלן.

חיים׳קע האט זיך ניט איין מאל געקליבען צו מאכען מיט איהר עפעס א רייד, נאר נאך די ערשטע פאר ווערטער איז איהם דאס מויל און דאס האלז פול געווארען מיט לופט, און די ווערטער האבען בשום אופן ניט געקענט ארויסגעהן. איהם, חיים׳קען, דעם אנפיהרער פון א גאנצע חברה, און אפט דער פיהרער פון א גאנצע עדה אידען, האט געדאכט, אז מירקע קוקט אויף איהם, ווי אויף א בזוי, כאטש ער טראגט א פיינעם גארניטער, און מערקווירדיג, ער האט איהר אין הארצען געגעבען גערעכט.

נאר ביסלאכווייז, ביסלאכווייז האט ער באזיגט זיין שעמעוו־דיגקייט פאר איהר. איין מאל איז איהם געלונגען צו מאכען א פראגע און צו באקומען אן ענטפער; א צווייטען מאל צו מאכען עפעס א באמערקונג און ארויסרופען א שמייכעל אויף איהרע רויטע ליפען; א דריטען מאל, צו פארציהען עפעס א געשפרעך און דער־נאך איז וואס ווייטער אלץ געגאנגען גרינגער; קוים האט זיך ביי איהם געעפענט דאס מויל, האט ער גערעדט פאר צעהן. ער האט דערצעהלט, ווי ער פלעגט מיט בערקען און לייזערקען געהן איבער די גערטנער און ווי לייזערקע האט מורא געהאט פאר מאר־שאלאק׳ס הונט און האט בשום אופן ניט געוואלט אריבערקריכען דעם פארקאן און רייסען אויבס. ער האט איהר דערצעהלט פון אלע זיינע קונדס׳עריי און זי האט איהם אויסגעהערט.

אזוי איז אריבער א יאהר צייט און אלע האבען געזאגט, אז חיים׳קע איז געווארען גאר אן אנדער מענש.

ער האט איצט געארבייט פלייסיגער און האט געהאט איין קאפ אויסגעארבייט א פארטיגען פלאן, אז ווי נאר ער וועט פטר׳ן דעם פריזיוו, וועט ער שטעלען א חופה מיט מירקען.

אמת, ער האָט מיט איהר וועגען דעם נאָך ניט גערעדט, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס. ער איז זיכער, אַז זי וועט מיט איהם חתונה האָבען.

חיים׳קע האָט אַזוי לאַנג געוואַרט אויפ׳ן פריזיוו און אַרומגע־דרעהט זיך אַרום מירקען, ביז לייזערקע האָט זיך מיישב געווען, אַז ער וועט זיך באַזעצען אין ראַפּשאַנסק און האָט חתונה געהאַט מיט מירקען.

חיים׳קע האָט דאָס אַראָפּגעשלונגען שטיל און האָט אין האַר־צען מירקען געגעבען גערעכט. לייזערקע איז אין ווילנע געוואָרען אַ טהייערער בעל־מלאכה און פאַר איהם וועט אַ ווייב האָבען אַ בעסערע שטיקעל ברויט. אויך האָט ער זיך איצט אַרומגעזעהן, אַז ער איז פאַר מיידלאַך ניט געשאַפען געוואָרען, כאָטשע ער האָט שוין דעם פריזיוו גע׳פּטר׳ט; ער האָט ניט צו דעם ניט דעם לשון און ניט די מינעם און ער האָט גענומען ווייכען פון חיענע די נייטערקעס שטוב.

און ווען באַלד נאָכדעם האָט אין ראַפּשאַנסק אויסגעבראָכען אַ נייער קריעג וועגען אַ חזן, און ניט פרעגענדיג ביי קיינעם קיין דעות האָבען די „פיינע מענשען" אויסגעשריבען עפּעס אַ גריל אין אַ הויכען צילינדער, האָט זיך איצט חיים׳קע אַריינגעוואָרפען אין דעם קריג מיט די הענט און מיט די פיס.

געבליבען איז ביי אַלע די יענע, וואָס האָבען קיין דעה ניט, אַז זיי זאָלען אויף קיין זאַך ניט קוקען און נעהמען אַליין און אויס־שרייבען זעליג׳ן, וואָס איז יאָהרען לאַנג געווען חזן אין ראַפּשאַנסק, נאָר וועלכען מען האָט אומגעקעהרט דעם כתב פאַר עפּעס אַ באַ־שולדיגונג, אַז ער איז געווען געכאַפּט אין דער מעשה. מסתמא אַ ליגען. די פיינע מענשען האָבען דאָס אויף איהם אויסגעטראַכט. נאָך ער היום זינגען די אַלע בעלי־מלאכות ביי די וואַרשטאַטען זיין „היום הרת עולם", „בן יקיר לי אפרים" און אַזוי ווייטער. פון זיינעם אַ נעריצד האָט מען אפילו עסען פאַרגעסען און זיינען אַן ונתנה תוקף ליגט נאָך ביי אַלעמען אין די מיילער.

— וואָס איז די פעולה אָבער, די פיינע מענשען וועלען איהם ניט לאָזען דאַווענע אין שוהל, — באַמערקט איינער.

— אדרבה, איך וואָלט דאָס טאַקע וועלען זעהן, — כאַפּט זיך אַרויס חיים׳קע. די שול איז אַזוי אונזערע ווי זייערע, און מיר האָבען אַזוי פיעל צו זאָגען וויפיעל זיי.

דער לעהרערל פון שטעדטעל האָט געהאַלטען מיט די בעלי־מלאכות (און ער האָט זיך געגלעט איבער׳ן בייכעל פאַר זיינע דעמאָקראַטישע געזינונגען), און ער האָט זיך אַרויסגערופען צו שרייבען צו זעליג׳ן דעם בריעף אין נאָמען פון דער שטאָדט און אויסמאַכען פאַר איהם אַ כתב.

געזאָגט און געטאָן. קיין שהיות האָט מען ניט געקענט מאַכען, ווייל די צייט איז געווען פאַר סליחות, די סאַמע גערדיכטע צייט, ווען דער ראַפּשאַנסקער אָרימער אידעל זאַמעלט די נגונים׳לאַך, מיט וועלכע ער וועט זיך קוויקען אַ גאַנץ יאָהר און האָבען אַ שטיקעל השתפכות הנפש.

און מיטען אלול איז זעליג אָראָפּגעקומען מיט זיין גאַנצע קאָמפּאַניע. באַגעגענט האָבען איהם: דער לעהרערל, חיים׳קע אויסגעפּוצט אין זיינע שבת׳דיגע מלבושים און נאָך עטליכע פון די שעהנערע בעלי־מלאכות און אָרימערע בעלי־הבתים. דער רעד־נער איז געווען דער לעהרערל.

פון דעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכע מחלוקת אין שטאָדט. דער ערשטער איז אַרויס דער רב און ערקלעהרט, אַז ער וועט אין שול ניט דאַווענען, אויב מען וועט זעליג׳ן צולאָזען צום עמוד. נאָכדעם זיינען אַרויס די פּני און ערקלעהרט, אַז זיי וועלען אַזאַ מענשען פאַר אַ שליח צבור ניט מאַכען.

אויפ׳ן שול־הויף האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסעל. חיים׳קע האָט כמעט גאַרניט געאַרבייט. ער האָט, אַדער פאַרבראַכט ביים חזן אַדער ער איז אַרומגעלאָפען מיט פּאַטשטען. די בעלי־מלאכות האָבען נעכט ניט געשלאָפען און זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען און נאָך אַ מאָל איבערגעשמועסט דעם ענין. די מחלוקת איז געווען זעהר אַ שאַרפע. צייט ראַפּשאַנסק איז ראַפּשאַנסק האָט מען נאָך אַזאַ מחלוקת ניט געזעהן. עס איז געגאַנגען אויף טויט און אויף לעבען.

פרייטאָג האָבען די בעלי מלאכות ניט געקענט איינזיצען ביי די וואַרשטאַטען. ביי אַלעמען האָט זיך געדרעהט איין פראַגע אין קאָפּ: וועט מען איהם צולאָזען צום עמוד אָדער ניט?

חיים׳קע און דער לעהרערל זיינען פון נאָך האַלבען טאָג אָן געזעסען ביים חזן, און ווען פאַרנאַכט זיינען אָנגעקומען נאָך עט־ליכע פון די אָרימערע בעלי־הבתים, האָבען זיי אַלע צוזאַמען גע־פיהרט דעם חזן אין שול.

דער שול־הויף איז געווען שוואַרץ פון מענשען, און ווען דער חזן איז אָנגעקומען, האָבען זיך אַלע אַ שאָט געטאָן אין שול.

— דער רב איז אַוועק אין בית־המדרש דאַוונען,— האָט זיך דערהערט אַ מורמעל איבער דער גאַנצער שול.

— זאָל ער געהן, זאָל ער געהן,— האָבען זיך געהערט כעס׳דיגע קולות און בערד האָבען זיך געשאָקעלט אַרויף און אַראָפּ, און אויגען האָבען געבליצט.

— און וואָס וועלען די פּני זאָגען? — פרעגט אַ נייגעריגער קול.

— אין דר׳ערד האָבען מיר זיי, אין דר׳ערד! פיעל דעות פרעגען זיי ביי אונז? — הערען זיך ווייטער בייזע קולות.

ווען די לעצטע שטילע ווערטער פון די קדישים: „הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל“ נאָך מנחה זיינען פאַרזונקען געוואָרען אין דעם מורמעל פון דער גרויסער מענגע, איז מיט אַמאָל אין שוהל שטיל געוואָרען. עס איז געווען יענע שטילקייט, וואָס הערשט פאַר אַ גרויסען שטורם. אַלע אויגען זיינען געווען געווענ־דעט צום מזרח־זייט, און יעדער האָט געהאַלטען דעם קאָפּ פאַר־ריסען.

— דערלאַנגט דעם טלית דעם חזן,— האָט איינער פון דער מענגע געזאָגט שטיל, נאָר יעדע זילבע האָט זיך געהערט אין אַלע פיער עקען פון שול.

דער שמש איז געשטאַנען אויף דער בימה און האָט ניט גע־וואוסט פון צומישטקייט וואָס צו טאָן. ער איז געשטאַנען מיט די אויגען איינגעגעסען אויבען־אָן און האָט זיך ניט אַ ריהר געטאָן.

אַ סעקונדע איז אַריבער פון שרעקליכער שטילקייט.

— דערלאַנגט דעם טלית! דערלאַנגט דעם טלית דעם חזן — האָבן זיך דערהערט אומצופרידענע שטימען פון אַלע זייטן.

דער שמש האָט זיך ווי דערשראָקן פאַר די קולות און האָט אויפגעשטערעקט די האַנט צום טלית.

— דעם טלית דערלאַנגט פנחס־לייב׳ן דעם בעל־תפלה! — האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן אַ קול פון אויבן־אָן.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אין יענער זייט. דאָס האָט אַ געשריי געטאָן פערסקי דער גלאַסנער. דער קול איז געווען אַ פולער און האָט זיך געהערט אין אַלע ווינקלעך.

דאָס מענגע האָט זיך ווי אַ ציה געטאָן ארונטער און איז אַפּהענדיג געוואָרען.

ווייטער אַ סעקונדע פון טויטע שטילקייט.

— זעהט, זעהט די גראָבע פּוזע, וואָס פאַר אַ פּוריע דאָס מאַכט!

דאָס איז געווען חיים׳קעס קול.

— דער טרפה׳ניאַק וויל דאָס אונז פיהרען פאַר׳ן נאָז!

— דעם קאַלבאַסניק שטעהט דאָס ניט אָן, אַז דער חזן זאָל דאַווענען! — האָבן זיך דערהערט קולות פון אַלע זייטען.

די זעלביגע מענגע, וואָס האָט זיך מיט אַ האַלבע מינוט צוריק אָפּגעשראָקען, האָט שוין געקראָגען מוטה.

— דערלאַנגט פנחס לייב׳ן דעם טלית! — האָט פערסקי ווידער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

דער שמש האָט גענומען דעם טלית אין די הענט.

— גיט איהם דעם חזן! גיט איהם דעם חזן!

דער שמש איז אַראָפּ פון בימה און געוואָלט צוטראָגען דעם טלית צום בעל־תפלה, נאָר מען האָט איהם ניט געלאָזט.

חיים׳קע האָט זיך צוגעשפּאַרט צום עמוד און האָט געשריען:

— דער חזן וועט דאַווענען!

— דער חזן וועט ניט דאַווענען! — האָט מען געענטפערט פון אויבן־אָן.

— ווער וועט דאָס ניט לאָזען, איהר, גראָבע בייכער? — האָט חיים׳קע געשריען און די גאַנצע עדה אידען האָבן אונטערגע־האַלפען.

— שלעפּט אַוועק דעם סמאַרקאַטש פון עמוד! — האָט פערסקי ווייטער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, ווייזענדיג אויף חיים׳קען. — אַ שאַנ־דע אַזאַ פּאַסקודניאַק...

נאָר ער האָט דעם זאַץ ניט געענדיגט. אין דער סעקונדע איז איהם פּלוצים אַריינגעפאַלען אַ פּאַטש אין באַק.

עס איז געוואָרען אַ פייערדיגער געשלעג. עס האָבען זיך גע־הערט קולות:

— ברענגט די פּאָליציי! ברענגט די פּאָליציי!

ווען דעסיאַטניקעס זיינען זיך אַנגעלאָפען און די געשלעג האָט מען איינגענומען, האָט קיינער ניט געוואוסט, ווער עס זיינען גע־ווען די שלעגער. מען האָט נאָר געוואוסט, אַז חיים׳קע האָט דער ערשטער פערסקי דעם גלאָסנעם אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש און ווען מען האָט איהם פון אויבען־אָן גענומען שלאָגען, האָט ער ניט געקוקט ווער־וועמען און האָט זיך געשלאָגען ווי אַ ווילדע חיה.

חיים׳קען האָבען די דעסיאַטניקעס אַוועקגעפיהרט אין כאָלאָדנע און געשטעלט זיך דאַוונען צום עמוד האָט פּנחס־לייב דער בעל־תפלה. אין שול איז באַלד געוואָרען זעהר גראַם...

* * *

דעם זעלבען אָבענד פרייטאָג־צו־נאַכט נאָכ׳ן עסען זיינען אין אַלע געסלאַך געווען פאַרזאַמעלט קופּקעס און מען האָט וואָרעם דיסקוטירט און אַלע האָבען איינגעשטימט, אַז חיים׳קע איז היינט מיאוס אַריינגעפאַלען, די גראָבע בייכער וועלען איהם דאָס ניט שווייגען.

נאָר קיינעם פון זיי האָט זיך ניט גע׳חלום׳ט, וואָס פאַר אַ פּסק איהם ערוואַרטעט, ווי די גראָבע בייכער וועלען זיך מיט איהם רעכענען.

פון כאָלאָדנע האָט מען איהם אויף מאָרגען אַרויסגעלאָזען און ער האָט שוין געמיינט, אַז מיט דעם איז גע׳פּטר׳ט. אמת, דער לעהרערל האָט איהם געזאָגט, אַז ער קען נאָך האָבען אַ פּראָצעס פאַר מאַכען אַ געשלעג אין שול. נאָר עס זיינען אַוועק אַ וואָך און צוויי און פון קיין פּראָצעס איז ניט דערמאָנט געוואָרען.

פלוצים, אין איין שעהנעם פריהמאָרגען, האָט מען איהם אויפ־געגומען און איבער דער שטאָדט האָט זיך גלייך פארשפרייט א קלאנג, אז מען פארשיקט איהם אויף וואָלנע פּאָסעלעניע אין סי־ביר: די „שטאָדט” האָט אויף איהם געמאַכט א „ניע זשע־לאיוסטשע”.

און חיימ׳קע איז אוועק אין סיביר.

.1898

די מוסרים

די ראפשאנסקער תושבים האבען שלעכטע צינגער. אז עס איז ניטא וואס צו קייען, גריזשעט מען איינער דעם צווייטען, און גערעדט האבען זיי אלע, אז דעם טאטען, זלמן דעם שיינקער איז ניחא, וואס דער זוהן עלציק איז א מסור. נאר דאס איז געווען פאלש. די ערשטע צייט, ווען זיין זוהן האט זיך אראפגענומען אויף אזא דרך, האט ער זיך געשעמט ארויסצושטעקען די נאז אין גאס, און כאטש געוואוסט האט ער, אז אויף א קינד קען מען קיין קאפ ניט ארויפזעצען, האט ער אבער געפיהלט, אז די שולד וועט פאלען אויף זיין קאפ. אויסער דעם איז דער וועהטאג געווען שרעקלאך גרויס: זיין זוהן, זיין עלציק זאל ווערען א מסור!

און ער האט געהאט פאר וואס זיך צו שעמען. א איד א מופלג, א פיינער בעל־בית, שלישי צו דער תורה, פסק'ענט אפט א שאלה פון בשר וחלב — זאל זיין זוהן אויסגעהן אזא מיאוס'ן סוף. די ערשטע צייט האט ער געהאט א שרעקליכע וואונד אין הארצען, האט מיט זיין זוהן אריינגע'טענה'ט טיעף און ברייט, נאר דאס האט גארניט געהאלפען, און שפעטער איז ער געוועהנט געווארען צו די צרות.

עלציק איז שוין ניט געווען קיין בחור. דער טאטע האט איהם חתונה געמאכט פאר א מיידעל פון א פרעמדער שטאדט, א יחסנ'טע אבער זעהר א מיאוס'ע, נאך איידער איהם איז געווען אכצעהן יאהר. נאר מיט'ן ווייב האט ער אפגעוואוינט א קארגען יאהר און איז פון איהר אוועק און האט זיך אומגעקעהרט צוריק אין זיין שטעדטעל. אין דעם קארגען יאהר איז זיין ווייב פארגאנגען אין טראגען און האט געבוירען א קינד, ווען דער מאן האט איהר שוין געהאט אוועקגעווארפען.

די ערשטע צייט איז עלציק שטארק אפגעקומען ביי זיין טאטע־מאמען, וועלכע האבען איהם ניט אויפגעהערט צו נעגען און צו

זאָגען מוסר, אַז עס איז ניט קיין סטאַטעק פון אַ יונגענמאַן צו לעבען אָפּגעזונדערט פון דער ווייב, און נאָך וואָס פאַר ווייב! געקנאַטען אין יחוס מיט גרויסע גבירים אין דער פאַמיליע. איהרער אַ לייבליכער רביעי־בחמישי האָט אַ גרויסען ברויז און שיקט אייגענע וואַגאַנעס מיט ביער אין אַלע אַרומיגע שטעדטלאַך. איבערהויפּט האָט איהם באַקומען דאָס לעבען די מאַמע. זי איז איהם אַריינגעקראָכען אין לעבער אַריין.

טאָן האָט ער ניט געהאַט וואָס און איז אַרומגעגאַנגען פון פריה ביז שפּעט מיט אַ שטעקעלע איבער די גאַסען און האָט געשמעקט די לופט, אָדער ער איז ערגעץ געזעסען ביי אַ באַקאַנטען און האָט געשפּילט אַ טשיקענע, אַ דאָס אָדער געמאַכט אַ קערטעל.

זיין הויפּט־איינגאַנג האָט ער געהאַט צו לעווינקען דעם פּראָסבע שרייבער. דאָרטען האָט ער שטענדיג געפונען, אויב ניט לעווינקען אַליין איז אַ גוטען ברודער, ביי וועמען דאָס מויל האָט זיך צוריסען גענעצענדיג פון ניט האָבען וואָס צו טאָן, און וועלכער איז געווען צופרידען צו טאָן וואָס־עס־איז, אַבי נאָר צו פאַרשטופּען די צייט.

צווישען די שטענדיגע באַזוכער ביי דעם פּראָסבע־שרייבער זיינען געווען: מאָטקע דער קאַלעלישקער, אַ צימבלער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אַנדערע ארבייט ווי צו צימבלען אויף אַלע אידישע חתונות אין ראַפּשאַנסק, און אַזוי ווי חתונות טרעפען זיך ניט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, איז ער שטענדיג אַרומגעגאַנגען לעדיג, איז שטענדיג אויסגעוואַקסען, וואו צוויי זיינען נאָר געשטאַנען אין גאַס און האָבען גערעדט און האָט געוואוסט בעל־פּה דעם בדחנ׳ס אַלע גליידּ־ווערטלאַך; צמח׳קע דער שוסטער, וועלכער האָט געהאַט אַ וואַרשטאַט, אָבער איז ביי איהם זעלטען געזעסען. ער האָט געהאַט אַ צו־גראָבען בייכעל, אַז ער זאָל קענען זיצען אָנגעבויגען איבער דער ארבייט; ער איז געווען קלאָר אין אַלע קהל׳שע ענינים, אין דער קאַראָבקע, אין דעם נאַבאָר, אין דער חברה קדישא און האָט געוואוסט יעדען איינעמס געשעפט באַזונדער. דאָס רוב האָט ער זיינע אָבענדען פאַרבראַכט ביי זלמנ׳ען אין שיינק, און האָט שטענדיג געפונען אַ גוטען ברודער, וועלכער זאָל איהם טראַקטירען; רובעלע קנאַק האָט קיין באַשטימטע אַר־

בייט ניט געהאַט. ער האָט נאָר געקענט געבן אַ „מתנת־יד“ און האָט זיך געריבען אַרום אין אַכסניא.

די ראַפּשאַנסקער האָבען זיך געוואונשען, אַז קיין גוטער איד זאָל זיי ניט קענען און מען האָט מיט זיי קיין מגע ומשא ניט געהאַט, כאָטש יעדער ראַפּשאַנסקער תושב האָט געענטפערט גערן אויף זייערן אַ גוט־מאָרגען און האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט צו טראַק־טירען מיט אַ גלעזעל בראַנפען, ווען יענער האָט געפאָדערט.

די זיינען געווען די איינציגע פּערזאָנען, וועלכע עלציק האָט געקענט געפינען אין ראַפּשאַנסק ניט קיין פּאַרנומענע. די ערשטע צייט האָט ער געפּיהלט עפּעס אַ מין עקעל צו די באַנדע בלוט־זויגערס, ווי ער איז געווען געוועהנט צו קוקען אויף זיי מיט די אויגען פון זיינע שטעדטעלדיגע, נאָר ביי אַ טשיקינע וואָס מאַכט עס אוים ווער עס האַלט אַ ברעטעל, און אין קאָרטען איז מען געווים ניט מקפּיד ווער עס נעהמט אַ האַנט, און מיט דער צייט האָט ער אויסגעפונען, אַז זיי זיינען גאַנץ פרעהליכע יונגען. מאָט־קע דער צימבלער האָט געשאָטען מיט גלייכווערטלאַך; צמח׳קע דער שוסטער האָט אויף יעדען וואָרט געהאַט צו זאָגען אַ ציניש͏ען וויץ, ביי וועלכען ער פלעגט זיך אָנשפּאַרען מיט ביידע הענט אין בויך און לאַכען מיט אַ געזונטען קול: „האַ—האַ—האַ!“ רובקע קנאַק איז געווען ניט קיין ריידער, סיי ער איז געזעסען פאַר׳ן אַכסניא אויפ׳ן בריקעל, סיי ער איז געזעסען ביי לעווינקען אין שטוב, סיי ער איז געזעסען אַבענד צייט אויף אַ טרעפּעל פאַר שלמה דעם מעהלער׳ס קראַם, האָט ער שטענדיג געהאַלטען זיין דעמבאָווקע צווישען די פּיס, מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן קעפּעל פון שטעקעל און מיט׳ן שטערן אָנגעלעהנט אויף די הענט. צי ער האָט געטראַכט, צי ער איז געשלאָפען — האָט קיינער ניט געוואוסט. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך נאָר צו אַ טשיקינע אָדער אַ קערטעל, און ערשט דעמאָלט האָט ער ארויסגעלאָזען דאָס שטעקעל פון האַנט.

עלציק האָט מיט דער צייט אויסגעפונען, אַז זייער לעבען איז אַ סך פרייער ווי אימעצענ׳ס אַנדערש, אַז מיט זיי איז פיעל פרעה־לאַכער צו פאַרברענגען, ווי מיט וועמען אַנדערש, און אַז זייער

עובדא איז אַ גאַנץ גרינגע און גאָר ניט אַזאַ שלעכטע, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. עטליכע מאָל האָט ער געזעהן, ווי זיי האָבען געלט געקראָגען, און ער האָט אויך פון דעם געלט הנאה געהאַט, ווייל עטלאָכע טעג נאָכאַנאַנדער האָט די חברה איהם געפּאָיעט מיט בראָנפען און געקאָרמעט מיט פעטע פּאָלקעס גענז. וואָס אמת איז אמת, זיי האָבען געקענט רייסען פון טויטע און פון לעבעדיגע, אָבער דערפאַר האָבען זיי אויך ניט געזשאַלעוועט, ווי נאָר אַ ביסעל געלט איז זיי אַריינגעפאַלען אין די הענט, האָבען זיי געהאַט ממש הנאה צו טראַקטירען גוטע און ניט גוטע ברידער.

די חברה האָט איהם געעפענט די אויגען, און ער האָט דערזעהן, אַז ביז ער האָט זיי געקענט איז ער געווען אַ יאָט. ער האָט דערזעהן, ווי עטליכע פיינע מענשען ראַבעווען די שטאָדט; ער האָט אויסגעפונען, ווער עס נעהמט אַראָפּ די גאַנצע סמעטענע פון דער קאַראַבקע און האָט איבערהויפּט געקראָגען אַ גוטע ידיעה אין קהל׳שע זאַכען און ער האָט זיך אַליין אָנגעהויבען צו וואונדערן, פאַר וואָס זאָל מען פון זייערע הינטישע ציינער ניט אַרויסרייסען פיעל מען קען, אַזוי ווי לעווינקע, און מאַטקע קאַלעלישקער און צמח׳קע דער שוסטער און רובעלע קנאַק טוען.

די תורה, ווי אַזוי אַרויסצורייסען אַ ביסעל געלט פון די שטאָדט־רויבער איז געווען גאָר אַ גרינגע און ער האָט ניט איינגעזעהן, פאַר וואָס מען זאָל זיך דאַרפען מיט דעם שעמען. ער געהט זיך אַננעהמען די שטאָדט׳ס קריוודע. פאַר וואָס זאָל מען טאָקע אַ שטאָדט באַראַבעווען?

שפּעטער האָט ער אויסגעפונען, אַז ביים נאָבאָר געהען צו שרעקליכע שווינדעל; אין מעסטשאַנסקע אופּראַווע מאַכט מען איין פאַלש נאָכ׳ן צווייטען, און אָרימע קינדער, בנים יחידים, געהען דיענען, אין דער צייט וואָס ביי די רייכערע דרעהען זיך אַלע קינדער אַרויס פון פריזיוו. באשר די אָרימע האָבען קיין מיילער ניט און ווייסען ניט וואוהין מען דאַרף זיך קעהרען און ווענדען. נאָר דערפון איז נאָך ניט געדרונגען, אַז מען דאַרף אַזעלכע עולות דערלאָזען. און ער איז צוזאַמען מיט לעווינקען און מיט דער גאַנצער באַנדע געגאַנגען צו די רייכערע, וואָס האָבען זיך געוואָלט

אַרויסדרעהען פון פריזיוו און געמאַכט קולות, וואָס אַזעלכע עוולות זאָלען געטאָן ווערען אַלעמען אין די אויגען און גערעכטיגקייט זאָל מען טרעטען מיט די פיס.

צו זיין עהרע דאַרף מען זאָגען, אַז ער האָט קיין געלט קיין מאָל ניט געבעטען. ער האָט נאָר געזוכט יושר. נאָר יענע פאַלשע מענשען האָבען איהם אַליין געשטופּט געלט אין די הענט, און ער האָט איינגעזעהען, אַז ער וועט די וועלט ניט איבערמאַכען און אַז ער איז ניט קיין גאָט׳ס סטראַפּציע, און האָט זיך געלאָזט מען זאָל איהם אריינשטופּען אַ מטבע אין האַנט.

די פעטע געגזלאַד און ביער, וואָס עלציק האָט געגעסען און געטרונקען אויפ׳ן פרעמדען רעכענונג, האָט איהם גוט פאַליובעט, און ער האָט געגומען געווינען אין לייב. איבערהויפּט האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזען אין בויך: ער האָט באַקומען אַ בייכעל אַ קיי־לעכדיגען, אַזוי, וואָס מען רופט אַ בעל־הבית׳ישען, זיינע ביי־נערדיגע הענט האָבען געקראָגען אויף זיך פליישׁ און זיינען גע־וואָרען ווייך, אין געזיכט איז איהם צוגעקומען בלוט. גערעדט האָט ער בנעימות׳דיג, זעהר באַזאַכט, ווי אַ מענש וואָס ווייס ניט, וואָס הייסט איילען זיך, וואָס הייסט ניט האָבען קיין צייט; דער־פאַר, ווען מען האָט געדאַרפט אַרויסווייזען אַ מויל, האָט ער געהאַט אַ קול פון אַ לייב. ער האָט זעהר ליעב געהאַט נגינה און ביי יעדע געלעגענהייט האָט ער געזוכט אַרויסצעווייזען זיין טאַלאַנט אין דעם. ער האָט אַליין פאַרפאַסט קליינע לידעלאַך. דאָס רוב האָבען זיי געהאַט דעם כאַראַקטער פון אַ פאַמפלעט אויף אַ גע־וויסען ראַפּשאַנסקער תושב און צו די לידלאַך האָט ער אַליין פאַר־פאַסט נגונים און האָט זיי געזונגען מיט פאַרגעניגען. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט אַרויסצעווייזען זיין „קול אַריה״ אין שול און האָט פיעל מאָל געבעטען דעם שמש, ער זאָל איהם מכבד זיין מיט אַ שטיקעלע קינות, וואו מען קען זיך אויסגיסען אין אידישען שטייגער, אַזוי ברומען עפּעס טרויעריגעס, נאָר דאָס האָט דער שמש ניט געוואָגט צו טאָן, און ווען ער האָט אַ מאָל תשעה באב אין דער פריה אַליין זיך אויפגעכאַפּט מיט „ציון הלא תשאלי״, האָט דער גאַנצער עולם געמורמעלט זעהר אומצופרידען.

ווינטער צייט איז געווען זעהר פרעהלאַך. דאָס איז געווען די צייט פון אַרבייט, ווען מען האָט ניט געטאָרט געניצען. ווינטער־צייט זיינען געווען די נאַבאָרען, און מען האָט געדאַרפט געהן איבער די אכסניות אָפּגעבען אַ שלום־עליכם די אָרומיגע נאַבאָרשטשיקעס און אַ טאָפּ טאָן פון הינטען אָרום, ווי עס האַלט ביי זיי מיט'ן פּריזיוו און וואָס פאַר אַ קונצען מען האָט בדעה צו מאַכען. ווייטער האָט מען געדאַרפט שמעקען די לופט אָרום דער פּריסוטסטווע און קוקען מיטביידע אויגען, צי עס זיינען פאַראַן מלאכים, נעלמים, מתים. פאַראַן וואָס אויפצופּאַסען! און זיי האָבען זיך דאָן אָרומגעדרעהט פון דער פריה ביז די פּריסוטסטווע איז געוואָרען געשלאָסען. ווינטער איז געווען די צייט אָריינצוּרייבען גוטע סעודות מיט די איסבאָרשטשיקעס אָדער אַנדערע גוטע לייט און צו מאַכען אָקעס, ביז עס הויבט אָן באַגינען; ווינטער פאַלט אַריין אַ רובעל אין קעשענע און יעדען דאָנערשטאָג האָט ער אין מאַרק געקויפט די פיינסטע פיש פאַר דער מאַמען לכבוד שבת, און ער האָט משונה הנאה געהאַט אָפּצושטעלען יעדען באַקאַנטען, וואָס ער האָט געטראָפען אויף דעם וועג און ווייזען די קניה, האַלטענדיג זיין דיקען שטעקען אונטערן אָרים און די פיש, איינגעוויקעלט אין אַ פּאַפּיר, אין ביידע הענט.

ווינטער האָט מען געוואוסט פון אַ לעבען, נאָר דערפאַר, ווען דער זומער איז געקומען, איז ראַפּשאַנסק ווי אָפּגעשטאָרבען, די גאַסען טוידט, מענשען געהען אָרום ווי די שאָטענס און על'ציק'ען האָט שוין דער עסען דער צימבלער מיט זיינע חכמות, צמח'קע דעם שוסטער'ס צינישע וויצען זיינען איהם שוין פון דער נאָז געקראָכען און עס איז אויסגעקומען כאָטש צו קריכען אויף גלייכע ווענט. אַ שטיקעל חיות, אַ לאָבונג צו דער נודעטאָ האָט ער געפונען אין די אינטערעסאַנטע ראָמאַנען און ער האָט ביים מוכר־ספרים'ניק איבערגענומען אַלע מעשה־ביכלאַך אויף פּראָקאָט און פאַרשלאָגען מיט דעם אַ ביסעל די צייט.

ביים מוכר־ספרים'ניק איז געווען אַ מין קלוב, וואו עס האָבען זיך פאַרקליבען אַ פּאָר פּרושים, וואָס האָבען געזוכט די השכלה און האָבען גערעכענט, אַז דער בריק צו איהר ליגט אין די מעשה־

ביכלאַד; אַ קוואַס־מאַכער, וואָס האָט געהאַט דעם גאַנצען פדיון־שבת ביי טאָג אויף באָרג, ווען די ראַפּשאַנסקער תושבים כאַפּען זיך אויף פון שלאָף נאָכ'ן טשאָלענט מיט אַ פאַרלאָפּענעם מויל, פאַרכראַסנעטע האַלז, און שבת־צו־נאַכט פאַר מזומן אויף הבדלה, און אַ פּאָר בעל־הבית'ישע בחורים'לאַך, וואָס האָבען קיין יעווריסקע אוטשילישטשע ניט געענדיגט, אַז זיי זאָלען קענען לייענען רוסישע ביכער און האָבען ניט געוואוסט לשון קודש גענוג, אַז זיי זאָלען זיך שעמען מיט זשאַרגאָן. דאָס זיינען געווען די שטענדיגע באַזוכער פון ראַפּשאַנסקער מוכר־ספרי־נס'ניק, פאַרשטעהט זיך, אויסער פרייטאָג פאַר נאַכט, ווען אַהין פלעגט אויף אַ מינוט פאַרשמעקען אַ דינסט־מיידעל אָדער אַ היינט מאָדישער בעל־מלאכה צו נעהמען אַ ראָמאַן אויף שבת, נאָר די לעצטע פלעגען לאַנג ניט שטעהן, זיי האָבען נאָר אויסגעקליבען אַ געשיכטע און אַוועק. די ערשטע אָבער האָבען דאָרט פאַרבראַכט לאַנגע שטונדען און האָבען באַשפּראָכען יעדע ווערק און יעדען שרייבער.

צווישען די שטענדיגע באַזוכער האָט זיך עלציק אויך אַריינגעמישט, און איהם האָט געדוכט, אַז דאָ האָט ער געפונען זיין אמת'ן קרייז. שפּעטער האָט ער פאַר זיי גענומען לייענען זיינע פאַרפאַסונגען און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיי האָבען געהאַט אַ פאָראורטייל, האָבען זיי געפונען, אַז ער איז אַ פיינער פּאָעט, איבערהויפּט ווען ער האָט זיינע אַ לידעל אַליין געזונגען מיט אַ מאָטיוו, וואָס ער האָט אַליין צוגעמאַכט.

אַ מאָל, ווען זלמן איז אַרויס פון בית־המדרש מיט'ן טלית־זאַק אונטער'ן אָרעם, מיט גרויסע שטיקער וואַטע אין די אויערען און האָט זיך נאָר וואָס אָפּגעהוסט, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט אַ קורצען טרוקענעם הוסט, ווי חזנים טוען געוויינלאַך איידער זיי נעהמען זיך צום זינגען, האָט ער דערזעהן אויפ'ן שול־הויף אַ סצענע, פון וועלכען איהם איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען. צמח'קע דער שוסטער און זיין עלציק זיינען געשטאַנען אין מיטען גאַס און האָבען געשלאָגען זיך מיט די שטעקענס. זייערע היט האָבען זיך שוין געוואַלגערט אין רינשטאָק און ביידע זיינען געווען

צובלוטיגט. ארום האָט זיך פאַרקליבען א רעדעל און מען האָט געקליבען נחת פון דעם געשלעג.

— אַ שעהנע ריינע כּפּרה! אַזוי, איינער זאָל דעם צווייטען אין דער ערד אַריינשלאָגען, וואָלטען מיר פּטור געוואָרען פון אַ פּאָר בלוט-זויגערס.

—זיי האָבען זיך ניט געקענט צוטיילען מיט זייערע ראַבונקעס. רעכט אויף זיי!

— זאָל אַביסעל אַפּגעהן די חזיר'שע יוכע. ניש'קשה, עס וועט זיי ניט שאַדען.

און די קלאַפּעריי פון די שטעקענס איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער און די טויבע קרעכצען, ווי ביי האַלץ-האַקען, זיינען געוואָרען אַלץ העכער און פון צייט צו צייט האָבען זיי אויסגעשריען:

— איך וועל דיר ווייזען, צמח'קע גנב!

— איך וועל דיר דרך-ארץ לערנען, שיינעץ איינער!

זלמן איז אַ ווײַלע געשטאַנען ביי דער טיר און האָט זיך ניט געקענט אַ ריר טאָן, אַזוי ווי די פיס זיינע וואָלטען צוגעשמידט געוואָרען צו דער ערד; באַלד איז איהם אָבער די פּלעצליכע צור־טומלונג אַריבער און דער ערשטער געדאַנק זיינער איז געווען אַ ציה טאָן זיך צוריק אין פּאָליש, נאָר גלייך האָט איהם באַהערשט אַן אַנדער געפיהל און ער האָט זיך געלאָזט לויפען צום פּלאַץ, וואו דער געשלעג איז פאָרגעקומען.

— רשעים! וואָס שלאָגט איהר זיך? — האָט ער אויסגעשריען, און האָט זיך אַריינגעוואָרפען צווישען די שלאָגערס.

— איך וועל דיר נאָך געבען! — האָט צמח'קע געשריען.

— און איך וועל נאָך מיט דיר בלק לערנען, — האָט עלציק געברומט און געזוכט זיין הוט.

— איז דאָס אַ סטאַטיק פאַר אַ אידען צו שלאָגען זיך? — האָט זלמן געזאָגט אַ שטיקעל מוסר צמח'קען.

— דאָס איז אייער בן, — האָט זיך צמח'קע אָנגערופען.

פיעל געזונד זלמנ'ען האָט געקאָסט איבערצוגעהן די שטיקעל וועג פון שול-הויף ביז צו איהם אַ היים און פיהרען זיין זוהן, אַ צובלוטיגטען, איבער דער גאַס, איז קיין פּעדער ניט אַמשטאַנד

איבערצוגעבען. ער וואָלט זיך בעסער געוואונשען, אַז די ערד זאָל זיך עפענען און זאָל איהם איינשלינגען לעבעדיגערהייט. ער האָט די גאַנצע וועג די אויגען ניט אויפגעהויבען פון דער ערד און איהם האָט אויסגעוויזען, אַז הינטער איהם איז פאַרזאַמעלט גאַנץ ראַפּשאַנסק, אַז פון אַלע פענסטער און טירען קוקט מען אויף איהם און מען טייטעלט מיט די פינגער. ער איז געגאַנגען שטיל און האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. ער האָט געסאָפּעט זעהר שטיל צו כאַפּען דעם אָטעם. און ווען זיי זיינען אַריין אין שטוב, האָט ער גענומען געהן איבער'ן צימער מיט פאַרבראָכענע הענט:

— וועה איז מיר! וועה איז מיר! וואָס פאַר אַן עלטער איך האָב דערלעבט!

אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען שוין געזעסען עלציק און צמח'קע און מאָטקע דער צימבלער און רובעלע קנאַק און לעווינקע אין אַ באַזונדער צימער אין דער אכסניא וואו רובעלע קנאַק האָט זיך ארומגעריבען און האָבען געטרונקען און געגעסען און געוויצעלט זיך.

— טרינק, חזיר, פאַר די יוכע וואָס איך האָב פון דיר אַרויסגע־לאָזט! — האָט צמח'קע געמאַכט לחיים צו עלציק'ן און אויסגע־שטעלט דאָס גלעזעל. לחיים!

— פאַלען זאָלען פון דיר, טייערער פאָטער, יעדען טאָג אַזוי פיעל פלייש, פיעל איך האָב פון דיר אָפּגעריסען, הונט איינער! — האָט עלציק געענטפערט, און האָט אַנגעקלאַפּט זיין גלעזעל אַן צמח'קעס. לחיים!

— הלואי, קינדערלאַך, אויף אייך אַלע טאָג געזאָגט געוואָרען, און אידען וואָלטען דערפון גאָר ניט פאַרלאָרען, און מיר וואָלטען דאָביי געוואונען: פון עלציק'ן וואָלט די יוכע גערונען, פון צמח־קען וואָלט דער גראָבער טרעמבוך אַנטרונען און מיר וואָלטען אַ גוטען שנאַפּס געפונען, — האָט מאָטקע דער צימבלער געזאָגט, לאַ־זענדיג זיך אויף דעם ברחנ'ס שטייגער. לחיים!

— אַז שוין געשלאָגען זיך, האָט איינער פון אייך נעדאַרפט לכל הפּחות אוועק אַהן אַ קאָפּ און דער צווייטער אָהן הענט און אָהן פיס, — האָט דער פּראָסבע־שרייבער געזאָגט.

— אויך מיר געשלאָגען זיך! — האָט רובעלע קנאַק געזאָגט שפּאַטיש. — דער האָט יענעם מיט'ן שטעקל אַ פּיהר געטאָן אי־בער דער נאָז און יענער האָט דעם מיט'ן שטעקל אַ פּורקע געטאָן אין טרעמבוך! אַלץ הייסט געשלאָגען זיך. לחיים! הלואי דעם צווייטען מאָל זאָל יעדער אַפּליגען באָטש אַ האַלב יאָהר אין בעט.

— און דערנאָך ניט קענען אויפשטעהן! — האָט דער צימבלער אונטערגעכאַפּט.

חברה איז לאַנג געזעסען אַרום טיש און האָט אויסגעליידיגט אַ פּאָר פּלעשלאַך בראַנפען און אַ גאַנצען פּאַלומעשאַק מיט גע־פילטע פיש, וואָס איז געווען געל פון זאַפּראַן און וואָס האָט אַרויס־גערופען סלינע אין מויל אפילו ביי אַ ניט אויסגעהונגערטען. די בעל־הבית'טע פון אכסניא האָט געהאָט אַ שם מיט איהרע געפילטע פיש. דערנאָך איז אויפ'ן טיש ערשינען אַ פעטע גענזעל, אַ פער־טעלע פאַר יעדען, און ווען די סעודה'צקע האָט זיך געענדיגט, האָבען ביי אַלעמען געגלאַנצט די אונטערשטע האַלבע געזיכטער פון פעטס, און וועהרענד די איבעריגע חברה האָבען געקאַלופּעט די ציינער, האָט עלציק געזונגען אַ ליד און אַלע זיינען זיך צוגאַנגען זעהר פרעהלאַך.

— דאָס צווייטע מאָל, חזיר, זאָלסטו האָבען מעהר דרך־ארץ, — האָט צמח'קע געזאָגט ביים געזעגענען זיך, דריקענדיג עלציק'ן די האַנט.

— און דו, הונט איינער, זאָלסט ווייטער ניט בילען — האָט עלציק געענטפערט, און יעדער איז אַוועקגעגאַנגען אין זיין וועג.

— וואָס זיינען זיי, בעסער ווי הינט? — האָבען געריעדט צו זיך די ראַפּשאַנסקער, זעהענדיג ווי פריינדלאַך עלציק און צמח'קע האָבען זיך געשיידט, ווען זיי זיינען אַרויס פון אכסניא. הינט רייסען זיך און קושען זיך.

און עלציק'ס לעבען האָט גערונען ווי פריהער אין פריינטשאַפט און האַרמאָניע מיט זיין חברה, ביז אַ צווייטער קריעג האָט אויס־געבראָכען און עס איז געקומען צו אַ נייעם געשלעג און מען האָט דערנאָך פאַרטרונקען און פאַרביסען אין דער זעלבער אכסניא, וואָס האָט ניט געהאַט איהר גלייכען אין געפילטע פיש.

די שטאָדט האָט איהם געהאַסט ניט ווייניגער ווי יעדען איינ־ציגען פון די חברה מוסרים, און יעדער פּאַטער, וואָס האָט געהאַט אַ זוהן ניט קיין גע׳פּטר׳טען, האָט איהם פיינט געהאַט שנאת מות און אין הארצען פלעגט איהם אָפּרייסען, ווען ער פלעגט איהם באַגעגענען. נאָר אין דער ווירקלאַכקייט האָט קיינער ניט געקענט ווייזען איין פאַל, וואו עלציק האָט דערלאַנגט אַ מסירה. ער האָט געררעדט און געשריען און גע׳טענה׳ט, אַז ער וועט טאָן דאָס און דאָס, אָבער דאָס איז אַלץ געווען ניט מעהר ווי געסטראַשעט. ער איז געווען צו פויל און האָט ווייניג שלעכטס געהאַט אין הארצען, אַז ער זאָל געהן מסר׳ן. און ווען דער פּאַטער פלעגט איהם פון צייט צו צייט נעהמען זאָגען אַ שטיקעלע מוסר און ברעכען אין פאַרצווייפלונג די הענט, וואָס פאַר אַ סוף זיינעם אַ זוהן איז אויסגעגאַנגען, פלעגט עלציק זיך אָנרופען:

— וואָס טו איך? איך כאַפּ אַמאָל אַן אומזיסטען רובעל? זיינען זיי נאַראַנים, וואָס זיי גיבען. איך נעהם ניט קיין געלט פאַר מסר׳ן. מען גיט מיר, אַז איך זאָל שווייגען, און שווייגען איז קיין עולה ניט. אי וואָס? דאָס געלט איז ניט פאַרהאַרעוועטע, בין איך ניט דער איינציגער וואָס טוט דאָס.

און עלציק האָט גענומען אויסרעכענען אַ גאַנצען צעטעל פון די „פּיאַנע העיר“, וואָס לאָזען אַראָפּ געלט אין קעשענע פון קהל׳שע עסקים און קיינעם פאַלט ניט איין צו רופען זיי מיט שלעכטע נעמען.

אזוי איז אַוועק אַ צייט מיט יאָהרען. עלציק איז געזונקען אַלץ טיפער און טיפער אין דעם זומפּ און האָט פאַרלאָרען יעדע חרפּה און בושה. ער האָט זיך געפיהלט ווי אַ פרייער פויגעל, אהן שום פליכטען צו וועמען־עס־איז.

אַ מאָל, אין אַ שעהנעם זומערדיגען נאָך האַלבען טאָג, ווען ער איז אַריינגעקומען צו דער מאַמען אָפּעסען אַ מיטאָג, אויס־פּייפענדיג מיט׳ן מויל עפּעס אַ מאָטיוו, האָט ער באַמערקט אַ יונגינקע אומבאַקאַנטע מיידעל זיצט נעבען טיש און די מאַמע האָט איהר אָנגעשטעלט היבש כבוד. ער האָט אויף איהר אַ קוק געטאָן פון דער זייט און האָט געפרעגט:

— ווער איז דא?

די מאמע האט ניט גלייך געענטפערט. עס האט איהר עפעס פארשטיקט אין האלז. דערנאך האט זי א שאקעל געטאן ווידער מיט'ן קאפ און א לאנגען זיפץ געטאן:

— א־א־א־א!

און טרערען האבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

עלציק האט אויפגעהערט צו פייפען. זיין געזיכט איז פאר־צויגען געווארען מיט א וואלקען און אין הארצען האט איהם א ריס געטאן.

— איז דאס... — האט ער אנגעהויבען צו שטאמלען און האט ניט געקענט ענדיגען.

— אז אך און וועה! א טאטע דערקענט ניט זיין אייגענע טאכטער!

דאס מיידעל, אלט א יאהר דרייצעהן, אנגעטאן נעט און פיין מיט א געשמאק פון א גרויסער שטאדט, וואס מען זעהט זעלטען אין ראפשאנסק, האט אפגעקערט צו איהם דעם קאפ און געפרעגט, אויפשפרינגענדיג:

— איז דאס דער פאפא?

און נאך איידער עלציק האט געקענט קומען צו זיך, איז זי שוין געהאנגען ביי איהם אויפ'ן האלז.

די טאכטער איז געקומען צום פאטער אין געסט און איהר פלעצלאכער ערשיינען האט מיט א מאל א טרייסעל געטאן זיין גאנצע אינערלאכע וועלטעל. איהרע אומשולדיגע קושען האבען איהם געברענט און זיין גאנצע אינגעווייד האט געוואלט שרייען: „קוש ניט דיין טאטען! ער איז דאס ניט ווערט! ער איז א מיאוס'ער מענש!"

די ערשטע טעג האט ער פון איהר געווייכט. ער האט ניט גע־קענט אריבערטראגען איהר האלזען און קושען. דאס ערשטע מאל האט ער איצט דערפילט א חרפה פאר זיין ארט לעבען. איצט האט ער געזעהן, אז ער איז פארזונקען אין א זומפ ביז'ן האלז און ווען צו איהם האט דערגרייכט א באמערקונג פון א ראפ־שאנסקען, ווי יענער האט זיך געוואונדערט, ווי קומט צו אזא

מענשען אזא פיינע קינד, האָט ער אראָפּגעלאָזט די אויגען פאַר חרפּה און די באַמערקונג איז איהם אוועק שניידענדיג איבער אַלע זיינע גלידער.

יא, זיי זיינען גערעכט און ער איז ניט ווערט צו האָבען אזא קינד, און וועט זיין טאָכטער ווערען פון איהם וויסען און רופען איהם פאָטער, ווען זי וועט אויסוואַקסען און אויסגעפינען, מיט וואָס ער האָט זיך באַשעפטיגט און ווי מען קוקט אויף איהם אין ראַפּשאַנסק?

די ערשטע פּאָר טעג האָט ער קיין הארץ ניט געהאַט צוצוגעהן צו איהר. ער האָט איהר ניט געקענט קוקען גלייך אין די אויגען, נאָר באַלד האָט ער אין זיך גובר געווען די שעמוודיגקייט און האָט מיט איהר פאַרבראַכט די גאַנצע טעג און ביי נאַכט איז ער מיט איהר ארוים שפּאַצירען.

— אהא, דו ביזט גאָר א חברה־מאַן! — האָט צמח׳קע אויס־געשריען מיט פרייד, דערזעהענדיג על׳ציק׳ן. דו האָסט זיך געוואָלט ארויסמאַכען און אפילו ניט געבען אַפּנעצען, ווען דו האָסט אזא גאַסט! מיט ליעב דיר דיין גאַסט!

על׳ציק האָט עפּעס א מורמעל געטאָן און איז מיט איהם אריין אין דער אכסניא, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט די געפילטע פיש. ער איז איצט געגאַנגען מיט איהם מאַכען לחיים על אפּו ועל חמתו, און האָט נאָר געוואָלט פאַרשטאָפּען איהם דאָס האַלז, כדי ער זאָל ניט רעדען פון דעם גאַסט. איהם האָט אויסגעוויזען, אז עס איז א גרויסע באַליידיגונג פאַר זיין טאָכטער, וואָס אזא צמח׳קע קען מיט איהם פון איהר רעדען.

— איך האָב איהר געזעהן! — האָט צמח׳קע געזאָגט, שטע־הענדיג פאַר׳ן בופעט און האַלטענדיג א פולע גלעזעל בראַנפען. — א פיינע מיידעל! ווי קומט צו דיר אזא טאָכטער? לחיים!

דעם פאָטער׳ס זעלבסט־ליעבע איז געווען געקיצעלט פון דער באַמערקונג, און דאָס האָט איהם פאַרשאַפט פאַרגעניגען צו הערען אפילו פון צמח׳קעס ליפּען. ער האָט מיט א פרעהלאַכערע געזיכט גענומען זיין גלעזעל און געענטפערט:

— לשלום.

צמח׳קע האָט אָפּגעווישט די ליפּען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, די וואָנסען מיט דער לינקער זייט פון דעם צייג־פינגער און אָרי־בערבייגענדיג דעם קאָפּ איבער׳ן בופעט צו זוכען מיט די אויגען עפּעס א פאַרבייסונג, האָט ער ווייטער געזאָגט מיט זיין צינישען טאָן:

— זי וועט זיין א פּעטער ביסען.

און אָפּבויגענדיג דעם קאָפּ פון בופעט, האָט ער צו איהם א וואונק געטאָן.

דאָס גאַנצע בלוט האָט עלציק׳ן א שפּאַר געטאָן אין געזיכט.

— דו ביזט געווען א גראָבער יונג און וועסט בלייבען א גראָ־בער יונג! — האָט ער געזאָגט און איז ארויסגעלאָפען פון דער אכסניא.

— האַ־האַ־האַ! — האָט צמח׳קע געלאַכט, האָבענדיג א פולען מויל מיט א קיכעל און אָנשפּאַרענדיג זיך מיטביידע הענט אָן בויך. — האַ־האַ־האַ!

עלציק האָט איצט אָהיים ניט געקענט געהן. איהם האָט זיך אומגעקעהרט צוריק די בושה פון די ערשטע טעג פאַר זיין קינד. אין גאָס האָט ער מורא געקראָגען ארומצוגעהן, ווייל ער האָט גוט געוואוסט, אז צמח׳קע וועט פון איהם איצט ניט אָפּטרעטען און וועט איהם פאַרשיטען מיט צינישע באַמערקונגען. נאָר דאָס וועט ניט זיין גענוג. ער וועט דאָס דערצעהלען מאָטקע דעם צימבלער און רובעלע קנאָק און לעווינקען און זיי וועלען איהם די יאָהרען דערגעהן. ער האָט שוין חרטה, וואָס ער האָט געטאָן אזא נאַרישקייט צו לאָזען מערקען צמח׳קען, וואָס איהם קען אָנ־צינדען. ער האָט עס געדאַרפט אַראָפּשלינגען און ניט ווייזען קיין מינע, אז איהם אַרט עס. נאָר איצט איז פאַרפאַלען און ער איז אוועק צום מוכר־ספרים׳ניק און האָט זיך א ביסעל פאַרגעסען ביי א ראַמאַן, וועלכען ער האָט געלייענט ביים מוכר־ספרים׳ניק אין שטוב גופא, פאַרשטופּענדיג זיך ערגעץ אין א ווינקעל.

די מוטער האָט גלייך באַמערקט די ענדערונג, וואָס איז פאַר־געקומען אין איהר זוהן און זי האָט זיך געאײלט מיטצוטיילען עס איהר מאַן. און ביידע האָבען איהם איצט גענומען זעגען.

— עס איז נאָך קיין מאָל ניט שפּעט, האָט זלמן געזאָגט צו עלציק'ן, אָפּהוסטענדיג זיך פריהער מיט זיין טרוקענעם הוסט. — דו קענסט נאָך דיין פלעק אָפּוואַשען, און פאַר וואָס זאָלסטו פאַר־שווארצען די אויגען דיין איינציג קינד...

— און נאָך וואָס פאַר אַ קינד! קיין בייזע אויג זאָל איהר ניט שאַדען! זי לייכט דאָך ווי די ליכטיגע זון, און ווי צוגע־בונדען זי איז צו איהם! — האָט זיך די מוטער אריינגעמישט.

— זי וועט דאָך דיך פאַרשילטען, ווען זי וועט פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַן אומ־כבוד דו האָסט ארויפגעלעגט אויף איהר נאָמען, — האָט דער פאָטער ווידער געזאָגט. — נאָך איז צייט! דו האָסט מקצר געווען די טעג און די יאָהרען פון אַ יונגע פרוי; דו מאַכסט אומגליקלאָך דיין אייגענע טאָכטער, דיין בלוט און פלייש; דו האָסט אונז פאַרשוואַרצט די אויגען און געמאַכט כרת יאָהרען; און זיך האָסטו געטאָן מעהר שלעכטס ווי אַלעמען. זעה וואָס פאַר אַ פּנים דו האָסט ביי לייטען. יעדער פאַרשילט דיך די יאָהרען און אַל תפתח פה לשטן — די קללות קענען מקוים ווערען. אָבער נאָך איז צייט! קעהר זיך אום צוריק צו דיין ווייב און קינד און לעב ווי אַלע אידען לעבען.

עלציק האָט ניט געענטפערט. ער האָט שטיל אויסגעהערט דעם טאַטען־מאַמעס מוסר און האָט מיט די פינגער געדרעהט דאָס קייטעל פון זיין זייגער מיט די אויגען געריכטעט אויפ'ן זשילעט.

— שתיקה כהודאה, זיין שווייגען איז אַ גוטער סימן, — האָט זלמן געזאָגט שפּעטער צום ווייב, ווען זיי זיינען געבליבען אַליין. — דאָס ווייזט, אַז ער איז מודה, אַז מיר זיינען גערעכט.

און זיי האָבען קיין רעד ניט געזשאַלעוועט און האָבען ביי יעדער געלעגענהייט אריינגערעדט פיעל זיי האָבען געקענט.

די טאָכטער איז אין צוויי וואָכען ארום אָפּגעפאָהרען. ביים געזעגענען זיך האָט זי געפרעגט עלציק'ן:

— פאַר וואָס קומסטו צו אונז ניט, פּאָפּאַ?

עלציק האָט עפּעס אַ מורמעל געטאָן אונטער דער נאָז און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען.

נאָר די טאָכטער האָט זיך מיט דעם ניט באַגנוגענט און זי האָט ווייטער געזאָגט:

— ווען וועסטו צו אונז קומען?

— אין גיכען, אין גיכען, — האָט ער געמורמעלט.

— יאָ, אין גיכען! — האָט זי געזאָגט מיט אַנגערוקטע ברעמען און מיט אויסגעשטעלטע ליפּען. — די מאַמע האָט מיר אַלע מאָל געזאָגט, אַז דו קומסט אין גיכען, אין גיכען — און דו ביזט קיין מאָל ניט געקומען.

די באָבע האָט זיך אָפּגעקעהרט אָן אַ זייט און האָט געווישט די טרערען. ביים זיידען האָבען זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען.

— איך וועל קומען! איך וועל קומען! — האָט ער געמורמעלט און האָט ניט אויפגעהויבען די אויגען פון דער ערד.

זלמן און זיין ווייב און עלציק זיינען געגאַנגען צוריק אַהיים ווי פון אַ לויה. קיינער האָט ניט גערעדט קיין וואָרט. זיי זיינען אַלע געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען און האָבען אויסגעמיטען צו קוקען איינער אויפ׳ן צווייטען.

* * *

אַ יאָהר צוויי זיינען אַריבער.

אויף איינע פון די ברייטע און באַלעבטע גאַסען פון דער גרויסער שטאָדט וו. געהט אַ מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג, מיט אַן אָפּגעבליאַקירט געזיכט, מיט אַ ביסעל אָפּגעטראָגענע קליי־דער, מיט׳ן קאָפּ עטוואָס אַראָפּגעזונקען צו דער ערד. איהם אַנט־קעגען געהט געשווינד אַ מאַן פון עלטערע יאָהרען מיט אַ גראָבען בויך, מיט אַ שמייכעל וואָס מען קען זעהן ביי איינעם, וואָס באַ־געגענט אַן אַלטען פריינט, וועלכען ער האָט שוין אַ צייט פאַר־לאָרען פון די אויגען.

— עלציק! אויף מיינע נאמנות! דיר איז ניט צו דערקע־נען! — האָט אויסגעשריען דער עלטערער מאַן מיט׳ן גראָבען בויך.

— צמח, ווי קומט איהר אַהער?

— מיט'ן באַהן און מיט די פיס. איך האָב דאָ אַ שטיקעל געשעפטעל. נאַר זעה, וואו האָסטו דעם בויך אָהינגעטאָן? — האָט צמח געפרעגט, באַקוקענדיג איהם פון קאָפּ ביז די פיס.

— וואָס מיינט איהר? ניטאָ די אַמאָליגע גרינגע יאָהרען. וויל מען אַרבייטען, דאַרף מען קיין בויך ניט האָבען.

— יאָ, איך האָב געהערט, אַז דו האָסט דאָ אַ שטעלע ביי דיין ווייב'ס אַ קרוב אין אַ ברויז. אַ בוכהאַלטער, צו וואָס?

— יאָ, אַ שטיקעל בוכהאַלטער.

— ביזטו צופרידען?

— מילא, בעסער ווי אַרומשלעפּען זיך שלינק און שלאַנק איבער ראַפּשאַנסקער גאַסען.

— און דו בענקסט גאָר ניט נאָך די פּעטע געגזלאַך? קום אַריין, מיר וועלען מאַכען אַ שנאַפּס.

— ניין, איך האָב איצט קיין צייט ניט. איך מוז איילען אין ברויז, און ער האָט זיך געלאָזט געהן אין דער זעלבער ריכטונג, וואו ער איז געגאַנגען פריהער.

— וואו וואוינסטו דאָ? — האָט צמח געפרעגט נאָכגעהענדיג נאָך איהם.

— איך וואוין ווייט פון דאַנען. זאָגט מיר בעסער, וואו שטעהט איהר דאָ איין?

— וואו? פאַרשטעהט זיך, אויף דער ראַפּשאַנסקער אַכסניא.

— אַ גוטען טאָג. אויב מיר וועט אויסקומען צייט, וועלען מיר זיך נאָך זעהן, — און ער איז אַוועק מיט גיכע טריט.

צמח האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַ ווײַלע נאָכגעקוקט און אַ מורמעל געטאָן:

— דו פאַררעדט מיר ניט די ציינער! דיר פּאַסט שוין ניט צו זעהן זיך מיט דיין אַמאָליגען חבר.

צמח האָט אַ קראַץ געטאָן דעם קאָפּ און האָט אַ מורמעל געטאָן:

— פון די יאַלדען קען זעלטען אַרויסקומען אַ רעכטער מענש! און ער האָט זיך געלאָזט געהן מיט זיין וועג.

.1898

וועמענס קרבן?

(ערצעהלונג).

1.

זיי האבען אקארשט געפטר'ט אנבייסען.

שמערל האט מיט א צופרידענעם קול אויסגעלאזט: „ד' יברך את עמו בשלום", האט זיך מיט גרוים שווערינקייטען אויפגעהויבען פון טיש, עטוואס פארצויגען די דזיאסקע איבער די פלודערען, האט „אפגעמאכט" מיט דער רעכטער האנט דאס ברייטע און געדיכטע בארד, איז מיט שווערע טריט צוגעגאנגען צום בעט, האט ארויסגעצויגען פון צופוסענס א שטרויעלע און געזעצט זיך בהרחבה, האלב אנגעשפארט אויפ'ן קישען, קאלופען די ציינער.

טריינע איז נאך א ווײלע געבליבען זיצען ביים טיש ענדיגען בענשען. זי איז געזעסען, פארלעגט די הענט אויפ'ן שויס, די ליפען האבען זיך געשאקעלט, נאר די סארע אויגען איהרע, וואס האבען געקוקט אין דער לופט עפעס אויף א פינטעל, האבען געזאגט, אז די געדאנקען איהרע זיינען איצט ווייט פון בענשען; פון די טיעפע קנייטשען, וואס האבען זיך איהר געלעגט אויפ'ן שטערן, איז געווען לייכט ארויסצוזעהן, אז אין קאפ מישען זיך איהר ווייט ניט שבת'דיגע געדאנקען.

שפרה האט צוגענומען דאס געפעס פון טיש, אויסגעגאסען די „מים אחרונים וואסער" און אפגעטרייסעלט דעם טיש־טוך.

— רייזקע, עפען אויף דעם קאטוך, לאז ארויס די הינער, — האט זי זיך געווענדעט צו דער אינגערער שוועסטערקע.

רייזקע האט אויפגעעפענט דעם קאטוך און ארויסגעלאזט די הינער.

— ציפ־ציפ־ציפ־ציפ! — האט שפרה זיי גערופען צום אונטערן טיש, זיי זאלען אויפקלויבען די ברעקלאך.

— די שורפּע האָט זיך נאָך אָפּגעשטעלט אין קאָטוך — האָט טריינע אויפמערקזאַם געמאַכט.

— פּול־פּול־פּול־פּול! — האָט רייזקע איהר גערופען פון קאָ־טוך: — פּוליונטינקע, פּוליוטינקע, פּול־פּול־פּול!

די שורפּע איז אַרויס און איז געבליבען שטעהן מיט אַראָפּ־געלאָזטע פליגעל.

— ציפּ־ציפּ־ציפּ.

— גע אַפּ, חנה׳לע פון אייוועלע, זי פּוזשעט זיך פאַר דיר, — האָט טריינע געזאָגט צו דער אינגסטער טאָכטערקע.

חנה׳לע האָט זיך אָפּגעקערט, און די שורפּע איז פּאַמעלאַך, מיט פּחד, דרעהענדיג מיט׳ן קעפּעל אַהער און אַהין, צוגעגאַנגען צום טיש.

טריינע האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט, איז צוגעגאַנגען צום בעט, גענומען פון דאָרט אַ קישען און געלעגט אויפ׳ן שלאָף־באַנק, וואָס איז געשטאַנען קעגען דער בעט, און האָט זיך האַלב צוגעשפּאַרט.

זי האָט געקוקט אַ ווײַלע פון איהר געלעגער אויף שפרה׳ן, געקוקט און געקליבען נחת.

— מען זאָגט, ביי אַ מאַמען זיינען גלעזערנע אויגען, אדרבא, זאָל ווער אויף אַ טשיקאַוועס זאָגען, אויב שפרה איז ניט קיין בילד־שעהנע מיידעל. אין נייעם יעקעלע שיינט זי, זאָל איהר קיין בייז אויג ניט שאַטען, ווי די זון.

טריינע קוקט מיט פאַרגעניגען דער טאָכטער אין די שוואַרצע אויגען, אויף די ראָזיגע בעקעלאַך, רויטע ליפּעלאַך, קייל־עכדיגען און פולען קינבאַק, אויף דאָס ווייסע האַלז, און ביי איהר בלייבט, אַז ווען זי, טריינע, וואָלט געווען אַ בחור, וואָלט זי קיין שעהנערע כלה ניט געזוכט.

זי לאָזט אַראָפּ די אויגען אויפ׳ן יעקל, באַטראַכט ווי עס ליגט אויף איהר און באַמערקט איהר פולען בוזים.

זי פאַרקלערט זיך אַ ווײַלע. די אויגען באַציהען זיך מיט אַ וואָלקען.

— איהר געהט שוין דאָס זיבעצענטע יאָהר, זיבעצענטע יאָהר! דאָס איז ניט קיין געלעכטער. ס'איז שוין צייט אָנהויבען זאָרגען וועגען א חתן. און מיט וואָס וועט מען איהר חתונה מאַכען? איך האָב נאָך אפילו קיין בעטגעוואַנט ניט, היינט וואָס איז מכח נדן? דער סאַמע פּאַסליעדנער חתן וויל דאָך מען זאָל איהם אָפּ־גילטען.

איהר קעהרט שוין לאַנג דער מוח. זי שלאָפט שוין לאַנג ניט קיין נעכט. איהר טריקענט פשוט די מאַרך אין די ביינער און קלעהרט אַלץ, וואו וועט מען נעהמען פאַר איהר אויף נדן? ווען זי, טריינע, זאָל ניט זיין קראַנק, וואָלט שפרה געקענט זיין אויף אַן אָרט, אָפּדינען עטלאַכע יאָהר און אויפקלויבען א שטיקעל קאַ־פּיטאַל. מיט געלט איז שוין קיין דאגה ניט צו קריגען א חתן, — אָבער איצט? ווען אפילו זי זאָל איהר קענען אָפּלאָזען פון שטוב, וועט זי דאָך אויך ניט קענען געהן שטעלען זיך דיענען. שטעל זיך אויפ'ן זיבעצענטען יאָהר דיענען! און פון אָפּלאָזען זי פון שטוב איז גאָר קיין רעד ניט. אָהן איהר איז זי ווי אָהן א האַנט.

טריינע גיט א קוק צום בעט. זי זעהט, ווי שמערל זיצט און קאָלופּעט די ציינער. עס הויבט איהר אַזש אויף פון איהר גע־לעגער פון זיין גלייכגילטיגקייט.

— זעהסט מיט וואָס פאַר א רחבת ער, קהו, קהו, קאָלופּעט די ציינער, — זאָגט טריינע הויך.

— וואָס פאַרגינסטו מיר ניט, נאַרעלע. נעם אויך א שטרויעלע און קאָלופּע אויך די ציינער.

— זאָג נאָר וואָס פעלט דיר? מעהר ווי דאָס געהט דיר ניט אָפּ! דיר אַרט על־כל־פנים פאַר א שטוב, פאַר א ווייב, פאַר א קינד?

— היינט איז דאָך שבת...

— און אַז שבת? ווער, אַז ניט דו, זאָל דאגה'ן פאַר דיין קינד?

—וואָס דאגה'ן?

— וואָס דאגה'ן! ס'איז גאָר ניטאָ וועגען וואָס צו דאגה'ן? קהו, קהו, אַלץ איז ברוך השם אַזוי גוט, אַז ס'איז שוין גאָר קיין דאגות ניטאָ?

— און אז ס'איז פאַראַן, וואָס וועל איך העלפען מיט מיין דאגה'ן? איך זאָל אויף אַלע דאגה'ן, וועט מיר דער קאָפּ ניט סטאַיען?

— אַ שעהנער טאַטע, כ'לעבען! אַזוינע טאַטעס זאָל מען גע־דיכט זייער און שיטער וואַקסען! געהערט? אַ טאַטען זאָל ניט אַרען פאַר אַ אייגען קינד!

— וואָס זאָל מיך אַרען?

— דו מוזט זיין גאַר אַ פרעמדער; גאַר ניט קיין שטוביגער, האַ? דו ווייסט גאַר ניט, אַז דו האָסט, גאָט צו דאַנקען, אַ טאָכטער, און איהר איז שוין, קהו, קהו, אַ לויב דעם ליבען נאָמען, דאָס זי־בעצענטע יאָהר...

— און אַז דאָס זיבעצענטע יאָהר איז וואָס?

— איך ווייס? ביי לייטען, דאַכט זיך, פיהרט זיך, קהו, קהו, אַז אַ מיידעל האָט חתונה.

— וועט זי אויך חתונה האָבען.

— און נדן האָסטו פאַר איהר אָנגעגרייט?

— נדן? נד־א־אַן?

— יע, יע; נדן.

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, פיהלענדיג זיך זינדיג געגען דער שטוב מיט זיין ניט־דאגה'ן, פונקט ווי דאָס דאגה'ן וואָלט איהם נדן פאַרשאַפט.

— נו? — פרעגט טריינע מיט אַ ביטערען שמייכעל?

— וואָס קען איך העלפען? איך טו, וואָס איך קען. אי וואָס? גאָט גיט ניט — וואָס־זשע בין איך שולדיג?

— פאַר וואָס האָבען לייט, קהו, קהו?

— מאַלע וואָס לייט האָבען! אין מזל קען מען זיך ניט איינקויפען. ווער מען גאָט וויל, יענעם גיט ער.

די לעצטע ווערטער האָבען אויף טריינע'ן געווירקט. נו, טאַקע, האָב טענות צו גאָט! זי איז אויף אַ ווייל אַנטשוויגען געוואָרען.

— אַזוי איז דאָך קיין פּלאַן ניט — האָט טריינע אין אַ ווייל אַרום אָנגעהויבען רעדען ווייטער: מען מוז דאָך זעהן עפּעס אַ מיטעל.

— אדרבא, זאָג וואָס?

— איך בין דאָך אַ אידענע, קהו, קהו, ביי מיר פרעגסטו? וואָס ווייס איך? איך ברעך מיר שוין דעם קאָפּ ניט פון היינט אַז און שלאָף שוין יאָהרען לאַנג קיין נעכט ניט. נאָר אומשטיינס געזאָגט, וואָס אַ אידענע קען אויסקלערען.

— אפשר זאָל זי זיך שטעלען אויף אַן אָרט?

— איך בין דאָך אַ צובראָכענער שאַרבען, וואָס וועל איך טאָן אָהן איהר? און ווידער טאַקע אין דער רעכטער צייט, קהו, קהו, אויפ'ן זיבעצענטען יאָהר!

— אפשר אויף פאַבריקען געהן?

— און וואָס איז דאָרטען?

— יענקיל'ס מיידלאָך פאַרדינען העכער ווי צעהן גילדען אַ וואָך, — וואָס מיינסטו? עסען וועט איהר ניט קאָסטען, דירה ניט. זי וועט קענען דאָס געלד אָפּשפּאָרען.

— פיעל וועט דאָס מאַכען אַ יאָהר?

— ווען אפילו זי זאָל פאַרדינען אַ רובעל אַ וואָך, וועט זי האָבען — אין אַ יאָהר האָבען מיר פופציג וואָכען — וועט זי האָבען פופציג וואָכען — פופציג רובעל, און אַז זי וועט זיך איינטאָן, וועט זי פאַרדינען מעהר.

— פיעל?

— איך ווייס?

— דאַרף מען דאָך זעהן טאָן אין דעריין.

— אם־ירצה־השם, ניט אום־שבת רעדענדיג. מיר וועלען ביי נאַכט זיך מיישב זיין, — האָט שמערל געענטפערט און, אָנשפּאַרענדיג זיך מיטביידע הענט אַן בעט, אַראָפּגעצויגען מיט די פיס די שטיוועל, האָט זיך אַריינגעלעגט אין בעט און גענומען דרעמלען.

טריינע האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן אָרט, וואו שפרה איז פריי־הער געזעסען, און האָט איהר איצט ניט געזעהן.

— וואו איז שפרה? — האָט טריינע געפרעגט.

— וואָס, מאַמע?

— וואָס טוסטו?

— איך לייען די סדרה.

— די הינער וועלען אָנמאַכען אַ היזק. די ראַבע הון שטעהט אויפ׳ן בענקעל נעבען די טעלער. פּאַרטרייב די הינער אין קאַטוך.

— אַ קויש קאַטוך, אַ קויש קאַטוך, אַ ק־ו־י־ש.

טריינע איז נאָך אַ ווײַלע געלעגען און איז באַלד פעסט איינ־געשלאָפען.

.2

שמערל, מיט אַ שוואַרצע צושויבערטע באָרד, מיט אַ בראָנ־זענעם פּנים, מיט אַ ברייטע פּלייצע, אין שבת׳דיגען קאָרטענעם לעטניק, מיט אַ לולקע נאָך הבדלה, גלייך ווי ער האָט זיך ספּראַ־וועט ביי דער רעמיזיע און אַרויסגעשיקט זיינע צוויי פורען, האָט זיך אומגעקערט צוריק אַהיים און איז אַריין אין שטוב.

אויף איצט איז געווען אָפּגעלעגט דער ישוב־הדעת מכח שפרה׳ן, און אָבוואָהל אַלעס איז געווען אָפּגערעדט, ניט־אום־שבת־רעדענדיג, און זיי האָבען איין וואָרט ניט געהאַט וואָס צוצוגעבען, דאָך האָבען זיך שמערל און טריינע געזעצט צום טיש מיט די ערנסטקייט, מיט וועלכע מען זעצט זיך צו אַן אסיפה. שמערל האָט די פּיפּקע פון מויל ניט אַרויסגעלאָזט. ער האָט גערויכערט און געשלוקערצט. טריינע׳ן האָט דער ביטערער רויך געשטיקט און זי האָט זיך ניט געקענט אָפּהוסטען. שפרה האָט אין אַ ווינקעל געוואַשען די געפעס.

זיי זיינען געזעסען שטיל. רעדען דאַרף מען, און דוקא וועגען אַ וויכטיגע זאַך, מען דאַרף פאַרזאָרגען נדן פאַר דער טאָכטער. נאָר וואָס רעדט מען? פון וואָס הויבט מען אָן?

— אפשר אַ ביסעל טיי קען מען דאַקאָזשען? — פרעגט שמערל מיט אַ שלוקערץ און וואַרפט אַ בליק פון דער זייט אויף טריינע׳ן, מורא האָבענדיג, אפשר ניט פון דאַנען דאַרף מען דאָס געשפּרעך אָנפאַנגען.

— טיי? שפרה, נעהם דעם טשייניק און כאַפּ אַריין אַ ביסעל טיי.

שמערל ווערט אַביסעל מוטיגער. גוט, אָנגעהויבען, ווייזט אויס, פון וואַנען מען דאַרף: טריינע בעס׳ט ניט. ער גיט איהר אַ קוק

גליִיך אין די אויגען און לאָזט איהר אריין אין פּנים אַ פּולען מויל רויך.

— לאָז מיר גיט, קהו, קהו, דעם רויך אין צורה, — באַמערקט איהם טריינע, נאָר אָהן כּעס.

— וואָס האָט דיר יענקיל געזאָגט: מען נעהמט דאָרט אַלעמען צו ? — פרעגט טריינע.

— יאָ; ער זאָגט: אַלעמען! — ענטפערט שמערל מיט גרויס צופרידענהייט, וואָס ער האָט שוין אוספייעט עטוואָס צו טאָן פאַר זיין טאַכטער'ס נדן. — אַלעמען, זאָגט ער.

— אַלעמען ?

— יאָ, אַלעמען.

און איהר, טריינען, הייסט עס, וואונדערט, וואָס די ערטער אין פאַבריקע זיינען ניט פאַרכאַפּט. זי האָט אפילו קיין שום פאַרשטעלונג ניט וועגען די פאַבריקע, זי ווייס ניט פיעל מענשען דאָרטען ארבייטען, נאָר דאָך איז איהר פאַרוואונדערונג זעהר גרויס.

דערווייל האָט שפרה אריינגעטראָגען אַ גרויסען בלעכענעם טשייניק מיט געקאָכטען וואַסער, און דאָס געזינטעל האָט גענומען, בריענדיג זיך, זופּען טיי.

טריינע האָט געפרעגט שפרה'ן, אויב איהר געפעלט די פאַבריקע, וואו יענקיל'ס מיידלאַך געהען ארבייטען און אויב זי האָט חשק צו אַזאַ מין ארבייט, און זי האָט נאָר געענטפערט, אַז זי ווייסט ניט.

ארבייט, פאַרשטעהט זיך, האָט שפרה'ן ניט געשראָקען; זי איז אין שטוב אויך ניט געזעסען ווי אַ „פאַני“. די פאַבריקע האָט אויף איהר ארויפגעוואָרפען דעם זעלבען פּחד, וואָס אַ גרויסע שטאָדט וואַרפט ארויף אויף אַ קליינשטעדטעלדיגען, נאָר צו דער־זעלבער צייט האָט איהר שטאַרק געגלוסט זיין אַ פאַבריטשנע מיידעל. אין שטוב, אומשטיינס געזאָגט, קען מען קיין מאָל אויף זיך קיין רעכטע קליידעל ניט ארויפציהען, ס'איז אַ חרפּה אויס־צוזאָגען. זי געהט איצט אין צוריסענע שיך. ניטאָ פון וואַנען אָפּ־צורייסען. זי שווייגט, זי זאָגט ניט דער מאַמען, אָבער דער וועה־טאָג איז אין איהר האַרצען גרויס. עס פלאַמט איהר דאָס פּנים

פאַר בושה... צום אומגליק איז אויף איין קאַמאַש דאָס סאַמע שפּיגעל, די נאָז, אָפּגעריסען... כאַ׳וואָלט דאָס זיין די פאַרעשווע... איבערהויפּט קרענקט איהר, ווען זי באַגעגענט זיך מיט אַ באַ־קאַנטען...

איצט געהענדיג אין פאַבריקע, וועט איהר שוין קיין שוך, קיין קלייד ניט פעהלען... יענקיל׳ס מיידלאך געהען אַרוים ווי די גראַ־פינעס... אמת, זיי געפעלען איהר ניט. עפּעס „דרעהען זיי זיך אויפ׳ן קאַרעק" און זיינען... זי האָט פאַר זיי קיין נאָמען ניט, נאָר דאָס, וואָס זי דענקט וועגען זיי, וואָלט זיי זעהר ניט געשמעקט. נאָר וואָס מאַכט דאָס אוים? זיי האָבען שטענדיג אַ גאַנצען און אַ שעהנעם קלייד.

זיי האָבען אַלע געזופּט ברחבת דעם טיי. זעלטען ווען עמי־צער האָט אַריינגעשטעלט אַ וואָרט. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס זופּען און שלינגען, דאָס שלוקערצען און הוסטען און גע־בליבען איז, אַז מאָרגען זאָל טריינע געהן מיט שפרה׳ן אין פאַבריק און פרעגען אויף אַ פּלאַץ.

דערמיט האָט זיך די היימישע אסיפה געענדיגט און שמערל איז מיט אַ פולען בויך אַרויסגעגאַנגען געוואויר ווערען צו די פערד.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט זיך טריינע אויסגעקליבען אין שטאָדט, האָט אָנגעטאָן די שבת׳דיגע קלייד, אַ פאַרוק, כדי בכבוד׳יגער ווייזען זיך פאַר׳ן פאַבריקאַנט און האָט מיט זיך גע־נומען שפרה׳ן.

— דו וואַרט דאָ אָפּ, — האָט טריינע געזאָגט שפרה׳ן, אַריינגע־הענדיג אין פאַרהויז דורך דער הינטער טיר. — אפשר פּאַסט ניט זאָלבענאַנד אַריין.

טריינע האָט פאָוואָליע אויפגעעפענט די טיר, אַריינגערוקט אַ שטיקעל נאָז אין צימער, וואו דער פאַבריקאַנט, וועדליג מען האָט איהר אָנגעוויזען, געפינט זיך.

— וואָס? — האָט איהר אַ פרעג געטאָן איינער אין גאָלדענע שפּאַקולען.

— איך האָב האַרינקע ליעב, אָהער געבראַכט אַ טאָכטער. זייט זיך מרחם אויף אונז און גיט איהר עפּעס אַ מלאכה ביי אייך, — האָט זי געזאָגט אַריינגעהענדיג אין צימער און שטעלענדיג זיך ניט ווייט פון טיר.

— וואָס האָט זי געטאָן ביז איצט?

— זי איז אַ שטוביגע מיידעל. איך בין, ניט פאַר אייך גע־דאַכט, אַ צובראָכענער שאַרבען, קהו, קהו... איך האָב איהר ניט געקענט אָפּלאָזען פון זיך, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? איהר געהט שוין דאָס זיבעצענטע יאָהר, שוין צייט...

— זאָל זי קומען, וועל איך זעהן.

— זאָל אייך דער אויבערשטער דערפאַר געבען, וואָס איהר אליין פאַרלאַנגט. קהו, קהו... די טאָכטער מיינע שטעהט דאָ אין פאָרהויז.

— זאָל זי אַריין.

— שפרה׳נקע, שפרה׳נקע, קום אַריין! — האָט טריינע אַרויס־געשטעקט דעם קאָפּ פון דער עטוואָס געעפענטער טיר און געררופען דער טאָכטער: — קום אַריין, שפרה׳נקע, דער האַר וויל דיך זעהן.

שפרה איז אַריין מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען צו דער ערד און דערפיהלענדיג אויף זיך דעם פאַבריקאַנט׳ס בליק, איז זי רויט געוואָרען איבער די אויערען.

שפרה איז אָנגענומען געוואָרען אויף דער פאַבריק און טריינע האָט דעם פאַבריקאַנט אָנגעדאַנקט „אַ פולען קאָפּ" און זי איז אַוועק פון פאַבריק זעהר צופרידען.

קומענדיג אויף מאָרגען צו דער אַרבייט, האָט זיך שפרה גע־פיהלט ווייט ניט היימיש. די בליקען, וואָס די מיידלאַך האָבען אויף איהר געוואָרפען, האָבען ביי איהר אַרויסגערופען דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים. איהר האָט געדאַכט, אַז עפּעס זעהען זיי אויף איהר, עפּעס געפינען זיי אויף איהר און דאָס, וואָס זיי זעהען און דאָס, וואָס זיי געפינען, רעקאָמענדירט איהר ניט. און וואָלטען די מיידלאַך זיך באַנוגענט מיט׳ן קוקען: עפּעס שושקענען זיי זיך און לאַכען — זי צווייפעלט ניט, אַז דאָס איז אויף איהר רעכע־נונג; איהר ווערט ענג דאָס אָרט, זי זיצט ווי אויף הייסע סקאָ־

וואראַדעס, ווי אין געהאַקטע וואונדען און צום אומגליק צווינגט איהר עפּעס אַ פאַרבאַהאַלטענע קראַפט אָפּקעהרען יעדען מינוט איהר קאָפּ אין זייער זייט און באַגעגענען זיך מיט זיי מיט די אויגען. זי ווייסט זיך ניט וואו אַהין צו טאָן פאַר שאַנדע, און נאָך יעדער באַגעגעניש מיט די אויגען ווערט איהר אַלץ מיאוס׳ער און שווערער.

נאָר אָט האָט זי אָפּגעקערט דעם קאָפּ אין יענער זייט, פון וואַנען ס׳האָט זיך שוין פון אַ לאַנגע צייט געהערט עפּעס אַ קנאַ־קעריי. זי איז געוואָרען צומישט און אַ ווײַלע, איין סעקונדע, געבליבען מיט פאַר׳גולמ׳טע אויגען און אַ בהמה׳וואַטען שמייכעל אויף די ליפּען קוקען אויף „איהם“. דאָס איז געוועזן חייקעל, און ער האָט איהר מיט פאַרשידענע העויות שוין לאַנג גערופען, נאָר ביז איצט האָט זי ניט באַמערקט. איצט, ווען זי האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן, האָט ער אויף אַ משונה׳דיגען אופן צו איהר אַ וואונק געטאָן, פאַרקאַשערט די צונג פון מויל אַזוי, אַז דער עק איז אויסגעקומען ביים סוף גומען און ביים אָפּלאָזען די צונג האָט עס אַזאַ קנאַק געטאָן איבער דער גאַנצער פאַבריק, אַז עס האָט גערעכט, דאָס מען האָט ניט ווייט אויסגעשאָסען. אַלע האָבען זיך צולאַכט אויפ׳ן קול. שפרה׳ן איז נאָך שווערער געוואָרען: ער לאַכט עס פון איהר.

נאָר חייקעל האָט גאָרניט געמיינט פון איהר צו לאַכען. ער האָט דאָס איהר אָפּגעגעבען אַ „שלום־עליכם“ אויף זיין שטייגער און געגעבן געטאָן, אַז זיין באַקאַנטשאַפט מיט איהר איז שוין געשלאָסען.

אין אַ ווײַלע אַרום, ווען זי האָט ווייטער אויף איהם אַ וואָרף געטאָן אַ בגנבה׳דיגען בליק, האָט ער לכבוד איהר אָנגעבלאָזען אַ פּאָר באַקען ווי צוויי פּענכערס און מיט ביידע פויסטען זיך אַ זעץ געטאָן אין פּנים און אין שטוב האָט זיך געלאָזט הערען אַ צווייטער שאָס.

אויף חייקעל׳ס שפּראַך האָט עס געהייסען, אַז זיין באַקאַנט־שאַפט מיט איהר איז גאָר אַ נאָענטע, נאָר זי האָט עס אַלעס ניט פאַרשטאַנען און אָנגענומען דאָס פאַר אָפּלאַכען. מיט יעדער

מינוט איז אַלץ געוואָרען שווערער און זי האָט אַלץ געגאַרט די מינוט צו אַנטלויפען פון פאַבריק ווי פון פייער.

און אפילו שפּעטער אַ ווײַלע, ווען חייקעל האָט איהר שוין באַוויזען גאָר נאָהענטע פריינטשאַפט: ער איז דורכגעלאָפען פאַר־בײַ איהר און האָט אַ קניפּ געטאָן אין האַנט, אין די ווייכע, געגען עלענבויגען און אַ פרעג געטאָן: ווי טהייער אַן ארשין? — האָט זי אַלץ ניט פאַרשטאַנען און איהר איז געווען אַזוי וועה, ניט פון קניפּ, נאָר פון בזיון, אַז זי האָט שיער זיך ניט צעוויינט.

זי איז דעם טאָג איבערגעקומען אַ מין „קאַסטראַי". זי האָט איבערגעטראָגען די איראָנישע בליקען פון די מיידלאַך, די העזות און סמנים פון פריינטשאַפט פון חייקלען, די פרעכע בליקען פון די עלטערע בחורים און די ציניש ע לידלאַך פון די קלענערע אינגלאַך. זי איז געזעסען פאַרשעמט, צושראָקען, באַליידיגט און האָט ניט געוואוסט, וואָס מיט איהר איז.

ענדליך איז צוגעפאַלען דער אָבענד און די ארבייט אין פאַבריק האָט זיך געענדיגט. שפרה איז מיט האַסטיגע טריט געלאָפען אַ היים. דעם גאַנצען וועג זיינען פאַר איהר געשטאַנען אַלע לאַכעדיגע געזיכטער און די פרעכע בליקען, און אין די אויערען האָבען איהר געקלונגען די ליעדלאַך, און שפרה האָט מיט זיך גע־טענה׳ט, אַז מעהר געהט זי שוין ניט אַהין אויף דער פאַבריק און קומענדיג אַהיים, האָט זי דער מאַמען געזאָגט, אַז זי האָט קיין חשק ניט צו געהן אין פאַבריק, נאָר פון די צינישע לידלאַך, פון די פרעכע בליקען, פון חייקיל׳ס העזות האָט זי׳ ניט דערצעהלט. עפּעס האָט זי זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. טריינע האָט איהר אויף דעם געענטפערט, אַז דאָס ערשטע מאָל האָט מען קיין מאָל קיין חשק ניט צו טאָן אַן ארבייט — האָט מען עפּעס אַ גרויסען חשק שבת־צו־נאַכט וואַשען דאָס געפעס? נאָר אַז מען טוט זיך איין, איז גאָר ניט.

שפרה האָט געמאַכט הארץ און איז ווייטער אַוועק אין פאַבריק.

3.

ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און שפרה האָט זיך אַריינגעצויגען אין פאַבריק־לעבען. די צינישע לידלאַך האָבען איהר שוין מעהר

ניט רויט געמאַכט, אדרבה, זיי פּלעגען נאָך ביי איהר אַרויסרופען א שמייכעל אויף די ליפּען. די פרעכע בליקען האָבען ביי איהר אַרויסגערופען אַ חן אויפ׳ן געזיכט און זי האָט געלאַכט אויפ׳ן קול, הילכענד, געזונט.

אין אַ קורצע צייט האָט זי זיך גוט באַקאַנט מיט אַלע שטיק, וואָס קומען פאַר אין פאַבריק־לעבען און זיי האָבען איהר נחת פאַרשאַפט. איינער, אַ שטייגער, גיט איהר כלומרשט ניט־ווילענ־דיג ביים אַרויסגעהן פון פאַבריק אַ שטוב און גיט איהר תיכף אַ כאַפּ מיט ביידע הענט סאַמע ביים בוזים, זי זאָל ניט פאַלען, — זי זידעלט איהם אַן און לאַכען זיך באַלד ביידע פאַנאַנדער און בלייבען אמת׳ע גוטע פריינט.

אַלע מיידלאך פון פאַבריק האָבען שפּרה׳ן שטאַרק מקנא גע־ווען. אַרום איהר האָבען זיך שטענדיג געדרעהט אַלע בחורים און דער בעל־הבית אַליין, ווי עס האָט געשיינט, האָט אויף איהר גע־וואָרפען אַן אויג. זי האָט דאָס געוואוסט און דאָס האָט איהר שטאַרק הנאה געטאָן.

שבת, אַ שטייגער, אַז ס׳פלעגען זיך צונויפקלויבען די בחורים מי׳ט די מיידלאך טאַנצען, האָט מען שפּרה׳ן ניט געלאָזט איינזיצען. די בחורים האָבען אַלע איהר און איהר אַנגאַזשירט. אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד יעדען אָנהויב וואָך האָט זי די פיס ניט געפיהלט און די זונטאַגדיגע טעג איז זי געזעסען ביי דער אַרבייט צודולט, פאַר־חלומ׳ט. פאַרשידענע בילדער האָבען געשוועבט פאַר איהרע אויגען און האָבען איהר געמאַכט די אַרבייט שווער, אומערטרעגלאַך.

דערפאַר פרייטאָג, קרוב צו האַלבען טאָג, איז די אַרבייט געגאַנגען לעבעדיגער, זי אַליין האָט ניט באַמערקט, ווי גיך האָבען זיך געהאַקט די בלעכלאַך אונטער איהרע הענט, ווי גיך האָבען זיי זיך באַצויגען מיט לייוועגט און ווי שנעל די ווייסע ציכעל און העמדער קנעפּלאך זיינען געפלויגען פון אירע הענט. זי, אַזוי גלייך ווי אַלע איבעריגע מיידלאך, האָבען געקלאַפּט מיט די מאַ־שינקעס און צוגעזונגען לוסטיג און פרעהלאַך אייביג די זעלבע ווערטער:

סאָלנצע ניזקאָ,
שבת בליזקאָ.

חייקעל האָט מיט דער צונג צוגעקלאַפּט אין טאַקט און דער עונג שבת האָט זיך שוין געפּיהלט באַצייטענס אין פאַבריק.

איצט האָט זיך פאַר שפרה'ן געעפענט גאַר אַ נייע וועלט. ביי איהר האָבען זיך איצט געפונען גאַר נייע באַדערפענישען. זי האָט זיך גענומען וואַשען מיט גוטען שמעקעדיגען זייף, און ווען דער ווינטער איז אַנגעקומען, האָט זי זיך יעדען פרייטאָג אָנגע־גרייט אַ גרויסען ראָמאַן מיט אַ ברענענדיגער ליעבע, וואָס זאָל פאַרכאַפּען ביים הארצען.

די מאַמע פלעגט איהר מוסר'ן, זי זאָל בעסער לייענען די סדרה, נאָר דאָס האָט זי ניט געקענט פועל'ן און האָט זיך נאָר געטרייסט דערמיט, וואָס היינט איז אַ נייער דור, קיין מיידעל וויל ניט לייענען די סדרה... היינטיגע קינדער!

די מאַמע האָט באַמערקט, ווי איהר שפרה, איהר פריהערדיגע שטילע טויב, איז עפּעס געוואָרען אַ ביסעל פאַרשייטער. רעדענדיג מיט מענשען, ווערט זי שוין ניט רויט, ווי אַ מאָל; זי לאָזט ניט אַראָפּ די אויגען, זי רעדט הויך, אויפ'ן קול, זי לאַכט שטאַרק — דערפון גיט איהר אָפט אַ שטויס אין האַרצען. נאָר אויף דעריין געפינט זי אויך אַן ענטפער:

— אַז מען רייבט זיך צווישען מענשען, ווערט מען אויך אַ מענש; אויף דער פאַבריקע איז זי געוואָרען „רעדעוודיגער", מע־נעשער.

נאָר איין קלעמעניש איז איהר פאַרבליבען, וואָס שפרה'ס פאַרדינסטען האָבען ניט קיין קיום. טריינע'ס חשבונות, אַז אין וואָסערע צוויי יאָהר קען זיך אָנקלייבען אַ שטיקעל נדן, האָבען זיך אויסגעלאָזט פאַלש. דאָס געלט איז ממש צורונען געוואָרען אונטער איהרע הענט: דאָ אויף אַ קליידעל, דאָ אויף אַ יעקיל, דאָ אויף שפּיצען צו העמדער (כאָ־וואָלט זי לכל הפּחות קלייבען דאָס אין גאַרדעראָבע — ניין, דאָס אויך ניט!) דאָ אויף קאַמאַשען מיט הויכע קנאַפּעל, וואָס זאָלען זיך דוקא באַלד אויסקרימען און אַזוי ווייטער.

— די וויסטע, פינסטערע מאָדעס — זיפצט טריינע, קוקענדיג אויף דעם גאַנצען באַרג שמאַכטעס. נאָר זי רעדט ניט קיין וואָרט.

טיעף אין הארצען ביי טריינע׳ן געפינען שפרה׳ס פיהרונגען א תוקף. איהר ווילט זיך פאַרט, אַז איהר טאָכטער זאָל ניט אַרויס־געהן ערגער ווי לייטישע קינדער.

שפרה איז געווען צווישען אַלע פאַרפינסטערטע, פאַרגרינטע מיידלאַך אין פאַבריק ווי אַ בליהענדע רויז און ניט אומזיסט האָט זי געצויגען אויף זיך אַלעמענס בליקען. דער פאַבריקאַנט אַליין — און איהם אפילו איז זי אויך געפעלען געוואָרען; דאָס האָבען אַלע אַרויסגעזעהן, ווייל מיט די פאַבריק־מיידלאַך האָט ער קיין מחזקות ניט געמאַכט און שפרה׳ן פלעגט ער ביי יעדער געלעגענהייט זאָגען עפּעס אַ וואָרט, וואָס האָט זעהר ניט געשמעקט חייקלען. נאָך זיינעם אַ וואָרטעל פלעגט חייקעל אַזוי פאַרקרימען די נאָז און אויסשטעלען אויף איהם, פאַרשטעהט זיך, פון אונטער דער פּלייצע, אַזאַ פּאָר ליפּען צוזאַמען מיט אַ שטיקעל צונג, אַז די מיידלאַך האָט פּיעל מיה געקאָסט, ניט אויסצושיסען אין דעם פאַבריקאַנט׳ס געגענוואָרט אין אַ גרויס געלעכטער.

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, אין אַ שעהנעם נאָך האַלבען טאָג, ווען אַלע אַרבייטער און אַרבייטערקעס זיינען געגאַנגען מיטאָג עסען, נאָר איין שפרה מיט נאָך אַ צוויי מיידלאַך זיינען פאַרבליבען אין פאַבריק, ווייל זיי זיינען געווען אונטערשטאַטיגע און אויף מיטאָג ניט געגאַנגען און שפרה האָט אַרומגעקאַלעוועט נאָך איהר טרוקענעם מיטאָג, וואָס זי האָט מיט־געבראַכט אין איהר פאַטשיילקע, פון איין ווינקעל אין צווייטען, פון איין צימער אין צווייטען, פון איין פענסטער צום צווייטען, האָט זי אויפגעעפענט די טיר פון קאָנטאָרקע און אַריינגעקוקט אינעווייניג. הגם זי איז געווען זיכער, אַז דאָרטען איז קיינער ניטאָ, האָט זי דאָך די טיר געעפענט אין דער שטיל, נאָר דער קלײנער גערויש וואָס זי האָט געמאַכט ביים עפענען די טיר, איז געווען גענוג אויפמערקזאַם צו מאַכען דעם פאַבריקאַנט, וועלכער האָט גלייך אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון שרייב־טיש און באַגעגענט זיך מיט שפרה׳ן מיט די אויגען.

אַ רגע איז שפרה געבליבען שטעהן אין פאַרלעגענהייט און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. נאָר תיכף האָט זי זיך ערינערט

און געוואָלט אַנטלויפען, נאָר אין דער רגע האָט צו איהר דער־גרייכט דעם פאַבריקאַנט׳ס פראַגע:

— וואָס זוכסטו, קעצעלע?

— גאָר ניט, גלאַט אַזוי, — האָט זי געענטפערט באַרוהיגט פון זיין ווייכען טאָן.

— גוט, וואָס איך זעה דיך. איך האָב מיט דיר עפּעס געוואָלט רעדען.

— מיט מיר? — האָט שפרה געפרעגט פאַרוואונדערט.

— יאָ, מיט דיר. נאָר וואָס שטעהסטו ביי דער טיר? קום אַריין אין קאַנטאָרקע.

שפרה איז ניט סמיעלע אַריינגעטראָטען אין צימער.

— מיר דאַכט, אַז דיר שאַדט די אַרבייט ביי דער מאַשינקע און מיר טוט וועה דאָס האַרץ צו זעהן, ווי אַזאַ שעהנע, בליהענדע רויז ווערט פאַרוועלקט אין פאַבריק, — האָט ער צו איהר געזאָגט מיט אַ זיס קול און האָט איהר מיט צוויי פינגער אָנגענומען ביי איהר קיילעכדיגען קינבאַק.

— ניין, מיר שאַדט ניט די אַרבייט. — האָט שפרה געאיילט צו ענטפערען, און דאָס האַרץ האָט איהר אַ ריס געטאָן. איהר האָט געדאַכט, אַז ער וויל איהר אָפּזאָגען פון דער אַרבייט, און גיך ווי אַ בליץ איז איהר דורכגעלאָפען דער געדאַנק, אַז אויב דאָס זאָל געשעהן, וועט זי זיך שוין מוזען אָפּזעגענען מיט די גאַנצע קאָמאַשען מיט די הויכע קנאָפּעל, מיט די שעהנע געסטקעס אין די העמדער, מיט׳ן שמעקעדיגען זייף און אַלע אַנ־דערע זאַכען, וואָס די פאַרדינסטען אין פאַבריק האָבען איהר גע־געבען. — ניין, מיר שאַדט ניט די אַרבייט. איך בין גאָט צו דאַנקען הלואי אַ חוץ מיין שאַדען...

— איך מיין גאָר ניט אָפּצוזאָגען דיר פון דער אַרבייט, — האָט ער איהר איבערגעריסען מיט אַ שמייכעל פון אַ בעל־טובה, ווען דער מקבל־טובה פאַרשטעהט ניט, וואָס פאַר אַ גוטס מען וויל איהם טאָן. — אין געגענטייל, מיר וואָלט זעהר ליעב געטאָן, ווען דו זאָלסט אַוועק פון דער פאַבריק. דו ביזט דאָ די איינציגע צירונג.

— איך דאַנק אייך פאַר אַ קאָמפּלימענט, — האָט אין איהר ערוואַכט די אויסגעמענשעלטע פאַבריק־מיידעל און האָט אַ דרעה געטאָן פאַר פאַרגעניגען מיט׳ן האַלז.

אין דער מינוט האָט דער אינגעל געגומען קלינגען מיט׳ן גלעקעל און געגעבען צו וויסען די אַרבייטער, אַז די אַרבייט הויבט זיך אָן.

שפרה האָט מעהר ניט געוואַרט אויף אַ ווייטערדיקע ערקלעהרונג און האָט געשווינט פאַרלאָזען די קאָנטאָרקע.

4.

דער זיסער פריהלינג איז אָנגעקומען. די זון האָט אָנגעהויבען שיינען, לייכטען און וואַרימען, און איהרע שטראַהלען האָבען זיך גענומען שפּיגלען אין די גרויסע לוזשעס, וואָס זיינען געשטאַנען אין די גאַסען, פון צוגאַנגענעם אייז און שניי און, ווי דערזעהענדיג דאָס מוטנע, ברודנע וואַסער, האָבען זיי אָנגעהויבען צו שפּרינגען אויף די ווענט, וואָס אַנטקעגען איבער. אָרימע קינדערלאַך אין צוריסענע קליידלאַך מיט די גאַלע פאַלקעלאַך פון די פאַרקאַשערטע הייזקעלאַך האָבען זיך קוים אַרויסגעריסען אין דרויסען פון די פאַרשטיקע ענגע קאַמערלאַך, וואָס זיינען אַ גאַנץ יאָהר געווען פאַרשטעלט פון פרישע לופט און ליכט, אַ דאַנק די פאַרכראָסקעטע דובילטאָווע פענסטער און „אַרומגעזעהענע" טירען, און האָבען זיך געוואַרימט פאַר׳ן ליעבען זונשיין און געקנאָטען מיט די גאַלע פיסלאַך די בלאָטע אין די לוזשעס.

דער זיסער פריהלינג איז אָנגעקומען און די פענסטער אין די פאַרשטיקטע הייזער האָבען זיך פאַנאַנדערגעעפענט און עס האָט געגעבען אַ בלאָז מיט אַ שווערען געדרוך, מיט אַ גרויסען געשטאַנק, און דער עולם האָט אָנגעהויבען צו ניסען און צו הוסטען און מען האָט אָנגעהויבען פיהלען מיט אַלע גלידער, אַז דער ליעבער פריהלינג איז שוין דאָ.

די זון האָט גענומען שטאַרקער וואַרימען, האָט אויסגעטריקענט אַלע לוזשעס, דער שטויב איז געקראָכען אין נאָז, אין מויל, אין האַלז, אין די לונגען און מאַדאַם מאַנציג, דעם פאַבריקאַנט׳ס פרוי, האָט גענומען קנעלען מיט׳ן געמאַהל מכח די בעדער. זי האָט

אנגעווענדעט אַלע מיטלען, אַרויסצורייסען זיך פון דער פּאַרפּעס־טעטער שטאָדטישער לופט; זי האָט געמאַכט אַ פאַרצווייפעלטע מינע פון איינע, וועמען דער טוידט ליגט שוין אויף דער נאָז און גע׳טענה׳ט, אַז דער שטויב וועט איהר די לונגען אויסעסען; און געשאָטען שטעכווערטלאַך סאַמע ביים עסען, אַז עס איז שוין טאַקע צייט אָפּצוזוכען אַ צווייטע ווייב, וואָרים זי איז שוין גאָר אויסגעניצט און ער וועט נאָך דערביי קריגען אַ נדן און וועט פאַר־בעסערען זיינע געשעפטען. און הער מאַנציג האָט דאָס אַלץ אַראָפּגעשלונגען מיט די קאַלטקייט פון אַ פּראַקטישען מענשען; ער האָט די אויגען ניט אַראָפּגענומען פון טעלער און געקוקט אויף דעם ווי אויף אַ קאָמעדיע. ער איז געווען אַ שטענדיגער לעזער פון אַ גרויסע רוסישע טעגליכע צייטונג און האָט איהר געלייענט ניט צוליעב דעם קורס — זיין קנעפּעל־פאַבריק האָט מיט דער בירזע גאָר ניט געהאַט צו טאָן — נאָר זי איז פאַר איהם געווען זיין גייסטיגע שפּייז, ווי געוועהנלאַך ביי אַלע וואָס רופען זיך סוחרים, פאַבריקאַנטען און וואָס האָבען אַ מאָל באַקומען מעהר אָדער ווייניגער בילדונג. צו אַ מעהר סעריעזע אָדער טיפערע זאַך קען מען זיך ניט אָפּגעבען — אויף דעם איז מען פאַרנומענע, באַשעפ־טיגטע לייט, נאָר אַ לייכטער פעליטאָן, אַ גרינגער אַרטיקעל איז ווי באַשאַפען פאַר זיי. דאָס פאַרשלאָגט די איבעריגע פוסטקייט, וואָס דאָס לעבען, דאָס געשעפט, די פאַמיליע קענען ניט פול מאַכען. אַלס אַזאַ לעזער, האָט ער גוט געוואוסט פון די לצנות׳דיגע אַרטיק־לען, פון די קאַטאָוועסלאַך, פיעל די ווייבערשע זומערדיגע קראַנק־הייטען זיינען ווערטה, און איהרע רעד זיינען איהם אפילו אין דער לינקער פּאה ניט געקראַכען, נאָר אויב איהר האָט אַ מאָל געלונגען עפּעס מיט אַ שטעכווערטעל גוט באַריהרען איהם ביים עסען, האָט ער נאָר אויסגעשטרעקט די הענט צום פלעשעל, אַרויפגעצויגען אַ ביסעל העכער די מאַנשעטען, אָנגעגאָסען זיך אַ גלעזעל בראַנפען, געזאָגט פריינטלאַך „לחיים“ און אַריינגעקעהרט דאָס גאַנצע גלעז־זעל פאַר איין מאָל.

נאָר ענדליך האָבען איהרע רעד פאָרט געמאַכט אַ ווירקונג אויף איהם. ער האָט אָנגעהויבען פיהלען ביים עסען, ווי אַ גאַנצע

מחנה פליגען האָבען איהם גענומען זשומען אין די אויערען, און אום צו מאַכען מיט דעם אַן ענדע, האָט ער איהר אוועקגעשיקט אין די בערדער.

די ערשטע צייט האָט ער דערפיהלט אַן ערלייכטערונג פון איהר אָפּפאָהרען. עס האָט איהם געשיינט, אַז זי האָט מיט זיך אוועקגעפיהרט די גאַנצע מחנה דערעסעדיגע פליגען, נאָר וואָס ווייטער האָט זיך איהר אָפּוועזענהייט געלאָזט מעהר פיהלען: דאָ האָבען די קליינע קינדערלאַך פאַרשאַפט איהם איבעריגע קלאָפּאָט, פון וועלכע דאָס ווייב פלעגט איהם געוועהנלאַך באַפרייען, און דאָ האָט איהם געפעהלט דער קאָמפּאַרט, וואָס אַ פּרויענצימער פאַרשאַפט אין אַ שטוב: די שטוב האָט גענומען אויסזעהן פוס־טער און וואַכעדיגער.

אמת, ער פלעגט קומען אַהיים זעהר שפּעט, פלעגט פאַלען גלייך אין בעט שלאָפען און האָט, דאַכט זיך, קיין צייט ניט געהאַט צו באַמערקען אויב די שטוב איז געענדערט געוואָרען, און דאָך האָט זיך געפיהלט, אַז די בעל־הבית׳טע פעהלט.

אין אַ הייסען זומערדיגען פאַרנאַכט, ווען ער האָט ניט לאַנג געהאַט אויפגעהויבען זיך פון זיין נאָכמיטאָגדיגען שלאָף און איז געזעסען אין קאַנטאָרקע אויף אַ שטול און געריבען די אויגען פון די פאַרבליבענע זיסע פוילקייט פון שלאָף און געלעזען דעם ווייב׳ס אַ בריעף, וואָס די לעצטע פּאָסט האָט ניט לאַנג געבראַכט און געגעניצט און געקלאַפּט זיך אין מויל מיט דער האַנט, האָט דער גלאָק אָנגעהויבען צו קלינגען, אַז די אַרבייט איז געענדיגט. ער האָט זיך מיט׳ן געזיכט אומגעקעהרט צו דער אָפענער טיר, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר און גענומען קוקען, ווי די אינגלאַך האָבען מיט אַ קלאַפּען, פּויקען און משונה׳דיגע העויות גענומען זיך שטופּען אין קאָרידאָר. דערנאָך האָבען גענומען געהן די מייד־לאַך, מיט וועלכע די בחורים האָבען גלייך אָנגעהויבען צו שטיפען.

דאָס שטיפען פון די בחורים מאַכט אויף איהם אַ שלעכטען איינ־דרוק. זיין מאָראַלישער געפיהל ווערט ווי באַליידיגט. אין גרונד גענומען האָט ער גאָרניט געגען דעם שטיפען אַליין, נאָר די גראָבע פאָרמע, עפּעס אַזוי בראש גלוי... דאָס איז געגען זיין כלל אין

לעבען. ער האט זיין ווערטעל: „ווסיא מאזשנא, טאלקא אסטא־ראזשנא״, מען מעג אלץ טאן, נאר אויף א שעהנעם אופן, אין דער שטיל. ער קען זיך נישט איינהאלטען און גיט א געשריי:

— איהר קענט ניט געהן, ווי מענשען?

אלע אויגען ווענדען זיך אויף איהם און די ארבייטער הויבען אן צו געהן דאס שטיקעל וועג מיט דרך־ארץ, ניט געאיילט, ניט געשטופט, נאר ווי אבער מען מיידט די טיר הויבט מען איהם אן אויסצושטעקען פון אונטער דער וואנט צונגען, פייגען און מאכען משוגע׳נע העויות. די וואס האבען נאך ניט אויספייעט דורכגעהן פארביי דער טיר זעהען די העויות, די פייגען, די צונגען און האלטען זיך קוים איין פון געלעכטער. זיי קעהרען אפ די פנימ׳ער אן א זייט, אום ניט אויסצושיסען איהם אין געזיכט מיט א געלעכטער.

ער קוקט אויף די מיידלאך־ארבייטערקעס; ער קוקט מער אויף זייערע פארמען, ווי אויף זייערע געזיכטער, און אויף זיין געזיכט לעגט זיך א שמייכעל. איהם פאלט איין א שפאסיגע איי־דייע: עס וואלט געווען א גוטער מנהג, ווען מען זאל איינפיהרען דורכטאפען די מיידלאך פאר זייער ארויסגאנג, צו שלעפן זיי ניט מיט זיך פון פאבריק קיין קנעפלאך. די רעוויזיע וואלט ער אליין געמאכט און קיין אנדערן ניט ערלויבט. ער דערזעהט שפרה׳ן.

ער דערמאנט זיך, אז ער האט אמאל געהאט אין זינען צו פארגרינגערן איהר ארבייט. א פיינע מיידעל, א רחמנות אויף איהר! ער האט שוין מיט איהר דעריבער אנגעהויבען צו רעדען, נאר זי איז אנטלאפען אין מיטען. ער האט דאס געשפרעך ניט באנייט פון דעמאלט אן. ער האט זיך אלץ פארגעסען, און ער פיהלט איצט שטארקער ווי פריהער, אז עס איז א ביטערער רחמנות צו לאזען איהר זיצען ביי דער מאשינקע. א פיינע מיידעל, כ׳לע־בען!... ווי האדאוועט זיך דאס אום אין אן ארים שטיבעל אזא שעהנע בלום?... פאר וואס איז זי שוין ווייטער פארשוואונדען? ווען זי זאל איצט בלייבען איין רגע שטעהן, וואלט ער איהר ארייג־גערופען און וואלט איהר שוין באשטעלט פאר א גרינגער ארבייט. וואס א שטייגער קען ער איהר געבען? ער ווייסט נאך ניט קלאר, נאר מאלע וואס? קארג סארטען ארבייט זיינען פאראן? אבי

נאָר ניט זיצען ביי דער מאַשינקע. אויך איז דאָס ניט אַ פאַרדינסט. פיעל האָט זי אַ וואָך? חוזק. אַ שאַנדע. נאַרישע מיידעל! פאַר וואָס איז זי ניט געבליבען שטעהן אַ ווײלע? מאָרגען, ניט אַנ־דערש, מוז ער איהר געבען אַן אַנדער סאָרט אַרבייט, ניט אַנדערש, דאָס איז אַ מערדעריי!

און אין דער רגע איז פאַרבייגעגאַנגען חייקעל. ער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג און אונטער איהם האָט זיך געהערט אַ הויכער געלעכטער.

.5

ווען דאָס גלעקעל האָט אויף מאָרגען ביי טאָג געלאָזט וויסען די מיטאָג־שטונדע, האָט דער פאַבריקאַנט געהייסען דעם אינגעל, וואָס האָט זיך דאָן געפונען אין קאַנטאָר, אַריינרופען שפרה׳ן. שפרה האָט ניט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטען און איז גלייך אַריינגעקומען. מאַנציג איז געזעסען אַנגעבויגען איבערן פולט און האָט עפּעס גערעכענט. דערהערענדיג, ווי די טיר האָט זיך גע־עפענט, האָט ער, ניט אָפּקעהרענדיג דעם קאָפּ, געזאָגט: „גלייך", און האָט פאַרטגעזעצט זיין רעכנונג. דאָן האָט ער זיך צו איהר געווענדעט מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל:

— איך האָב שוין פון אייך עטלאַכע מאָל געטראַכט און האָב אַלץ פאַרגעסען. דער קאָפּ איז פאַרדרעהט און מען פאַרגעסט אפילו צו עסען. יאָ, די אַרבייט אין פאַבריק ביי דער מאַשינקע איז שעדלאַך. איך וועל אייך געבען אַן אַנדער אַרבייט, אַ גרינגערע, און דאָן, אַז איהר וועט וויסען אַלע סאָרטען אַרבייט, וועל איך אייך געבען נאָר אַ גרינגע באַשעפטיגונג.

— איך דאַנק אייך זעהר! — האָט שפרה געענטפערט מיט אַ חניפה־שמייכעל.

איהר אַרבייט איז איצט געוואָרען צו צושטעכען די קנעפּלאַך צו טאַקטורלאַך אין דוצענווייז און אַזוי ווי אין פאַבריק איז געווען וועניג פּלאַץ, האָט זי דאָס רוב געטאָן איהר אַרבייט אין קאַנטאָר. זי איז געווען זעהר צופרידען פון דער אַרבייט. ערשטענס האָט זיך איהר פאַרדינסט אַביסעל פאַרגרעסערט, און די אַרבייט איז געווען

אַ לייכטערע און צווייטענס, האָט זי זיך דאָ מעהר געקענט אויס־מענשלען. אהער זיינען אריינגעקומען פיינע מענשען: מאַנציג׳ס אַ שוואָגער, אַ פיינער יונגערמאַן, וואָס האָט געהאַלטען אַ יובעליר־מאַגאַזין; אַ ברודער, וואָס איז פרייוויליג אריינגעטראָטען אין דינסט און פלעגט זעהר אָפט אריינקומען אין קאָנטאָר מיט דער גאַנצער גראַציע פון אַ סאָלדאַט; אַ באַקאַנטער פאַבריקאַנט פון זייף, פון מיטעלע יאָהרען און נאָך אַזעלכע, און זיי פלעגען זיך דאָ אָפט אונטערהאַלטען און דערצעהלען אומגעשטערט גריילאַכע מעשיות פון שעהנע פרויען און יעדער האָט זיך באַריהמט מיט זיינע זיעגען.

מעהר פון אַלעמען האָט זיך באַריהמט דעם פאַבריקאַנט׳ס שוואָגער. און דער זייפען־פאַבריקאַנט האָט איהם אַ מאָל באַמערקט:

— גיט אַכטונג, איך וועל זיך נעהמען צו׳שדכנ׳ען צו אייער ווייבעל.

— דאָ האָט איהר דעם אָרט ניט געטראָפען! — האָט מאַנציג׳ס שוואָגער געענטפערט מיט אַ שמייכעל, און גלייך איז ער געוואָרען ערנסט און האָט אַרויסגעשפּראָכען אַ גאַנצע שטיק פילאָזאָפיע, אַז מענער מעגען זיך ערלויבען אַזעלכע זאַכען, אָבער פרויען קיין מאָל ניט. אַ פרוי איז ניט ווערט דעם נאָמען פרוי, אויב זי נאַרט דער מאַן, ווייל די נאַטור אַליין האָט אַזוי געשטעלט.

— אַ מאַנספּערשוין איז נאָר ניט, אָבער אַ פרוי — זי קען דעם מאַן מכבד זיין מיט אַ פרעמדע קינד. דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז די נאַטור האָט דעם מאַנספּערשוין געגעבען פרייהייט און דער פרוי ניט.

און גלייך נאָך דעם האָט ער דערצעהלט פון זייערען אַ באַקאַנטען, וועמעס פרוי איז אַוועקגעפאָהרען אין וואַרשא צו גאַסט אויף אַ האַלב יאָהר און קוים זיינען צוויי מאָנאַטען אריבער און זי איז שוין דאָ צוריק. — און דאָ האָט ער אריינגערוימט אַ הויכען סוד, ערקלעהרענדיג די אורזאַכע פון איהר גיכען קומען און צו־ווינקענדיג געזאָגט:

— ער וועט שוין האָבען אַ זיבעטעל. — אַלע האָבען געלאַכט און שפרה האָט אויך געלאַכט אין זיך.

דער ערשטער, וואָס האָט באַמערקט שפרה׳ן אין קאַנטאָר, איז געווען דער שוואָגער און האָט צו מאַנציג׳ן אַ פּיעל־באַדייטענדען וואונק געטאָן.

— גובאַ ניע דוראַ (וואָס אין אידיש וועט עס הייסען: כ׳לעבען, דו ביזט גאָר קיין נאַר ניט...), ווירקלאַך אַ פיינע מיידעל. וואו האָסטו איהר דערטאַפּט, אַלטער הינער־פרעסער?

שפרה האָט געהערט יעדעס וואָרט, ווייל ער האָט גערעדט אין דער הויך, גאָר אומגעשטערט, און זי האָט זיך אָנגעבויגען איבער איהר אַרבייט, אום צו פאַרשטעלען איהר פאַרלעגענהייט און זיי זאָלען ניט זעהן, ווי דאָס בלוט איז איהר אַריין אין געזיכט.

מאַנציג האָט אַראָפּגענומען די ברילען פון נאָז און האָט מיט אַ טיכעל גענומען זיי אויסווישען:

— אַלענפאַלס, ניט פאַר דיר, גוטער ברודער.

אַלע זייערע געשפּרעכען זיינען אויסגעקומען שפרה׳ן קאָמיש, נאָר זי האָט זיי ניט קריטיזירט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז אַן אַנדער וועלט, אַן אַנדער לעבען, און אַזוי ווי דאָס לעבען פיהרט מען אין דעם העכערען קרייז, מסתמא איז דאָס אַזוי גוט און עס דאַרף אַזוי זיין. די באַמערקונגען וועגען איהר האָבען איהר איניווייניג געפרייט, דאָס הייסט, דאָס האָט איהר געוויזען, אַז אפילו זיי געפעלט זי. די ציניש̈ע זייט דערפון האָט זי ניט פאַרשטאַנען אין גאַנצען. זי האָט נאָר פאַרשטאַנען אַזוי פיעל אויף רויט צו ווערען.

פאַר נאַכט, נאָך דער אַרבייט, איז איהר שטענדיגער באַגלייטער געווען חייקעל. פון דער פאַבריק ביז דער פאַרשטאָדט, וואו שפרה האָט געוואוינט, איז געווען אַ גרויסער מהלך, און כמעט פון דער ערשטער צייט, וואָס זי האָט אַריינגעטראָטען אין פאַבריק, איז חייקעל געווען איהר קאַוואַליער און ער פלעגט איהר אָפּפיהרען אַ היים. מיט איהם איז געווען אַ פאַרגעניגען צו געהן. ער האָט דעם גאַנצען וועג געמאַכט פרעהלאַך מיט זיינע העויות, תנועות

און המצאות, און זי האָט ניט אויפגעהערט צו לאַכען. ער האָט ניט איבערגעלאָזט קיינעם אויפ׳ן וועג אָהן עפּעס אַ באַמערקונג.

נאָר די ערשטע עטלאַכע טעג, וואָס שפרה האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען אין קאַנטאָר, איז חייקעל געוואָרען ברוגז׳דיג. ער איז מיט איהר געגאַנגען נאָך דער אַרבייט ווי אַלע מאָל, נאָר ער איז געוועזן ניט אין גוטען מוט.

— אַזוי גאָר, שפרה; איצט וועל איך דאַרפען פאַר דיר אַראָפּ־נעהמען די היטעל, — האָט ער זיך צו איהר געווענדעט, ווען זיי זיינען אַראָפּ פון די טרעפּ און פאַרנומען זיך צום וועג, וואָס האָט געפיהרט צו דער פאָרשטאָדט.

— פאַר וואָס ?

— איצט ביזטו דאָך אויך אַ שטיקעל בעל־הבית׳טע. דו אַר־בייטעסט דאָך אין קאַנטאָר !

— וואָס איז ? דאָרטען איז שלעכט צו אַרבייטען ? — האָט שפרה געפרעגט.

— אָה, פאַרקערט. איך מיין, דאָרטען דאַרף זיין זעהר גוט... נאָהענט פון דעם בעל־הבית, פון זיין תכשיט דעם שוואָגער, פון דעם קור־נעזעל זיין ברודער דעם וואָלנאָ־אָפּרעדעליאַיוסטשי, און חייקעל האָט דערביי געמאַכט אַ מינע ווי אַ קור־נעזעל דאַרף אויסזעהן.

— אהאַ ! דו האָסט מורא זיי וועלען מיך אויסכאַפּען ! — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל, אַריינקוקענדיג איהם אין געזיכט.

— שפרה ! — האָט ער געזאָגט, אָנכאַפּענדיג איהר ביי דער האַנט. — שפרה !

— וואָס.

— געדענק שפרה !...

חייקעל האָט מעהר ניט געזאָגט און האָט אָפּגעלאָזט איהר האַנט.

— וואָס זאָל איך געדענקען ? — האָט זי געפרעגט.

— געה צוריק אין פאַבריק און אַרבייט ביי דער מאַשינקע ; עס איז שווערער, אָבער... פרעהלאַכער.

— דו ביזט אַ נאַר, חייקעל, און מיט אַ נאַר איז ניטאָ וואָס צו רעדען.

— איך גיב דיר צו: דער בעל־הבית איז קליגער... פון מיר און פון דיר.

ער האָט מעהר ניט גערעדט דעם גאַנצען וועג, ביז ער האָט איהר צוגעפיהרט צו איהר וואוינונג און האָט זיך שטיל צוריקגע־קעהרט אין שטאָדט.

.6

קוים איז אַריבער אַ וואָך צייט, ווי שפרה איז אַנגעשטעלט געוואָרען ביי איהר נייער אַרבייט, און דעם פאַבריקאַנט׳ס ברודער, דער פּריוויליגער, האָט זיך אַנגעהויבען דרעהען אַרום איהר. אין עטלאַכע טעג אַרום איז ער געקומען אין קאַנטאָר פאַרנאַכט, און ווען די מיידלאַך זיינען אַרויס פון פאַבריק, איז ער אַרויס צוזאַמען מיט שפרה׳ן.

חייקעל איז ווי געוועהנלאַך געשטאַנען אויף די טרעפּ און האָט געוואַרט אויף שפרה׳ן, נאַר דערזעהענדיג, אַז זי געהט מיט׳ן „קורע־נעזעל״, איז ער צו איהר ניט צוגעגאַנגען און האָט זיי געלאָזט פאַרבייגעהן, און הינטער דער פּלייצע האָט ער דעם יונגען מאַנציג׳ן געמאַכט אַ קורע נאַז, פאַרוואָרפען דעם קאָפּ אַהינטער און געדרעהט מיט די אַקסלען, און אַלע האָבען אויסגעשאָסען אין אַ ווילדען געלעכטער. מאַנציג האָט זיך אומגעקוקט און שפרה איז געוואָרען רויט, פיהלענדיג, וואָס האָט אַרויסגערופען דעם געלעכטער.

אַרויסגעהענדיג פון דעם טויער, האָט זיך שפרה אָפּגעשטעלט. אין האַרצען האָט זי געהאַט פאַרגעניגען, וואָס מיט איהר רעדט און געהט אַזאַ קאַוואַליער. קיין מיידעל פון דער פאַבריק וועט ניט זוכה זיין צו אַזאַ כבוד. נאַר אין דער זעלבער צייט איז איהר געווען מיאוס, וואָס מיט איהר, אַ פּראָסטע מיידעל, האָט צו טאָן דעם פאַבריקאַנט׳ס ברודער. וואָס וועלען זאָגען די מיידלאַך? זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער, כדי צו ווייזען, אַז דאָ ענדיגט זיך זייער באַקאַנטשאַפט און זייערע וועגען זיינען פאַרשידענע נאַר ער האָט איהר געפרעגט:

— וואו ליגט אייער וועג?

— צו נאוונאראד.

— גוט. איך געה מיט אייך.

שפרה איז געבליבען אין א פארלעגענהייט. האט א פאר׳גנב׳ע־טען בליק געטאן צו די מיידלאך, וואס זיינען ארוים פון טויער, און איהר בליק האט זיך באגעגענט מיט חייקעל׳ס בייזע אויגען. זי איז רויט געווארען, און ניט וויסענדיג וואס צו טאן, האט זי זיך געלאזט געהן מיט׳ן יונגען מאנציג, ווינשענדיג, אז די ערד זאל זיך עפענען און זאל איהר איינשלינגען.

חייקעל און עטלאכע מיידלאך זיינען געגאנגען הינטער זיי. חייקעל האט אלע ווייכע אויסגעשטעלט א קניע און א פאך געטאן מיט איהר אין דער לופט אזוי, אז עס האט אויסגעזעהן, ווי ער גיט איהם א פוטער־קלעצעל. די מיידלאך האבען שטיל געשמיי־כעלט און געווארפען בייזע באמערקונגען אויף שפרה׳ן. באלד אבער האבען זיך זייערע וועגען פאנאנדערגעשיידט. די מיידלאך זיינען אוועק מיט זייער וועג און דער איינציגער וואס איז נאכגע־גאנגען שפרה׳ן איז געווען חייקעל.

חייקעל איז נאכגעגאנגען און איז געווען בייז ווי א רוח; ער האט זיך איצט מעהר ניט געקרימט, מעהר קיין העויות ניט געמאכט; זיין געזיכט איז געווען אנגעבלאזען, און די אויגען פינסטער. ער האט אלץ געווארט, אז אט־אט וועט דער קורע־נעזעל אוועקגעהן. נאר ער האט אומזיסט געהאפט. דער סאלדאט האט איהר אויפ׳ן וועג צוגעפיהרט צו א בודקע און טראקטירט מיט זעלצער און דאן באגלייט איהר ביז׳ן שטוב.

חייקעל האט די גאנצע צייט געהאלטען זיך פון דערווייטענס, און איידער ער איז צו איהר צוגעגאנגען נאך מאנציג׳ס אוועקגעהן, איז שוין שפרה געווען אין שטוב. און ער האט זיך, נאך מעהר בייז, צוריקגעקעהרט אין שטאדט.

אויפ׳ן וועג האט ער געטראכט, אז פון היינט אן וועט ער איהר מעהר ניט קענען. ער געפעלט אלע מיידלאך און וואס האט ער זיך איינגעליאפעט אין איהר. ניין, זי געפעלט איהם נארניט. זי ווארפט זיך יעדען אויפ׳ן האלז, און זי רייסט זיך איצט אין

די הויכע פענסטער. נייִן, מעהר קען ער איהר ניט. חייקעל וועט קיין בחור ניט בלייבען זיצען און איהר דארף ער ניט.

איצט איז איהם געוואָרען אַ ביסעל גרינגער אויף'ן הארצען און ער האָט פון זיך אַליין גענומען מאַכען חוזק, וואָס ער איז איהר נאָכגעלאָפען: „וואָס, נו וואָס, וואָס ביזטו איהר נאָכגעלאָפען?“ האָט ער זיך געפרעגט און געמאַכט מיט די הענט אין דער לופט. „אַ טייערע מציאה! נאָכלויפען דארף מען איהר!“

ער איז געגאַנגען שלאָפען פעסט אין דער דעה, אַז ער קען שוין מעהר ניט שפרה'ן. נאָר דאָס האָט איהם ניט געשטערט אויף מאָרגען עטלאַכע מאָל אַריינצוקוקען אין קאָנטאָר און אָפּוואַרטען נאָך דער ארבייט אויף די טרעפּ, ביז שפרה וועט ארויסקומען.

— ווי איך זעה, איז דיר דער יון שטאַרק געפעלען, — האָט ער אָנגעהויבען גלייך ווי זיי זיינען ארוים פון טויער.

— ניט דיין געשעפט, אויב ער געפעלט מיר צי ניט. דו האָסט דאָ קיין חלק ניט איינגעלעגט, — האָט שפרה געענטפערט בייז.

— עהע! דאָס איז גאָר אַן אַנדער לשון. זיי מיר מוחל. איך האָב פארגעסען, אַז איצט דארף איך אַרונטערנעהמען דאָס היטעל פאַר דיר...

— חייקעל, איך פאַרשטעה ניט, וואָס פאַר אַ דעות האָסטו צו זאָגען איבער מיר. וואָס ביזטו מיר פאַר אַ טאַטע, אַז איך זאָל ביי דיר פרעגען, מיט וועמען איך זאָל געהן און מיט וועמען איך זאָל ניט געהן?

— שפרה, איך וויל זיך מיט דיר ניט קריגען. — האָט חייקעל אָנגעהויבען ווייכער, נאָר זי האָט איהם איבערגעריסען:

— נאָר איך וויל דיך ניט קענען און ניט וויסען. איך האָב מיט דיר גאָר ניט צו טאָן.

— אַזוי גאָר! אַזאַ גרויסע פּאַני ביזטו געוואָרען, וואָס אַ יון איז מיט דיר געגאַנגען אין גאַס, — האָט ער געזאָגט, ווידער אַריינקומענדיג אין כעס.

זיי האָבען זיך אַזוי אָפּגעקריגט דעם גאַנצען וועג, און ער איז דאָך פון איהר ניט אָפּגעטראָטען, ביז ער האָט איהר צוגעפיהרט צו איהר שטוב.

דיזע קריגערייען זיינען איצט געווארען עפטער און האבען אנגעהאלטען א היבשע צייט. די אורזאכע דערפון איז געווען, וואס חייקעל מיט זיין פארשמירטע געזיכט און פארשמירטע קליי־דער, האט אנגעהויבען צו פארלירען דעם חן אין איהרע אויגען, ווען זי האט איהם גענומען צוגלייכען צו די אלע, וואס זיינען אריינגעקומען אין קאנטאר. יענע האבען געשיינט צו קומען גאר פון אן אנדער וועלט, פון א פיעל־שעהנערע און בעסערע וועלט; ווי פיין זיי זיינען אנגעטאן, ווי גלאט זיי רעדען, ווי איידעל זיי באַ־נעהמען זיך! און חייקעל און זיינע חברים זיינען פאר איהר גע־ווארען עפעס זעהר וואכעדיג, און זי האט זיך אלץ געוואונדערט, וואס אזוינס האט זי פריהער געזעהן אין חייקלען, וואס ער איז איהר אזוי געפעלען געווארען. די קאמפלימענטען וועגען איהר שעהנקייט, וואס זי האט געהערט פון דיזע פיינע לייט, האבען איהר אריינגעווארפען א פונק האפנונג אין הארצען, אז זי קען נאך א מאל אויך באלאנגען צו דער שעהנערער וועלט, און די ראמאנען, די העכסט־אינטערעסאנטע ראמאנען, וואס זי האט גע־לייענט, האבען דיזען פונק פאנאנדערגעבלאזען אין איהר הארצען און זי האט אנגעהויבען צו גלויבען, אז זי איז ניט ערגער פון יענע העלדינען אין די ביכלאך, און דער מזל קען איהר אויך עפעס צושפּילען.

חייקעל מיט זיינע טענות איז איהר איצט געווען ווי א שטיין אין וועג, און זיין קלענסטע באמערקונג האט איהר שרעקלאך אויפ־געגעגט.

7.

צו דער צייט האט דער פאבריקאנט מאנציג געדארפט אוועק־פאהרען אויף א פאר וואכען מכח זיין געשעפט, און ער האט פאר דער רייזע איבערגעלאזען שפרה׳ן, זי זאל אכטונג געבען אויף דער ארבייט.

— איהר לעגט אוועק אייער ארבייט און זעהט, אז די ארבייט אין פאבריק זאל געטאן ווערען. איהר וועט צונעהמען און איבער־קוקען די ארבייט. דערפאר וועט איהר קריגען א העכערע גע־

צאָהלט, און ווען איך וועל צוריקקעהרען פון וועג, וועלען מיר וועגען דעם רעדען.

איהר הארץ האָט געשלאָגען האסטיג מיט שמחה, און איהרע אויגען האָבען געשטראַלט פון פרייד, ווען זי האָט געהערט, צו וואָס פאַר א גדולה זי האָט זוכה געווען. זי איז באַלד אריין אין פאַב־ריק ווי א פּאַווע, דעם קאָפּ אויפגעהויבען און זי האָט באַצייטענס אנגעקוואָלען, טראַכטענדיג, ווי אַלע מיידלאַך וועלען איהר איצט מקנא זיין.

די אַרבייטערקעס האָבען איהר שוין לאַנג ניט ליעב געהאַט, נאָר איצט האָבען זיי איהר פיינט געקראַגען שנאת מות.

— זעהט, זעהט, ווי זי פאַררייסט די נאָז. זי מיינט, זי איז אויך א פּאַני.

— אַז זי איז געוואָרען „זיינע" א קאַכאַנקע, מיינט זי, אַז זי איז שוין א גרויסע יחסנ'טע.

— ס'אַרא פרומע צורה זי האָט געמאַכט, ווען זי איז אַהער אנגעקומען!

— זעהט, ס'אַרא אַנשטעל, ס'אַרא פּוריע זי מאַכט, ווייסט איהר, ווער זי איז?

דאָס זיינען געווען די באַמערקונגען, וואָס מען האָט געמאַכט הינטער דער פּלייצע, נאָר זיי זיינען געמאַכט געוואָרען אַזוי הויך, אַז זי האָט געהערט יעדעס וואָרט און דאָס האָט איהר געשטאָכען אין דעם צעהנטען ריפּ; נאָר אַזוי ווי זי איז געווען ריין פון די אַלע חטאים, האָט זי ביי זיך באַשלאָסען, אַז זי וועט זיך מיט זיי פאַר די רכילות אָפּרעכענען. נישקשה, איצט וועט דאָס איהר זיין נרינג צו דערווייזען. דער בעל־הבית וועט איהר פאָלגען.

ווען שפרה איז געקומען אַהיים און האָט דערצעהלט דער מאַמען פון איהר גדולה, האָט די אָרימע פרוי ניט געוואוסט, וואָס פאַר א שבח אָפּצוגעבען דעם בורא פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט געטאָן מיט איהר טאָכטער, וואָס ער האָט איהר געגעבען צו חן און צו לייטזעליגקייט אין די אויגען פון דעם פאַבריקאַנט; און נאָך אין דעם זעלבען אָבענד האָט זי געבעטען שמערלען, ער זאָל

איהר אויפרעכענען, פיעל װעט זיך איהר אפּשטעלען פאַר אַ יאָהר, װען ביי איהר זאָל אַװעקגעהן נאָר העלפט הוצאות.

— און אפשר װעט ביי איהר קיין הוצאות ניט אַװעק, — האָט זיך געטרייסט טריינע: — קלײדלאַך האָט זי שוין גענוג. זי האָט שוין, דאַכט זיך, אַלץ אָנגעגרייט.

— אָבער מען װייסט דאָך ניט פיעל זי װעט איצט קריגען, — האָט געענטפערט שמערל.

— רעכען מיט אַ רובעל אַ װאָך מעהר, איך װייס? — האָט זיך געבעטען טריינע, ברענענדיג מיט אומגעדולד, אַז איהר טאָכ־טער זאָל שוין האָבען איהר נדן.

— עך, װאָס איז איצט פאַראַן צו רעכענען, — האָט געענט־פערט שמערל, אַרויסשלעפּענדיג די ליולקע פון דער קאַמזעלקע־קעשענע און באַקומענדיג אַ בייטעל טאַבאַק פון אַ צװייטער קע־שענע, האָט ער גענומען אָנשטאָפּען די ליולקע. — פון די ראַכונקעס קומט גאָר ניט אַרויס.

איצט האָט שפרה געהאַט זעהר װעניג צו טאָן אויף דער פאַבריק. װי װייט זי האָט געקענט, האָט זי געזוכט אויסצומיידען אַריינצוקומען אין פאַבריק, װאו די אַרבייט איז אָנגעגאַנגען. די מיידלאַך האָבען איהר הערשאַפט ניט געװאָלט אָנערקענען און האָבען איהר אַריינגעלאַכט אין פּנים. די באַמערקונגען װעגען איהר זיינען געװאָרען מיט יעדען טאָג שאַרפער און גרעבער און זי פלעגט זיך אַרויסרייסען פון פאַבריק אין קאַנטאָר, װי פון אַ גיהנם. נאָר דאָ אַליין מיט די פיער װענט, האָט זיך איהר דאָס מויל צוריסען פון געגעצען און זי האָט ניט געװאוסט װאָס צו טאָן מיט זיך. איהר איינציגער פאַרגעניגען איז געװען, װען דעם פאַבריקאַנט׳ס ברודער פלעגט אַריינקומען. דאַן האָט ער מיט איהר פריי געקענט אַ שטיף טאָן, רעדען. נאָר אפילו דאָס פאַרגעניגען האָט מען איהר אויך געראובט. חייקעל פלעגט גלייך דערשמעקען, אַז דער קורע־נאָז איז פאַראַן אין קאַנטאָר און גראָדע װען ער האָט גע־װאָלט מיט איהר אַ שטיף טאָן, פלעגט זיך די טיר עפענען און חייקעל פלעגט אַריינקומען מיט עפּעס אַ פראַגע, אַז ניט, האָט ער געלאָזט װיסען זיין אָנװעזענהייט אונטער דער טיר מיט אַ

קנאַק פון דער צונג און דאָס גלייכען. די מיידלאַך אין פאַבריק האָבען אויך גלייך דערשמעקט, וואָס דאָרטען קומט פאָר, און זיי האָבען אויך אָפּגעזוכט אַלערליי תירוצים גראָדע דאַן אַריינצור קומען אין קאַנטאָר. אין שפרה׳ן האָבען זיך געביטען אַלע קאָלירען פאַר שאַנדע, פאַר כעס, נאָר זי האָט ניט געקענט טאָן דערצו און האָט נאָר פאַרביסען די צונג.

איהר גאַנצען כעס האָט זי אויסגעלאָזען צו חייקלען, ווען ער האָט איהר אָפּגעוואַרט ביים טויער און געוואָלט מיט איהר געהן. איצט האָט זי איהם געטריבען פון זיך.

— איך וויל דיך מעהר ניט קענען און געה, זוך דיין גלייכען, — האָט זי זיך געווענדעט צו איהם ביז דעם ערשטען טאָג נאָך אַזאַ סצענע.

— איך מיין אַלץ, אַז דו ביזט מיין גלייכען, און פאַר וואָס זאָל איך געהן זוכען אַנדערע, אַז דו געפעלסט מיר.

— איך וויל אָבער פון דיר ניט וויסען, — האָט זי געזאָגט נאָך בייזער.

— מאַלע וואָס דו ווילסט ניט! נאָר, שפרה, פאַר וואָס זאָלען מיר זיך קריגען?

—איך וויל מיט דיר ניט זיין גוט־פריינט און וויל זיך מיט דיר ניט קריגען. איך בעט דיך, לאָז מיך צורו.

— שפרה! — האָט ער אָנגעהויבען צו בעטען, נאָר זי האָט איהם איבערגעשלאָגען:

— איך וויל דיר מעהר ניט קענען! דו ביזט אַ גראָבער יונג.

— אהאַ! דער קורע־נעזעל האָט דיך אויסגעלערענט איידעל־קייט! ניך אויסגעלערענט זיך. אפשר מיינסטו, אַז ער וועט מיט דיר חתונה האָבען?

— ער וועט ביי דיר ניט פרעגען קיין דעה.

— חאַ־חאַ־חאַ! מיין געבילדעטע איידעלע דאַמע...

און דאַ האָט זיך אָנגעהויבען אַ קריעג שוין גאָר ניט אויף אַ געלעכטער און איידער זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אַ האַלבען וועג, האָט ער זיך מיט כעס צוריקגעקעהרט אַהיים און געלאָזט איהר געהן אַהיים, נאָכשרייענדיג איהר:

— דו זאָלסט מאַרגען ניט פאַרגעסען צו בעטען דעם יון ער זאָל דיך באַגלייטען.

פון דעם טאָג אָן איז צווישען זיי געוואָרען אַ ברוגז. ער האָט אויף איהר מעהר ניט געוואַרט נאָך דער אַרבייט און האָט איהר מעהר ניט באַגלייט אַ היים. אין פאַבריק האָט ער אויף איהר גע־קוקט קרום און געשטעלט איהר אַ צונג, און די מיידלאָך האָבען געקראָגען פרישען מאַטעריאַל צו מאַכען מאוס׳ע באַמערקונגען וועגען איהר. נאָר דאָך האָט דאָס איהם ניט געשטערט אָפּצוהאַל־טען זיין טאַקטיק מיט׳ן יון און ווי נאָר יענער פלעגט קומען אין קאַנטאָר, האָט ער געמאַכט אַלע מיידלאָך לאַכען מיט זיינע משונה־דיגע קולות און ווילדע תירוצים, וואָס ער האָט אָפּגעזוכט, אום אַריינצוקומען אין קאַנטאָר.

— איך וועל זאָגען דעם בעל־הבית! — האָט זי צו איהם אַ מאָל געזאָגט מיט כעס.

— סטראַשע די גענז! — האָט ער געענטפערט און האָט איהר געמאַכט אַ לאַנגע נאָז.

8.

דעם פאַבריקאַנט׳ס רייזע האָט זיך פאַרצויגען מיט אַ גאַנצען חודש מעהר, און שפרה האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט איהר לעדיגע צייט, און די גאַנצע טעג האָט זי ניט געהאַט וואָס צו טאָן. זי פלעגט שטונדען־לאַנג אָפּשטעהן ביים פענסטער און נאָכקוקען אַלע פאַרבייגעהענדיגע אין גאַס. נאָר דאָס האָט איהר געמאַכט אַ וויילע פאַרגעסען איהר לעדיג־געהן, אָבער דאָס האָט איהר ניט אַמוזירט.

נאָר דאָך האָט איהר ניט געצויגען צו אַרבייט. אין געגענטייל, וואָס אַ טאָג ווייטער איז איהר די אַרבייט אַלץ מעהר נמאס גע־וואָרען און צו איהר האָט זיך איצט פאַר׳גנב׳עט אַ זאָרג וועגען דער צייט, ווען דער פאַבריקאַנט וועט קומען, און זי וועט אַראָפּ פון איהר גדולה און ווייטער דאַרפען זיך נעהמען צו דער אַרבייט.

דאָס וועט נאָך זיין מעהר מיאוס. די מיידלאָך וועלען איהר ניט אויפהערען צו שטעכען, אַז זי איז געוואָרען אוים פּאַני, און חייקעל וועט איהר שטעלען דריי אַרשיניגע נעזער.

ווען זי איז אַזוי געזעסן אַליין מיט פאַרלעגטע הענט אָדער געשטאַנען ביים פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס, האָט זי זיך געמאַכט פאָרווירפע, פאַר וואָס זי האָט זיך אומזיסט גע־טשעפּעט צו חייקלען. נאָך אַלעמען איז ער דער פּריילִיכסטער יונג אין דער פאַבריק און עס איז מיט איהם אַ פערגעניגען צו פאַרברענגען, און די עראינערונגען פון די ניט־לאַנג פאַרגאַנגענע טעג, ווי זי האָט מיט איהם געטאַנצט אין די שבת־דיגע טעג און דערנאָך אָפּגעקיהלט זיך מיט איהם, האָט איהר געצופּט דאָס האַרץ. ער האָט איהר ליעב אויף אַן אמת און געהט איהר נאָך ווי אַ שאָטען. ער איז אַ גאַנץ גוטער און זי וואָלט פאַר איהם פאַר־בראַכט אַ רוהיג לעבען. ווען זי זאָל זיך אַזוי צו איהם ניט טשע־פּען, וואָלט ער שוין ניט איין מאָל אָהער אַריינגעקומען און זי וואָלט ניט געדאַרפט אַזוי געניצען. נאָר דיעזע געדאַנקען האָבען אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטען, ביז דעם פאַבריקאַנט׳ס ברודער איז געקומען. דעמאָלט האָט זי באַשיינפערלאָך באַגריפען, וואָס פאַר אַ חלוק עס איז צווישען חייקלען און אַ מענשען. איבערהויפּט האָבען איהר אויפגעבראַכט געגען איהם זיינע צנאָטעס און העזיות, זיין אַריינ־שטעקען די נאָז, וואו מען דאַרף ניט.

דאָך האָט זייער ברוגז לאַנג ניט געקענט אָנהאַלטען; מיט חייקלען האָט מען איבערהויפּט ניט געקענט זיין ברוגז. פּלוצים רוקט ער אַריין דעם קאָפּ אין טיר, בלאָזט אַן אַ פּאָר באַקען און גיט זיך אַ זעץ מיטביידע קולאַקעס, און שפרה קען זיך ניט העל־פען און מוז לאַכען. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען ווידער די אַלטע באַקאַנטשאַפט, נאָר איצט, ווי נאָר עטוואָס איז גלייך גע־קומען צו אַ קריעג. ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען ניט אַ שטאָך צו טאָן מיט׳ן יון, און זי האָט איהם נאָר וואָס אָדרעסירט „גראָבער יונג".

ענדליך האָט זיך דער פאַבריקאַנט צוריקגעקערט פון דער רייזע. געקומען איז ער פאַרנאַכט, און ער איז זיך פאַרזעסען אין קאַנטאָר מיט שפרה׳ן ביז שפּעט אין אָבענד.

ווערענד ער האָט געלייענט די בריעף, וואָס האָבען זיך אָנ־געקליבען פאַר דער גאַנצער צייט, איז שפרה געשטאַנען ביים פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס.

עס איז געווען א פיינער זומער־אבענד. עס האט געבלאזען א קיהל ווינטעל. נאך דער שרעקליכער היץ פון דעם טאג איז דאס ווינטעל געווען א חיות. די לבנה איז געשטאנען איבער׳ן דאך פון דער הויז געגענאיבער און האט געשיקט איהרע זילבערנע שטראלען גלייך צו שפרה׳ן און האבען געוועקט ביי איהר אין הארצען מעלאנכאלישע געדאנקען. איהרע געדאנקען האבען ניט געהאט קיין צוזאמענבונד, און זיי זיינען געקומען און אוועקגע־פלויגען אזוי ווי די קליינע ווייסינקע וואלקענדלאך, וואס האבען זיך פון צייט צו צייט א ציי געטאן צו דער לבנה און באלד פאר־שוואונדען. פון צייט צו צייט האט זי געדארפט ענטפערען אויף עפעס א פראגע, וואס דער פאבריקאנט האט איהר געמאכט, און זי האט ווייטער געקענט שטעהן רוהיג ביים פענסטער און טראכטען.

דער הויפט קימער איהרער איז געווען, וואס מיט היינטיגען טאג ענדיגט זיך איהר גדולה. מארגען שטעלט זי זיך ווידער צו דער ארבייט. און וואס מעהר די שטראהלען פון דער לבנה פינקלען, אלץ מעהר שווארצער זעהט אויס די ארבייט. נאך אזוי פיעל רו, איז שווער איינצובויגען דעם רוקען. נאך אזא פריצות איז שווער ווידער צו ווערען א קנעכט.

— איהר האט זיך געווים אויסגעהונגערט, — האט באמערקט דער פאבריקאנט, נאכדעם ווי ער איז געווארען פארטיג מיט דער קארעספאנדענציע. מיר וועלען אריין אין הויז און עפעס צובייסען.

דעם פאבריקאנט׳ס וואוינונג איז געווען צוזאמען מיט דער פאבריק און מען האט געדארפט אריבערגעהן דעם קארידאר אום אריינצוגעהן אין הויז.

— איך בין ניט הונגעריג, — האט שפרה געענטפערט, הגם זי האט פון איינס נאך האלבען טאג קיין זאך אין מויל ניט געהאט.

— דאך וועט איהר צובייסען. ביי מיר טאר מען ניט הונגערן.

זיי זיינען דורכגעגאנגען דעם קארידאר און דער פאבריקאנט האט אנגעקלאפט.

אין שטוב זיינען שוין אלע געשלאפען. די ניאנע מיט די קינדער האבען שוין געשלאפען פון א לאנגער צייט, און די דינסט איז געלעגען אין אלעמען און געדרעמעלט.

ווען די דינסט האָט געעפענט די טיר, האָט דער פאַבריקאַנט געזאָגט צו איהר, אַז זי זאָל צוגרייטען עפּעס עסען.

די דינסט האָט בייז, מיט האַלב־פאַרשלאָפענע אויגען, אַ קוק געטאָן אויף שפרה׳ן און האָט עפּעס אַ וואָרטשע געטאָן אונטער דער נאָז.

— אוי, איך דאַרף שוין געהן אַהיים, עס איז שוין שפּעט! — האָט שפרה באַמערקט.

— צובייסען וועט ניט געדויערען.

די דינסט האָט דערלאַנגט צום טיש ברויט, פּוטער, קאַוויאַר און דער פאַבריקאַנט האָט איהר געזאָגט, אַז ער וועט איהר מעהר ניט דאַרפען.

פון שאַפע האָט ער אַליין אַרויסגענומען אַ פלעשעל ויין, אַ קאַראַפינקע בראַנפען, אַ גלעזעל מיט צוויי בעכער און האָט אָנ־געגאָסען פאַר זיך בראַנפען און פאַר איהר וויין.

— איהר וועט דאָך קיין בראַנפען ניט טרינקען. דאָס איז פאַר מאַנסביל.

ביי שפרה׳ן האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבען האַסטיגער צו קלאַ־פען און איבער די פיס איז איהר דורכגעלאָפען אַ ציטער, ווען ער האָט איהר צוגערוקט דעם בעכער וויין. זי האָט אַליין ניט געוואוסט פאַר וואָס, און דעריבער האָט זי זיך באַלד באַרעכענט, אַז זי האָט זיך אומזיסט דערשראָקען. וויין איז ניט קיין בראַנפען. זי טרינקט יעדען פרייטאָג צו נאַכט פון קדוש. אמת, דער וויין איז ניט אַזאַ, דאָס פלעשעל איז מעהר ענלאַך צו יענע, וואָס מען האָט אַ מאָל געקויפט פאַר דער מוטער, ווען זי איז קראַנק געווען און מען האָט איהר געגעבען לעפעלאַך־ווייז. זי געדענקט, מיט וואָס פאַר אַ קנאה זי פלעגט דער מאַמען קוקען אין די אויגען, ווען דער טאַטע האָט מיט גרויס פאַרזיכטיגקייט אָנגעגאָסען אַ לעפעל. דאָס מויל פלעגט איהר פול ווערען און מען האָט איהר קיין מאָל קיין טראָפּען ניט געגעבען צו פאַרזוכען. דער וויין איז געווען אַזוי ווי אַ מין רפואה, און זי האָט זיך דעמאָלט געוואונשען אויך קראַנק צו זיין, אום צו פאַרזוכען פון דעם וויין. און זי קוקט איצט

אויפ'ן בעכער און וואונדערט זיך, וואס מען נעהמט עס פון העלער־הויט און מען טרינקט עס, גאר ניט זייענדיג קראנק.

— פאר וואס טרינקט איהר ניט דעם וויין ?

זי האט גענומען דעם בעכער צו די ליפען, מעהר ווי פון יוצא וועגען און האט איהם אנידערגעשטעלט צוריק.

זי איז געבליבען פארוואונדערט. אט דאס איז די טהייערע משקה ? דערפאר צאהלט מען דאס אזוי פיעל געלט ? עס האט דאך גאר קיין טעם ניט. שבת'דיגער וויין איז דאך א סך געשמאקער !

זי האט געוואלט ווידער נעמען דעם בעכער און פארזוכען נאך א ביסעל, נאר זי האט זיך געשעמט. וואס פאר א פנים וועט דאס האבען ? דער פאבריקאנט וועט אויף איהר קוקען, 'ווי אויף א זולל־וסובא'טע.

— איהר זייט גאר א אידענע, — האט דער פאבריקאנט געזאגט מיט א שמייכעל. — עסט, טרינקט !

הונגעריג איז זי געווען זעהר, נאר זי האט גערעכענט פאר מעהר דרך־ארץ ניט צוצוריהרען זיך צום עסען. וואס, גלאט זעצען זיך א פרעמדע שטוב עסען ! מילא, פון א זופּ וויין קען מען זיך ניט אפזאגען. דא איז ניט שייך הונגעריג צו דארשטיג. דאס איז שוין א מין כבוד און, פארקערט, עס וועט זיין גראב פון איהר זייט ניט צו וועלען פארזוכען עפּעס. ער איז אדרבא ואדרבא. ער איז אזוי גוט !

און זי האט ווידער גענומען פארזוכען דעם וויין און אזוי פארזוכענדיג, האט זי גע'פטר'ט דעם ערשטען כוס. ער האט איהר אנגעגאסען א צווייטען און זי האט גענומען פארזוכען מיט גרע־סערע זופּען און האט ניט אויפגעהערט צו וואונדערען זיך, וואס גבירים זיינען משוגע און גיבען אוים געלט אויף אזעלכע זאכען.

אזוי וואונדערענדיג זיך האט זי גע'פּטר'ט דעם צווייטען כוס און ווען ער האט איהר אנגעגאסען א דריטען, האט זי שוין גלאט אזוי געטרונקען : ניט אלע טאג איז א יריד אין באר.

זי איז געווארען פריילאכער, מונטערער ; ער האט איהר גע־פרעגט ווי איז איהר געפעלען געוועזן איהר נייע שטעלע, און זי האט תמ'עוואטע געענטפערט : „זעהר".

— אהא, איהר וועט שוין איצט קיין חשק ניט האָבען צו זעצען זיך ווידער צו דער אַרבייט, — האָט ער איהר באַמערקט.

— ניין.

— איך וועל אייך וואָרשיינלאַך לאָזען וויי״טער אַנהאַלטען די שטעלע, האָט ער געזאָגט און זיינע אויגען זיינען געוואָרען פאָר־טערדיג.

ער האָט אָנגעגאָסען וויין פאַר זיך און פאַר איהר, און זיי האָבען געטרונקען לכבוד איהר נייער שטעלע.

באַלד האָבען איהרע אויגען באַקומען א גלעזערנעם קאָליר. אויף די ליפּען האָט זיך געלעגט א נאַרישער קעלבערנער שמייכעל.

איז זי ניט שכור׳לאַך? אַ המצאה, כ׳לעבען. פון וויין זאָל זיך די קאָפּ דרעהען!

— אוי, עס וועט שוין זיין שפּעט צו געהן אַהיים, — האָט זי געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך פון שטול.

נאָר זי האָט דערפיהלט, אַז דער באָדען איז ניט שטייף אונ־טער איהרע פיס. זי האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט און פּלוצים זיך צעוויינט.

— ששש! ששש! — האָט דער פאַבריקאַנט איהר איינגענו־מען, צורוקענדיג זיך צו איהר און ארויפלעגענדיג זיין האַנט צו איהר אויפ׳ן אַקסעל. — וואָס וויינט איהר?

— איך וויל אַהיים... איך וויל אַהיים... — האָט זי געשטאַ־מעלט. — איך וויל א היים..

— דענקט איהר ניט, אַז עס איז שוין צו שפּעט צו געהן א היים? — האָט ער געפרעגט מיט א וויברירענדער שטימע.

— איך וויל א היים... איך וויל א היים...

— זייט דאָך ניט קיין קינד. איך צווייפעל, אויב איהר וועט קענען איצט דערגעהן אַהיים.

א שרעק האָט זיך אָפּגעטונקט אויף איהר געזיכט; דער מיי־דעלשער אינסטינקט האָט איהר געזאָגט, אַז עפּעס א געפאַר וואַרט אויף איהר, אויב זי וועט ניט זיין פאָרזיכטיג, און זי האָט זיך ווידער א הויב געטאָן פון שטול.

— איך וויל אַ היים... די מאַמע וועט מיך דער׳הרג׳ענען... אַזוי שפּעט...

— מען קען נאָך אייך אַרעסטירען אין גאַס אַזוי שפּעט, אין אַזאַ צושטאַנד. בלייבט דאָ שלאָפען מיט דער דינסט, און דער מאַמען וועט איהר זאָגען, אַז נויטיגע אַרבייט האָט אייך פאַרהאַלטען ביז שפּעט, און דערנאָך האָט איהר מורא געהאַט צו געהן אַליין.

זי איז פאַרבליבען זיצען שטיל. ווי דער ווייַן האָט איהר ניט צונומען, האָט זי דאָך פאַרשטאַנען, אַז אין אַזאַ צושטאַנד קען זי אַהיים ניט געהן. שוין ניט ריידענדיג דערפון, אַז מען קען איהר אַרעסטירען אַלס אַ שכור׳ע, נאָר ווי וועט טאַטע־מאַמע אויף איהר קוקען! ווי וועט זי זיי ערקלעהרען איהר קומען אַזוי שפּעט און אַ ביסעל שכור׳לאַך דערצו? דער נעבעל פון קאָפּ איז אויף אַ ווייַלע פאַרשוואונדען און זי האָט קלאָר געזעהן, אַז אַ היים קען זי איצט ניט געהן. ניט קומען נעכטיגען איז גאָר ניט; אונטער דער צייט וואָס זי האָט געאַרבייט אין פאַבריק האָט זי שוין עטלאַכע מאָל פאַרפעלט צו קומען אַ היים שלאָפען. אַ מאָל איז זי געבליבען אין שטאָדט צוליב דער גרויסער זאַווערוכע, ווידער אַ מאָל צוליב אַ שלאַקס־רעגען און נאָך עטלאַכע מאָל צוליב עקסטראַ אַרבייט, ווען זי מיט נאָך עטלאַכע מיידלאַך זיינען זיך פאַרזעסען אין פאַב־ריק. דיעזע אַלע מאָל האָט זי גענעכטיגט ביי איהרע אַ חבר׳טע, אויף שאַוויצער גאַס, און זי וועט איצט אויך קענען זאָגען דער מאַמען, אַז זי האָט דאָרטען גענעכטיגט. נאָר געהן אַהין קען זי ניט. דער טויער איז שוין פאַרשפּאַרט און צווייטענס, ווי וועט אויף איהר קוקען די חבר׳טע? דער בעסטער פּלאַן איז צו בלייבען נעכטיגען דאָ. נאָר זי האָט עפּעס מורא.

דערווייל האָט איהר דער ווייַן אויפ׳ן הונגעריגען מאָגען נאָך מעהר צונומען; די אויגען זיינען געוואָרען מעהר פאַרגלעזערט און דאָס געזיכט איז איהר געוואָרען ווי פאַרהאַרטעוועט.

מאַנציג האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס פון זיין זילבערנער פּושקע און האָט איהם פאַררויכערט. אַ פּאָר מאָל איז ער זיך דורכגעגאַנגען איבער׳ן צימער. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו שפּרה׳ן,

געזעצט זיך נעבען איהר און אָננעהמענדיג איהר מיט צוויי פינגער פאַר׳ן קינבאַק האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

— נו, איהר ווײנט שוין ניט מעהר אַ היים, אַ היים?

די לעצטע ווערטער האָט ער ארויסגערעדט מיט אַ נאָכגעקרימ־טען וויינענדיגען קול.

שפרה האָט זיך צולאַכט.

— אַזוי זייט איהר אַ קלוגע מיידעל.

פאַר איהרע אויגען האָט זיך גענומען פארשפרייטען אַ טומאַן און איהר האָט אויסגעוויזען, אַז דאָס ליכט איז געוואָרען טונקע־לער, דער טומאַן איז אַלץ געוואָרען געדיכטער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

.9

מאָנטיג האָט געהאַלטען וואָרט און האָט שפרה׳ן מעהר צו דער ארבייט ניט געזעצט; זי איז געבליבען אַן אויפגעהערקע ווי אין די לעצטע עטלאַכע וואָכען, נאָר איהר מוט האָט איהר אין גאַנצען פאַרלאָזען.

צייט דעם פאַבריקאַנט׳ס צוריקקעהרען זיך פון זיין רייזע איז שפרה׳ן מעהר ניט געוועזען צו דערקענען. זי האָט ניט געוואוסט אויף וואָסער וועלט זי איז. זי איז ארומגעגאַנגען ווי אַ נעכטיגע און האָט ביי נאַכט פייכט געמאַכט די קישען מיט טרערען.

— וואָס איז דיר פּלוצים געוואָרען? — האָט איהר חייקעל גע־פרעגט, ווען ער האָט אויף איהר אָפּגעוואַרט אין טויער אויף מאָר־גען נאָך דעם פאַבריקאַנט׳ס צוריקקעהרען. — דו זעהסט אויס שרעקלאַך.

— איך האָב אַ קאָפּ־וועהטאָג! — האָט זי קוים געקענט ארויס־רעדען.

דעם גאַנצען וועג האָט זי קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט און כמעט ניט געהערט, וואָס ער רעדט צו איהר. אין קאָפּ האָט זיך איהר געמישט. אָבער זי האָט וועגען קיין זאַך ניט געטראַכט. נאָר וואָס נעהענטער זי איז צוגעקומען צו דער שטוב פון איהרע

עלטערן, איז זי אַלץ מעהר געוואָרען אומרוהיגער און האָט געוואונ־שען, אַז דער וועג אַ היים זאָל גערויערען אייביג.

זי האָט כמעט ניט געצווייפעלט, אַז די מאַמע דאַרף נאָר אויף איהר אַ קוק טאָן, און זי וועט גלייך אויסגעפינען, וואָס מיט איהר איז געשעהן. די אומרו איז מיט יעדען טריט געוואַקסען און האָט זיך באַלד פאַרוואַנדעלט אין מורא און באַלד אין שרעק.

ווען חייקעל איז אַוועק פון איהר, האָט זי ניט געוואוסט. זי האָט געוואוסט איין זאַך, אַז זי דאַרף באַלד אריין אין שטוב און באַגעגענען זיך מיט דער מאַמען.

— עס קען זיין, אַז זי ווייסט שוין. — איז איהר דורכגעלאָפען אַ געדאַנק און האָט איהר אונטערגעהאַקט די פיס.

און דאָך האָט זי געמוזט אריין אין שטוב. אין שטוב איז געווען פינסטערלאַך. די מוטער איז געזעסען ביי אַ פענסטער און האָט געשטריקט אַ זאָק.

— ווער איז דאָס ? שפרה ?

— איך.

— וואָס איז דאָס געווען נעכטען ווייטער אַ נאַהאַי ?

— יאָ, — האָט זי קוים געענטפערט.

— מיר האָבען נעכטען ניט געוואוסט וואָס איבערצוקלערען. דו האָסט אונז גאָר ניט געזאָגט, און שמערל האָט שוין געוואָלט געהן נאָך דיר. רייזקע! רייזקע, וואו ביזטו ?

— וואָס דאַרפסטו איהר ?

— זאָל זי געבען דיר עסען.

— ניין, מאַמע, איך בין ניט הונגעריג. איך וואָלט וועלען לעגען זיך שלאָפען. איך האָב אַ קאָפּ־ווערטאָג.

— היט בעסער אָפּ דיין געזונט! אַ כפּרה די עטלאָכע גראָשען, געזונט איז טהייערער פון אַלץ. מען טאָר איבער די כחות ניט ארבייטען. וואַרט, איך גיב דיר גלייך עסען און דו וועסט באַלד קענען געהן שלאָפען.

איהר שרעק איז געווען אומזיסט. די מאַמע האָט גאָר ניט געוואוסט און גאָר ניט חושד געווען, נאָר דאָך האָט זי געוואָלט אויסמיידען צו באַגעגענען זיך מיט דער מאַמען מיט די אויגען

פאַר׳ן ליכט און האָט דעריבער געוואָלט אָפּזאָגען זיך פון עסען, ווייל ביים עסען וועט מען אָנצינדען דעם לאָמפּ.

— דו האָסט מסתמא געגעכטיגט אויף שאַוויצער גאַס ביי דיין חבר׳טע? — האָט ווייטער געדעדט די מאַמע. — מיר האָבען ניט געוואוסט די הויז, און שמערל האָט ניט געוואוסט וואו צו געהן זוכען דיך.

— יאָ, — האָט שפרה געענטפערט שוואַך.

— טו דאָס ווייטער ניט. עס איז גענוג צו אַרבייטען אַ גאַנצען טאָג און מען דאַרף ניט אַרבייטען ביז שפּעט אין דער נאַכט. דאָס געזונט איז טהייערער.

דערווייל האָט טריינע אָנגעצונדען דעם לאָמפּ און האָט איהר דערלאַנגט צום טיש הייסע נייע קאַרטאָפעל מיט ראָסעל פון אויגערקעס און אַ טעלער מילכיגע וועטשערע.

— די בולבעס זיינען אַן אַנטיק, זיי צופאַלען ווי מעהל. מיר האָבען שוין אַ צייט ניט געהאַט אַזעלכע בולבעס.

שפרה האָט קוים אַרונטערגעשלונגען אַ קאַרטאָפעל, האָט פאַרזופּט מיט אַ פּאָר לעפעל פון דער מילכיגער וועטשערע, און זי האָט עס געטאָן מעהר פון יוצא וועגען ווי פון הונגער און האָט זיך גלייך אַריינגעלעגט אין בעט.

נאָר דער שלאָף איז צו איהר לאַנג ניט געקומען. זי איז געלעגען מיט פאַרמאַכטע אויגען און האָט זיך צוגעהערט, וואָס עס קומט פאָר אַרום איהר. יעדער פון די שטוביגע, וואָס איז אַריינגעקומען, האָט די ערשטע פראַגע געמאַכט וועגען שפרה׳ן. די ערשטע איז אַריינגעלאָפען די קלענסטע שוועסטער, חנה׳קע, און איהר ערשטע פראַגע איז געווען:

— מאַמע! איז שפרה נאָך ניטאָ?

— שש! זי שלאָפט.

— אַזוי פריה!

און שפרה האָט זיך דערשראָקען, אַז דיזע באַמערקונג קען נאָך אויף איהר אַרויפוואַרפען אַ חשד און זי האָט געטראַכט, אַז אפשר וואָלט געווען בעסער, ווען זי וואָלט אַזוי פריה ניט געגאַנגען שלאָפען.

דאָ איז געקומען רייזעל, און זי האָט אויך די ערשטע זאַך געפרעגט:

— איז נאָך שפרה ניט געקומען?

„זי האָט עפּעס געקענט הערען אין גאַס", איז שפרה׳ן דורכ־געלאָפען אַ געדאַנק ווי אַ בליץ און איהר האַרץ האָט גענומען קלאַ־פּען מיט אַזאַ האַסטיגקייט, אַז עס האָט גיכער אויסגעזעהן ווי אַ שוידער אַלס אַ קלאַפּען פון האַרצען. נאָר שפרה האָט זיך באַלד באַרוהיגט, ווען די מאַמע האָט איהר געענטפערט, אַז זי שלאָפט שוין און רייזעל האָט קיין ווייטערע באַמערקונגען ניט געמאַכט. דאָ האָט זיך דאָס זעלבע ווידערהאָלט, ווען שמערל איז געקומען, און אַזוי ווי ביי זיין אַריינקומען האָט מען אין שטוב גערעדט שוש־קענענדיג זיך, אום ניט צו וועקען איהר פון שלאָף, האָבען זיך ביי איהר די האָר געשטעלט קאַפּויר פון דעם שושקען זיך. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי הערט קלאָרע ווערטער וועגען איהר... דער טאַטע איז ערשט געקומען פון גאַס און ער האָט עפּעס געקענט הערען... און עטוואָס באַרוהיגט האָט זי זיך נאָר דאָן, ווען אַלע שטוביגע זיינען געגאַנגען שלאָפען.

נאָר צו איהר איז נאָך אַלץ דער שלאָף ניט געקומען. זי האָט געהערט, ווי דער טאַטע האָט געכראָפּעט, ווי די מאַמע האָט גע־הוסט, ווי חנה׳קע האָט עפּעס געמורמעלט פון שלאָף און זי איז געלעגען מיט אָפענע אויגען און האָט געקוקט אויף דער וואַנט.

ענדליך האָבען זיך איהרע אויגען גענומען שליסען און ביי איהר אין קאָפּ האָט זיך אויסגעמישט די ווירקלאַכקייט מיט׳ן פאַנ־טאַסטישען. איהר האָט אויסגעוויזען, אַז זי פאַלט פון אַ דאַך; פאַלט, פאַלט, פאַלט; דער אָטעם פאַרכאַפּט איהר, אין די אויגען שווינדעלט און זי האָט ערוואַכט, באַדענדיג זיך אין שוויים, מיט אַ טויבען קרעכץ.

— שפרה, דאָס קרעכצעסטו? — האָט געפרעגט די מוטער, ליגענדיג אין בעט, ווען זי האָט דערהערט אַ קרעכצען.

— מסתמא איך, — האָט געענטפערט שפרה ערוואַכענד.

— וואָס האָט זיך דיר גע׳חלומ׳ט, מיין טאָכטער?

— מיר האָט זיך געחלומ׳ט, אַז איך פאַל, — האָט שפרה גע־ענטפערט, נאָך ניט קומענדיג אין גאַנצען צו זיך.

— דאָס ווייזט, אַז דיין נשמה איז זינדיג. האָסטו ביי נאַכט געלייענט קריאת שמע?

— איך ווייס נישט.

— אָט דאָס איז די מעשה. צייט דו ביזט אַנגעקומען אין פאַבריקע, ביזטו ניט אַזוי פרום, ווי געווען. דאָס האָט מען דיר געוואָרענט פון אויבען, אַז דו זאָלסט ווערען פרימער.

אין דרויסען איז שוין געווען טאָג, הגם עס איז נאָך געווען זעהר פריה. שפרה האָט מורא געהאַט איינצושלאָפען. איין חלום האָט איהר שוין געוויזען, אַז זי איז זינדיג, אַ צווייטער חלום קען ווייזען, וואָס איהר זינד איז. זי איז געלעגען אין בעט און האָט געקעמפט מיט׳ן זיסען שלאָף פון דעם פריהמאָרגען. ווי נאָר די אויגען האָבען זיך איהר גענומען קלעפען, האָט זי אַנגעטאָן איבער זיך אַ כח און פאַנאַנדערגעריסען זיי ווייט.

באַלד האָבען זיך די פליגען אויפגעכאַפּט און האָבען גענומען אַרומפליהען און זינגען אין זייער שטומען לשון, און ווי עס שיינט האָבען זיי זיך דערפרעהט מיט שפרה׳ן, ווייל זיי האָבען גענומען שפרינגען איבער איהר געזיכט און קיצלען איהר אין די באַקען מיט זייערע דינינקע פיסעלאַך און קושען אין נאָז, אין שטערן. איין פליג האָט זיך פאַר׳גנב׳עט צו איהר אין אויער און האָט איהר אַזאַ טורקע געטאָן אינעווייניג, אַז שפרה איז אויפגע־שפרונגען און האָט געכאַפּט שטילען מיט׳ן פינגער די צאַרטע הויט פון אויער.

איצט האָט זיך שמערל אויפגעכאַפּט און גענעצענדיג, מיט אַ פאַרשלאָפענעם קול, האָט ער איהר געפרעגט:

— וואָס איז, דו שלאָפסט ניט?

— די פליגען לאָזען ניט שלאָפען.

זי האָט אָפּגעוואַרט ביז ער האָט זיך אַנגעטאָן, אָפּגעגאָסען נעגעל־וואַסער און אַוועק דאַווענען, דאַן האָט זי זיך אויפגעהויבען פון בעט און גענומען זיך אָנטאָן אָהן שהיות, און געאיילט זיך וואָס

גיכער אוועק פון שטוב, אום אויסצומיידען איבעריגע רעד מיט דער מאמען.

ווען זי איז ארויס אין דרויסען האט שוין די גאס געלעבט, מיידלאך מיט האלב־פארשלאפענע געזיכטער, בחורים, קוים געוואשענע, מיט קליינע פעקלאך אין די הענט, האבען זיך געאיילט צו דער ארבייט; מאנסבילען מיט טליתים אונטער'ן ארים זיינען געגאנגען פון דאוונען; די רימיניזניקעס זיינען מיט א פריילאכער זידלעריי ארויסגעפאהרען מיט זייערע פורען; די קלייטען האבען זיך איצט געעפענט, און דער גערויש פון א גרויסער שטאדט האט זיך אנגעהויבען.

שפרה'ן האט אויסגעוויזען, אז די בחורים קוקען איהר אן מיט א פארדעכטיגען בליק און ווינקען איינער צום אנדערן... געווים קוקט מען אויף איהר, און די בליקען רעקאמענדירען איהר ניט... מען וועט איהר באלד אפשטעלען אין גאס מיט א מיאוס'ער באמערקונג...

זי איז געגאנגען געשווינד, אזוי ווי מען וואלט איהר פון הינטען געטריבען, נאר ווען זי איז צוגעקומען צו דער פאבריק, האט זי פלוצים אויסגעפונען, אז זי איז אומזיסט געלאפען: איהר איז טויזענד מאל גרינגער צו זיצען אין שטוב מיט דער מאמען און מיט'ן טאטען און מיט די שוועסטער, איידער אריין אין פאבריק און שטעהן אונטער די פיעלע פיינדלאכע שטעכיגע אויגען.

די ערשטע עטלאכע טעג איז איהר דאס לעבען אין פאבריק ניט געווען געווען ניחא. דער מינדעסטער שמייכעל, דער מינדעסטער וואונק פון א מיידעל איז געווען גענוג אריינצוטרייבען שפרה'ן דאס גאנצע בלוט אין איהר געזיכט. „זיי ווייסען שוין! זיי ווייסען שוין!“ האט זי געזאגט צו זיך, און איהר איז איבערגעגאנגען א שוידער איבער'ן לייב. נאר דער נס איז געווען, וואס זי האט כמעט דעם גאנצען טאג פארבראכט אין קאנטאר.

די שטענדיגע ציטערניש, פלאטערניש און שרעק האבען פון איהר געמאכט א האלבען מענשען. חייקעל האט איהר יעדען טאג געפרעגט, וואס איהר איז געווארען, נאר זי איז איצט געווען אזוי גוט פריינדלאך מיט איהם, אז ער איז צו איהר לאנג צוגע־

שטאַנען מיט זיינע פראַגען. די מאַמע האָט איהר ניט אויפגע־
הערט צו מוסר׳ן פאַר וואָס זי האָט קיין רחמנות ניט אויף זיך
און פאַר וואָס זי האָט זיך איבערגעאַרבייט. און דאָס האָט שפרה׳ן
אַזוי וועה געטאָן!

אַ פּאָר וואָכען זיינען אַריבער און שפרה׳ן האָט זיך ביסלאַכ־
ווייז, ביסלאַכווייז צוריקגעקעהרט איהר מוט. זי איז איצטער מיט
יעדען טאָג געוואָרען מונטערער, פרעהלאַכער, און איהר לעבען איז
אַריין אין דער געוואוינלאַכער קאַלייע.

זי האָט צוריק געפונען איהר פריהערדיגען געלעכטער און האָט
אַרומגעשפּאַצירט אין פאַבריק מיט דער זעלבער גדלות, ווי אין דער
ערשטער צייט.

דער פאַבריקאַנט איז געווען צופרידען פון דער נייער ענדע־
רונג. די פּאָר וואָכען, וואָס שפרה איז געווען נידערשלאָגען, האָט
איהם געריסען אין האַרצען, ווען ער האָט אויף איהר אַ קוק גע־
טאָן. איצט, האָבענדיג איהר ביי דער האַנט, האָט ער איהר אָפט
אַ גלעט געטאָן און געזאָגט:

אָט אַזוי איז גוט. זייט מעהר מענש.

און זי איז געוואָרען מעהר מענש. איצט האָבען זיך איהרע
פיס ניט אונטערגעבויגען און ער האָט איהר מכבד געווען אַ מאָל
מיט אַ גלעזעל ווייז און זי האָט זיך ניט אַרויסגעריסען פון זיינע
הענט, ווען ער האָט איהר אַרומגענומען.

איצט פלעגט זי אָפט אַריבערטרעטען דעם שוועל פון זיין
הויז, אין דער פרי, ביי טאָג, פאַרנאַכט און אפילו אין אָבענד.

איהרע פאַרהעלטניסע מיט חייקלען האָבען זיך ווידער געענ־
דערט. נאָך יענע גלאָטע רעד און קאָמפּלימענטען, וואָס זי האָט
זיך אָנגעהערט אין קאַנטאָר, איז חייקעל געוואָרען אין איהרע אויגען
זעהר אַ פּראָסטער מענש, און זי פלעגט איהם אָפט גראָב אָנטרעטען,
אָדער פלעגט אוועק מיט׳ן פאַבריקאַנט׳ס ברודער נאָך דער אַרבייט
אין טעליאַטניק, ווערענד ער, חייקעל, איז געשטאַנען אונטען ביים
טויער און געוואַרט אויף איהר. און וואָס פאַר אַ גאוה׳דיגע מינע
זי פלעגט דערביי מאַכען! וואָס פאַר אַ דרעה אויפ׳ן קאַרעק און
וואָס פאַר אַ מין פאַרנעהמען דאָס קלייד פון הינטען!

נאָך אַזאַ מין אומזיסטען וואַרטען אויף איהר און נאָך דעם געלעכטער, וואָס די מיידלאך האָבען צוליב דעם געמאַכט פון איהם, האָט ער אויף מאָרגען, אויב ער האָט געהאַט די געלעגענהייט, אויסגעלאָזען צו איהר זיין כעס, און זי האָט איהם מיט אַ גראַציע, קוקענדיג אויף איהם עטוואָס פון אַ זייט, געענטפערט:

— דו האָסט קיין רעכט ניט מיט מיר אַזוי צו רעדען. דו דאַרפסט זיין דאַנקבאַר, אַז איך לאָז דיר איצט געהן מיט מיר. ווי אומדאַנקבאַר די מוזשטשינעס זיינען!

דערהערענדיג אַזאַ וואָרט, האָט חייקעל, ניט אַכטענדיג וואָס ער איז געוועזען אין מיטען גאַס, מיט מענשען פון פאָרענט און פון הינטען, אַרונטערגענומען זיין היטעל, עטוואָס אונטערגעבויגען דעם קאָפּ און געזאָגט מיט אַ נעבאַכדיגע מינע:

— זייט מיר מוחל, פּראַשע פּאַני! — און ער האָט אויסגע־שאָסען אין אַ געלעכטער.

10.

אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווען שפרה איז אין אַ שעהנעם פריה־מאָרגען אַריין אין פאַבריק, האָבען די מיידלאך גענומען וואַרפען אויף איהר פאַראַכטלאַכע בליקען און כמעט אַלע האָבען זיך אי־בערגעוואָרפען מיט אַ פּאָר באַמערקונגען. שפרה איז געוועזען גע־וואוינט צו זעהן, מיט וואָס פאַר אַ שנאה די חבר׳טעס פלעגען אויף איהר קוקען; זי איז געוועזען געוואוינט אָראָפּצושלינגען זייערע בייזע באַמערקונגען און דעריבער האָט זי ניט באַמערקט, אַז היינ־טיגס מאָל זיינען די בליקען זייערע געוועזען גאָר אַנדערע.

זי איז מיט שטאָלץ דורכגעגאַנגען זיך איבער דער פאַבריק, ווי עס איז געוואָרען איהר געוואוינהייט פאַר דער לעצטער צייט און האָט זיך געהיט ניט צו טאָן אַ בליק אין חייקעל׳ס זייט, אום ער זאָל איהר ניט באַגריסען מיט זיינע נאַרישע העויות. נאָר ווען זי וואָלט אַ קוק געטאָן אין זיין זייט, וואָלט זי באַמערקט אַ גרויסע ענדערונג אין זיין האַלטונג. דער פריילאַכער חייקעל איז איצט געשטאַנען ביים בלעך, וואָס ער האָט געהאַקט, און זיין געזיכט איז געוועזען שוואַרץ ווי די ערד.

זי איז צוריק אַריין אין קאָנטאָר, ניט מערקענדיג קיין זאַך און פאַרבראַכט אַ גאַנץ פרעהלאַכען טאָג. אין קאָנטאָר האָבען זיך פאַרזאַמעלט דעם פאַבריקאַנט׳ס גוטע פריינט און זיי האָבען גע־פיהרט אַ פרעהלאַכען געשפּרעך. דערנאָך איז געקומען דעם פאַברי־קאַנט׳ס ברודער און האָט מיט איהר פאַרבראַכט אַ פּאָר שטונדען. ער האָט זיך מיט איהר געוויצעלט און געשטיפט און פאַרשאָטען איהר מיט קאָמפּלימענטען.

פאַרנאַכט, ווען מען איז אַרויס פון פאַבריק, איז חייקעל גע־בליבען שטעהן ביים טויער. זיין געזיכט איז געווען פינסטער און צוקלעמט. די מיידלאַך, וואָס זיינען אַרויס גלייך מיט איהם, האָבען, אַרויסגעהענדיג פון טויער, אָפּגעקערט אַהינטער זייערע קעפּ און געזאָגט מיט אַ געלעכטער:

— אָט דאָס הייסט פאַרליאָפּעט. ניט אַנדערש, זי האָט איהם צוגעטרונקען.

חייקעל האָט גאָר ניט געענטפערט. זיין געזיכט איז נאָר גע־וואָרען נאָך פינסטערער.

כמעט יעדע מיידעל און יעדער בחור, וואָס איז אַרויס נאָך איהם, האָט אומגעקעהרט דעם קאָפּ אין זיין זייט און געקוקט אויף איהם, ענטוועדער מיט פאַרוואונדערונג אָדער מיט אַ בייזען שמייכעל.

באַלד איז אַרויסגעקומען שפרה. זי האָט געהאַלטען אין אַרויפציהען די הענטשקעלאַך. זי איז געווען פרעהלאַך, מונטער, לעבעדיג.

חייקעל האָט געמאַכט עטלאַכע טריט ביי איהר זייט און האָט ניט געקענט געפינען זיין שפּראַך. ענדליך האָט ער אויסגעשאָסען:

— אַזוי איז די מעשה! אָט פאַר וואָס דו ביזט געוואָרען אַ פּאַני!

זי האָט זיך אומגעקוקט אין זיין זייט און האָט איהם אָנגע־קוקט פאַרוואונדערט.

— קוקט איהר נאָר אָן׳עט, ווי זי ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען. אַ בלבול טראַכט מען אויף איהר אויס!

— זאָג מיר, ביזטו ניט שכור? — האָט זי געפרעגט בייז.

— איך בין שוין גאָר ניט שכור, נאָר מען דערצעהלט, אַז דו האָסט געשכור׳ט מיט׳ן בעל־הבית.

שפרה איז בלייך געוואָרען ווי דער טויט. דער קלאַפּ איז איהר געקומען אומגעריכט. אַ ווײַלע איז זי געבליבען שטעהן מיט אַ צושראָקענע געזיכט און האָט זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט. דאַן האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט:

— ווי־ווי־ווער האָט דאָס... דיר געזאָגט?...

— ווער האָט דאָס מיר געזאָגט! וואָס האָסטו געמיינט, אַז דאָס וועט בלייבען אַ סוד?

— דאָס איז אַ ליגען! — האָט זי אויסגעשריען, קומענדיג אַ ביסעל צו זיך.

— אַ ליגען! געוויס זאָגסטו אַ ליגען! מען ווייסט אפילו, ווען דו האָסט גענעכטיגט ביים בעל־הבית און ווען דו קומסט אַריין צו איהם געוואויר ווערען...

זי האָט זיך ווייטער פאַרלאָרען און האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. דאַן האָט זי געפּאַסט מוט און געזאָגט:

— זאָג מיר, ווער האָט עס געזאָגט, און איך וועל יענער אויס־דראַפּען די צורה.

— האָב קיין מורא ניט. מען ווייסט שוין פון אַ ריכטיגען קוואַל. דאָ וועט ניט העלפען קיין לייקענען.

חייקעל האָט געהאַט אַלע באַווייזע, אַז וואָס מען זאָגט אויף איהר, איז ריכטיג; ער האָט ניט געקענט צווייפלען אין איהר שולד, נאָכדעם ווי דעם פאַבריקאַנט׳ס דיענסט האָט דערצעהלט מיט אַלע אותות ומופתים פון שפרה׳ס קומען און אוועקגעהן, און חייקעל האָט זיך דערמאָנט, ווי שפרה האָט אויסגעזעהן די ערשטע פּאָר וואָכען נאָך דעם פאַבריקאַנט׳ס צוריקקעהרען פון זיין רייזע. ער האָט איצט געלייענט אין איהר געזיכט, אַז זי האָט גאָרניט צו ענטפערען געגען דער באַשולדיגונג און איז אויף איהר אויפגע־בראַכט געוואָרען, פאַר וואָס זי האָט נאָך די חוצפה צו פאַרלייקענען אַ זאַך, וואָס איז קלאָהר ווי דער טאָג. דאָך האָט ער געפיהלט ווי אַ באַלזאַם גיסט זיך אַריין אין האַרצען נאָך יעדען וואָרט, וואָס לייקענט אָפּ די באַשולדיגונג. און וואָס שטייפער זי האָט זיך

געהאַלטען אין איהר אַפּלייקעניש, אַלע גרינגער איז איהם געוואָרען אויפ׳ן הארצען.

— אזוי, ווייסטו פון גאָר ניט צו זאָגען? — האָט ער געזאָגט, ניט לאַזענדיג זיך אָפּשלאָגען פון דער באַשולדיגונג.

— ווער האָט דאָס אויסגעקלערט? — האָט זי געענטפערט מיט א פראַגע.

— די דינסט אַליין האָט דאָס געזאָגט, פאַרשטעהסט? דאָ העלפט שוין ניט קיין לייקענען.

און ער האָט איהר איבערגעגעבען אַלע איינצעלהייטען, וואָס זי האָט דאָרטען צוגעביסען, וואָס זי האָט געטרונקען און נאָך שטאַרקערע באַווייזע. זי האָט איהם אויסגעהערט שטום און ניט האַבענדיג וואָס צו ענטפערען, האָט זי נאָר גע׳טענה׳ט:

— דאָס איז א ליגען! א מיאוס׳ער ליגען! איך וועל שוין ווייזען דער דינסט, ווי צו מאַכען אַזעלכע בלבולים. איך וועל איהר שוין ווייזען, נישקשה!

חייקעל איז פון איהר אַוועקגעגאַנגען מיט א ליכטערע גע־זיכט, ווי ער האָט איהר באַגעגענט. זי האָט איהם ניט איבער־צייגט אין איהר אומשולד, נאָר פאַר איהם איז געווען גענוג וואָס די פריהערדיגע זיכערהייט האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין א צווייפעל. נאָר איהר איז איינגעפאַלען די נשמה. פאַרשטעהט זיך, זי וועט אַפּלייקענען שטיין און ביין. נאָר וועט מען איהר גלויבען? און וואָס וועט זיין, אַז די ידיעה וועט דערגרייכען צו איהר טאַטען־מאַמען?

ווען שפרה איז אריין אין שטוב איז איהר שוין ניט געווען צו דערקענען. איהר מוט האָט איהר אין גאַנצען פאַרלאָזען, און שרעק האָט זיך אָפּגעטונקט אין איהר יעדען גליד.

.11

שמערל האָט געעפענט די טיר, איז א רגע געבליבען שטעהן אויפ׳ן שוועל מיט דער ליולקע אין דער האַנט, האָט זיך געלאָזט געהן ווייטער צום טיש און פון א זייט געקוקט אויף טריינע׳ן.

ער האָט באַלד אַראָפּגעלאָזט די אויגען צו דער ערד און איז געבליבען שטעהן א פאַרשטיינערטער. ער האָט ניט געפרעגט,

װאָס איז געשעהן, פאַר װאָס איז טרײנע געזעסען מיט פאַרבראָ־כענע הענט, מיט פאַרשװאָלענע אױגען. ער האָט געזעהן, אַז אַן אומגליק האָט געטראָפען.

טרײנע האָט זיך ניט אומגעקוקט בײ זײן אַרײנקומען. זי איז געבליבען זיצען אין איהר פריהערדיגער פּאָזע. אַ װײלע האָבען זײ בײדע געשװיגען. ענדליך האָט זי אַרױסגערעדט מיט אַ הײ־זעריג קול, מיט אַ נגון, װי מען באַװײנט אַ בר־מינן:

— מיר האָבען שױן גע׳פּטר׳ט אונזער טאָכטער!...

— װאָס, װאָס איז געשעהן?

— געה אַרױס און הער, װאָס מען רעדט אין גאַס װעגען אונזער טאָכטער.

— װאָס רעדט מען?

— מען רעדט זעהר גוטע זאַכען, קהו, קהו...

— זאָג שױן װאָס. ציה מיר ניט אַזױ די אָדערען, — האָט זיך שמערל געבעטען און די פּיס האָבען זיך גענומען בױגען אונטער איהם.

— אױ, ס׳אַראַ אומגליק אונז האָט געטראָפען! אונזער טאָכ־טער... טרײנע האָט מעהר ניט געקענט רעדען און אַ נײער קװאַל טרערען האָט זיך געעפענט אין איהרע אױגען.

שמערל איז געשטאַנען און האָט געקוקט אױף איהר, נאָך ניט פאַרשטעהענדיג אין גאַנצען, װאָס דאָ האָט פּאַסירט, נאָר פיהלענ־דיג מיט אַלע גלידער דאָס אומגליק. ער איז אַזױ געשטאַנען אַ היבשע צײט. זי האָט ניט אױפגעהערט צו װײנען און זיך גע־שטיקט פון הוסט.

װען איהר איז געװאָרען אַ ביסעל לײכטער פון די טרערען, האָט זי איהם מיט איבערגעריסענע װערטער דערצעהלט, װאָס ברײנע די טענדלערקע האָט איהר איבערגעגעבען װעגען שפּרה׳ן.

— איך װעל איהר געהן צופּראַסקען די צורה, די ברײנקען, — האָט זיך שמערל אָנגעצונדען און האָט פאַרקװעטשט דעם קולאַק. — די ממזר׳ישע צורה װעט זאָגען אױף מײן טאָכטער, אַז...

— זי זאָגט עס דען פון קאָפּ? — האָט טרײנע געפרעגט אַ ביסעל װײכער, און אַ שטראַהל פון האָפנונג האָט איהר אַ שײן געטאָן.

זי אַליין, ווען זי האָט עס געהערט פון ברײַנדעלען, האָט אויך חשק געהאַט אַרײַנצופּאַהרען איהר מיט די נעגעל אין פּנים אַרײַן, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די טענדלערקע האָט דאָס איהר דערצעהלט זעהר ווייך און האָט כמעט אַליין ניט געוואָלט גלויבען אין דעם. די טענדלערקע האָט דאָס איהר דערצעהלט אַזוי ווייך, האָט אַזוי פיעל מאָל ווידערהאָלט „די בייזע צינגער, די ניט־פאַר־גינער, נאָר אַ מיידעל אַליין, אָהן אַן אויבערהאַר", אַז טרײַנע האָט אָנפאַנגס ניט פאַרשטאַנען אין גאַנצען, וואָס מיינט זי דערמיט, און ווי זי האָט עס גוט צוקייעט, איז שוין די טענדלערקע ניט געווען. זי קען איהר שפרה'ן און קען אויף איהר אַזאַ זאַך ניט גלויבען. פאַרשטעהט זיך, שולדיג זיינען אין דעם נאָר די בייזע צינגער. מען פאַרגינט קיינעם ניט דאָס לעבען. נאָר בּיסלאַכווייז, בּיסלאַכווייז זיינען אין איהר מאָרך אַרויסגעשוואומען געוויסע ערינערונגען און האָבען געוואָרפען אַ נייע ליכט אויף שפרה'ן און אַ צווייפעל, אַ ביטערער צווייפעל האָט זיך אַרײַנגעגנב'עט אין איהר האַרצען. „אַ געוויסע צייט איז שפרה געווען ווי אַ נעכטיגע, איז אַרומגעגאַנגען ווי אין עולם התועה. וואָס איז געווען מיט איהר דער מעהר?..." און עפּעס האָט זיך אַ ריס געטאָן ביי איהר אין האַרצען. דאָס אומגלויבלאַכע איז געוואָרען מעגלאַך, און טרײַנע האָט פאַרבראַכען די הענט, איז אַ לאַנגע צייט געזעסען אַ פאַר־צווייפעלטע, און ענדליך האָבען זיך ברענענדיגע טרערען געוויזען אין איהרע אויגען, נאָר די טרערען האָבען איהר ניט דערלייכטערט. אין דיזער פאַרצווייפעלטער פּאָזע האָט איהר געטראָפען שמערל, און זיינע ווערטער זיינען געפאַלען ווי אַ באַלזאַם אויף איהר צע־וואונדעטע האַרץ.

— אַ בּלבול, אַ בּלבול, אַ מוציא שם רע טראַכט זי אויס אויף שפרה'ן. אַ ליגען! שפרה איז ניט אַזאַ! שפרה וועט אַזאַ זאַך ניט טאָן, פון קנאה, פון קנאה איז דאָס. זיי פאַרדריסט, וואָס אונ־זער טאָכטער איז די עלטסטע אויפ'ן פאַבריקע... נישקשה, איך וועל זיי ווייזען ווער עלטער איז... זיי וועלען וויסען, ווי צו רעדען אויף מיין טאָכטער.

ווער זיינען דאָס די „זיי", האָט טריינע ניט פאַרשטאַנען קלאָר, נאָר דאָך האָט זי געשלונגען זיינע ווערטער און האָט זיי אויסגעהערט מיט אַ שטאַרקע האַרצקלאַפעניש. די נשמה איהרע האָט זיך געוויגט צווישען האָפנונג און פאַרצווייפלונג; פון די אויגען האָבען זיך ביי איהר איצט געקייקעלט די לעצטע טרערען, וואָס האָבען אַנגעקאָכט טיעף ביי איהר אין זעעלע, און מיט יעדען טרער איז איהר אַלץ געוואָרען לייכטער און לייכטער.

— דו וועסט דאַרפען וואַרטען אַ ווײַלע אויף וואַרעמעס. דער פייער האָט זיך אויסגעלאָשען, — האָט זיך טריינע געווענדעט צו שמערלען.

— איך וועל זיי ווייזען! — האָט ער געמורמעלט און גענומען אַנשטאָפען די ליולקע.

— דו האָסט ניט געקענט אַכטונג געבען אויפ'ן פייער און זעהן, אַז די פענדעל זאָל זיך ניט פריען? — האָט זי געפרעגט רייזלען, נאָר אָהן אַ שפור כעס אין קול.

רייזעל איז די גאַנצע צייט, וואָס די מאַמע האָט געוויינט און גערעדט מיט'ן טאַטען, געשטאַנען ביים אויוועז זעהר צורודערט און האָט געהאַט די גאַנצע צייט בדעה פאַנאַנדערצעוויינען זיך און העלפען דער מאַמען גיסען טרערען. זי האָט געפיהלט, אַז שפרה'ן איז עפּעס אַ צרה געשעהן, אַ גרויסע צרה, הגם זי האָט פון טאַטען־מאַמעס רעדען ניט געקענט אַרויסטראַגען ריכטיג, וואָס די צרה איז, און איהר יונגע הערצעל האָט זיך געצאַפּעלט פון צער, קלעמעניש און רחמנות.

דער וואַרעמעס איז באַלד פאַרטיג געוואָרען און שמערל, שלעפּענדיג מיט דער צונג די לאַנגע לאָקשען, וואָס זיינען אַראָפּגעהאַנגען פון לעפעל, האָט אַלץ גע'חזר'ט, אַז ער וועט זיי ווייזען, ווער עלטער איז.

טריינע האָט פון וואַרעמעס ניט פאַרזוכט. דאָס האַלז איז איהר געווען פאַרשנירט און זי האָט קיין זאַך ניט געקענט אַראָפּשלינגען. ווען שמערל האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש און איז אַרויס אין גאַס, האָט זיך טריינע צוגעלעגט, אַנזאָגענדיג רייזלען, זי זאָל ריין מאַכען די כלים.

טריינע האָט זיך געמאַטערט איינשלאָפֿען, נאָר זי האָט ניט געקענט. אין קאָפּ האָבען זיך געדרעהט אַלערליי געדאַנקען און צו יעדען געדאַנק האָט דאָס הארץ אַלץ געקלאַפּט אַנדערש, דאָ האַסטיג און דאָ שוואַך, דאָ מיט האָפֿנונג און דאָ מיט פֿאַרצווייפֿלונג. אַ רגע איז ביי איהר געבליבען, אַז שמערל האָט רעכט: „שפרה איז ניט אַזאַ, דאָס האָבען די מיידלאַך פֿון פֿאַבריק אויסגעקלעהרט אויף איהר, ווייל זיי זיינען איהר מקנא“, און באַלד ווידער: „ווער ווייסט? אַז מען רעדט, איז ניט אומזיסט...“ און דאָ ווייטער: „מאַלע, וואָס מען רעדט! מען קען קיינעם ניט פֿאַרשטאָפּען דאָס מויל“ און גלייך ווידער: „אַז מען קלינגט איז אַ חגא“.

דער הוסט האָט פֿון איהר געטריבען די נשמה און ניט געלאָזט איהר איינליגען. זי האָט זיך עטלאַכע מאָל אויפגעהויבען פֿון איהר געלעגער און איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער.

— עפּעס איז היינטיגער טאָג לאַנג, ווי דער אידישער גלות, — האָט זי געזאָגט צו זיך.

טריינע האָט גענומען איהר קניילכעל מיט די פּרוטקעס און אָנגעהויבען צו שטריקען אַ זאָק.

חנה׳קע איז צו איהר צוגעגאַנגען און האָט איהר פּאַמעלאַך אָנגענומען פֿאַר׳ן פֿאַרטוך.

— וואָס? — האָט טריינע געזאָגט צאַרנדיג.

חנה׳קע האָט אָנגעשטעלט די ליפּען און האָט געהאַט בדעה פֿאַנאַנדערצווויינען זיך. זי האָט דעם גאַנצען טאָג קיין אָרט ניט געפֿונען. פֿריהער, ווען די מאַמע האָט געוויינט און איז געזעסען מיט פֿאַרבראָכענע הענט, איז זי געשטאַנען אין אַ ווינקעל, און אין די אויגלאַך האָבען זיך איהר געשטעלט טרערען. שפּעטער, ווען די מאַמע האָט זיך צוגעלעגט, איז זי אַ פּאָר מאָל פֿאַרבייגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פֿינגער, נאָר זעהענדיג דעם טרויעריגען בליק אין איהרע אויגען, און מורא־האָבענדיג, אַז די מאַמע איז בייז, האָט זי זיך ניט געקענט ענטשליסען צו געהן צו איהר; נאָר איצט, ווען די מאַמע האָט געשטריקט אַ זאָק, איז זי צו איהר צוגעגאַנגען

און האָט זיך געוואָלט צולאָסטשען צו איהר. און די בייזע פראַגע איז געווען צופיעל פאַר איהר קינדערשע הערצעל.

— נו, וואָס, וואָס? — האָט טריינע געזאָגט אביסעל ווייכער, דערזעהענדיג טרערען אין איהרע אויגען.

די ווייכע פראַגע האָט חנה׳קען געוויזען, אז די מאַמע איז פריהער געווען אומגערעכט צו איהר, און זי האָט גענומען רייבען די אויגלאַך.

— וויין ניט, וויין ניט! — האָט טריינע געזאָגט, אנגענומען איהר פאַר׳ן עלענבויגען און אויסגעווישט איהר מיט׳ן דאַליאָן די אויגלאַך. — וויין ניט, נאַרעלע.

חנה׳קע האָט זיך איינגערעהט מיט ביידע הענטלאַך אין איהר פאַרטוך און האָט אנגעשפּאַרט דאָס קעפּעל ביי איהר אויפ׳ן שוים. טריינע האָט א פּאָר מאָל א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער איהר קעפּעל. דאַן האָט זי זיך ווייטער גענומען פאַר איהר אַרבייט, און ווערענד זי איז אזוי געזעסען און געקוקט אין דער לופט, איז זי געווען אַן אויסגעצאָסענער בילד פון טרויער.

ענדליך האָבען זיך גענומען שאָטענס אויסלעגען אין שטוב. אין מיטען שטוב איז געווען פינסטערלאַך, נאָר ארום די פענסטער איז נאָך געווען האַלב ליכטיג.

חנה׳קע האָט זיך נאָך טיפער געטוליעט צו דער מאַמען. זי האָט געזעהן, ווי אויף דער וואַנט אַנטקעגען איבער זיינען גע־שפּרונגען שווארצע מענשען מיט לאַנגע קעפּ, גרויסע הענט און קרומע פיס.

— אַנצינדען פייער? — האָט זיך רייזעל געווענדעט צו דער מוטער.

— צינד אָן.

טריינען האָט איצט דאָס האַרץ געקלאַפּט זעהר האַסטיג; עפּעס האָט זי געוואָלט, אז שפרה זאָל אזוי גיך ניט קומען, ניט קוקענדיג, וואָס דעם גאַנצען טאָג האָט זי מיט דער גרעסטער אומגעדולד געוואַרט אויפ׳ן אָבענד, ווען שפרה וועט קומען. איצט, וועלען אַלע ספקות נעהמען א סוף, און זי האָט אזוי געוואָלט האָפען!

ווען די ארבייט האָט זיך געענדיגט אין פאַבריק, איז צוזאַמען מיט שפרה׳ן ארויסגעגאַנגען פון קאָנטאָר דעם פאַבריקאַנט׳ס ברו־דער, דער סאָלדאַט. ער האָט שוין מיט איהר פריהער אָפּגערעדט, אַז זיי וועלען מאַכען אַ שפּאַציר אין טעליאַטניק און זיי האָבען זיך געלאָזט געהן צו דער ברייטער גאַס און פון דאָרטען האָבען זיי צוזאַמען מיט׳ן גאַנצען לעבעדיגען שטראָם מענשען אריינגעפּלייצט אין גאָרטען.

דאָ איז געווען קיהל, לופטיג, הגם דאָ זיינען געווען מעהר מענשען, ווי בלעטלאך אויף די בוימער, און דער שטויב פון די ארומיגע גאַסען האָט זיך אויסגעמישט מיט׳ן דופט פון דעם גראָז און די בלומען. שפרה האָט געקליבען נחת פון דיזע שפּאַצירס, נאָר דעם נחת האָט זי געהאַט ניט פון דעם גאָרטען, זאָנדערן פון די קאַוואַליערען, מיט וועלכע איהר באַגלייטער האָט איהר באַקאַנט געמאַכט. און וואָס פאַר קאַוואַליערען זיינען דאָס געווען! — סאַמע גביר׳ישע קינדער, און זיי האָבען זיך צו איהר „געקלאַניעט“, ווי צו זייער גלייכען, און די באַקאַנטע פאַבריק־מיידלאך זעהען, ווער עס נעהמט פאַר איהר אראָפּ דעם הוט. קוים האָט זי באַמערקט, אַז הינטער איהר געהט אַזאַ באַקאַנטער, האָט זי שוין מיט צעהן טריט פריהער אומגעקערט דעם קאָפּ, אום צו כאַפּען באַצייטענס דעם „פּאַקלאָן“.

ער איז שוין מיט איהר אַ פּאָר מאָל געווען אין דעם „זומער טעאַטער“ און זי האָט היינט אויך געהאָפט, אַז ער וועט איהר פון טעליאַטניק אריינפיהרען אין באָטאַנישען גאָרטען, וואו עס האָט זיך געפונען דער זומער־טעאַטער. נאָר אַלס סאָלדאַט האָט ער עס ניט געקענט דערווייזען אַלע מאָל, און היינט איז איהר האָפנונג ניט מקוים געוואָרען, הגם זי האָט איהם געגעבען אַנצו־הערעניש, פרעגענדיג ביי איהם, וואָס שפּילט מען היינט?

— האַלקאַ.

— אַה, האַלקאַ! — האָט זי געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, וואָס האָט געוויזען, אַז עס פארשאַפט איהר גרויס פארגעניגען צו זעהן „האַלקאַ“.

— היינט וועל איך ניט קענען געהן! — האָט ער געענטפערט.

פון טעליאַטניק האָט ער איהר צוגעפיהרט ביז דער פאָרשטאָט נאָוואָגאָראָד און האָט איהר געלאָזט דאָרטען געהן אַליין. זי איז געגאַנגען אַהיים זעהר צופרידען. איהרע צוויי ערגסטע שונא׳טעס האָבען היינט געזעהן, ווער עס האָט זיך היינט פאַר איהר פאַר־נייגט. זיין פאָטער האָט איינעם פון די גרעסטע געשעפטען אויף דער דייטשער גאַס און אַלע קענען איהם ווי אַ בייזען שילינגער. די מיידלאַך זיינען אַזש גרין געוואָרען פון קנאה. זאָלען זיי וויסען! זי איז געוועזען אַזוי אויפגערעמט, אַז זי האָט, געהענדיג, געזונגען אונטער דער נאָז פון „האַלקאַ": „אוי, האַלינאַ, אוי, דעוועטשינאַ, סאָלנישקאָ מאָיאָ!..." און זי האָט עס ניט אויפגעהערט צו זינגען, ביז זי איז צוגעקומען צו דער טיר פון דעם שטיבעל, וואו זיי האָבען געוואוינט.

פון דעם בלעכענעם לעמפעל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, איז אין שטוב געוועזען האַלב פינסטערלאַך. שפרה האָט ניט באַמערקט די מוטער׳ס געזיכט, ווען זי איז אַריינגעקומען אין שטוב. זי האָט זיך נאָך ניט געקענט אַרויסשלאָגען פון קאָפּ דעם נגון, וואָס זי האָט דעם גאַנצען וועג געזונגען, און האָט נאָך אין זיך פאַרטגעזעצט דעם נגון. צוגעהענדיג נעהענטער, האָט זי באַמערקט צוויי שוואַרצע פאַסען, וואָס די טרערען האָבען אי־בערגעלאָזט אויף איהר מוטער׳ס געזיכט, און זי האָט געפרעגט:

— דו האָסט געוויינט, מאַמע?

— ניין. איך האָב געלאַכט. — האָט די מוטער געענטפערט שטעכיג.

— וואָס האָסטו געוויינט?

— איך האָב זיך טאַקע וואָס צו פרייען. אַ שפּאַס, אַזאַ נחת פון קינדער! מען קען דאָך דיק און גראָב ווערען.

ביז איצט איז שפרה געוועזען גלייכגילטיג. ביז דער מינוט איז זי געוועזען אין גאַנצען אָנגעפילט מיט די איינדריקע, וואָס זי האָט אַרויסגעטראָגען פון דעם טעליאַטניק. נאָר די לעצטע ווער־טער האָבען איהר פּלוצים אויסגעניכטערט, און זי האָט מיט שרעק געפרעגט:

— וואָס איז?

— וואָס איז! דו ווייסט גאָר ניט, וואָס איז! ביי מיר פרעגסטו? אדרבא, זאָג דו מיר, וואָס איז?

שפרה איז בלייך געוואָרען ווי לייווענט און אַ קעלט איז איהר דורכגעגאַנגען דורכ'ן גאַנצען לייב, נאָר פאַר'ן בלייכען פייערל פון דעם לעמפעל, האָט עס די מוטער ניט באַמערקט. זי האָט ניט געפונען קיין וואָרט צו ענטפערן.

— פאַר וואָס שווייגסטו? פאַר וואָס דערצעהלסטו ניט? אדרבא, זאָל אַ מאַמע נחת האָבען.

— איך וויים ניט וואָס דו ווילסט, — האָט שפרה ענדליך געפּאַסט מוט און געענטפערט.

— וואָס איך וויל? איך וויל גאָר ניט. לייט ווילען עפּעס. בריינדעלע די טענדלערקע האָט מיר עפּעס דערצעהלט גאָר אַ פיינע מעשה פון דיר...

שפרה'ן האָט פאַרפעהלט אָטעם: „זי ווייסט שוין! זי ווייסט שוין!“ — איז איהר ווי אַ בליץ דורכגעלאָפען אַ געדאַנק און האָט איהר אָפּגענומען די הענט און די פיס.

טריינע האָט אָבער ניט אויסגעהאַלטען דעם געשפּרעך אין דעם גייסט און האָט זיך באַלד פאַנאַנדערגעוויינט:

— אויף מיינע אַ קינד זאָל מען טייטען מיט די פינגער!...

אויף מיינע אַ קינד זאָל מען זאָגען... קהו, קהו, קהו, קהו...

דער געוויין האָט שפרה'ן געוויזען, אַז די מאַמע איז ניט שטייף אין איהר דעה, און זי האָט דעריבער גלייך געפאַסט מוט און געפרעגט:

— וואָס האָט מען דיר אויף מיר אָנגערעדט?

— זאָלסטו שוין בעסער ניט וויסען, אויב דו ווייסט ניט. איך קען איצט אין גאַס ניט אַרויסגעהן. שולדיג בין איך נאָר אין דעם... איך האָב אויפגעגעבען דעם פּלאַן מיט דער פאַבריקע... כאַ'וואָלט זי פאַרברענט געוואָרען, איידער דו ביזט גאָר אַהין אָנגעקומען.

די טיר האָט זיך געעפענט און שמערל איז אַריין אין שטוב. זיין כאַלאַט פאַנאַנדערגעשפּילעט, דער שטערן פאַרשוויצט. קוים

האט ער דערזעהן שפרה׳ן, האט ער זיך גלייך צו איהר געווענדעט מיט א שטרענגען קול:

— גוט אזוי, הא? אזוי פיהרט זיך דאס אויף א אידישע מיידעל? מען לאזט דאך שוין אונז קיין גאס ניט דורכגעהן!

טריינע האט אויפגעהערט צו וויינען. שטילע טרערען האבען זיך איהר געקייקעלט פון די אויגען.

— וואס בין איך שולדיג, אז מען רעדט?

— כא׳לט מען רעדען אויף אן אנדערע — וואס עפעס אויף דיר?

— זיי פארדריסט, וואס איך בין די עלטסטע...

— זיי פארדריסט — פון פארדראס אליין וועט מען מוציא שם רע זיין?

— הם, — איז שפרה געבליבען אהן ווערטער.

נאר שמערל האט ניט געדארפט האבען נאך ראיות אויף איהר אומשולדיגקייט. ער האט איהר געגלויבט באמונה שלמה, אז זי איז ריין, ווי א מלאך, און האט נאר געמאכט א בייזע מינע יוצא צו זיין די פליכט פון א טאטען און צו ווייזען טריינען, אז ער גיט השגחה אויף זיין קינד.

מיט דעם האט זיך דער פאראהער געענדיגט און אין שטוב איז געווארען א טויטע שטילקייט, ווען רייזעל האט דערלאנגט צום טיש די וועטשערע, האט מען נאר געהערט דאס זופען און שלינגען. גלייך נאך וועטשערע זיינען אלע געגאנגען שלאפען, און שמערל האט א שעפטשע געטאן טריינען אין אויער:

— נו, ווער איז גערעכט? וואס האב איך געזאגט? איך וועל זיך נאך מיט ברײנקען, ימח שמה זאל זי ווערען, אפרעכענען.

— איך ווייס? — האט טריינע געשטאמעלט, און דאס הארץ איז איהר געווען צעוואונדעט.

.12

א יאהר צייט איז אריבער.

אין פארלויף פון דעם יאר איז חייקעל אלץ מעהר און מעהר אפגעטראטען אין שאטען און אין פראנט ארום שפרה׳ן זיינען

ארויסגעטראָטען דעם פאַבריקאַנט׳ס שוואָגער, וועלכער האָט איהר געמאַכט אַ פּרעזענט אַ פּיין גאָלדערן רינגעלע; דער יונגער מאַנציג, וועלכער האָט שוין אָפּגעדינט זיינע צוויי יאָהר און האָט איצט געפּראַנטעוועט און גענומען איהר אָפּט אין טעאַטער; זיינער אַ חבר, וועלכער האָט איהר ביי יעדער געלעגענהייט געקאָרמעט מיט באָנבאָנס. פון דעם פאַבריקאַנט אַליין איז דאָך שוין ניטאָ וואָס צו רעדען. זיי אַלע האָבען איהר פאַרשאָטען מיט קאָמפּלימענטען, און זי האָט אין איהרע אייגענע אויגען אויסגעזעהן, ווי אַ שעהנע בת־מלכה, וואָס קען שאַפען מיט אַזעלכע קאַוואַליערען, ווי זיי.

און איצט איז שוין מעהר ניט געווען צו דערקענען אין איהר די אַמאָליגע דערשלאָגענע, צושראָקענע מיידעל. דאָס באַוואוסטזיין, וואָס פאַר אַ קאַוואַליערען שטעהען איהר צו דינסט, האָט איהר אריינגעגעבען אַ געוויסע ברייטקייט; זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, איהר טראָט איז געוואָרען זיכער, איהר בליק... נאָר דער בליק האָט געהאַט צוויי אויסדריקע, איינער איז געווען אַ גלייכער און אַ מאָל אַ פרעכער, ווען שפרה האָט געהאַט צו טאָן מיט באַקאַנטע מענשען, און דער צווייטער אַ צושראָקענער, ווען זי האָט זיך באַ־געגענט מיט פרעמדע, אומבאַקאַנטע מענשען.

דאָס יאָהר איז פאַר שפרה׳ן געווען דאָס גליקלאַכסטע אין איהר לעבען, הגם זי האָט געהאַט אָפּט אויסצושטעהן פון דער מאַמען און פון טאַטען געברענטע ליידען, איבערהויפּט ווען זי פלעגט קומען שפּעט אַ היים, אָדער ווען עפּעס אַ נייע רכילות האָט דערגרייכט צו איהרע עלטערן. אויך האָט זיך די מאַמע גענומען אריינמישען אין איהרע פאַרדינסטען און האָט איהר ביי יעדער געלעגענהייט געזאָגט מוסר, אַז עס איז קיין תכלית ניט, וואָס זי גיט אויס מעהר געלט אויף שמאַטעס; עס איז שוין צייט, זי זאָל זאָרגען וועגען אַ נדן.

— מיט די שמאַטעס קען מען קיין חתן ניט קריגען, מען מוז האָבען געלט צו אַ חתונה. אויפ׳ן טאַטען קענסטו ניט האָפען. מען שלאָגט זיך קוים דורך מיט זיינע פאַרדינסטען. דו פאַרדינסט אָהן עין הרע, דו ביזט שוין איבער צוויי יאָהר אין דער פאַבריקע, און וואָס האָסטו, אַז ניט די שמאַטעס?

נאר ניט קוקענדיג אויף דעם אלעם, האט זיך שפרה געפיהלט זעהר גוט; זי האט נאך קיין מאל ניט געהאט אזעלכע פארשידענע פארגעניגענס, ווי אין דיזען יאהר.

נאר פלוצים האט זיך א וואלקען ארויפגערוקט אויף איהר גליק. שוין א פאר חדשים ווי זי האט אנגעהויבען צו פיהלען, אז איהר נייער ארט לעבען, וועט זיך מוזען ארויסווייזען... אמת, די האפנונג האט איהר ניט פארלאזען און זי טרייסט זיך, אז דאס איז גאר ניט... דאס טרעפט א מאל... נאר עפעס א פאר־בארגענער קול אינעווייניג שרייט צו איהר: „דו ביזט אריינגע־פאלען! מיאוס אריינגעפאלען!“

און מיט יעדען טאג איז איהר שרעק געוואקסען. ביז איצט האט זי נאך געקענט אפלייקענען, נאר וואס וועט זי טאן איצט? און בילדער, איינס שרעקלאכער פון דעם צווייטען האבען זיך גע־שטויסען ביי איהר אין קאפ.

און דא האט זיך נאך צו איהר עפעס צוגעטשעפעט עפעס א פוילקייט, זי האט זיך קוים געקענט האלטען אויף די פיס. זי וואלט אלץ וועלען ליגען און ליגען, און אלס צוגאב האט זי ניט געקענט פארדייען דעם עסען. ווי נאר עפעס האט זי גלייך אויס־געבראכען. צוקערקעס זיינען ביי איהר אלע מאל געוועזן אן עולם ומלואה, און איצט האט זי אויף זיי ניט געקענט א קוק טאן, און פארקערט, הערינג און זויערע אוגערקעס זיינען ביי איהר געווארען א גאנצע צאצקע.

אין דיעזע שרעק איז אריבער נאך א חודש. איהר האפנונג איז אלץ געווארען שוואכער און די פארצווייפלונג האט גענומען וואקסען און וואקסען. איצט האט זי אנגעהויבען מורא צו האבען פאר דער מאמען אימת מות און זי וואלט מיט א רוהיגערע הארץ געגאנגען לעבעדיג אין א גרוב, איידער צו זיך אהיים. „וואס טוט מען? וואס טוט מען?“ האט זי זיך געבראכען דעם קאפ.

ענדליך האט זי איהרע שרעקען אויסדערצעהלט דעם פאב־ריקאנט.

— דאס איז א שלעכטע מעשה... — האט ער געענטפערט.

— וואָס זאָל איך איצט טאָן? וואָס זאָל איך איצט טאָן? — האָט זי געבראָכען די הענט.

— מען מוז זוכען אַ מיטעל.

— איך בין איצט אַ פאַרפאַלענע! די מאַמע וועט מיך פון שטוב פאַרטרייבען! וואָס זאָל איך איצט טאָן?

— געהט אַריין צו אַן אַקושערקע. זי וועט שוין געפינען אַ מיטעל...

— איך האָב מורא?

— וואָס האָט איהר מורא?

— זי זאָל ניט דערצעהלען...

— זייט ניט קיין קינד, — האָט ער געזאָגט. — באַפרידיגט איהר גוט און איהר ווערט ווידער פריי.

אונטער די אומשטענדען איז דאָס געווען דער בעסטער פּלאַן, וואָס מען האָט נאָר געקענט געפינען. פון געלט איז דאָ קיין מניעה ניט געווען. מאַנציג האָט איהר געגעבען צעהן רובעל און געזאָגט, אַז ער וועט איהר געבען פיעל מען וועט דאַרפען.

פון אַמאָליגע געשפּרעכען מיט די פאַבריק־מיידלאַך האָט שפרה געוואוסט, וואו אַפּצוזוכען אַזאַ אַקושערקע. זי האָט קיין שהיות ניט געמאַכט און איז אַוועק צו איהר. אַנפאַנגס איז זי געגאַנגען מיט שטייפע טריט, נאָר אין מיטען וועג איז איהר איינגעפאַלען אַ געדאַנק: „טאָמער ווערט זי ניט מרוצה? דאַן וועט זיין שלעכט אין צווייען, איז זי וועט בלייבען ביי איהר צרה, אי יענע קען דאָס נאָך אויספּויקען“, און זי האָט זיך צוריקגעקערט אין פאַבריק.

אין דעם טאָג איז זי עטליכע מאָל געגאַנגען צו דער אַקושערקע און האָט זיך אַלץ צוריקגעקעהרט פון מיטען וועג. איין מאָל איז זי שוין דערגאַנגען ביז'ן הויז און איז געווען אין טויער, נאָר דאָ האָט איהר פאַרפעהלט מוט און זי האָט זיך צוריקגעקעהרט.

אַזוי זיינען אַריבער אַ פּאָר טעג, און יעדעס מאָל האָט זי זיך אויסגעזוכט אַ נייעם תירוץ, אַ תירוץ פאַר זיך אַליין. ענדליך, אויפ'ן דריטען טאָג, האָט זי געמאַכט האַרץ און אַרומקוקענדיג זיך גוט אין אַלע זייטען, האָט זי מיט אַ גרויסער קלאַפּעניש אין

הארצען אויפגעהויבען זיך אויף די טרעפ, וואס האבען געפיהרט צו דער אקושערקע'ס וואוינונג.

איהר געזיכט האט געפלאמט, ווען זי איז אריין אין שטוב, און האט א היבשע ווײלע ניט געפונען קיין ווערטער. נאר דא איז איהר די אקושערקע געקומען צו הילף — די אקושערקע איז געוועזען א דיקע ווייבעל מיט שעלמישע אויגען — זי האט איהר באגעגענט זעהר פריינדלאך און מיט איהר גענומען רעדען זעהר ווייך.

דאס האט שפרה'ן צוגעגעבען מוט און זי האט איהר דער־צעהלט איהר אומגליק.

— אלזא, וואס קען איך טאן פאר אייך? — האט געפרעגט די אקושערקע.

די פראגע האט שפרה'ן ווי אפגעגאסען מיט א קאלטען עמער וואסער. זי האט איהר דערצעהלט איהר אומגליק, און אזא פראגע איז גאר איבעריג. עס איז זעלבסטפארשטענדליך נאך וואס זי איז געקומען. שפרה האט בשום אופן ניט געקענט ארויסרעדען אין א פאר דייטלאכע ווערטער איהר וואונש. זי האט אנגעהויבען צו שטאמלען, אבער מען האט קיין ווארט ניט געקענט הערען.

זיי האבעןביידע א ווײלע געשוויגען, דאן האט שפרה ווידער אנגעהויבען שטאמלען און פאסענדיג ענדליך מוט האט זי ארויס־גערעדט וואס זי וויל.

— ניין, מיין ליעבע פריילין. דאס איז א געפעהרלאכע שטיקעל ארבייט פאר מיר. איהר מוזט דאך וויסען, וואס דא האט ניט לאנג געטראפען מיט די אקושערקעס...

— איך וויי־וויים, — האט שפרה געשטאמעלט און דער לעצ־טער שטראל פון האפנונג איז אויסגעלאשען געווארען.

שפרה האט איצט דערפילט נאך ערגער ווי פריהער. פריהער, לכל הפחות, האט קיינער ניט געוואוסט, און איצט איז דאס מעהר קיין סוד ניט. וואס טוט מען? וואס טוט מען?

— ראטעוועט מיך! איך בין א פארפאלענע! — האט שפרה זיך צעוויינט. — דער טאטע וועט מיך דער'הרג'ענען.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די אקושערקע האָט זיך ענדליך איינגעוויליגט צו העלפען שפרה׳ן אין איהר נויט. זי איז אריין אין א צווייטען צימער און האָט ארויסגעטראָגען פון דאָרטען א קליי שאַכטעלע פּילען, פאר וועלכע זי האָט גענומען צעהן רובעל.

— נעהמט עס צוויי מאָל א טאָג, אין דער פרי און אין אָבענד. אָבער זייט פאָרזיכטיג, אז קיין מוטער נפש זאָל דערפון ניט געוואויר ווערען.

שפרה איז ארויס פון דאָרטען מיט א דערלייכטערטע נשמה. זי האָט געפאָלגט, וואָס די אקושערקע האָט איהר געהייסען און אין עטליכע טעג ארום האָט זי אָנגעהויבען צו שפּירען, ווי דאָס האָט אויף איהר געווירקט און זי האָט זיך געוואונדערט, פאר וואָס מאַכען די ווייבער דערפון אזא רעש.

„דאָס איז דאך גאָר ניט אזוי שרעקלאך!״ — האָט זי געזאָגט צו זיך, און זי איז ווידער געוואָרען לוסטיג און פרעהלאך.

עס איז אוועק נאָך א חודש און צו איהר גרויסער פאָרוואונדערונג האָט זי באמערקט, אז זי נעהמט איין לייב. דער קאָרסעט איז געוואָרען שמאָל און די טאַליע האָט זיך פאָנאַנדערגעגאָסען.

— וואָס קען דאָס זיין?

זי איז אָהן אַן אָטעם אריינגעפאלען צו דער אקושערקע און האָט איהר דערצעהלט איהר שרעק. די אקושערקע האָט איהר באַטראַכט.

— איך מוז אייך, ליידער, זאָגען, אז די פּילען האָבען ניט געווירקט. איהר זייט שוין אין די הויכע חדשים. איך בין אין דעם גאָר ניט שולדיג. איהר האָט זיך צו שפּעט געכאַפּט.

שפרה איז געבליבען זיצען א צומישטע.

— וואָס וועל איך איצט טאָן?

— איצט איז פארפאלען.

די גאַנצע הויז האָט זיך געדרעהט פאר איהרע אויגען, ווען זי איז ארויס פון דאָרטען. זי האָט ניט פארשטאַנען, וואָס פאר א שווינדעל די אקושערקע איז מיט איהר באַגאַנגען. שפרה איז געוועזען פארנומען מיט אַנדערע פינסטערע מחשבות. וואָס זאָל זי איצט טאָן? וואו זאָל זי זיך קערען און ווענדען? די מאַמע

וועט איהר נעווים ארויסטרייבען פון שטוב. דער טאטע וועט איהר דער׳הרג׳ענען — און באהאלטען איז אונמעגלאך.

זי האט קיין ברירה ניט. זי מוז אוועק פון דאנען, אוועק וואס גיכער, איידער מען וועט זיך נאך ארומזעהן. פליהען, וואו די אויגען וועלען איהר וויזען. נאר ווי מאכט מען עס, אז די עלטערן זאלען זיך ניט אנשטויסען?

זי קען אבער קיין זאך ניט אויסטראכטען. זי האט קיין פלאן ניט. אין קאפ מישט זיך איהר און דער מארך קעהרט זיך.

די פיס האבען איהר מעכאניש געבראכט צו דער פאבריק, און צוקומענדיג שוין צום טויער, האט זי זיך געכאפט, אז די פאבריק איז שוין לאנג צו און זי האט איצט בשום אופן ניט געוואלט זעהן דעם פאבריקאנט.

זי האט זיך פארנומען מיט׳ן וועג, וואס האט געפיהרט אהיים. נאר מאכענדיג עטלאכע טריט, האט זי שוין פארגעסען, וואוהין זי געהט.

— וואס וועט זי טאן? וואס וועט זי טאן?

אהיים איז זי אנגעקומען שפעטלאך. די שטוביגע זיינען שוין געשלאפען, אויסער די מוטער. ביי איהר אריינקומען האט איהר די מוטער געזאגט, אז איהר חלק וועטשערע שטעהט אויפ׳ן פריי־פעטשאק אין קופערנעם שאגאנציק. נאר שפרה האט פון דער וועטשערע ניט פארזוכט. זי האט קוים געהערט, וואס די מאמע האט צו איהר גערעדט. זי האט זיך גלייך אריינגעווארפען אין בעט.

דאס ערשטע מאל אונטער דער גאנצער צייט פון איהר נייעם לעבען, איז איהר אריין דער געדאנק, ווי אזוי איז זי געקומען דערצו? זי איז, דאכט זיך, געווען א פרומע, גאטס־פארכטיגע מיי־דעל, און ווי אזוי איז דאס איהר אויסגעגאנגען אזא מאוס׳ער סוף? נאר ווייטער פון דער פראגע האט איהר מארך ניט געקענט ארבייטען און זי איז אזוי מיט דער פראגע איינגעשלאפען.

אין דער פריה האט זי זיך אין דער גיך אנגעטאן, האט זיך שטייף פארצויגען אין קארסעט און איז געשווינד אוועק אין פאבריק.

זי איז אָנגעקומען צו פריה אין פאַבריק, קיינער איז נאָך דאָר־טען ניט געווען. די אומגעוועהנלאָכע שטילקייט אין א פּלאַץ, וואו עס האָט שטענדיג געקאָכט און גערוישט, האָט אויף איהר אָנגע־וואָרפען א שרעק. זי איז געזעסען אין איינע ציטערניש, און אין איהר מאַרך האָבען אָנגעהויבען אויפצולעבען גאַנץ פאַרגעסענע קינדערשע מעשיות פון די ניט־גוטע און זי האָט געוואָרט, אַז אָט־אָט וועט א לץ אַרויסשטעקען א לאַנגע, רויטע צונג, אָדער וועט פון א ווינקעל אויסשרייען קוקורעקו, א פּאַטש טאָן מיט די הענט, אויסשיסען אין א ווילדען געלעכטער און נעלם ווערען.

זי האָט מורא געהאַט א ריהר צו טאָן זיך פון אָרט, אָפּווענדען דעם קאָפּ אָן א זייט און איז געזעסען ווי א פאַרגליווערטע. איהר שווערער אָטעם נאָר האָט געצייגט, אַז דאָ זיצט א לעבעדיגע פער־זאָן. ביי א געוויסע אַסאָסיאַציע פון געדאַנקען האָט דער לץ אָנ־גענומען חייקעל׳ס געזיכט, און אין איהרע אויערען האָט אָנגע־הויבען צו קלינגען דער ווילדער געלעכטער, דאָס קנאַקען מיט דער צונג, וואָס זי האָט שוין ניט איינמאָל געהערט הינטער איהרע פּלייצעס.

דאָס ווירקליכע מיט׳ן פאַנטאַסטישען האָבע זיך ביי איהר אַזוי אויסגעמישט, אַז ווען חייקעל׳ס קאָפּ האָט זיך באַוויזען אין טיר, האָט זי מיט א ווילדען געשריי אויסגעשריען:

— מאַמע!

חייקעל איז אַריינגעלאָפען אין קאַנטאָר.

— וואָס איז דיר, שפרה?

— פוי, פוי, פוי! דאָס ביזטו? — האָט שפרה אַרויסגעשטאָ־מעלט און אַרויפגעלעגט די האַנט אויפ׳ן האַרצען. — אוי, האָב איך זיך דערשראָקען!

— פאַר וועמען? פאַר מיר?

— איך וויים אַליין ניט.

זיי זיינען ביידע געבליבען א ווײַלע שטיל. חייקעל האָט איהר אָנגעקוקט.

— דו האָסט זיך אין גאַנצען געענדערט, — האָט ער ענדליך געזאָגט.

ביי שפרה׳ן האט זיך דאס הארץ א צאפּעל געטאן אין בוזים: „ער דערקענט שוין אויף מיין געזיכט“, איז איהר ווי א בליץ דורכגעלאפען א געדאנק. זי האט אראפּגעלאזט די אויגען.

— שפרה! געדענק מיין ווארט! דיר וועט אויסגעהן א מאוס׳ער סוף. דו האסט זיך צופיעל אויפגעניוכעט מיט דער גאנצער באנדע. נאש בראט דארף מיט זיי גאר ניט האבען צו טאן.

דאס איז ניט געווען דאס ערשטע מאל, וואס ער האט צו איהר גערעדט אזעלכע ווערטער. נאר שטענדיג זיינען זיי געפאלען אויף א טויבען אויער און אז ער האט איהר דערעסען מיט זיי, האט זי פאר איהם געהאט א פארטיגען ענטפער: „זאל דיר דיין קאפ ניט דארען פאר מיר“. איצט האבען זיינע ווערטער געקלונגען אין איהרע אויערען, ווי זי וואלט זיי צום ערשטען מאל געהערט. זי האט א זיפץ געטאן.

דער זיפץ האט איהם געוויזען, אז זיינע ווערטער ווירקען אויף איהר און ער איז צוגעגאנגען נעהענטער צו איהר, האט איהר אנ־גענומען ביי דער האנט. זי איז געבליבען זיצען מיט אראפּגעלאזטע אויגען.

— שפרה!... — האט ער געזאגט. — שפרה! איך האב היינ־טיגס יאהר געפּטר׳ט דעם פּריזיוו...

זי האט זיך א צאפּעל געטאן אזוי ווי א שלאנג וואלט איהר פּלוצים א ביס געטאן און האט באפרייט איהר האנט פון זיינע.

— רייד ניט איצט, רייד ניט! — האט זי זיך געבעטען. — רייד ניט, חייקעל.

— פאר וואס? — האט ער געפרעגט פארוואונדערט.

— רייד ניט, רייד ניט! איך בעט דיך.

אין דער מינוט האבען זיך דערהערט טריט פון פיעלע פיס איבער די טרעפּ, אויסגעמישטע פארשלאפענע קולות, א קורצער געלעכטער.

— מען געהט שוין צו דער ארבייט. — האט חייקעל געזאגט.

ער איז נאך א ווייל געשטאנען און געקוקט אויף איהר, דאן האט ער געעפענט די טיר, וואס האט גלייך אריינגעפירט פון קאנטאר אין פאבריק, און שפרה איז ווידער געבליבען אליין.

שפרה האָט מורא געהאַט צו ווייזען די נאָז אין פאַבריק. זי איז געווען זיכער, אַז מען וועט דערקענען איהר צושטאַנד. זי איז געבליבען זיצען אין קאַנטאָר, נאָר דער פריהערדיגער שרעק האָט איהר פאַרלאָזט. די אַנוועזענהייט פון די אַרבייטער אין פאַבריק האָט פאַרטריבען די שרעקענס־בילדער פון איהר מאַרך. איצט האָט זיך איהר צוריקגעקעהרט איהר פאַרצווייפלונג.

„איך האָב גע׳פטר׳ט דעם פריזיוו״... האָבען זיך אין איהר מוח געדרעהט חייקעל׳ס ווערטער. יאָ, פאַר וואָס האָט זי זיך אָפּגעקעהרט פון חייקלען און צונויפגעניוכעט זיך מיט דער באַנדע? וואָס האָט זי געהאַט צו טאָן מיט דער באַנדע? וואָס וואָלט איהר געפעלט, ווען זי וואָלט מיט חייקלען ווייטער געבליבען אַזוי ווי זיי זיינען געווען אין אַנהויב? זיי וואָלטען איצט חתונה געהאַט. זי וואָלט געוואָרען אַ בעל־הבית׳טע...

אין מאַרך שווימט ביי איהר אַרוּם אַ שטיבעל, ניט ווייט פון איהרע עלטערנ׳ס וואוינונג. זיי וואָלטען דאָס שטיבעל געדונגען. זי וואָלט די וואוינונג געהאַלטען ווי ליאַלקע. אויפ׳ן פענסטער גאָר־דינען, אַ גרויסע שפּיגעל... זיי וואָלטען פאַרקראַכען אַ גאַרניטער מעבעל און זי וואָלט זיי באַצויגען מיט ווייסע טשיכאָלען. בעט־געוואַנד האָט די מאַמע פאַר איהר אָנגעגרייט גענוג און די בעטען וואָלטען צוגעגעבען דעם זיבעטען חן. די קישענס וועלען ביי די מיילער האָבען אַ רויטען פּאַס באַהאַנגען מיט שפּיצען. די קנעפּלאַך וועלען זיין די טייערסטע. זי פאַרשטעהט זיך אויף קנעפּלאַך...

דאָס דערמאַנט איהר וועגען דער פאַבריק, וועגען פאַבריקאַנט... און די גאַנצע אילוזיע ווערט צושפּריִיט ווי אַ זייפען־בלאָז.

— פאַר וואָס, פאַר וואָס האָב איך זיך אָפּגעקערט פון חייק־לען? — פרעגט זי מיט פאַרצווייפלונג.

און נאָך גרעסער ווערט פאַר איהר דער וואונדער, ווען זי דערמאַנט זיך, ווי שטאַרק חייקעל איז איהר געפעלען געוואָרען פון דער ערשטער מינוט אָן, ווי זי האָט געלעקט די פינגער פון זיינע המצאות, ווי זי האָט שטאָלצירט, וואָס ער דרעהט זיך אַרום איהר. זי קען גאָר ניט גלויבען, אַז ער זאָל איהר איין מינוט ניט געפעלען געווען. ווי אַזוי האָבען זיך דאָס איהרע פאַרהעלטניסע צו איהם

גנענדערט, ווי אזוי האָט זי זיך דאָס צונויפגעניוכעט מיט דער באַנדע ?

אַ זיפץ וואָס ברעכט דאָס האַרץ אין צווייען האָט זיך אַרויס־געריסן פון איהר האַרצן

„זי האָט געהאַט דאָס גליק אין די הענט און האָט עס בידים איבערגעפיהרט".

— איצט איז אַלץ פאַרפאַלען! פאַרפאַלען! פאַרפאַלען! באַלד וועלען אַלע דערוויסען זיך פון איהר שאַנדע, און זי וועט קיינעם ניט קענען קוקען גלייך אין די אויגען. זי וועט ניכער אַריין אין דער ערד, איידער באַגעגענען זיך נאָכדעם מיט חייקלען. איצט איז פאַרפאַלען! פאַרפאַלען!

.13

אַ זייגער ניין איז אַריין אין קאַנטאָר דער פאַבריקאַנט, קלאַ־פענדיג מיט די פינגער זיך אין מויל, אום צו פאַרשטעלען זיין גענעץ. זיין געזיכט איז געווען פריש אָרומגעוואַשען און די אויגען האָבען געוויזען, אַז ער איז ניט לאַנג פון בעט.

— בריעף ? — האָט ער געפרעגט ביי שפרה'ן.

— אויפ'ן שרייב־טיש, — האָט זי געענטפערט.

ער האָט גענעצענדיג געעפענט איין בריעף נאָכ'ן צווייטען, וואַרפענדיג די אומוויכטיגע אין קאָרב אונטען און די נויטיגע לע־גענדיג אויפ'ן טיש אָדער אויפהענגענדיג אויפ'ן מעשענעם הענטעל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט איבער דעם שרייב־טיש. ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט די בריעף, האָט ער זיך געווענדעט צו שפרה'ן.

— מיר וועלען היינט האָבען אַרויסצושיקען צוויי זאַקאַזען.

שפרה האָט איהם אָנגעקוקט אַ וויילע פאַרוואונדערט, ניט פאַרשטעהענדיג, וואָס ער מיינט. דאַן האָט זי זיך דערמאָנט, אַז ער רעדט וועגען זאַקאַז פון קנעפּלאַך און האָט אַ מורמעל געטאָן: „יאָ", ניט וויסענדיג אַליין, צי דאָס איז אַ ריכטיגער ענטפער אויף זיין פראַגע, צי ניט.

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין זילבערנע פושקע אַ פּאַפּיראָס און, פאַררויכערנדיג, אַרויסלאָזענדיג אַ פולען מויל מיט רויך, האָט ער געזאָגט:

— וואָס זיצט איהר אַזוי פאַראומערט?

— איך? — האָט זי געפרעגט. — איך... איך... איך בין אַ פאַר־פאַלענע, — האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמעלט.

ער האָט געקוקט אויף איהר, לאָזענדיג דעם רויך פון מויל און וואַרטענדיג אויף אַן ערקלעהרונג.

שפרה איז אַ ווײַלע געזעסען שטיל, דאַן האָט זי אָנגעהויבען:

— איך בין נעכטען געוועזען ביי דער אקושערקע...

— טס! — האָט ער איהר איבערגעריסען, אַ קוק טאָענדיג מיט די טיר, וואָס האָט געפיהרט אין פאַבריק.

זי האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז וועגען אַזעלכע זאַכען רעדט מען ניט אין דער הויך, איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו איהם און האָט איהם אין דער שטיל דערצעהלט איהר אומגליק.

— אַזוי! — האָט ער אַרויסגערעדט. — דאָס איז אַ שלעכטע זאַך. זי האָט אייך באַשווינדעלט, נאָר איהר קענט געגען דעם גאָר ניט טאָן. איהר מוזט שווייגען.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטול און גענומען געהן איבער׳ן צימער אויף און אָפּ, ציהענדיג שטאַרקער דעם פּאַפּיראָס. ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט, צי זאָל ער איהר ניט געבען אַ צעטעל צו זיין דאָקטאָר, נאָר ער האָט זיך גלייך פאַרטראַכט, אַז דאָס טויג ניט פאַר איהם.

— געהט אַריין צו אַ דאָקטאָר, פיליינכט וועט אייך דאָס מאָל בעסער גליקען?

— איך וויים? — האָט זי געשטאַמעלט, און אַ שטראַל פון האָפנונג האָט איהר ווידער אַ שיין געטאָן.

— קוקט איבער דערווייל די זאַקאָזען נומער דריי און פינף, און ווען איהר וועט ווערען פאַרטיג מיט דעם, וועט איהר אַריבער־געהן צו אַ דאָקטאָר. האָט איהר אַ באַקאַנטען דאָקטאָר?

— ניין.

מאָנציג איז זיך ווידער אַ פּאָר מאָל דורכגעגאַנגען איבער׳ן צימער און האָט זיך געזעצט צום שרייב־טיש. ער האָט זיך גענומען צו דער קאָרעספּאָנדענציע און האָט צוריסען איין זייטעל פּאַפּיר נאָכ׳ן צווייטען, האָט צובראָכען צוויי פּעדערס און אָנגענאָסען פּרישען טינט, איידער ער האָט אָנגעשריבען דעם ערשטען בריעף. אַלע זיינע באַוועגונגען האָבען געוויזען, אַז ער איז זעהר נערוועז.

אין דער ווירקליכקייט האָט איהם שפּרה׳ס לאַגע גערירט. אַ רחמנות אויף איהר. ער וואָלט גערן געטאָן פאַר איהר עפּעס און וואָלט געוועזען זעהר צופרידען, ווען ער זאָל איהר קענען העלפען מיט געלט. נאָר ער ווייס, אַז קיין דאָקטאָר וועט מיט איהר, אַן אָרים מיידעל, ניט וועלען האָבען צו טאָן, און ער אַליין קען זיך אין דעם ניט מישען. זיין נאָמען קען דערפון ליידען. אין אַזעלכע זאַכען איז מען קיינמאָל ניט באַוואָרענט, און מאַלע וואָס אַזאַ זאַך קען זיך ענדיגען. עס איז בעסער צו האַלטען זיך אין שאָטען. נאָר דאָך איז אויף איהר אַ רחמנות.

ער איז געזעסען ביים שרייב־טיש און האָט געשריבען זיינע בריעף, און אין קאָפּ האָט זיך איהם געדרעהט איין פראַזע: „אַ מאוס׳ע מעשה“. ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף שפּרה׳ן — זי איז געשטאַנען און האָט סאָרטירט די קנעפּלאַך, וואָס מען האָט היינט געדאַרפט אַוועקשיקען.

„אפשר, ווער ווייס, אפשר וועט זיך אָפּזוכען אַ דאָקטאָר, וואָס וועט זיך נעהמען דערפאַר“, האָט ער געזאָגט צו זיך, באַמערקענדיג, אַז איהר געזיכט איז אַ ביסעל פרעהלאַכער געוואָרען.

— געהט אַריבער צו אַ דאָקטאָר, אַ זייגער פינף־זעקס, דאַן וועט איהר נאָך זיי טרעפען צו־הויז.

— איך וועל היינט זיין, — האָט שפּרה געענטפערט.

באַלד זיינען אין קאַנטאָר אָנגעקומען דער פאַבריקאַנט פון זייף, דער שוואָגער און נאָך אַ פּאָר, און עס האָט זיך פאַרבונדען אַ געשפּרעך וועגען וועלטלאַכע זאַכען. דער שוואָגער האָט דערצעהלט, וואָס פאַר אַ נייע „קראַסאָטקע“ ער האָט געפונען און האָט דאַביי אַ קוש געטאָן די שפּיצען פון זיינע פינגער. מאָנציג האָט

גענומען אַ לעבעדיגען אַנטייל אין דעם געשפּרעך און האָט פאַר־געסען אין גאַנצען די שברת־הלב, וואָס ער האָט געהאַט מיט אַ ווײַלע פריהער.

שפרה האָט אויך געהערט דעם געשפּרעך, נאָר היינט האָט זי ניט געשמייכעלט, ווי אַ מאָל.

— מיר ווער סטו ווייזען דיין נייע קראַסאַטקע, — האָט געזאָגט מאַנציג, — ניט אמת? פאַרט אַ שוואָגער...

— אָה, געווים וועל איך דיר ווייזען, — האָט דער שוואָגער גע־ענטפערט. — אַט דאָס וועל איך דיר ווייזען.

ער האָט איהם געוויזען אַ פייג אונטער אַ דעכעלע.

אַלע האָבען זיך צולאַכט.

— נו, נו, דו וועסט ניט זיין אַזוי שלעכט!

— פאַר איהם איז גאָר ניטאָ קיין געגוג, — האָט דער שוואָגער געזאָגט און האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אין שפרה׳ס זייט.

שפרה האָט דעם בליק ניט געזעהן, נאָר זי האָט איהם ניט וועניגער געפיהלט און האָט זיך באַגאָסען מיט אַ רויטקייט.

דער פאַבריקאַנט האָט געמאַכט אַן ערנסטע מינע, און דאָס גע־שפּרעך האָט גענומען אַן אַנדער ווענדונג.

שפרה האָט מיט דער גרעסטער אומגעדולד געוואַרט אויף דער שטונדע, ווען זי וועט קענען געהן צום דאָקטאָר, און קוים האָט דער זייגער געוויזען האַלב פינף, איז זי אַרוים פון קאַנטאָר, ניט האָבענדיג פריהער באַשלאָסען, צו וועלכען דאָקטאָר זי זאָל געהן. אַרום אַ האַלבע שטונדע איז זי אַרומגעגאַנגען זוכען אַ דאָקטאָר, און יעדעס מאָל וואָס זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ טיר פון אַ דאָקטאָר, האָט זי באַשלאָסען, אַז צו **דעם** וועט זי ניט אַריינ־געהן. ענדליך האָט זי געמאַכט האַרץ און איז אַריין צו אַ דאָקטאָר, פון וועלכען זי האָט אַזוי וועניג געוואוסט, ווי פון די אַלע אַנדערע, צו וועלכע זי האָט ניט געוואָלט אַריינגעהן. נאָר גראַדע האָבען איהר פאַרפיהרט די פיס צו אַ דאָקטאָר, וואָס איז געווען באַוואוסט מיט זיינע שגעונות.

אין וואַרטונגס־צימער האָט זי געטראָפען פּיעלע, וואָס זיינען שוין דאָרטען געזעסען און געוואַרט. זי איז געבליבען שטאַרק

אומצופרידען מיט דעם, נאָר זי האָט זיך געשעמט אוועקצוגעהן און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפ'ן ערשטען שטול, וואָס זי האָט באַגעגנט.

אַלע קראַנקע, וואָס האָבען דאָ געוואַרט, האָבען גענומען קוקען אויף איהר, ווי זיי האָבען געקוקט אויף יעדען נייעם אריינקומענ־דען, ווייל זיי איז נמאס ומאוס געוואָרען צו וואַרטען, און זיי זיינען געווען צופרידען צו שענקען וועמען עס איז אָדער וואָס עס איז זייער אויפמערקזאַמקייט. און שפרה האָט זיך געקאָרטשעט אונטער די בליקען, האָט זיך געדרעהט אין איהר שטול, נאָר אין וועלכען זייט זי האָט זיך ניט אַ קעהר געטאָן, האָט זי באַגעגענט אויסגעשטעלטע אויגען אויף זיך. עס קען זיין, אַז זי האָט מעהר ווי אַלע אנדערע געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דיעזע ליידענדע צוליעב איהר געזונטען אויסזעהן. זי האָט זיך דערפילט אַביסעל גרינגער, ווען צוויי נייע פּאַציענטען זיינען אריינגעקומען און אַלעמענס בליקען האָבען זיך געווענדעט אויף זיי.

איצט האָט זי געקענט צוזאַמענקלייבען איהרע געדאַנקען. וואָס וועט זי זאָגען דעם דאָקטאָר? זי וועט איהם זאָגען, אַז איהר קומט אוים צו געהן פון בריק אין וואַסער, זי וועט איהר שאַנדע ניט אריבערטראַגען און אַזוי ווייטער. דער דאָקטאָר וועט אויף איהר רחמנות האָבען. און זי האָט אַליין אויף זיך רחמנות גע־קראָגען. זי האָט אין איהרע אייגענע אויגען איצט געשיינט פאַר אַן אומשולדיג קינד, וואָס ווערט פאַרפאַלגט פון שלעכטע מענשען...

ענדליך האָט זיך געוויזען דער דאָקטאָר אין אַ צווייטע טיר. אייניגע פּאַציענטען האָבען זיך אויפגעהויבען. זי איז אינסטינקטיוו געבליבען זיצען, אום ער זאָל איהר ניט אריינרופען די ערשטע. זי וועט בעסער אַלעמען איבערוואַרטען.

די קראַנקע זיינען אריין און ארוים און יעדעס מאָל וואָס דער דאָקטאָר איז פאַרטיג געוואָרען מיט אַ פּאַציענט האָט ער זיך גע־וויזען אין טיר און געגעבען אַ צייכען צו איינעם, ער זאָל אריינ־קומען. אויף עטלאַכע האָט ער געשריען, און אַזוי הויך, אַז מען האָט די קולות געהערט אין וואַרטונגס־צימער. שפרה'ן איז דאָס האַרץ איינגעפאַלען פון די קולות. ער וועט מסתמא אויף איהר

אויך שרייען. ער וועט געוויס שרייען. און זי האט שוין אנגע־הויבען צו טראכטען, ווי ארויסצורוקען זיך פון צימער. איצט האט זיך דער דאקטאר געוויזען אין טיר און האט געמאכט א צייכען צו שפרה׳ן.

שפרה איז איהם מעכאניש נאכגעגאנגען, און ווען זי איז גע־בליבען מיט׳ן דאקטאר האט זי ניט געפונען קיין ווערטער, וואס צו זאגען. איהר הארץ האט געקלאפט האסטיג און א ציטער איז איהר דורכגעלאפען איבער׳ן לייב.

— וואס איז אייך, פריילין?

— מיר... מיר... איך...

די צונג איז איהר געווארען ווי א קלאץ און האט מיט איהר ניט געקענט א ריר טאן.

דער דאקטאר האט איהר א ווײַלע אנגעקוקט און דאן האט ער איהר געפרעגט מיט א שטרענגער מינע:

— וואס איז אייך?

— איך... איך... איך וויים ניט, — האט שפרה קוים אויס־געשטאמעלט.

דער דאקטאר האט איהר אויסגעקלאפט, אויסגעהערט און ענדליך געפרעגט:

— זייט איהר פארהייראט?

— ניין.

— נ־יי־י־ן, — האט ער דורכגעזייט צווישען די צייהן, און האט אפגערוקט די ברעמען.

די אלע שרעקען, קאכעניש, קלעמעניש פון דעם גאנצען מעת־לעת האבען זיך ביי איהר אפגערופען ביי דיזען ווארט זיינעם. די סטרונע האט פלוצים א פלאץ געטאן און זי האט אויסגעבראכען אין א היסטערישען געוויין. איצט האט זי אויסגעכליפעט, וואס איהר קראנקהייט איז.

דער דאקטאר האט איהר געגעבען א ביסעל וואסער אין א גלאז און האט איהר געהייסען בארוהיגען זיך.

זי איז געווארען רוהיגער.

— דאס איז א קראנקהייט, צו וועלכע קיין דאקטאר קען ניט העלפען, — האט דער דאקטאר געזאגט.

— ראטעוועט מיך! איך בין א פארפאלענע!

— וואס! — האט ער אויסגעשריען און האט א טופע געטאן מיט'ן פוס. — מיר באט איהר אן אזעלכע שמוציגע זאכען? פאר וואס האט איהר פריהער ניט געטראכט וועגען די פאלגען?

שפרה האט איינגעהאלטען דעם אטעם און האט מעהר קיין ווארט ניט ארויסגעבראכט פון מויל. וואס ער האט ווייטער געזאגט, האט זי ניט געדענקט. אויך האט זי ניט געדענקט, ווי אזוי זי האט זיך פלוצים דערפיהלט אויף דער גאס. דער קאפ איז איהר געווען ווי פארטשאדעט און די געדאנקען האבען זיך געפלאנטערט. אין דיזען צושטאנד האט זי זיך דערשלעפט צו דער פאבריק.

דער פאבריקאנט איז איצט געווען אליין אין קאנטאר. ער האט איהר גענומען אויספרעגען וועגען דעם רעזולטאט פון איהר גאנג און האט פון איהר קוים ארויסגעקריגען, ביי וועלכען דאקטאר זי איז געווען און וואס ער האט איהר געענטפערט.

— אה, דער ווארשאט! — האט ער געזאגט. — וואס זייט איהר געגאנגען צו איהם?

.14

שפרה האט געפרואווט איהר מזל מיט נאך א פאר דאקטוירים, נאר זי האט ערגעץ קיין בעסערע אויפנאהמע ניט געטראפען, און זי האט ענדליך געמוזט איינזעהן, אז איהר קעמפפען וועט גאר ניט העלפען.

וואס זאל זי איצט טאן? באלד קומען אן די טעג, ווען זי וועט בשום אופן ניט קענען באהאלטען איהר צושטאנד, און עס איז קיין פראגע ניט, אז זי וועט לענגער ניט קענען בלייבען ביי די עלטערן. ערשטענס, וואס וועלען טאטע-מאמע זאגען דערצו און צווייטענס, האט זי צוויי אינגערע שוועסטער און ווי קען זי זיך ווייזען פאר זיי אין אזא צושטאנד? זי מוז פארלאזען די עלטערן, זי מוז אוועק פון שטוב. נאר וואו זאל זי זיך באהאלטען? וואו זאל זי פארבארגען איהר שאנדע?

אַנפאַנגס האָט זי געטראַכט צו דינגען ערגעץ אַ דירה און זיין דאָרטען, ביז זי וועט איבערקומען איהר אומגליק. די שטאָדט איז גרויס און קיינער וועט ניט וויסען, וואו זי געפינט זיך. דער פאַבריקאַנט וועט איהר געבען געלט צום לעבען, און דערנאָך...

נאָר די פראַגע, וואָס וועט זיין דערנאָך, האָט געמאַכט צו גאָר נישט איהר פּלאַן. וואָס וועט זי דעמאָלט זאָגען די עלטערן? וואָס פאַר אַ תירוץ קען זי געפינען צו מאַכען גלאַט איהר אָפּוועזענהייט?

און דעריבער איז ביי איהר געבליבען אויסצוגעפינען עפּעס אַ תירוץ, אַז זי זאָל קענען אוועקפאָהרען פון דער היים מיט די עלטערנס ידיעה. און דאַן וועט זי זיך קענען צוריקקעהרען, אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשעהן.

— יאָ, דאָס איז דער בעסטער פּלאַן. אוועקפאָהרען, אוועקפאָהרען פון דאַנען און אַוועק וואָס גיכער.

שפרה האָט זיך וועגען דעם בעראַטען מיט'ן פאַבריקאַנט, נאָר ער האָט איהר געזוכט אָפּצושלאָגען פון דעם געדאַנקען פון אָפּפאָהרען.

— ווילנא איז גענוג גרויס. איהר קענט יאָהרען־לאַנג אָפּלעבען דאָ ערגעץ אין אַ ווינקעל און קיין מוטער־נפש וועט ניט וויסען, וואו איהר זייט.

נאָר שפרה האָט דערפון ניט געוואָלט הערען. זי מוז אָפּפאָהרען פון דאַנען, און זי דאַרף דערצו האָבען עפּעס אַ גלאַטען תירוץ.

— אויב איהר ווילט דורכאויס פאָהרען, קענט איהר זאָגען, אַז איך שיק אייך אין די אַרומיגע שטעדטלאַך זוכען מיידלאַך צו דער אַרבייט.

דער תירוץ איז געווען עפּעס ניט קיין גלאַטער; נאָר פיעל זי האָט ניט געבראָכען דעם קאָפּ, האָט זי קיין בעסערען ניט געקענט אויסזוכען.

איצט איז געבליבען צו באַשטימען, וואוהין זי זאָל פאָהרען.

— פאָהרט בעסער אין ווארשא. אין אַ מאָנאַט אַרום וועל איך דאָרטען זיין.

ווארשא זאָל זיין ווארשא. וואס איז דער חילוק וואו — אבי אוועק פון דאַנען. דער פאבריקאנט האָט איהר געגעבען דערוויייל אביסעל געלט און האָט איהר פארשפּראָכען צו געבען מעהר, ווען ער וועט זיין אין ווארשא און צושיקען פון צייט צו צייט עטלאכע רובעל.

דאָס אַלץ איז צוגעגאנגען זעהר לייכט. שווער איז נאָר געוועזען פאר שפּרה'ן צו לאָזען וויסען דער מאַמען די נייעס פון איהר אַפּפאָהרען. דער תירוץ איז עפּעס ניט קיין גלאַטער, און זי קען זיך נאָך שטויסען אָדער ניט לאָזען פאָהרען.

א רגע האָט זי געטראַכט אוועקצופאָהרען, גאָר ניט זעהענדיג זיך מיט דער מוטער און דערנאָך מאַכען עפּעס א תירוץ, אז זי האָט ניט געקענט קומען אהיים פאַר'ן אַפּפאָהרען. נאָר דעם גע־דאנק האָט זי גלייך פארוואָרפען: זאָל זיין, וואס עס איז, זי וועט פריהער זעהן זיך מיט דער מאַמען און דערצעהלען איהר וועגען איהר רייזע.

שפּרה האָט אנגענומען א זארגלאָזע מינע, ווען זי איז געקומען אהיים און האָט מוטיג געזאָגט צו דער מאַמען:

— דו ווייסט, מאַמע. איך פאָהר אוועק פון אייך אויף א ווײַלע.

טריינע האָט איהר אָנגעקוקט פארוואונדערט.

— וואָס מיינסטו? — האָט זי געפרעגט.

— מען שיקט מיך אין א פּאָר ארומיגע שטעדטלאך אַפּצוזוכען מיידלאך פאר אונזער פאבריק.

— צו מיינע שונאים'דיגע קעפּ, צו זייער לייב און לעבען! ד י ך שיקט מען! דו ביזט דאך קיין מאָל פון דער ראַגאַטקע ניט ארויסגעפאָהרען.

— וואָס בין איך, א שרעקעדיג קינד?

— א מיידעל שיקט מען מכח געשעפט! וואָס זיינען זיי — משונע, חסר דעה געוואָרען? פוי אויף זיי!

— וואָס איז, א מיידעל איז קיין מענש ניט?

— זיי ניט קיין נאַר, שפּרה. ווי קומט דאָס צו א מיידעל צו פאָהרען מיט אַזעלכע עסקים. דאָס איז פאר א מאנסביל א געשעפט, אבער ניט פאר ווייבער.

— אַז מען דאַרף רעדען מיט מיידלאַך, שיקט מען אַ מיידעל. אַ מיידעל וועט זיך גיכער אויפרעדען מיט זיי.

טריינע איז אַ רגע אַנטשוויגען געוואָרען, דאַן האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— און פאַר וואָס האָט מען דאָס עפּעס אויסגעקליבען דיך?

— איך וויים.... — האָט שפרה אָנפאַנגס ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, דאַן האָט זי זיך געכאַפּט: — מסתמא, ווייל איך בין די עלטסטע.

— עפּעס איז דאָ קשה׳דיג! — האָט די מוטער געענטפערט און איז אַ ווײַלע שטיל געוואָרען נאָכדענקענדיג. דאַן האָט זי מיט אַ זיפץ אַרויסגערעדט: — אַך, היינטיגע קינדער! היינטיגע קינדער!

שפרה האָט זיך גענומען אַרומפיהרען מיט איהרע קליידלאַך, און טריינע האָט איהר אָהן ווערטער נאָכגעקוקט.

— זאָל איך אַזוי וויסען פון צער, ווי איך וויים, וואָס פאַר אַ משוגעת דאָס איז, — האָט זיך טריינע אָנגערופען. — וואָס הייסט, דו וועסט פאָהרען נאָך מיידלאַך? דו וועסט אַריינפאָהרען אין אַ שטעדטעל און געהן פון שטוב צו שטוב און פרעגען, וועלכע מיידעל וויל אַרבייטען אויף אַ פאַבריק? מען וועט דאָך דיר האַלטען פאַר אַ משוגע׳נע. אסור, אויב איך וויים וואָס דו ווילסט!

שפרה האָט זיך ניט פאַרבאַרייטעט פאַר אַזאַ פראַגע, און זי האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען.

— און דו, נאַר, נעהמסט זיך אונטער צו טאָן אַזאַ זאַך. וואָס ביזטו געפאַלען אויפ׳ן קאָפּ, וואָס דו פאַרשטעהסט ניט, אַז דאָס איז ניט קיין אַרבייט פאַר קיין מיידעל?

— און וואָס וועט טאָן אַ מאַנסביל? — האָט שפרה זיך אָנגעכאַפּט אַן די לעצטע ווערטער.

— וואָס האָסטו זיך צו גלייכען צו אַ מאַנסביל! אַ מאַנסביל איז עפּעס אַנדערש. און ווידער, וואָס איז דאָס פאַר אַ סטאַטיק פאַר אַ מיידעל צו נעהמען זיך פאַר אַזעלכע זאַכען. ווער האָט דאָס דיר אויפגעגעבען אַזאַ פּלאַן? זאָג איהם, זאָל ער זיך האַלטען מיט אַזעלכע עצות.

— אבער מיר דארפען האבען מיידלאך אין אונזער פאבריק.

— מיידלאך דארף מען האבען! געהערט א ביסעל! אין ווילנא איז שוין די דעק ארויסגעפאלען, מען קען ניט קריגען קיין מיידלאך פאר דער פאבריקע. מען דארף זיי פאהרען זוכען אין אנדערע שטעדט! ניין, שפרה, אז דיין בעל־הבית דארף האבען מיידלאך פאר זיין פאבריק וועט ער זיי דא אויך קריגען און מען דארף דיך פאר קיין נאר ניט מאכען. אסור זאל מיר זיין, אויב איך וואלט געגלויבט, אז דו זאלסט זיין אזא נאר. אויף א קליידעל — א פורקע אהין, א פורקע אהער — אויף דעם האט איהר שכל, נאר אז עס קומט צו עפעס איז ניטא קיין קאפ.

שפרה האט ניט געהאט וואס צו ענטפערען געגען דעם און זי איז געבליבען שטיל.

טריינע איז אויך אנטשוויגען געווארען. א ווייל איז זי געזעסען פארטראכט, דאן האט זי געזאגט ענטשלאסען.

— ניין, שפרה. זאג דיין בעל־הבית, ער זאל מאכען אנדערע פאר נאראנים. דיך צו מאכען פאר א נאר וועל איך ניט לאזען. געהערט אביסעל! א מיידעל שיקען אין די שטעדטלאך זי זאל געהן איבער די הייזער זוכען מיידלאך פאר דער פאבריקע. דו ביזט אהין ניט אנגעקומען צו טאן אזעלכע ארבייט.

— איך ווייס, — האט שפרה געשטאמעלט. — איך וועל איהם זאגען.

— זאג איהם אין מיין נאמען, אז אויב ער האט פאר דיר ניט קיין בילבערע זאכען צו טאן אויף דער פאבריק, האסטו דארטען ניט וואס צו זיצען. מיט אזעלכע שליחות זאל ער מכבד זיין אנדערע.

שפרה האט איהר גאר ניט געענטפערט. איהר איז געווארען זעהר זויער אויפ'ן הארצען. איצט וועט זי מוזען אוועק פון דער היים אהן די עלטערנ'ס ידיעה און דאס וועט הייסען צו פארלירען זיי אויף אייביג, קיין מאל מעהר ניט זעהן ניט דעם טאטען, ניט די מאמען, ניט די שוועסטער — זעגענען זיך אויף אייביג מיט דער שטוב. און איהר האט איצט אויסגעוויזען, אז זי בלייבט איינע

אַליין אויף דער ווייסער וועלט, עלענד ווי אַ שטיין, אָהן אַ קרוב און אָהן אַ גואל.

די גאַנצע נאַכט האָט שפרה מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. פינסטערע געדאַנקען וועגען איהר עלענד אין אַ גרויסער שטאָדט האָבען געפרעסט איהר מאַרך. איהר וועג האָט זיך איהר פאַר־נעשטעלט פאַר זעהר אַ פינסטערן, און וואוהין ער פיהרט האָט זי ניט געוואוסט.

זי האָט אַזוי לאַנג געטראַכט וועגען איהר עלענדקייט וואָס ערוואַרטעט איהר, אַז זי האָט אויף זיך אַליין רחמנות געקריגען און האָט זיך פון גרויס רחמנות צעוויינט.

געטראַכט האָט זי דערווייל נאָר פון זיך, פון דעם פעקעל וואָס זי האָט איבערצוקומען, און דאָס האָט איהר אַרויפגעבראַכט אויפ׳ן געדאַנק דעם טויט. זי האָט זיך מיט אַ שוידער דערמאָנט ווי ווייבער ציטערען פאַר יענעם טאָג. זיי ציטערען ביי זיך אין דער היים, אין זייער אייגענעם בעט, מיט דאָקטוירים ביי די זייטען — ווי וועט זי דאָס אַריבערקומען אָהן דעם אַלעם? ניין, זי וועט געוויס שטאַרבען, זי וועט דאָס געוויס ניט אויסהאַלטען.

און די טרערען זיינען נאָך שטאַרקער געראָנען פון איהרע אוי־גען און איהר רחמנות צו זיך איז געוואַקסען.

און פּלוצים איז איהר איינגעפאַלען, אַז זי וועט נעהמען און מודה זיין זיך פאַר דער מאַמען. זי וועט איהר מיט אַ געוויין דערצעהלען, וואָס פאַר אַן אומגליק איהר איז געשעהן, ווי זי איז פאַרפיהרט געוואָרען, און אפשר וועט די מאַמע אויף איהר רחמנות האָבען.

די טרערען האָבען איהר געשטיקט און זי האָט זיך איינגעהאַל־טען מיט אַלע כחות ניט אויסצובּרעכען אין אַ כליפּען. די קישען איז נאַס געוואָרען אונטער איהר געזיכט.

„יאַ, די מאַמע וועט אויף איהר געוויס רחמנות האָבען. די מאַמע האָט איהר שטענדיג אַזוי ליעב געהאַט, האָט איהר אַלע נאָכגעגעבען און זי וועט איצט רחמנות האָבען אויף איהר“.

און ערינערונגען פון די פאַרגאַנגענע יאָהרען שווימען אַרויס אין איהר מאַרך. זי דערמאָנט זיך, ווי זי איז אַלע מאָל געווען

ביי דער מאַמען דאָס אויג אין קאָפּ, ווי די מאַמע פלעגט איהר קוקען אין די אויגען ווען זי האָט געגעסען און האָט אַנגעקוואָלען קוקענדיג ; ווי די מאַמע פלעגט זיך אויפכאַפּען אין מיטען נאַכט און אַראָפּגעהן זעהן, אַז זי זאָל די פיס האַלטען אויסגעצויגען, אום זי זאָל בעסער וואַקסען, אָדער זעהן, צי זי האַלט ניט די הענט אויפ׳ן האַרצען, אום בייזע חלומות זאָלען איהר ניט שרעקען... איצט, קען זיין, וועט זי זיך ראַנגלען מיט׳ן טוידט און קיינער וועט אפילו צו איהר ניט צוקומען. מען וועט פון איהר ווייכען ווי פון אַ מגפה...

אין די אויגען האָט זיך איהר געעפענט אַ נייער קוואַל טרערען און דער רחמנות צו איהר עלענד איז געוואָרען אַזוי גרויס, אַז זי האָט אויפגעהערט צו זעהן אין זיך עפּעס אַ שולד און האָט ניט געקענט פאַרשטעהן, ווי אַזוי וועט דאָס איהר מאַמע ווייזען אַ קרומע מינע. זי וועט זיך דער מאַמען אַרויפוואַרפען אויפ׳ן האַלז און זיי וועלען ביידע וויינען.

דער געדאַנק, אַז די מאַמע וועט איהר אַלץ מוחל זיין, און זי וועט ניט דאַרפען זיין פאַרוואָגעלט פון דער היים און וואַלגערן זיך ערגעץ אין דער פרעמד, האָט איהר באַרוהיגט. די טרערען זיינען אויסגעטריקענט געוואָרען אין איהרע אויגען.

נאָר דער שלאָף איז אַלץ געלאָפען פון איהר. זי איז געלעגען אַ היבשע ווײַלע רוהיג מיט אָפענע אויגען און האָט זיך צוגעקוקט, ווי די שטוב באַגיסט זיך מיט אַ בלויקייט. אין דרויסען האָט אַנגעהויבען צו טאָגען. זי האָט אַ קוק געטאָן צו דער גאַס. דער זאַמדיגער וועג באַגאָסען מיט אַ פרישען בלויען ליכט, האָט ביי איהר אַרויסגערופען לאַנג-פאַרגעסענע ערינערונגען פון איהר קינדהייט, ווי זי האָט זיך אין דעם זאַמד געשפּיעלט מיט חבר׳טעס, ווי זי איז דאָ אַרומגעלאָפען מיט באָרוועסע פיסלאַך... איז זי די זעלבע שפרה ?...

דער חילוק צווישען דער שפרה׳ן, וואָס איז איצט געלעגען אין בעט און יענער באָרוועסער מיידעלע, וואָס איז אַרומגעשפּרונגען איבער׳ן זאַמדיגען וועג, איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט באַלד באַגריפען איהר ריכטיגע לאַגע. איהר שולד איז פאַר איהר אַרויס-

געשוואומען אַלץ דייטלאַכער און דייטלאַכער און איהר זיכערהייט, אַז די מאַמע וועט אויף איהר רחמנות האָבען און מוחל זיין איהר, האָט אַלץ מעהר און מעהר גענומען וואַנקען, ביז זי איז געקומען צום שלום, אַז זי טאָר דער מאַמען קיין וואָרט ניט זאָגען און מוז אַנטלויפען, איידער טאַטע-מאַמע וועלען זיך אַרומזעהן.

.15

עטלאַכע טעג פאַר'ן אָפּפאָהרען האָט שפרה אָנגעהויבען ביס־לאַכווייז איבערצוטראָגען איהרע נויטיגע זאַכען אין פאַבריק און אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען האָט זי זיי איינגעפּאַקט און איז אַוועק־געפאָהרען אין וואַרשאַ.

זי וואָלט אַוועקגעפאָהרען אָהן אַ פּאַס, ווען דער פאַבריקאַנט וואָלט איהר ניט געזאָגט, אַז אָהן דעם וועט זי קיין טאָג ניט קענען זיין אין וואַרשאַ און מען וועט איהר ערגעץ ניט לאָזען אַ נאַכט איבערנעכטיגען. זי איז אַנטלאָפען פון איהר געבורטס-שטאָדט, ווי מען אַנטלויפט פון אַ טוידטלאַכען שונא. קיין מוטער-נפש אויסער דעם פאַבריקאַנט האָט ניט געוואוסט פון איהר רייזע.

די ערשטע סטאַנציעס האָט זיך שפרה געפיהלט פיעל גרינגער. אַלע שרעקען האָבען איהר איצט אָפּגעלאָזט. נאָר וואָס ווייטער דער צוג איז געגאַנגען פון ווילנאַ און נייע געזיכטער האָבען זיך געוויזען אין די וואַגאָנען און עס האָט זיך דערהערט דער גראָבער לשון מיט'ן סמך אַנשטאָט דעם שין, האָט איהר האַרץ אַלץ מעהר גענומען איינפאַלען; און מיידענדיג ביאַליסטאָק, האָט זי אָפּטער אָנגעהויבען צו באַגעגענען די ברייטע דענקעס, און צו איהרע אויערען האָט דערגרייכט אַ שפּראַך, וואָס האָט איהר געקלונגען ווילד-פרעמד; עפּעס אַ „וואוּע", „דוּע", „יאַך זאָל אַזוי לייבען", און יעדעס וואָרט באַגלייט מיט אַ קוויטש און פאַרצויגען מיט אַ נגון, און איהר האָט פּלוצים אויסגעוויזען, אַז דאָ האָט זיך איבער־געהאַקט דאָס שנירעל, וואָס האָט איהר פאַרבונדען מיט איהר היים, מיט איהרע עלטערן, קרובים, באַקאַנטע — מיט איהר שטאָדט און מיט איהר שפּראַך. זי האָט אָנגעהויבען צו קוקען מיט שרעק אויף די פרעמדע געזיכטער, האָט מיט נאָך מעהר שרעק געהערט

זייער קוויטשעדיגע שפּראַך און צום ערשטען מאָל איז איהר אַרויף די פראַגע: וואָס וועט זי דאָרטען טאָן? צו וועמען וועט זי זיך דאָרטען קערען און ווענדען?

כל זמן דער צוג האָט זיך גערירט, האָט זי די פראַגע פון זיך אָפּגעשטופּט, נאָר וואָס נעהענטער מען איז צוגעקומען צו ווארשא, האָט זיך די פראַגע אַלץ אַרויסגערוקט שאַרפער און איהר אומרוה און שרעק זיינען געוואַקסען. זי וועט זיין דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען אין אַ פרעמדער שטאָדט, און אַ בענקעניש נאָך דער היים, נאָך דער מאַמען, נאָכ'ן טאַטען און אַ שרעק פאַר דער אומבאַקאַנטער שטאָדט האָט איהר אַזוי פאַרסטשימעט דאָס האַרץ, אַז זי האָט זיך צעוויינט.

אויף דער לעצטער סטאַנציע איז אין וואַגאָן אַריינגעשטיגען אַן עלטערע פרוי, מיט אַ גרויסען פּעקעל פאַרבונדען אין אַ ליילאַך. זי איז די גאַנצע צייט געווען פאַשעפטיגט מיט'ן פאַרציהען די קניפּלאַך פון דער ליילאַך. ווען זי איז פאַרטיג געוואָרען מיט איהר אַרבייט, האָט זי שווער אָפּגעאָטעמט, וואָס האָט געוויזען, אַז עס האָט איהר געקאָסט פיעל מיה צו ברענגען איהר פּעקעל אין אָרדנונג. איהרע אויגען האָבען אַרומגעבלאָנדזשעט איבער'ן וואַגאָן. פּלוצים איז איהר בליק געפאַלען אויף שפרה'ן.

„נעבאַך, זי וויינט", האָט זי געזאָגט צו זיך און איז צוגעגאַנגען צו איהר.

— ס'ערשטע מאָל נאָך, האַ? — האָט די פרוי געפרעגט מיט מיטלייד.

— יאָ, — האָט שפרה געענטפערט אויסוויישענדיג די טרערען.

— האָט איהר קרובים?

— ניין.

— באַקאַנטע? — האָט זי געפרעגט.

— ניין.

די פרוי האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. דאַן האָט זי געזאָגט:

— אומעטום זיינען פאַראַן אידען. מען ווערט ניט פאַרפאַלען. איהר זייט אַ ליטוואַטשקע, איך בין אויך אַ ליטוואַטשקע. מיר

וואוינען שוין איבער צוואַנציג יאָהר אין וואַרשא. איך פאָהר פון א טאָכטער, ניט לאַנג אויסגעגעבען. פון וואַנען קומט איהר?

— פון ווילנא.

— איך בין פון אונטער קאָוונע. פארהייראַט?

שפרה איז פון דער פראַגע רויט געוואָרען, האָט א רגע ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען. דאַן האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט:

— יא.

— דער מאַן?

— אוועק אין אַמעריקע, — האָט זי געענטפערט גלייך און האָט זיך אַליין געוואונדערט, ווי אַזוי דאָס איז איהר אריינגעפאַלען אין קאָפּ.

— נעבאַך! האָט איהר צו וועמען צו פאָרפאָהרען?

— ניין.

— אָה, מיר זיינען שוין אויף אַן אָרט, האָט געזאָגט די פרוי, אויפהויבענדיג זיך. דאָס איז וואַרשעוו. אַז איהר ווילט, וועל איך אייך נעהמען צו זיך אויף די ערשטע פּאָר טעג, ביז איהר וועט געפינען א דירה נאָך אייער גוסט.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אָנגעהויבען צו פייפען. צווישען די פּאַסאַזשירען איז געוואָרען א גערודער. יעדער האָט זיך געכאַפּט פאַר זיין פּעקעל, געבראַכט איהם אין אָרדנונג און אַלע זיינען געווען אויף די פיס.

שפרה האָט אויך געכאַפּט איהר פּעקעל און האָט זיך געהאַל־טען ביי דער זייט פון דער גוטער, אומבאַקאַנטער פרוי. זי האָט אויף איהר איצט געקוקט ווי אויף א מלאך פון הימעל. ווען זי זאָל זיך ניט שעמען, וואָלט זי איהר אויסגעקושט.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, און די פּאַסאַזשירען האָבען זיך גענומען שטופּען צום אַרויסגאַנג.

— האַלט זיך, קינד, ביי מיין זייט. פאַרליר מיך ניט, — האָט די פרוי גערעדט צו שפרה׳ן, שטופּענדיג זיך צו דער טיר.

נאָר דאָס איז געווען איבעריג, ווייל שפרה האָט זיך געהאַלטען שטייף נעבען איהר און איז פון איהר קיין טריט ניט אָפּגעטראָטען.

ניט קוקענדיג וואָס דער טאָג האָט ניט לאַנג אויסגעבראָכען,

איז דער גרויסער וואָקזאַל געווען פול מיט לעבען. עס האָט געקאָכט און גע׳רעש׳ט. מענשען זיינען דאָ ארומגעלאָפען ווי פאַר׳סמ׳טע און שפרה׳ן האָט אויסגעוויזען, אַז זי איז אריינגעפאַלען אין אַ מין גיהנם. נאָר ווען זיי זיינען ארויס אין גאַס איז דער גערויש שטילער געוואָרען. די שטאָדט איז נאָך האַלב געשלאָפען, נאָר דאָ און דאָרטען האָט מען שוין געקענט מערקען, אַז דער גרויסער ריעז ריהרט זיך שוין.

אויפ׳ן וועג האָט די פרוי קוים איבערגעביטען זיך מיט שפרה׳ן מיט עטליכע ווערטער, און שפרה האָט איצט געטראַכט, ווי צו מאַכען גלאַט איהר נייעם ליגען. אַלס אַ פאַרהייראַטע פרוי וועט זי ניט דאַרפען שעמען זיך מיט איהר צושטאַנד, נאָר מען דאַרף אויסגעפינען אַ גלאַטען תירוץ, פאַר וואָס זי איז געקומען דוקא אין וואַרשאַ. דעם גאַנצען וועג האָט זי געזוכט אַזאַ מין תירוץ און האָט איהם ניט געקענט געפינען.

די גרויסע שטאָדט האָט דערווייל אַלץ מעהר און מעהר ער־וואַכט. די גאַסען זיינען געוואָרען באַלעבטער, דער גערויש פון טאָג האָט אָנגעהויבען צו ווערען שטאַרקער, די קלענערע געשעפטען האָט מען געעפענט און עס האָבען זיך געהערט אין די הויפען די קולות פון די הענדלער מיט אַלטוואַרג: „האַנדליאַזש! האַנדליאַזש! האַנדליאַזש!“

אויף דעם גאַנצען וועג פון דעם וואָקזאַל ביז דער שטאָדט האָט קיין זאַך ניט צוגעצויגען שפרה׳ס אויפמערקזאַמקייט, אַזוי פאַרזונקען איז זי געווען אין איהרע געדאַנקען. נאָר ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין פראַנציסקאַנער גאַס, וואו די פרוי, וואָס איז מיט איהר געפאָהרען, האָט געוואוינט, האָט שפרה פאַרוואונדערט אָנגע־קוקט די חסידים מיט זייערע אַטלעסענע קאַפּאָטעס, מיט די זאָקען און שיך, מיט די סאַמעטענע היטלען און מיט די ברייטע דענקעס.

„מאָדנע אידען“, האָט זי געזאָגט צו זיך און האָט ווייטער אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען אַ תירוץ.

— דאָ וואוינען מיר, — האָט געזאָגט די פרוי צו שפרה׳ן, און זיי זיינען אריין אין אַ טויער.

די פרוי האָט געהאַט זעהר ווענינ צו דערצעהלען איהר מאַן וועגען דעם גאַסט וואָס זי האָט געבראַכט.

— זי וועט ביי אונז שטעהן אַ פּאָר טעג, אַן עלענדע ווייבעל, האָט דאָ קיינעם ניט, — האָט זי געזאָגט צום מאַן.

דער מאַן האָט קיין שאלות ניט געמאַכט. מהיכא תיתי, זאָל זי דאָ זיין אַ פּאָר טעג.

— וואָס מאַכען זיי? — האָט ער געפרעגט, מיינענדיג זיין טאָכטער און איידעם.

— געזונט, ברוך השם, — האָט די געענטפערט די פרוי, — און איהר, — האָט זי זיך געווענדעט צו שפרה׳ן, — שטערט זיך ניט. איהר מוזט זיין הונגעריג, שלעפעריג. אַ גאַנצע נאַכט געפאָהרען. ביילקע שלאָפט נאָך? מען האָט געדאַרפט ארויסכאַפּען קייזערקעס, טיי...

זי האָט גערעדט וועגען צוואַנציג זאַכען מיט אַ מאָל און שפרה איז דערמיט געווען זעהר צופרידען, ווייל צוליב דעם האָט מען איהר קיין איבעריגע פראַגעס ניט געמאַכט. באַלד האָט זי גע־האָט צו עסען און צו טרינקען און איהר אָנקומען אין וואַרשא האָט זיך אויסגעלאָזט גאָר ניט אַזוי שרעקליך, ווי זי האָט זיך פאָר־געשטעלט.

.16

די עטליכע מאָנאַטען, וואָס שפרה האָט פאַרבראַכט אין וואַר־שאַ, זיינען אַריבער גאַנץ שטיל. זי האָט רוהיג אָפּגעוואַרט די צייט, ווען זי וועט אַריבערקומען איהר צרה און האָט זיך אויפ־געהאַלטען אויף לאַזשי ביי אַן אַקושערקע. די אַקושערקע האָט דעם ערשטען טאָג אויסגעפונען, ווער איהר שכנה איז, און זי האָט אויף דעם געקוקט ווי אויף אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך. שפרה וואָלט זיך געפיהלט גאַנץ רוהיג, ווען ניט דער געדאַנק וועגען די עלטערן. פון דעם פאַבריקאַנט, וועלכער איז געקומען אין וואַרשא אין אַ חדשים אַנדערהאַלבען נאָך איהר קומען, האָט זי גאָר ניט געקענט דערגעהן. ער האָט איהר געזאָגט, אַז די מוטער איהרע מיט׳ן פאָטער זיינען געווען ביי איהם און האָבען געפרעגט אויף איהר, נאָר וואָס ער האָט זיי געענטפערט, האָט זי ניט געקענט

אויסגעפינען. זי האָט ניט איין מאָל געוויינט, פאָרשטעלענדיג זיך וואָס עס טוט זיך אין דער היים, ווי אַזוי די מאַמע קלאָגט און וויינט, וואָס זי איז פאַרפאַלען געוואָרען. די אַקושערקע פלעגט איהר אַפט טרייסטען און שטילען איהרע טרערען.

— האָט געדולד נאָר אַ מאָנאַט אָדער צוויי און איהר וועט צוריקפאָהרען אַ היים. איהר וועט עפּעס אויסקלעהרען אַ תירוץ און עס וועט זיין ווידער גוט.

שפרה האָט ניט געזעהן, וואָס פאַר אַ תירוץ זי וועט קענען געפינען פאַר די עלטערן. זי האָט ניט געזעהן, ווי אַזוי זי וועט קענען גלאַט מאַכען איהר פּלוצלונגען אַנטלויפען און איהר נעלם ווערען אַזאַ לאַנגע צייט. זי האָט ניט געזעהן, ווי אַזוי דאָס אַלץ קען ווערען גוט, נאָר ווי אַלע לייכטזיניגע און איבערפלעכלאַכע נאַטורען, האָט איהר בליק ניט געקענט גרייכען ווייט. די פראַגע, וואָס וועט זיין מיט אַ צייט שפּעטער, האָט איהר דעריבער ניט געקענט שטאַרק באַאומרוהיגען.

אַ סך מעהר האָט איהר באַאומרוהיגט איהר פיגור. ווען זי האָט געקוקט אין שפּיגעל און האָט געזעהן איהר מיסשטאַלטונג, האָט זי זיך טיף געקלעמט.

„אַ פאַרזעהעניש!“ האָט זי גערעדט צו זיך. זי וואָלט גע־שטאָרבען פון חרפּה, ווען אַ „מוזטשינע“ זאָל אויף איהר איצט אַ קוק טאָן. אויסער דעם, ווייזט איהר אויס, אַז איהר געזיכט האָט געקראָגען עפּעס אַ משונה׳דיגען, אַבעזיאַנישען אויסזעהן. און זי קוקט לאַנג אין שפּיגעל און מאַטערט זיך צו געפינען די אַמאָליגע שפרה׳ן, און טרעט אָפּ פון דאָרטען מיט פאַרצווייפלונג.

זי דערמאָנט זיך, ווי קאַוואַליערען זיינען געפאַלען פאַר איהר, ווי מען האָט איהר פאַרשאָטען מיט קאָמפּלימענטען, און זי ווייסט, אַז דאָס האָט זי געהאַט אַ סך צו פאַרדאַנקען איהר פּנים — און איצט, ווער וואָלט זיך אויף איהר אומגעקוקט?

און אַ גרויל געהט איהר איבער איבער׳ן לייב פון דעם געדאַנק, טאָמער וועט דער אַבעזיאַנישער אויסדרוק איהר מעהר ניט פאַר־לאָזען. זי וויל ניט גלויבען איהרע אייגענע אויגען און געהט ווידער צו צום שפּיגעל און האַפּט צו דערזעהן די אַמאָליגע שפרה׳ן

מיט איהר חנ׳עוודיג פּנים, און זי מוז אָפּטרעטען פון איהם מיט א גרעסערער פאַרצווייפלונג.

טאָן האָט זי ניט געהאַט וואָס. אין דעם פאַרלויף פון די עט־לאַכע חדשים איז זי אַרומגעגאַנגען לעדיג, לעבענדיג אויפ׳ן געלט, וואָס דער פאַבריקאַנט האָט איהר איבערגעלאָזט. נאָר די לעדיגקייט האָט איהר ניט געשראָקען. פאַרקערט, זי איז געווען צופרידען, וואָס זי קען זיך פוילען. זי האָט געקענט שטונדען־לאַנג אָפּזיצען ביי א פענסטער, קיין זאַך ניט טאָן און קיין זאַך ניט טראַכטען. זי איז געוואָרען פויל אפילו אַרויסצוגעהן א וויילע פון שטוב.

א העכסט־אינטערעסאַנטער ראָמאַן איז פאַר איהר געווען א סחורה. זי האָט זעהר ליעב געהאַט צו לייענען די מעשיות, ווי א רייכער מאַן האָט זיך פאַרליבט אין א פּראָסטער אָרימער מיידעל און ווי ער האָט איהר אַרויסגעשלעפּט פון דלות און אַריינגעזעצט אין א רייכען פּאַלאַץ. דאָס איז געווען פאַר איהר א מין לאַבונג, א דערקוויקעניש. זי וואָלט זיך איצט מיט אזעלכע ביכלאַך מחיה געווען. נאָר דאָ האָט זי ניט געוואוסט וואו צו געפינען זיי, און מעהר ווי א צוויי ביכלאַך אזעלכע האָט זי צופעליג ניט געקראָגען.

דערפאַר האָט זי געהאַט פאַרגעניגען צו הערען, ווי די אַקו־שערקע פלעגט מיט איהר א מאָל רעדען אין א לעדיגער צייט. זי האָט פשוט געשלונגען איהרע רעד. ווי ווייט זי האָט פאַרשטאַ־נען, האָט די אַקושערקע אויף איהר געקוקט ווי אויף יעדער מיי־דעל. איהר אומגליק וואָלט ניט געווען אזא גרויס אומגליק, ווען איהרע עלטערען זאָלען ניט זיין אזעלכע „פאַנאַטישע“ מענשען. זי האָט קלאָר ניט פאַרשטאַנען, וואָס די אַקושערקע רעדט, נאָר זי האָט אזוי פיעל פאַרשטאַנען, אַז זי איז פאַר איהר א מליץ יושר, און זי איז געווען זעהר צופרידען צו הערען, ווי מען נעהמט אַראָפּ איהר פעקעל שולד און מען וואַרפט איהר אַרויף אויף אַנ־דערע.

די עטלאַכע באזוכער, וואָס פלעגען אָפט אַריינקומען צו דער אַקושערקע, האָבען אויך געקוקט אויף איהר ווי אויף א געוועהנ־לאַכער מיידעל, הגם זיי האָבען געוואוסט איהר געשיכטע. איבער־הויפּט האָט זיך צו איהר מתקרב געווען איינע א טענדלערקע, וועל־

בע האָט איהר פאַרקויפט עטלאַכע שמאַטעס. און שפרה האָט אָנגעהויבען צו קוקען אויף איהר אויפפיהרונג און אויף איהר אומ־גליק גאָר מיט אַנדערע אויגען.

א מאָל, אין די לעצטע פּאָר וואָכען פאַר'ן איבערקומען, ווען דאָס שפּיגעל האָט איהר געוויזען אַ שרעקלאַכע, מיאוס'ע געשטאַלט, איז אין שטוב אַריינגעקומען די טענדלערקע. ווי געוועהנלאַך, האָט זי זיך אַ ווײַלע צוגעזעצט רעדען מיט שפרה'ן. דאָס הייסט, זי האָט גערעדט און שפרה האָט געהערט, ווײַל זי האָט ניט אַלע מאָל פאַרשטאַנען איהר זינגעדיגען לשון.

נאָך אַ קורצע הקדמה האָט די טענדלערקע איהר געפרעגט, וואָס דענקט זי צו טאָן, נאָכדעם ווי זי וועט איבערקומען איהר צרה.

— איך ווייס ניט. — האָט שפרה געענטפערט.

— וועט ע ר אײַך נאָך שיקען געלט?

זי האָט ניט געזאָגט, ווער איז דער „ער“, נאָר שפרה האָט פאַרשטאַנען, אַז זי מיינט דעם פאַבריקאַנט.

— איך ווייס ניט, — האָט זי געענטפערט און איז אומעטיג געוואָרען. איהר לעבען איז געווען צוטיילט אין צוויי טייל. דער ערשטער טייל איז געווען ביז'ן איבערקומען, און דער צווייטער טייל האָט זיך געדאַרפט אָנהויבען גלייך נאָכ'ן איבערקומען. און כל־זמן יענער טאָג איז נאָך געווען ווייט, האָט זי וועגען דעם ניט געקענט טראַכטען, נאָר איצט, ווען זי האָט זיך יעדען טאָג גע־ריכט, אַז אָט־אָט ענדיגט זיך דער ערשטער טייל פון איהר לעבען, האָט די טענדלערקעס פראַגע פּלוצים אַרויסגעפיהרט איהר פון איהר פאַרגעסענהייט. אין איין סעקונדע האָט זי זיך פאַרגעשטעלט, אַז איהר ערוואַרט איצט אַ שווער לעבען, אַ לעבען פון פּראַצע, האָ־רעוואַניע, אַ לעבען אויף אַ פינסטערע פאַבריק מיט אַן איינגעבויי־גענעם רוקען.

— פונדעסטוועגען פאַלט ניט אַראָפּ ביי זיך, — האָט די טענד־לערקע געזאָגט. מיר דאַכט, אַז איך וועל קריגען פאַר אײַך אַ פיינע שטעל.

שפרה האָט איהר אָנגקוקט פאַרוואונדערט.

— אַ שטעל? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, אַ שטעל, און אַ גוטע שטעל. איהר וועט האָבען פון כל טוב סלה; מען וועט אייך האַלטען, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. עס וועט אייך ניט פעהלען פון פויגעל־מילך...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שטעל?

— ווען איהר וועט נאָר איבערקומען בשלום וועל איך שוין זעהן, אַז איהר זאָלט די שטעל קריגען. דאָס איז אַ גאָלדערנע שטעל: עסען, טרינקען, שלאָפען און קיין פינגער אין קאַלטע וואסער ניט אריינשטעקען...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שטעל? — האָט שפרה ווידער גע־פרעגט.

די שטעל איז אַזאַ: אין אַ גביריש הויז, אין אַ פיינע הויז, אין אַ רייכע הויז, דאַרף קירצליך געלעגען ווערען דעם גביר'ס ווייב און מען שיקט שוין אַרום סטאַפעטען זוכען אַ געזונטע אַם. מען וועט אייך אויסכאַפּען מיטביידע הענט, אַ געזונטע מיידעל, אַהן עין הרע, אַן ערשטלינג. מען וועט אייך צאָהלען פיין, און וואָס איהר וועט נאָר וועלען וועט דאַקאַזשעט ווערען. איהר וועט דאָרטען ווערען ווי אַ בוים, זאָג איך אייך...

זי האָט נאָך גערעדט אַ לאַנגע צייט און שפרה האָט געהערט און האָט ניט געוואוסט, צו זאָל זי זיך פרעהען מיט דעם צו ניט; צו זאָל זי אָננעהמען אַזאַ שטעל צו ניט. דער געדאַנק איז איהר קיין מאָל אין קאָפּ ניט אריין און ער איז געווען פאַר איהר גאָר ניי.

קוים זיינען אריבער צוויי וואָכען, ווי שפרה האָט זיך באַפרייט פון איהר פעקעל צרות, איז שפרה ווידער געוואָרען לוסטיג, מונ־טער, פרעהלאך. איצט האָט זי שוין קיין מורא ניט געהאַט צו קוקען אין שפּיגעל. קיין פאַרזעהעניש האָט זי שוין דאָרטען ניט געזעהן. אמת, זי איז געווען בלייך, זעהר בלייך, און די יסורים האָבען איבערגעלאָזט אַ געוויסען סימן אויף איהר געזיכט. נאָר דאָס האָט איהר ניט געשראָקען, ווייל מיט יעדען טאָג האָט זי גע־פיהלט, ווי עס קומען איהר צו נייע קרעפטען און ווי די בעקלאַך איהרע קריגען פרישען פאַרב.

די ערשטע פּאַר וואָכן זיינען איהר טאַטע־מאַמע אַרויף זעהר אָפט אויפ'ן געדאַנק און זי האָט געבענקט נאָך דער היים. וואָס שוואַכער זי האָט זיך געפיהלט, אַלץ שטאַרקער איז געוועזן די בענקעניש. און אין אַזעלכע מאָמענטען האָט זי צוגערופען צו זיך די אַקושערקע און געבעטען איהר, זי זאָל פאַר איהר געפינען עפּעס אַ תירוץ, וואָס זאָל מאַכען מעגליך איהר צוריקקעהרען זיך אַ היים.

— האָט נאָך דערוויילע געדולד. קומט פריהער צו זיך און דערנאָך וועלען מיר זעהן, — האָט די אַקושערקע געענטפערט.

נאָר ווען שפרה האָט אָנגעהויבען קומען צו זיך, האָט זי וועניגער געטראַכט וועגען די עלטערן. זי האָט אָנגעהויבען איינצוזעהן, אַז וואָס פאַר תירוץ זי וועט איצט ניט געפינען, וועט איהר לעבען אין דער היים ווערען אומדערטרעגלאַך. די מאַמע וועט איהר פון אויג ניט אַפּלאָזען און זי וועט זיך ניט קענען ווייזען אין גאַס, וויל זי האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז איהר צושטאַנד איז קיין סוד ניט געבליבען — אַלענפאַלס פאַר די פאַבריק־מיידלאַך.

די שטעל, וואָס די טענדלערקע האָט איהר רעקאָמענדירט איז איהר געפעלען געוואָרען, וויל דאָרטען וועט מען ניט דאַרפען אַר־בייטען און זי וועט האָבען פון „כל טוב סלה", און ווען די צייט איז געקומען האָט איהר די אַקושערקע אָנגעלערענט, וואָס זי זאָל טאָן מיט איהר קינד, אַז עס זאָל איהר ניט שטעהן אין וועג, און זי האָט אָנגענומען די שטעל.

די הויז איז געווען, וואָס מען רופט, אַ בעל־הבית'שע. דער ווירט איז געווען אַ סוחר און האָט געהאַט אַ געשעפט אין אַ הויף אויף נאַלעווקעס. וואָס פאַר אַ מין געשעפט דאָס איז געווען, האָט שפרה ניט געוואוסט קלאָר. זי האָט נאָר געוואוסט, אַז דער בעל־הבית מאַכט פון צייט צו צייט אַ היבשע רייזע. ער איז געווען אַ מאַן פון מיטעלע יאָהרען, מיט פאַרב אין געזיכט, מיט אַ קיילעכדיג בייכעל און קיילעכדיג געשוירען בערדעל. אויגען האָט ער געהאַט זעהר ווייכע און האָט שטענדיג גערעדט מיט אַ שמייכעל, און ער איז שפרה'ן גלייך געפעלען געוואָרען. דערפאַר אָבער איז איהר די בעל־הבית'טע גאָר ניט געפעלען געווען. זי איז געווען אַ הויכע, דאַרע פרוי, מיט אַ מיאוס'ער געלקייט אין די באַקען און מיט דיקע

ליפּען. זי איז געווען די גאַנצע מאַכערקע אין געשעפט און מען האָט איהר זעלטען געזעהן אין שטוב.

די ערשטע צייט איז שפרה ניט געווען שטאַרק צופרידען מיט איהר שטעלע: ניאַנטשען זיך מיט'ן קינד, אויפכאַפּען זיך ביי נאַכט, זיין צוגעבונדען צום שטוב — איז געווען פאַר איהר א גרויסע אַפּקומעניש, און ווי נאָר דאָס קינד האָט זיך געלאָזט הערען און דערמאָנט איהר, אז זי האָט צו איהם געוויסע פליכטען, האָט זי א מורמעל געטאָן: „ניטאָ פון איהם קיין טאָג און קיין נאַכט". נאָר דערפאַר, ווען דאָס קינד איז געשלאָפען אָדער געלעגען שטיל, האָט זי זיך געקענט פוילען, פיעל דאָס הארץ געלוסט. איהר האָט קיין זאַך ניט געפעלט, קיין זאַך איז איהר ניט אָפּגעגאַנגען און איז געווען אין הויז א גאַנצע בעל־הבית'טע און מיט דער צייט האָט זי זיך אַזוי אַריינגעצויגען אין איהר נייעם לעבען, אַז פאַר איהר איז געוואָרען אַן אַפּקומעניש אַרויסצוגעהן מיט'ן קינד שפּאַצירען, צוליעב פוילקייט.

איהר גרעסטער פאַרגעניגען איז געווען, ווען די בעלי־הבתים זיינען אַוועק פון הויז, צו זעצען זיך מיט דער דינסט אין קיך און שמועסען שטונדענלאַנג ביים פריהשטיק, ביז דאָס קינד האָט איהר דערמאָנט אַן זיך.

— אַ מינוט לאָזט דאָס קינד ניט איינזיצען, — פלעגט זי א וואָרטשע טאָן, אויפהויבענדיג זיך שווער פון איהר אָרט.

דער בעל־הבית איז באַלד נאָך שפרה'ס אָנקומען אַוועקגע־פאַהרען ערגעץ אויף א היבשער צייט, און אין הויז פלעגט זעלטען ווער אַריינקומען. דאָס לעבען איז גערונען אַזוי איינפאַרביג, איין טאָג איז געווען עהנלאַך אויפ'ן צווייטען, אַז אין דער פריה האָט שפרה געוואוסט, וואָס וועט זיין אין אָבענד און אין אָבענד — וואָס וועט זיין אין דער פריה. אַלץ וואָס זי האָט געטאָן און גערעדט איז געווען מעהר מעכאַניש, ווי פון א דענקענדע פּערזאָן. אין דער פריה, זיצענדיג ביי א זאַטען פרישטיק, האָט זי יעדעס מאָל געקלאָגט זיך, וואָס זי האָט ווייניג אַפּעטיט און וואָס זי ווייסט ניט פון עפּעס א פאַטראַווע, צו וועלכע איהר הארץ זאָל ציהען. יעדעס מאָל, ווען דאָס קינד האָט איבערגעריסען איהר לאַנגען

שמועס, האט זי געווארטשעט מיט דעם זעלבן נוסח, אז מען לאזט איהר א מינוט ניט רוהען; יעדען נאכמיטאג איז זי געגאנגען שלאפען און געשלאפען אזוי לאנג, ביז דאס קינד האט איהר אויפגעוועקט און זי האט מיט האלב־פארשלאפענע אויגען פאנאנ־דערגעשפילעט דאס יעקעל און אריינגעלעגט דעם קינד די ברוסט אין מויל; נאכדעם איז געגאנגען א סדרה פון שפילען „איין־און־דרייסיג" מיט דער דינסט און מען איז אזוי לאנג געזעסען ביי די קארטען, געזעסען אהן טעם און פויל, ביז די בעל־הבית׳טע האט גערארפט קומען פון געשעפט.

אזוי זיינען גערונען די סארע ווינטערדיגע טעג און לאנגע פוילע נעכט אהן ליכט, אהן פארב. א שטילער אפקלאנג פון דעם גערויש פון דער גרויסער שטאדט, פון דעם לעבען, וואס האט ארום נעקאכט האט דערגרייכט צו די צוקראכענע איינוואוינער פון דער הויז, ווען מען האט געעפענט א טיר, און שפרה׳ן האט אויסגעוויזען, אז א מחנה פליגען האט זיך אריינגעריסען אין הויז.

מעהר לעבען האט אריינגעשטראמט אין שטוב מיט׳ן ווירט׳ס צוריקקעהרען פון זיין רייזע. איצט זיינען אפט אהער אריינגעקומען זיינע באקאנטע, מען האט דא אפט געהערט א געשפרעך, א געלעכ־טער, א המצאה; מען האט דא אפט געמאכט א קערטעל, אבער טאקע א לעבעדיג קערטעל, און די הויז האט אנגענומען אן אנדער אויסזעהן.

צווישען די געסט האט זיך מעהר פון אלעמען געווארפען אין שפרה׳ס אויגען א געוועזענער מאסקווער קאמיסאנער, נאך א יונ־גער מאן, זעהר א פרעהלאכער, מיט א גרויסען פליך. ער האט זיך אויסגעצייכענט מיט דעם, וואס ער האט קיין מאל ניט גע־טראפען די טיר צום קארידאר און פלעגט שטענדיג פארבלאנדזשען צו שפרה׳ן אין צימער. דאס האט שטענדיג ארויסגערופען א גע־לעכטער ביי די אנוועזענדע און א באמערקונג פון בעל־הבית:

— ער האט א גוטען חוש־הריח. ער דערשמעקט, וואו גוטס איז.

דער בעל־הבית און דער געוועזענער מאסקווער קאמיסיאנער האבען די ערשטע באמערקט, אז שפרה איז א שעהנע מיידעל און

זיי האָבען געזוכט יעדע געלעגענהייט צו באַגעגענען זיך מיט איהר אונטער פיר אויגען, היטענדיג זיך, אַז זיי זאָלען ניט האָבען קיין שומרים. איהר רעפּוטאַציע איז געווען באַוואוסט און דער בעל־הבית האָט נאָר געזוכט די געלעגענהייט צו באַגעגענען זיך מיט איהר אַזוי, אַז די דינסט און דאָס ווייב זאָלען ניט מערקען. דער געוועזענער קאָמיסיאָנער האָט זיך געדאַרפט מעהר היטען, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז די ווירטין פון הויז האָט אָנגעזאָגט דער דינסט, זי זאָל האָבען אַן אויג אויף דער אָם, און אין הויז האָט ער קוים אַ מאָל געכאַפּט די געלעגענהייט צו געבען איהר אַ קניפּ אין בעקעל.

די אַלע שרעקען וואָס שפרה איז אויסגעשטאַנען ווערענד איהר אומגליק, האָבען איהר זעהר ווייניג אָנגעלערענט. זי האָט זיך באַלד פאַרגעסען, ווי נאָר זי איז געווען פריי. צו דענקען וועגען אַ נייעם אומגליק איז זי געווען צו פויל. די פוילקייט האָט אין איהר איינגעשלעפערט די נשמה און איינגעוויקעלט איהר מאָרך אין אַ נעבעל. די פאַרגאַנגענהייט האָט זיך איהר פאַרגעשטעלט זעהר טונקעל, און די ערינערונגען זיינען געווען ווי דורך אַ חלום.

.17

אַ האַלב יאָהר איז אַריבער. אין אַ שעהנע זומערדיגע נאַכט האָט זיך פּלוצים איבערגעריסען די רוהיגע שטילקייט אין דעם הויז, וואו שפרה איז געווען. די ווירטין איז אַריינגעפאַלען אין איהר צימער ווי אַ ווילדע חיה און האָט איהר גענומען פּאַטשען. דער בעל־הבית איז אַ ווייַלע פריהער אריין צו איהר אין צימער, נאָר ער האָט זיך גלייך אַרויסגערוקט. דאָס איז געטאָן געוואָרען אַזוי האַסטיג, אַזוי אומערוואַרטעט, אַז שפרה האָט אַ היבשע צייט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך, פון וואַנען דאָס איז איהר געקומען.

די ווירטין האָט נאָכדעם ניט געמאַכט פיעל טענות מיט איהר. זי האָט איהר נאָך אָנגעזאָגט, אַז אין דער פריה זאָל שוין איהר פוס ניט זיין אין הויז. די טענות האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען

מיט א ווײַלע שפּעטער צווישען דער ווירטין און דעם ווירט אין אַן אַנדער צימער.

שפרה איז געזעסען אין בעט און האָט אַ לאַנגע צייט שטיל געווײנט. דאַן איז זי רוהיגער געוואָרען און האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען וואָס וועט זי איצט טאָן. געוויס, זי וועט קריגען אַזאַ שטעל און זי וועט נאָך ווײַזען דער ווירטין, אַז דער בעל־הבית האָט איהר ליבער...

מיט די געדאַנקען איז זי אײַנגעשלאָפען, און ווען זי האָט ערוואַכט, האָט זי שוין געפונען דאָס געלט, וואָס איהר האָט געקומט, אָנגעגרייט פאַר איהר און זי האָט נאָר געדאַרפט אײַנפּאַקען איהרע זאַכען און אַוועק. זי איז אַוועק צוריק צו דער אַקושערקע. די טענדלערקע האָט פאַר איהר געזוכט אַ קינד, נאָר איצט איז שוין געווען שווער צו קריגען. מען האָט געדאַרפט זוכען אַ היבשע צייט אַזאַ שטעל און דערווײַל איז די מילך איבערגעברענט געוואָרען און זי האָט שוין אַזאַ שטעל ניט געקענט אָננעהמען.

די פראַגע: וואָס זאָל זי איצט טאָן, האָט איהר קוים באַאומרוהיגט, ווײַל עס האָט זיך גלייך געפונען אַ באַקאַנטער, וועלכער איז געקומען צו איהר הילף. דאָס איז געווען דער געוועזענער מאָסקווער קאָמיסיאָנער.

— איך בין אַליין ניט רייך, — האָט ער צו איהר געזאָגט, ווען ער האָט איהר אין עטליכע טעג אַרום באַגעגענט אין גאָרטען; צייט מען האָט מיך אַרויסגעוויזען פון מאָסקווע, שלאָג איך זיך קוים דורך, נאָר אַ וואוינונג און עסען וועט אייך ניט פעהלען. קיין ווייב האָב איך ניט, און איהר וועט זיין באַוואָרענט פון קלעפּ.

פון דעם טאָג אָן איז איהר שעהנקייט געוואָרען איהר פּרנסה, און זי האָט שוין קיין אַנדערע פאַרדינסטען ניט געזוכט.

.18

עס איז געווען אַ פינסטערע נאַכט. שוין מעהר ווי מעת־לעת ווי עס האָט געשפּריצט אַ קליין רעגעלע, אַ הערבסט־רעגעלע, און די טראָפּענס האָבען געשיינט צו האָבען שאַרפע שפּיצען, ווײַל זיי האָבען געשטאָכען ווי מיט נאָדעלאָך. די גאַסען זיינען געווען נאַס און שמוציג. די פאַנאַרען האָבען פון זיך אַרויסגעגעבען אַ געלען

שיין, וועלכער האָט זיך צובראָכען אין קליינע פּיצעלאַך ביים פּאַלען אויף דער ערד.

די גאַסען זיינען געווען כמעט לעדיג, זעלטען ווען איינער איז דורכגעגאַנגען איינגעקאָרטשעט אין דרייען. נאָר אין א זייטיגער געסעל האָט איין פיגור ניט אויפגעהערט אַרומשפּאַצירען אויף און אָפּ, פון איין פאָנאַר ביז'ן צווייטען. די פיגור האָט זיך באַוועגט מיט שנעלע טריט, וואַרשיינליך צו דערוואַרימען זיך א ביסעל. פון צייט צו צייט האָט זי זיך אויף א ווײלע אָפּגעשטעלט, אַרומ־געקוקט זיך אין אַלע זייטען און דאַן ווייטער פאָרטגעזעצט איהר גאַנג.

אין געסעל האָט זיך דערהערט א שליאַפּען פון טריט איבער'ן ברוק. די פיגור האָט זיך געשווינד אומגעקוקט און האָט גענומען געהן דעם אַנקומענדען אנטקעגען. ביים פאָנאַר האָבען זיי זיך אויסגעגלייכט.

— שפרה! — האָט פּלוצים אויסגעשריען דער אַנקומענדער און איז געבליבען שטעהן, ווי פון א דונער געטראָפען.

שפרה האָט אין דער ערשטער רגע ניט דערקענט דעם בעררי־גען פרעמדען, נאָר ווי זי האָט דערהערט דעם קול, האָט זי אַראָפּ־געלאָזט די אויגען און האָט שטיל א מורמעל געטאָן:

— חייקעל!

חייקעל האָט א ווײלע אָנגעקוקט איהר געפּאַרבטע און גע־פּודערטע געזיכט, דאַן האָט ער געזאָגט מיט א געבראָכענעם קול:

— אַזוי!... צו דעם ביזטו געקומען!... ווי קומסטו אין קאַוונע?

— איך ווייס אַליין ניט, — האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט.

— ביזטו שוין לאַנג דאָ?

— א פּאָר וואָכען. איך בין געקומען אַהער פון ביאַליסטאָק.

— און ביי אונז האָט מען גערעדט, אַז דו ביזט אין וואַרשאַ.

— איך בין אין וואַרשאַ געווען עטליכע יאָהר...

איהר ערשטע ערשטוינונג איז דערווייל אַריבער. זי האָט אויפגעהויבען די אויגען אויף איהם און געפרעגט:

— וואָס טוסטו דאָ?

— איך האָב דאָ חתונה געהאַט און בין דאָ געבליבען. וואָס איז די נפקא מינה, דאָ צי דאָרטען אַרבייטען.

— אַלץ ביי קנעפּלאַך ?

— דאָ איז ניטאָ קיין קנעפּעל פאַבריק, נאָר אין ווילנא האָב איך שוין אויך ניט געאַרבייט ביי דעם, איך האָב...

ער האָט זיך איבערגעריסען אין מיטען. ער האָט איהר ניט געוואָלט דערצעהלען, אַז צייט אין פאַבריק איז באַוואוסט געוואָרען די אורזאַכע פון איהר פלוצלונגען פאַרשווינדען, האָט ער ניט געקענט באַגעגענען דעם פאַבריקאַנט, אַז ער זאָל ניט וועלען זיך אַרויפוואַרפען מיט עפּעס אַן אינסטרומענט אויף איהם, און האָט דעריבער פאַרלאָזען די פאַבריק און גענומען זיך צו אַן אַנדער אַרבייט.

זיי זיינען אַ ווײַלע געשטאַנען שטיל. שפרה האָט עפּעס געוואָלט פרעגען, נאָר עס האָט איהר פאַרפעהלט מוט. ענדליך האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט :

— ווייסטו ניט... ווייסטו ניט... וואָס ע־ע־ע...

חייקעל האָט געוואַרט אַ ווײַלע און דאַן געפרעגט :

— וואָס ?

— וואָס... מאַכט...

— ווער ?

— ביי אונז ?...

— דו ווייסט גאָר ניט ? — האָט חייקעל געפרעגט פאַרוואונדערט.

— ניין, — האָט זי געענטפערט און אַראָפּגעלאָזט די אויגען.

חייקעל איז אַ ווײַלע געשטאַנען שטיל, ווי שלאָגענדיג זיך מיט דער דעה, צי זאָל ער זאָגען צי ניט. דאַן האָט ער שטיל געזאָגט :

— די מאַמע איז געשטאָרבען...

— געשטאָרבען ? — האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען פון האַלז.

— שוין לאַנג, — האָט חייקעל געזאָגט. — נאָך דיין פאַרשווינדען איז זי איינגעגאַנגען פון טאָג... איך פלעג אָפט אַריינקומען צו זיי... זי האָט קיין יאָהר ניט דערצויגען...

דער רעגען האָט ניט אויפגעהערט צו שפּריצען און האָט גע־שטאַכען אין געזיכט, אין האַלז, אין די הענט, נאָר די צוויי זיינען געשטאַנען ווי צוגעשמידטע און האָבען ניט געדענקט אַוועקצוגעהן.

— און דער טאַטע? — האָט זי געפרעגט.

— אויף דיין טאַטען בין איך קיין מבין ניט. ער שווייגט און רעדט קיין וואָרט ניט. אויף צעהן ווערטער ענטפערט ער איינעם...

נאָר זי איז געווען אַ מבין אויף איהר טאַטען און האָט גוט געוואוסט, וואָס באַדייטעט זיין שווייגען. זיי זיינען געשטאַנען נאָך אַ היבשע ווײַלע. ער האָט גערעדט און זי האָט קוים געהערט. איהרע געדאַנקען האָבען געשוועבט אַרום דעם שטיבעל, וואו זי איז אַ מאָל געווען אַ קינד פון עלטערן, וואו אַ מוטער׳ס און פאָ־טער׳ס האַרץ האָבען געקלאַפּט מיט גרויסער ליעבע צו איהר, וואו עס האָט זיך געהערט איהר געזונטער קינדערשער און מיידעלשער געלעכטער וואו זי האָט געזעהן אַזוי פיעל גליקליכע טעג און וואו אַ פונדאַמענט האָט מען אָנגעהויבען צו לעגען פאַר איהר צוקינפטי־גען גליק — און איצט האָט זי געזעהן דעם חורבן וואָס דאָרטען איז געוואָרען... וואָס לענגער זי איז געשטאַנען, אַלץ מעהר און מעהר האָט זיך צוזייט דער נעבעל פון איהר מאָרך און אַלץ מעהר און מעהר פרישער זיינען געוואָרען די ערינערונגען.

— די מאַמע געשטאָרבען... די מאַמע געשטאָרבען... — האָבען געמורמעלט איהרע ליפּען, און זי האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז זי האָט געהאַט אַ מאַמען און אַ טאַטען, וועלכע וואָלטען פאַר איהר דאָס לעבען אָפּגעגעבען און זי האָט אויף זיי געבראַכט אַ טויט, אַ טויט...

וואָס זיינען געווען חייקעל׳ס לעצטע ווערטער האָט זי ניט געהערט, אַזוי ווי זי האָט ניט געהערט דעם גאַנצען לעצטען טייל פון זיין רעדען. זי איז לענגער אין גאַס ניט געשטאַנען, איז אריין צו זיך אין אַ קליין אָרים צימער און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף איהר בעט מיט די נאַסע קליידער און איז אַזוי אַ לאַנגע צייט געזעסען אין דער פינסטער אומבאַוועגט. ענדליך האָט זי אויסגעבראָכען אין אַ געוויין:

— מאַמע!... מאַמע!...

דאס האט זי געוויינט דאס ערשטע מאל אין דעם פארלויף פון פיעלע יאהרען, און די טרערען זיינען געווען ריינע. זי האט ניט געוויינט אויף איהרע אייגענע צובראכענע יאהרען, אויף איהר צוטראטענעם גליק; זי האט באוויינט דאס אומגליק, וואס זי האט געבראכט אויף איהרע עלטערן, זי האט באוויינט דעם חורבן, וואס זי האט אריינגעבראכט אין דעם ארימען אבער פרידלאכען שטיבעל, וואו זי איז אויסגעוואקסען. און די ריינע טרערען האבען זיך געקייקלט איבער די געפארבטע און געפודערטע באקען, איבער־לאזענדיג הינטער זיך צוויי שמוציגע לאנגע פאסען.

.1898

דער בן יחיד

מאָטעלע יאַנקעל בער דעם שניידער׳ס איז געווען דער איינ־ציגער קדיש ביי זיינע אָרימע עלטערן, און כאָטשע שוועסטער האָט ער געהאַט קרוב צו אַ האַלבען טוץ, האָט מען אין שטוב געהערט נאָר מאָטעלע און מאָטעלע, און ווען אפילו מען האָט געזאָגט „דאָס קינד״ האָבען אויך אַלע פאַרשטאַנען, אַז דאָס קינד איז ער, מאָ־טעלע, און ניט קיין אַנדערער, און די מיידלאַך איז גאָר אין קאָפּ ניט אריין, אַז זיי זיינען אויך קינדער.

די גאַנצע זאָרג פון די עלטערן איז אַוועק אויף מאָטעלע׳ן. ווערענד אין שטוב האָבען אַלע געגעסען ראַזעווען ברויט מיט אַ שטיקעל הערינג, האָט צירה באָסיע, די מאַמע, אויסגעפּונען, אַז ביי איהר בן־יחיד איז גאָר אַן אַנדער מאַגען און ער קען אַזאַ עסען ניט פאַרדייען און פאַר איהם האָט מען געקויפט אַ קיכעלע מיט פּוטער און די מאַמע האָט שטאַרק אַכטונג געגעבען, אַז די אינגערע שוועסטערל זאָל ביי איהם ניט אויסמאַנצלען. „דעם לעצטען ביסען פון מויל וועט מאָטעלע אַוועקגעבען״, פלעגט די מאַמע טענה׳ן, און דאָס האָט איהר געפרעהט און געקלעמט אין איין צייט: געפרעהט פאַר זיין צוקונפט, וואָס ער וועט אויסוואַקסען אַ גוטער מענש, און געקלעמט, וואָס מען לאָזט איהם קיינמאָל ניט אָפּעסען.

נאָר די הויפּט־זאָרג האָט די מאַמע אַוועקגעלעגט אויף אָפּ־היטען איהם פון פאַרקיהלונג. אַ באַוועלנע שאַלקע האָט ער גע־מוזט טראָגען ביז שפּעט אין זומער. ווינטער האָט זי איהם פאַר׳ן שלאָף ניט געלאָזט אויסטאָן די זאָקען, ער זאָל זיך חס־ושלום ניט צוקיהלען ביי נאַכט. אין חדר האָט מען דעם רבי׳ן אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל איהם ניט שלאָגען, און די מאַמע האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געוואונדערט זיך, פאַר וואָס מאָטעלע איז אַזאַ

בלייבינקער און אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג דאַרף מען מיט איהם לויפען צו זלאַטע די שוחט׳קע, זי זאָל איהם אָפּקוועטשען זאַ־וואָלקעס.

די מאַמע האָט איהם נאָך מעהר גענומען אָפּהיטען און האָט איהם געטוליעט אונטער׳ן פאַרטוך און פאַרהיט פון איהם די ליבּ־טיגע שיין פון דער זון, נאָר מאָטעלע איז נאָך בלייכער געוואָרען און אַ פּאָר מאָל איז ער געפעהרלאַך קראַנק געוואָרען און מען האָט איהם בליי אויסגעגאָסען, און אַ קדר אָראָפּגעבראַכט און צו גוטע אידען געפיהרט, און מען האָט איהם קוים אָפּגעראַטעוועט.

אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען, ביז ער איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר צעהן; דאַן האָט ער זיך גענומען אַרויסרייסען פון אונטער דער־מאַמעס פאַרטוך און האָט זיך צוגעבונדען צו דער גאַס. זיינע שעהנע בגדים פון טאַטענס יתור האָבען איהם געשטערט, ער זאָל זיך צונויפגעהן מיט די באַדיונגען, נאָר געהאַלטען האָט ער זיך נעבען זיי, און ניט איינמאָל איז איהם געלונגען אויפצוגעבען עפּעס אַ גוטען פלאַן, ווי אַפּצוטאָן אַ שפּיצעל.

פון דאַן אָן האָט ער גענומען וואַקסען און ווערען געזינטער און שטאַרקער.

מיט׳ן חדר האָט איהם דער טאַטע ניט געוואָלט מאַטערען; מיט דער ארבייט האָט איהם די מאַמע ניט געוואָלט מאַטערען; און אויף אַזאַ אופן איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען, ווי אַ פריי פויגעלע, און האָט פון קיין יאָך ניט געוואוסט.

צייטענווייז פלעגט איהם אַליין דערעסען אַרומצוגעהן לעדיג און פלעגט זיך צוכאַפּען צום טאַטענס ארבייט מיט אַזאַ התמדה, אַז די ארבייט פלעגט ברענען אונטער זיינע הענט, און דער טאַטע פלעגט ביי נאַכט מיט אַ צופרידענע מינע ערקלעהרען דער מאַמען, אַז מאָטעל האָט גאָלדענע הענט.

ער פלעגט אַמאָל אַזוי קענען אָפּזיצען ביי דער אַרבייט וואָכען לאַנג. איבערהויפּט פלעגט דאָס טרעפען ווינטער־צייט. נאָר אַזוי ווי די התמדה פלעגט אויף איהם פּלוצים אָנקומען, אַזוי פלעגט עס אויך פּלוצים אַוועקגעהן, און דער טאַטע האָט איהם אַ מאָל ערב יום־טוב געקענט פאַלען צו די פיס און בעטען איהם און גלעטען

איהם, ער זאָל איהם צוהעלפען, האָט ער זיך איינגעַעקשנ׳ט, אַז ער וויל פון קיין זאַך ניט וויסען און דערפון פלעגט נאָר אַרויס־קומען אַ קריעג צווישען טאַטען און מאַמען, ווייל זי, די מאַמע, איז שטענדיג געווען אויף זיין צד און פלעגט אַנפאַלען אויפ׳ן טאַטען, פאַר וואָס ער לאָזט „דאָס קינד“ ניט צורוה.

— נישקשה, ער וועט נאָך האָבען גענוג צייט צו אַרבייטען אויף זיין לעבען. וואָס ווילסטו? ער זאָל זיך שוין איינשפּאַנען אין יאָך — פלעגט די מאַמע טענה׳ן. — דיר פאַרדריסט, וואָס ביי איהם איז די פּלייצע נאָך ניט אויסגעדרעהט, ווי ביי דיר?

און דעם קינד איז שוין דערווייל געגאַנגען דאָס אַכצעהנטע יאָהר. אויב אַ אידיש קינד האָט ניט חתונה צו אַכצעהן יאָהר, איז דאָס נאָר צוליעב דעם פּריזיוו. נאָר מאָטעלע, אַלס בן־יחיד, האָט פאַר׳ן פּריזיוו ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבען, און מען האָט פאַר איהם גענומען זוכען אַ כלה.

פרומקען, הירשעל דעם שוסטער טאָכטער, האָט מאָטעלע גוט געקענט. הירשעל דער שוסטער איז געווען אַ יוסטער בעל־הבית, האָט געהאַט אַן אייגענע הויז און אַ וואַרשטאַט מיט צעהן מענ־שען, און מיט פרומקען האָט ער שוין אַ פּאָר מאָל געטאַנצט אויף אַ זמירות. אין שטאָדט האָט מען גערעדט, אַז הירשעל וועט פאַר זיין טאָכטער נעהמען אַ לערנער, ווייל ער קען געבען אַ לאַנגען קעסט און אַ פיינעם נדן. מען האָט זאָגאָר געוואוסט, אַז ער האָט אַן אויג געוואָרפען אין שוסטערשען קלייזעל אויף אַ פּרוש, וואָס עסט ביי איהם שבת, נאָר אַזוי האָט הירשעל געטראַכט, אָבער פרומקען איז דער פּרוש ניט געפעלען געווען, ניט זיין אויסגע־ווייקטער פּנים און ניט זיינע פרומע העויות, און ווען דער שדכן איז געקומען און האָט פאָרגעשלאָגען מאָטלען פאַר אַ חתן, מאָטלען, וואָס איז אויסגעוואַקסען אַ פיינער און געזונטער בחור, שטענדיג פיין געקליידעט און אַ גוטער טענצער, האָט ער מיט פרומקען גאָר ניט געהאַט צו רעדען. שוועראָך איז נאָר צוגעגאַנגען מיט הירש־לען. ער האָט נאָר געוואָלט אַ בן־תורה. זיינע זיהן זיינען בעלי־מלאכות און קענען ניט לערנען, און ער וויל, אַז נאָך זיין טוידט זאָל מען נאָך איהם לערנען אַ פּרק משניות. און ווידער האָלט

ער פון מאַטלען גאָרניט. ער איז אַ פּוסט־און־פּאַסניק און אַ ווייב וועט פאַר איהם אַרויסגעצויגען ווערען. נאָר ענדלאָך האָט ער גע־מוזט נאָכגעבען די גלאַטע ריידעלאָך פון דעם שדכן, דאָס בעטען פון ווייב — און ביי מאַטלען מיט פרומקען איז געוואָרען אַ תנאים און מען האָט טעפּ געבראָכען און מען האָט גענומען מאַכען הכנות צו אַ חתונה.

כאָטשע הירשעל האָט קיין בן־תורה ניט געקראָגען, האָט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט פון צו געבען קעסט. און דער ערשטער יאָהר נאָך דער חתונה איז אַוועק גליקלאָך. ער האָט אפילו ווענינ גע־אַרבייט, נאָר דערפאַר האָט ער פאַרבראַכט מעהר מיט'ן ווייב, און ווען הירשעל פלעגט נעהמען וואָרטשען, וואָס דער איידעם פאַ־נעוועט, האָט איהם זיין ווייב איינגענומען.

— אַ יונגע פּאָר פאַלק, זאָלען זיי זיך נאָך שפּילען!

נאָר נאָכ'ן ערשטען יאָהר איז שוין די ליבשאַפט צווישען דעם פּאָר פאָלק ניט געווען אַזוי גרויס. ער פלעגט פאַרשוואונדען ווערען אויף גאַנצע אָבענדען און האָט געמאַכט מיט זיינע חברים אַ קער־טעל. דער שווער האָט אויף איהם גענומען קוקען מיט גיפטיגע בליקען און יעדעס מאָל ווען מאַטעל פלעגט פאַרביי איהם דורכגעהן, האָט ער עפּעס אַ וואָרטשע געטאָן אונטער'ן נאָז, וואָס האָט מאַטלען זעהר ניט געשמעקט, און ער האָט איהם געזוכט אויסצוווייכען, ווי ווייט ער האָט נאָר געקענט.

דער ווייב'ס פאַרווירפע, די שוויגער'ס טענות און דעם שווער'ס וואָרטשען האָבען איהם נאָך מעהר געטריבען פון שטוב, און מאַ־טעל פלעגט אַריינקומען אין שטוב ווי אַ גנב און אַוועקגעהן נאָך שטילער.

ווען זיין פרומע האָט איהם מיט מזל געבאָרען אַ זוהן, האָט ער דערפיהלט, אַז נאָך אַ שרייער איז צוגעקומען אין שטוב, און כאָטש ער האָט זיין ניי־געבאָרענע קינד צערטלאָך געליעבט, זיינען אָבער די קולות פאַר איהם געוואָרען אַן אמת'ער גיהנום.

אין יענער צייט האָבען זיך עטליכע יונגע לייט אַרויסגעריסען פון שטעדטעל און זיינען אַוועק קיין אַמעריקע. זייער לעבען אין דעם גאָלדענעם לאַנד האָבען זיי דורך בריעף געלאָזט מאַלען אין

די שעהנסטע פאַרבען און דער חשק צו אַמעריקע האָט זיך געוועקט ביי אַלעמען. אפילו ביי אַלטע לייט.

מאַטעל האָט פּשוט געשלונגען די ידיעות וועגען דעם גאָל־דענעם לאַנד, האָט זיך פאַרטרויט דעם ווייב, אַז ער האָט אויך חשק דורכצופאָהרען זיך קיין אַמעריקע. נאָר זי האָט דערפון ניט געוואָלט הערען און וויסען. ניט ווענינער האָבען זיך אַנטקעגען דעם געשטעלט איהרע און זיינע עלטערן. זיין מוטער האָט גע־מאַכט אַזאַ יללה, אַז איהם איז פאַרגאַנגען אין הארצען און דעם ווייב׳ס פאָטער האָט אַזוי געוואָרטשעט, אַז ער האָט פאַר איהם מורא געקראָגען.

ער האָט דערווייל אויפגעגעבען דעם געדאַנק וועגען אַמעריקע און האָט זיך פלייסיגער גענומען צו זיין אַרבייט.

אין אַ שעהנעם ווינטערדיגען טאָג איז מאַטעל געקומען פון דער אַרבייט מיט פאַרוואָלקענטע אויגען, די נאָדעל האָט ביי איהם געשטעקט אין קלאַפּע פון פאַרענט, וואָס מיט איהם האָט קיין מאָל ניט פּאַסירט, און דער פאָדעם האָט זיך געצויגען איבער׳ן גאַנצען רעקעל, וואָס אפילו אַן אַלט־מאָדישער שניידער זוכט צו פאַר־דרעהען אין דער פאָרמע פון אַן אַראַבישען אַכט.

— וואָס איז דיר? — האָט געפרעגט דערשראָקען פרומע, וואָס איז געשטאַנען ביי זיין אַריינקומען אַריבערגעבויגען מיט׳ן גאַנצען קערפּער איבער׳ן הענג־וויגעלע, אַנהאַלטענדיג זיך מיט איין האַנט אַן אַ שטריקעל און מיט דער צווייטער אַן אַ זייטעל פון וויגעלע און זייגענדיג דאָס קינד. זי האָט זיך האַסטיג אַ הויב געטאָן, האָט זיך מיט דער האַנט אַ כאַפּ געטאָן פאַר׳ן יאַקעל און צו דער גלייכער צייט אויסגעבויגען דעם רוקען, און די ברוסט האָט זיך צוריק אַרונ־טער געגליטשט אונטער׳ן העמד. — וואָס איז דיר?

— דער קאָפּ איז מיר עפּעס שווער.

— מסתמא איינגעטשאַדעט זיך פון די זעליאָסקעס. איך וועל אַרויסלויפען אין גאַס און כאַפּען פאַר אַ גראָשען זשוראַווינעס. דו וועסט אַ פּאָר אַריינלעגען אין די אויערען. איך האָב אַנוסטען געהאַט אַ טשאַד און די זשוראַווינעס האָבען איהם ווי מיט׳ן האַנט אָוועקגענומען.

ער האָט ניט געענטפערט. זאָל זי טאָן וואָס זי וויל, נאָר זאָל זי איבער איהם ניט קלאַפּען ווי אַ גלאָק. יעדע זילבע, יעדער קלאַנג האָט איהם געשניטען ווי אַ מעסער אין קאָפּ, וועלכער, ווי איהם האָט זיך אויסגעדוכט, וועט צופאַלען.

נאָר דאָס קינד האָט אין דער רגע דערפיהלט, אַז ביי איהם פון מויל האָט מען אַרויסגענומען די ברוסט, און עס האָט זיך צו־שריען מיט אַלע זיינע כחות. מאַטלען האָט אויסגעוויזען, אַז די ווענט פאַלען איין גלייך איהם אויפ'ן קאָפּ.

— נעהם איהם איין! נעהם איהם איין! — האָט מאַטעל גע־זאָגט מיט אַ זויערע מינע און מאַכענדיג מיט די הענט. — ער לע־כערט מיר דעם קאָפּ.

פרומע האָט זיך געשווינד אָנגעבויגען איבער'ן וויגעל און אַריינ־געשטופּט דעם קינד די ברוסט אין מויל. דער געוויין האָט זיך גלייך איבערגעריסען, נאָר די ערשטע פּאָר מינוט האָט זיך געהערט אַ מין „כלאָבען" און האָטלען איז דאָס אוועק שניידענדיג איבער אַלע גלידער.

מאַטעל האָט זיך אַריינגעלעגט אין בעט און איהם האָט אויס־געדוכט, אַז ער איז צונויפגעשטוקעוועט פון פאַרשידענע גלידער, וואָס ווילען זיך ניט פּאַמעסטשען איינער נעבען אַנדערן. ער האָט אָנגענומען אַלערליי פּאָזיציאָנען, האָט זיך געדרעהט פון איין זייט אויף דער צווייטער, נאָר איהם האָט בשום אופן ניט געלונגען צו ברענגען זיינע גלידער אין האַרמאָניע.

נאָכ'ן זייגען איז פרומע אַרויס געלאָפען אין גאַס און האָט אַריינגעבראַכט זשוראַווינעס און האָט מאַטלען אַריינגעשטעקט אַ פּאָר קאַלטע אין די אויערען. נאָר היינטיגס מאָל האָבען די זשוראַ־ווינעס גאָר ניט געהאָלפען. איבער נאַכט איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ היץ, און דער דאָקטאָר האָט אויף מאָרגען ערקלעהרט, אַז דער חולה איז קראַנק אויף טיפוס.

זיין ווייב און זיין מוטער זיינען פון זיין בעט ניט אָפּגע־טראָטען. איך היץ האָט ער פאַנטאַזירט פון אַמעריקע און גע־רעדט אַזעלכע זאַכען, וואָס ניט די מאַמע און ניט דאָס ווייב האָבען געוואָלט וויסען. איבעריגענס, זיי זיינען געווען אַזוי אויסגעמאַ־

טערט און דערשלאָגן, און זייערע געדאַנקען אַזוי פאַרנומען מיט שרעק און ציטערניש פאַר זיין לעבען, אַז זיי האָבען כמעט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער פאַנטאַזירט.

אַ פּאָר וואָכען האָט די קראַנקהייט אָנגעהאַלטען און מען האָט ניט געוואוסט, צי ער וועט בלייבען לעבען. די מאַמע האָט אין די שטונדען פון זיין שלאָף אויסגעוויינט איהרע אויגען; פרומע איז געזעסען מיט אַן אָראָפּגעזונקענעם קאָפּ, האַלב פאַרשטאַרט, האַלב פאַרשלאָפען. ענדלאַך איז אָנגעקומען דער קריזיס און דער חולה איז געבליבען ביים לעבען.

דאָס איז געווען אַ פּאָר טעג נאָכ'ן קריזיס. דער חולה האָט אָנגעהויבען צו קומען צו זיך, נאָר ער איז געווען זעהר שוואַך. פרומע איז געזעסען אויף אַ בענקעל נעבען זיין צוקאָפּענס.

— שפּאַר אַן דעם קאָפּ צו מיר אויפ'ן אָקסעל, האָט דער קראַנ־קער געזאָגט מיט אַ שוואַכען קול.

פרומע האָט זיך, זיצענדיג אויפ'ן בענקעל, מעהר אָנגעבויגען צום קישען און האָט אַ שטיקעל קאָפּ אָנגעשפּאַרט דעם מאַן אויפ'ן אָקסעל. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און זיי ביידע זיינען אין דער פּאָזע איינגעשלאָפען. זיין מוטער איז באַלד אַריינגעקומען, נאָר זי האָט פרומען ניט געוואָלט אויפוועקען, כדי דער קראַנקער זאָל זיך ניט אויפכאַפּען. ווי לאַנג דער דרעמעל האָט אָנגעהאַלטען איז אומבאַשטימט, נאָר ערוואַכען האָט פרומע ערוואַכט מיט אַ צאַפּעל. זי האָט אין שלאָף געהערט אַזעלכע משונה'דיגע קולות, אַז איהר איז די נשמה אויסגעגאַנגען פאַר שרעק. עס האָט איהר גענומען איין אויגענבליק און זי האָט דערהערט, אַז דאָס קרעכצט איהר מאַן.

— וואָס איז דיר, מאָטעל? — האָט זי איהם געוועקט.

מאָטעל האָט אויפגעעפענט די אויגען און האָט איהר אָנגעקוקט מיט שרעק. ער איז נאָך ניט געקומען אין גאַנצען צו זיך פון חלום.

— דאָס בין איך, מאָטעל, דיין פרומע. וואָס איז דיר? — האָט זי צו איהם גערעדט, און זיין שרעק האָט זיך אויך אָנגע־שטעקט צו איהר.

— גאַרניט, — האָט ער געענטפערט, קומענדיג צו זיך.
— דיר האָט זיך עפּעס געחלום׳ט?
— גאַרניט, — האָט ער געמורמעלט.
— וואָס האָסטו געקרעכצט?
— גאַרניט! — האָט ער געענטפערט אַרויסמאַכענדיג זיך.

זי האָט פאַרשטאַנען, אז ער האָט געהאַט עפּעס אַ שרעקלאַ־כען חלום, נאָר ער וויל איהר ניט דערצעהלען. זי האָט איהם איצט געלאַזען צורוה, ווייל דער דאָקטאָר און דער רופא האָבען אָנגע־זאָגט, אז מען זאָל איהם וואָס ווייניגער שטערן. נאָר איהר נייגע־ריגקייט האָט זיך אין איהר דערוועקט.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען דער חולה האָט זיך שוין גע־פיהלט פיעל בעסער, איז זי צו איהם צוגעשטאַנען, ער זאָל איהר דערצעהלען, וואָס פאַר אַ חלום ער האָט דעמאָלט געזעהן. ער האָט זיך ווייטער געזוכט אַרויסצומאַכען, נאָר ענדלאַך האָט ער געמוזט נאָכגעבען ווייבערשע נייגעריגקייט און ער האָט איהר דער־צעהלט:

— ווען דו האָסט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ צו מיר אויפ׳ן אַקסעל, האָב איך דערפיהלט אַזאַ פאַרגעניגען און מיר איז געווען אַזוי גרינג אויפ׳ן האַרצען, אַז איך קען דיר גאָר ניט זאָגען ווי. ווען איך האָב איינגעשלאָפען, האָב איך נאָך געפיהלט די גרינגקייט, נאָר באַלד האָסטו זיך גענומען פאַנאַנדערגיסען אין דער ברייט און אין דער לענג, און דו האָסט געקראָגען עפּעס אַ משונה׳דיגען פּנים און מיט די גאַנצע שווערקייט האָסטו זיך אַרויפגעוואַליעט אויף מיר. איך האָב געמיינט, אַז דו ווילסט מיר דערשטיקען, און איך האָב גענומען שרייען, מען זאָל פון מיר אַראָפּנעהמען די משונה׳דיגע באַשעפעניש, און דו האָסט מיר נאָך גענומען פרעסען און שרייען: „דאָס בין איך, דיין פרומע; זעה, דאָס בין איך. דו דערקענסט מיך ניט?" און ווען איך האָב געעפענט די אויגען, האָב איך טאַקע געהערט ווי דו זאָגסט: „דאָס בין איך".

— פו־פו־פע! — האָט פרומע אויסגעשפּיען דריי מאָל. — אַ מאָדנער חלום!

נאָר דער חלום איז זיי בײדען פון קאָפּ ניט אַרויס. איבערהויפּט האָט ער געמאַכט אַ שטאַרקען אײנדרוק אויף איהם. און שפּעטער, ווען ער איז געזונט געוואָרען, און ער האָט זיך אומגעקערט צו זײן פריערדיגען לעבען, און פרומע האָט איהם גענומען אויפוואַרפען, דאָס ער איז אַן אומדאַנקבאַרער, אַז זי האָט איהר לעבען פאַר איהם ניט געשאָנעוועט און איז לאַנגע נעכט נאָכאַנאַנד פון זײן בעט ניט אָפּגעטראָטען, און זי האָט דאָס געזונט צוליעב איהם פאַרלאָרען, — האָט ער איהר גאָרניט געענטפערט, ווי זײן שטײנער איז געוועזן. נאָר איצט האָט איהם געדאַכט, אַז דער חלום ווערט מקוים, און איהם האָט אַלץ געקלונגען אין די אויערען: „דאָס בין איך, דײן פרומע, דאָס בין איך!“ און ער האָט ווידער איבערגעלעבט דעם זעלבען שרעקליכען געפיהל, וואָס ער האָט געהאַט אין חלום.

ביז אַרום פורים־צייט איז מאָטעל אַרומגעגאַנגען פרײ, ווײל ער האָט געדאַרפט קומען אַביסעל צו זיך, נאָך אַזאַ שרעקליכער קראַנקהייט. נאָר פאַר פורים איז צו די שנײדער אַרײנגעקומען אַ סך אַרבײט, און מאָטעל האָט זיך מיט התמדה גענומען צום נאָדעל און איז געזעסען איבער דער אַרבײט זעכצעהן, זיבעצעהן שטונדען אַ טאָג, נאָכאַנאַנד זעקס טעג אין דער וואָך.

די אַרבײט איז געגאַנגען לעבעדיג. דאָ האָט מען איבערגעזונגען אַלע לידלאַך, וואָס אַ רוח האָט פאַרטראָגען פון אַדעסער און וואַרשעווער אידישען טעאַטער אַהער, אין קלײן שטעדטעל, און די נאָדעל איז געלאָפען אין טאַקט; דאָ האָט מען איבערגעזונגען אַלע נגונים־לאַך פון דעם שטאָדטישען חזן; דאָ האָט מען אויסגעברומט אַ פאָלקע, אויסגעזונגען מיט דער נאָז אַ קאַדריל און גלאַט געגאַנגען אַ שטײגער. דער בעל־הבית, לײזער דער קאַלומישקער (מאָטעל האָט ניט געאַרבײט בײ זײן טאַטען, זאָנדערן בײ פרעמדע) האָט מעהר געצויגען צו שטײגער, צו אַ וואָלאַכעל, נאָר כדי דאָס זאָל ניט זײן קײן שטער צו דער אַרבײט, האָט מען דאָס רוב געזונגען אונטער דער נאָז. בײ טאָג איז דער זינגען גאָר אינגאַנצען געווען פאַרבאָטען, דאָס הײסט, ווי נאָר די געזעלען פלעגען אָנהויבען צו זינגען, האָט זיך לײזער, וואָס איז געזעסען

אויבען־אָן אַהן אַ ראָק, מיט אַ פאַנאַנדערגעשפּילעטען זשילעט, מיט אַ פאַרדרעהטען אָן אַ זייט ברילעק, מיט אַ שטיקעל אָפּגעביסענע פּאָדים אויפ׳ן באָרד, מיט דער מאָס פאַרלעגט אויפ׳ן האַלז ווי אַ באַמעט, מיט אַן אקסעל אויפגעהויבען, מיט אַ שטיקעל קרייד אין האַנט און פיהרענדיג איבער אַ שטיק טוך — געוועגדט צו זיי:

— מאַרודעט ניט, מאַרודעט ניט!

און דאָס זינגער האָט אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט, ביז אַ ניגון איז ווייטער עמיצען ארויפגעקומען אויף די ליפּען און ביז לייזער האָט ווידער איבערגעהאַקט דאָס זינגען. אַ מאָל פלעגט ער זיך פאַרגעסען, איבערהויפּט ווען זיין ניגון איז געווען נאָך זיין גוסט, און ער פלעגט אונטערהעלפען, אַליין ניט באַמערקענדיג, און דאָס האָט געדויערט, ביז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ביים טיש זיצט אַ גאַנצע קאַפּעליע.

נאָר ביי נאַכט, ווען דער עולם האָט אָנגעהויבען צו גענוצען, האָט מען געקענט זינגען, פיעל דאָס האַרץ געלוסט. דעמאָלט האָט לייזער׳ן ניט געאַרט, וואָס ביים טיש זיצט אַ קאַפּעליע און ער אַליין האָט אויך גענומען אַ גרויסען אָנטייל אין דעם זינגען.

מאָטעלס גוסט איז געווען צו די מעלאָדיען פון טענץ פון די טעאַטער־לידלאַך, און ער האָט אַ גאַנצען טאָג געברומט אונטער דער נאָז. ער האָט פאַר׳ן בעל־הבית קיין מורא ניט געדאַרפט האָ־בען, ער האָט שוין געקענט ווערען פאַר זיך אַליין אַ בעל־הבית, און אויב ער האָט געאַרבייט ביי אַ פרעמדען, האָט ער אויף דעם געהאַט זיינע אורזאַכען, און איבערהויפּט פאַר אַ יום־טוב וועט איהם קיין בעל־הבית קיין דעה ניט זאָגען.

די עטלאַכע וואָכען ביז סאַמע ערב פּסח האָט ער אָפּגעאַרבייט שווער. אין דער היים פלעגט ער קומען, נאָר אויף די עטלאַכע שעה שלאָפען. דערפאַר פּסח האָט ער אָפּגערוהט פון דער עבודת־פּרך און האָט דערפיהלט, אַז אין קעשענע איז איהם צוגעקומען אַ היבשע סומע געלט.

די יום־טוב׳דיגע און די חול־המועד׳יגע טעג איז ער אַרומ־געגאַנגען איבער די גאַסען. דער ברוק איז שוין געווען ריין און די שטיינדלאַך זיינען געווען טרוקען. גרויסע אויפגעשאַרטע קופּעס

מיסט זיינען געלעגען דאָרטען און דאָ. מאָטעל איז געגאַנגען איבער די גאַסען צעהאַלענדיג די שטיינדלאַך און קלייבענדיג נחת פון די ערשטע וואַרעמע שטראַהלען פון דער פרילינגס־זון. אַלע זיינען איצט געווען יום־טוב׳דיג אויסגעפּוצט, די שטעדטעל אַליין האָט איצט געהאַט אַ יום־טוב׳דיגען אויסזעהן, די הייזלאַך האָבען אויס־געזעהן פרייער, די גאַסען לעבעדיגער.

ער האָט דעם ערב־יום־טוב געאַרבייט מיט אַזאַ פליים, אום אָנ־צוקלויבען אַביסעל געלט. און דאָס געלט האָט ער געדאַרפט, כדי ער זאָל קענען אויספיהרען זיין וואונש: אוועק קיין אַמעריקא. און אין גאַס איז ער אַרויס, ער זאָל זיך אַפּזעגענען מיט די אַלע באַקאַנטע פּלעצער פון זיין קינדהייט און יוגענט, וואו אַזוי פיעל טייערע זכרונות ליגען באַגראָבען; נאָר איצט, ווערענד ער איז אַזוי געגאַנגען און געקוקט סתם אויף די באַקאַנטע הייזער, האָט זיך דאָס האַרץ ביי איהם גענומען צאַפּלען מיט אַ בענקעניש ביים געדאַנק, אַז דאָס אַלעס זעהט ער צום לעצטען מאָל.

דערווייל איז זיין פּלאַן וועגען פאָהרען קיין אַמעריקע אַ סוד נאָך. ער האָט זיך נאָך קיינעם ניט אָנפאַרטרויט און וועט קיינעם ניט פאַרטרויען. ער האָט געדענקט אוועקצוגעהן בשתיקה. און ווער שטעהט איהם איבער׳ן קאָרק, אַז ער זאָל דוקא פאָהרען?

אמת, צו פרומען ציהט איהם זיין האַרץ ניט. נאָר וואו איז דאָס געוועדט געוואָרען, אַז דאָס האַרץ דאַרף ציהען? זיין ווייב איז אַ גאַנץ פיינע פרוי, ער האָט אַ שעהן קינד; דאָ איז זיין טאַטע, דאָ איז זיין מאַמע, און זייערע אַלעמענס בילדער, וואָס זיינען אויסגעקריצט אין זיין האַרצען, ווערט באַ׳חנ׳ט פון דעם יום־טוב־דיגען הויך, וואָס איז אויסגעגאָסען איבעראַל.

אפילו די הייזער ציהען איהם און האָבען איצט פאַר איהם אַ גרעסערן חן, ווי דאָס אומבאַקאַנטע לאַנד. און הגם דאָס אומ־באַוואוסטע האָט פאַר איהם אַ געוואַלדיגען רייץ, אָבער צו דערזעל־בער צייט איז עס אויך שרעקלאַך און מורא׳דיג.

און דאָ איז אַלץ אַזוי אָנגענעם, אַזוי וואויל באַקאַנט. יע־דער שטיינדעלע האָט פאַר איהם אַ געוויסע ערינערונג, יעדער פּלאַץ האַלט איהם צוגעבונדען מיט אומזיכטבאַרע פעדים. ניין,

פאַר וואָס זאָל ער פון דאַנען אַנטלויפען? וואָס פעהלט איהם דאָ און וואָס געהט איהם דאָ אָפּ.

אַ פּאָר שעה האָט ער אַזוי אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסען און האָט באַשלאָסען, אַז ער בלייבט אין דער היים. ווען ער איז געקומען אַ היים, האָט ער ערשט באַמערקט, אַז די שטוב זעהט אויך אויס יום־טוב׳דיג. די דובולטאָווע פענסטער אַרויסגענומען, די שויבען אַרומגעוואַשען, די ווענט אויסגעקאַלכט, מיט אַ גרינעם שלעקעל פון אויבען; די הענג־לייכטער, וואָס איז אַ גאַנץ יאָהר געדיכט באַדעקט מיט גרינע פינטעלאַך, איז אויסגעשייערט און בלאַנקט; די פּאָדלאָגע, פון וואַנען מען ראַמט די בלאָטע יעדען ערב שבת מיט אַ רידעל, איז איצט ריין, ווי דער טיש. פרומע, פון וועמעס פּאַרטוך האָט זיך שטענדיג געהערט אַ ריח פון סציקלעס און וועמעס יאַקעל איז שטענדיג געווען דורכגעווייקט אין אַ גערוך פון אויסגעמייקעטע מילך, איז יעצט געווען אָנגעטאָן אין איהר שעהנסטע קלייד. דאָס קינד אַליין, שטענדיג פאַרשמירט, פאַר־ברודיגט, האָט איצט געלויכטען, ווי דער טאָג.

ער האָט געטראָפען פרומע׳ן שטעהן נעבען קינד, וואָס איז געלעגען אונטערגעבעט אויפ׳ן בעט. זי איז געשטאַנען נעבען בעט און אַלע ווײַלע מיט אימפּעט צוגעלאָפען צו איהם מיט ביידע הענט און מיט די פינגער האַסטיג גענומען פיהרען איבער׳ן קער־פּערל מיט אַ לאַכעדיגען געשריי:

— אַ כיצ־כיצ־צ־צ־צ־ץ! אַ כיצ־כיצ־כיצ־צ־צ־צ־ץ!

דאָס קינד האָט אָנפאַנגס פאַרמאַכט די אויגלאַך, ווען זי פלעגט צופּאַלען, נאָר דערפיהלענדיג די פינגער אויף זיך, האָט עס די אויגלאַך געעפענט און געלאַכט.

— אָט איז דער טאַטע, זעהסט? — האָט פרומע געזאָגט צום קינד, ווען מאָטעל איז אַריינגעקומען.

דעם קינד׳ס אומשולדיגער געלעכטער האָט ביי איהם דער־וועקט אַלע פאָטער־געפיהלען און ער האָט גענומען דאָס קינד אויף דער האַנט און האָט אַרומגעטראָגען עס מיט איין האַנט אין דער הויך.

— זיי אַסטאַראָזשנע, מאַטעל, — האָט פרומע געזאָגט, ניט סימפּאַטיזירענדיג מיט אַזאַ מין שפּיל. די נשמה איז איהר גע־לעגען אויפ׳ן שפּיץ נאָז, ווען ער האָט געהויבען דאָס קינד מיט איין האַנט צו דער סטעליע.

— ניש׳קשה, האָב קיין מורא ניט! — האָט מאַטעל געענטפערט און ער האָט גענומען אַרומדרעהען זיך מיט׳ן קינד איבער׳ן צימער.

ניין, ניין! ער וועט ניט פאָהרען; איהם פעהלט קיין זאַך ניט אין דער היים.

נאָר באַלד נאָך יום־טוב האָט זיך צוריק אָנגעהויבען דאָס וואָ־כעדיגע לעבען. די ספירה האָט אַרויפגעוואָרפען אויפ׳ן שטעדטעל אַן אימה, און איצט, נאָכ׳ן פרעהלאַכען און פרייען יום־טוב האָט אויסגעוויזען, אַז מען איז נאָך מעהר באַגראָבען.

אין שטוב האָט זיך אומגעקעהרט דאָס זעלבע לעבען וואָס פאַר יום־טוב, און מאַטעל האָט זיך געוואונדערט, וואָס האַלט איהם אָפּ פון פאָהרען.

ער האָט געאַרבייט ביסלאַכווייז, נאָר זיין קאָפּ איז ניט געווען ביי דער אַרבייט. אַלע זיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט דער רייזע און אַ וואָך־צוויי נאָך יום־טוב איז ער אַ מאָל אַבענד־צייט אַריין צו דער מאַמען און איז דאָרטען אָפּגעזעסען אַ פּאָר שעה, נאָר ער האָט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגען זיין אָפּפאָהרען, און אויף מאָרגען אין דער פריה האָט ער זיך אַ ווײַלע געשפּיעלט מיט׳ן קינד, האָט אָנגעטאָן זיינע שבת׳דיגע קליידער, און ווען דאָס ווייב האָט איהם געפרעגט מיט אַ ברוגז׳דיגען טאָן, וואָס איז היינט פאַר אַ יום־טוב, האָט ער געענטפערט, אַז היינט האָט ער קיין אַרבייט ניט, און ער האָט גענומען זיין שטעקעל און איז אַרויס.

מעהר איז ער שוין אַהיים ניט געקומען. אין עטליכע טעג אַרום איז פון איהם אָנגעקומען אַ בריעף פון האַמבורג, אַז ער פאָהרט אין אַמעריקע, נאָר קיינער זאָל ניט זאָרגען, ער וועט שיקען געלט און ווען ער וועט זיך איינאָרדען וועט ער אַראָפּנעהמען דאָס ווייב און קינד.

מאַטעל איז אָנגעקומען אין ניו־יאָרק, ווען די אַפּריטאַרס זיינען געווען אין פלאַר; אַ לאַנדסמאַן איז נאָך געווען אַן עולם ומלואה, און אַ געדרום פון דער היים איז ניט געווען אַפּצושאַצען מיט גאָלד.

די לאַנדסלייט האָבען זיך מיט מאַטלען דערפרייט. אין איין טאָג האָט זיך די נייעס וועגען זיין קומען פאַרשפּרייט צווישען אַלע זיינע לאַנדסלייט — דאָס הייסט, צווישען דעם אָרימערן עלע־מענט, וואָס האָט אַרויסגעוואַנדערט פון זיין שטאָדט, און ביי נאַכט זיינען אַלע געקומען אָפּגעבען איהם שלום־עליכם, און אויס־פרעגען וועגען דער היים.

— אַ פּיצעל קינד האָב איך איהם איבערגעלאָזען, און זעהט, אויסגעוואַקסען אַ יונג מיט ביינער, — האָבען גערעדט די עלטערע עמיגראַנטען.

— אַ וואונדער, די מאַמע האָט אַוועקגעלאָזען איהר בן־יחיד!

יעדער האָט געהאַט זיין שפּרוך, נאָר אַלע זיינען געווען מיט איין הסכמה, אַז מאַטעל מוז נעהמען אַ גוטע דאָזע ביטער־זאַלץ, אויב ער וויל ניט קראַנק ווערען גלייך נאָכ'ן שיף.

— נאָר ניט אָפּגעלאָזען זיך, — האָט איהם אַן עלטערער לאַנדסמאַן גערעטען. האָב קיין מורא ניט, נעווער מיין, דו וועסט ניט פאַרפאַלען ווערען. דו וועסט קריגען ארבייט און מאַכען געלט. נאָר ניט אָפּגעלאָזען זיך. אַמעריקע איז אַ לאַנד, יו נאָו, וואו מען פאַרלירט באַלד דעם אַפּעטיט, מען ווערט דאָ אַלט פאַר דער צייט, נאָר דו לאָז זיך ניט אָפּ. עס וויפיעל עס געהט אַריין און דו וועסט אַלץ אַריבערטראַגען.

— נאָר למען־השם און למען־השם פאַרגעס ניט צו נעהמען ביטער־זאַלץ, — האָט איהם יעדער באַזונדער אָנגעזאָגט פאַר'ן אַוועקגאַנג, נאָכהער ווי מען האָט אויסגעפרעגט וועגען יעדען איינציגען תושב פון זייער שטעדטעל.

ווען די לאַנדסלייט זיינען זיך צוגאַנגען, איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, און ער איז גלייך געגאַנגען שלאָפען, אָבער די אויגען האָבען זיך איהם ניט צוגעמאַכט און ער איז געלעגען און געטראַכט וועגען דער היים און וועגען דעם נייעם לאַנד און פאַר־

שידענע געפיהלען האָבען זיך געמישט און געשטויסען אין זיין הארצען. די אַלע אַנפּראַגען וועגען דער היים, וואָס די לאַנדסלייט האָבען איהם געמאַכט, האָבען ביי איהם ארויסגערופען אַ ים מיט האַלב־פאַרגעסענע ערינערונגען, און זיין הארץ האָט איהם אַנגע־הויבען צו צופּען פון בענקעניש נאָך זיין פאַרוואָרפענע אָבער רוהיגע שטעדטעל, נאָך דער ליבענדער געשטאַלט פון דער מאַמען, אונטער וועמעס פאַרטוך ער האָט זיך שטענדיג געפיהלט ווי זיכער; ער האָט געבענקט נאָכ׳ן קינד, נאָך פרומען און אפילו נאָכ׳ן בייזען שווער.

ער האָט דערפיהלט אַ ווארימקייט אין די אויגען און אַ זויער־קייט אין האַלז. האָט ער געוויינט?

און באַלד איז אויף איהם אַנגעפאַלען אַ מורא פאַר דעם אומ־באַקאַנטען לאַנד. „לאָז זיך נאָר ניט אָפּ!“ — האָט געקלונגען אין זיינע אויערען ווי אַ ווארנונגס־געשריי פון אַ געפאַהר, וואָס וואַרט אויף איהם. „לאָז זיך ניט אָפּ!“ — און דער גאַנצער גערויש און טומעל, די קלאַפּעריי פון דעם אייזענבאַהן איבער די דעכער, די פייפעריי פון די שיפען אויפ׳ן טייך, דאָס אַלץ האָט ביי איהם ארויסגערופען אַ בילד פון אַ סטראַשידלע מיט אונגעהייער גרויסע לאַפּעס, וואָס וויל זיך אויף איהם ארויפוואַרפען.

וואָס האָט איהם געטריבען, וואָס האָט איהם געיאָגט אַהער? וואָס האָט איהם געפעהלט? וואָס איז איהם אָפּגעגאַנגען אין דער היים?

ער האָט דערפיהלט אַ ביס אין האַלז, וואָס איז געווען ווי אַ שטאָך פון אַ נאָדעל. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט. די בייסעניש איז געוואָרען אַלץ אָפטער און אָפטער. ער האָט מיט דער האַנט אַ פיהר געטאָן איבער׳ן קישען און האָט אַנגעטאַפּט קליינע חיה׳לאַך. ער האָט זיי אַראָפּגעשאַרט, נאָר ווי ער האָט דעם קאָפּ אַנידערגעלעגט צוריק, האָט זיך ווייטער אָנגעהויבען די זעלבע בייסעניש.

— די וואַנצען וועלען שוין ניט לאָזען שלאָפען, — האָט ער געזאָגט צו זיך און האָט זיך אויפגעהויבען פון בעט.

ער איז אין דער היים אויך ניט געווען זשעדנע אין קיין וואַנצען און ער האָט געוואוסט, אַז קוים ווערט מען ניט גלייך אַנטשלאָפען, וועלען זיי שוין די אויגען ניט לאָזען צומאַכען.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַנידערגעזעצט זיך אויף אַ שטול. נאָר קוים איז ער אָפּגעזעסען צוויי מינוטען, האָט איהם אויסגעוויזען, אַז אַ מויז גריזשעט פּונקט אונטער זיינע פיס. פאַר מייז האָט ער מורא געהאַט נאָך אין די קינדערשע יאָהרען, און ער איז געזעסען אין איינע ציטערניש.

און דאָ האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אין זיין היים, אָן דער מאַמען, אָן דעם טאַטען, אָן דעם ווייב און קינד און עס האָט איהם פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

— פאַר וואָס, פאַר וואָס איז ער אַוועק פון דער היים?

ענדלאַך איז ער פאַרמאַטערט געוואָרען פון זיצען, האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין בעט און איז איינגעשלאָפען.

די לאַנדסלייט האָבען פאַר איהם באַלד אָפּגעזוכט אַרבייט, און איהם האָט ניט לאַנג גענומען און ער האָט זיך אַריינגעצויגען אין דעם נייעם לעבען. געלט האָט ער פאַרדינט זעהר גוטע. ער האָט געמאַכט ביז דרייסיג דאָלאַר אַ וואָך און אַזוי ווי ער האָט נאָך גערעכענט אויפ'ן רובעל און האָט פון סלעק ניט געוואוסט, איז דאָס אויסגעקומען גוואַלדיגע פאַרדינסטען.

און דאָ האָט ער דערפיהלט, וואָס הייסט צו זיין פריי, איבער־הויפּט מיט געלט אין קעשענע. אין דער היים האָט ער שטענדיג געהאַט איבער זיך אַן אויבער־האַר: די מאַמע האָט געזאָגט אַ דעה, דער טאַטע האָט גע'מוסר'ט, די ווייב האָט זיך געבלאָזען, דער שווער איז געווען בייז, די שוויגער האָט געקוקט קרום און דאַכט זיך אַלע איינוואוינער פון זיין שטעדטעל האָבען איהם געהאַלטען אין אַ געוויסען צוואַנג. דאָ אָבער איז ער פּטור געוואָרען פון דעם אַלעמען. ער איז געווען פאַר זיך בעל־הבית און וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער געטאָן.

ער האָט דערפיהלט, ווי אַ שווערער באַרג איז איהם אַראָפּ פון די פּלייצעס, און ער האָט אָפּגעאָטעמט פרייער. ער האָט שוין מעהר ניט געבענקט נאָך דער היים און פרומע איז געווען צוגע־

טשעפּעט צו זיין לעבען, עפּעס ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגען. און אַזוי ווי זי איז געווען די איינציגע פּערזאָן, וואָס האָט גענומען אַ רעכט, פריהער אָדער שפּעטער צו פאָדערען פון איהם אַ רעכענונג פאַר זיינע מעשים, האָט זיך ביי איהם אויפגעהויבען אין האַרצען פריהער אַן אומצופרידענהייט געגען איהר, דערנאָך אַ כעס און דערנאָך אַ שטיקעל שנאה, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר צופלאַמט, וואָס גרעסער אוּן אָפטער איהרע בריעף צו איהם זיינען געוואָרען.

ער איז געווען צופרידען צו שיקען איהר געלט. דאָס קומט איהר. נאָר זי זאָל זיצען דאָרטען אין דער היים ביי איהר טאַטען־מאַמען און זאָל איהם וועגען איהרע רעכטע ניט דערמאָנען.

אַ וואוינונג האָט ער געקראָגען ביי זיינעם אַ לאַנדסמאַן, אויך אַן אַפּרייטאָר, וואָס האָט חתונה געהאַט אין אַמעריקע מיט אַ מיידעל פון זייער שטעדטעל, וועלכע האָט יאָהרען־לאַנג געדינט אין רייכע הייזער דאָרטען און דאָ. פון די רייכע הייזער, וואו זי האָט געדינט, האָט זי אַראָפּגעכאַפּט אַ געוויסען שניט, און זי האָט אויסגעמושטירט איהר מאַן, וועלכער איז געווען אַ פּראַצע־וואַטער מענש און האָט געהאַט אַ נאָכגעביגע נאַטור, ער זאָל איהר רופען עני אָנשטאָט חיענע; ער זאָל אין שטוב קיין היטעל ניט טראָגען און זאָל ביים עסען ניט טשאָמקען, ניט טרינקען טיי פון טעצעל, ניט נעהמען צוקער מיט די הוילע הענט און דאָס גלייכען. זי האָט אויך געקראָגען אַ פיינעם געשמאַק, ווי די מעבעל צושטעלען, ווי צוצוגעבען אַ שעהנערען אויסזעהן דער וואוינונג דורך פאַרשיי־דענע קלייניגקייטען, בריק־ע־בראַק, ווי זי האָט עס גערופען, אָדער צאַצקעס, ווי עס האָט געהייסען אויפ׳ן מאַנ׳ס לשון. ווייטער האָט זי געוואוסט, ווי צו גרייטען צום טיש, קאָכען האָט זי גוט געקענט און פון איהרע מאכלים קען מען לעקען די פינגער, ווי איהר מאַן האָט זיך וועגען איהר אויסגעדריקט, באַרימענדיג זיך מיט זיין ווייב פאַר זיינע לאַנדסלייט, און די סאַלפּעטקעלאָך, וואָס מאַטעל האָט ניט געזעהן ניט ביי זיין מאַמען און ניט ביי זיין ווייב אין שטוב, האָט דעם טיש צוגעגעבען דעם זיבעטען חן, און מאָטעל האָט זיך ניט געקענט גענוג אָפּוואונדערן.

עני האָט קיין קינדער ניט געהאַט און די רומס זיינע געווען שטענדיג אויפגעראַמט. זי איז שטענדיג געווען נעט אָנגעטאָן, אפילו ווען זי האָט דערלאַנגט צום טיש, און אין שטוב איז געווען שטיל און רוהיג. און מאָטלען האָט אויסגעוויזען, אַז קיין גרעסערן פאַרגעניגען קען מען ניט האָבען, ווי צו האָבען אַזאַ געראָטענע ווייב און פיינע הויז.

אין דער היים, אין מאָטעלס געבורטסשטעדטעל, האָט מען זיך אָנדערצעהלט אַזעלכע וואונדער פון זיינע פאַרדינסטען אין אמע־ריקע, אַז דער עולם האָט געשלונגען די שפּייעכץ פון מויל. עלטערע מענשען האָבען געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געשאָקעלט מיט די קעפּ, און ביי אינגערע האָט זיך אָנגעצונדען אַ חשק צום לאַנד, וואו גאָלד וואַלגערט זיך אין די גאַסען.

נאָר וואָס מעהר וואונדער מען האָט זיך אָנדערצעהלט פון מאָטעלס פאַרדינסטען, אַלץ מעהר טרויעריג איז געוואָרען ביי פרומען אין שטוב, אַלץ אָפּטער זיינען געוואָרען איהרע בריעף צו איהם, אַז ער זאָל איהר שוין אַראָפּנעהמען מיט׳ן קינד צו זיך, און אַלץ קאַלטער, טרוקענער און זעלטענער זיינען געוואָרען זיינע בריעף צו איהר.

ביי פרומען אין שטוב האָט מען איינגעזעהן, אַז מאָטעל וויל פון זיין ווייב ניט וויסען. אין שטעדטעל האָט מען שטאַרק גערעדט, אַז ער האָט זיך דאָרטען פאַרליבט אין אַ טייטשקע, און דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט פרומעס מורא און שמערץ. איהר פאָטער, הירש־על, וואָס איז געווען אַ שווערער ריידער, און אַ חוץ די ווערטער, וואָס ער האָט געמוזט ברויכען צו דער אַרבייט און צו קונדען, האָט ער זעלטען ווען עפּעס אַרויסגעבראַכט פון מויל, האָט שוין אַ פּאָר מאָל דורכגעזייט דורך די ציינער צו זיין ווייב:

— דאָס איז דיין קאָפּ געווען.

דאָס ווייב האָט גאָר ניט געענטפערט. וואָס קען זי זאָגען, ווען זי אַליין הערט זיך ניט אויף צו באַשולדיגען, פאַר וואָס זי האָט געהאָלפען איהר פרומען ביים שידוך מיט מאָטלען. דיעזע פאַרווירפע האָבען נאָך גרעסער געמאַכט איהר פאַרצווייפלונג.

נאָר די גרעסטע וואונד אין האַרצען האָט זי געטראָגען, ווען זי האָט געהערט פרומע'ן טענה'ן מיט איהר פּיצעל קינד, וואָס האָט קוים געפּלאַפּעלט פּאַ־פּאַ, מאַ־מאַ, אַז דער טאַטע וויל פון זיי ניט וויסען און וויל זיי ניט קענען.

די מוטער האָט זיך געסטאַרעט פרומען צו טרייסטען, מאָטעל וויל אַנקלויבען געלט אין אַמעריקע, און ווען זי וועט אַראָפּקומען צו איהם, וועט זי קענען לעבען ווי אַ פּריצה. נאָר זי האָט אַליין ניט געגלויבט אין די רעד, און זיי האָבען אויף פרומען קיין איינדרוק ניט געקענט האָבען.

און אין די איינזאַמע שטונדען, ווען פרומע איז געזעסען און האָט געצויגען מיט'ן פּוס פאַר'ן שטריקעל פון וויגעלע און איינגעשלעפערט דאָס קינד, אָדער אין די לאַנגע ווינטערדיגע נעכט, ווען זי איז אַריינגעקראָכען אין דעם קאַלטען איינזאַמען בעט, האָבען זיך געפּלאָנטערט ביי איהר אין קאָפּ ביטערע מחשבות און פאַרשידענע געפיהלען האָבען זיך געמישט ביי איהר אין האַרצען. זי האָט געטראַכט פון איהרע יונגע יאָהרען, וואָס זיינען אָפּגעשניטען געוואָרען פאַר דער צייט, און דאָס האַרץ האָט איהר געבראָכען; זי האָט געטראַכט פון איהר קינד, פון איהר איינציג קינד, פון איהר טהייער קינד, וואָס דאַרף וואַקסען אָהן אַ טאַטען און טרערען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען; זי האָט געטראַכט פון מאָטלען, וואָס לעבט זיך דאָרטען אַ גוטען טאָג מיט אַ דייטשקע, און דאָס בלוט האָט זיך איהר אַנגעצונדען אין די אָדערן. ניין, אַזוי גלאַט וועט דאָס איהם ניט אַריבערגעהן. זי איז זיין ווייב מיט חופּה און מיט קדושין און וועט ניט זיצען און וואַרטען ביז וואַנען ער וועט זיך דערמאָנען אַנצושרייבען איהר אַ בריוועל איין מאָל אין אַ שמיטה. ניין, ניט דערהאַרען וועלען איהרע שונאים. זי וועט פאָהרען צו איהם, ניט געפרעגטערהייט, צי ער וויל, צי ער וויל ניט. געלט פאַרדינט ער גענוג און אַ וועלט איז ניט הפקר.

נאָר דיזער האַסטיגער באַשלוס האָט אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטען, כל זמן יענער געפיהל, וואָס די אומבאַקאַנטע דייטשקע האָט ביי איהר אַרויסגערופען, איז געווען שטאַרק. קוים אָבער האָט דער געפיהל אָפּגעטראָטען פּלאַץ אַן אַנדערן, איז איהר באַשלוס שוואַכער

געוואָרען און זי האָט זיך אָנגעהויבען צו שרעקען פאַר דעם אומ־באַקאַנטען לאַנד, פון וועלכען מען דערצעהלט אַזוי פיעל גרוילען. אַ שוואַכע פרויענצימער מיט אַ קינד אויף די הענט, זיי נע־ונד אין אַ פרעמדען לאַנד — דאָס איז אַ שווערע אונטערנעהמונג. זי איז נאָך קיין מאָל פון ראַגאַטקע פון שטעדטעל ניט אַרויסגעפאָהרען.

און אויף אַזאַ אופן איז אַריבער נאָך אַ זומער און נאָך אַ ווינטער, דערנאָך ווידער אַ זומער און ווייטער אַ ווינטער און זי האָט אַלץ געהאַלטען אין שלאָגען זיך מיט דער דעה, ביז איהר מוטער און שווער און שוויגער האָבען איהר גענומען צורעדען, אַז זי זאָל פאָהרען צו איהם אין אַמעריקע.

— אין אַמעריקע איז דאָס חיות ניט זיכער. אַ ווייב קען מען ניט אוועקוואַרפען, — האָט גע׳טענה׳ט איהר מוטער. — נישקשה, ער וועט נאָך קומען צו דיר זיך בעטען. הער מיין וואָרט.

— דו קענסט דאָך מאַטלען, — האָט די שוויגער געזאָגט. — ער האָט זיך זיינעם אַ שגעון, אָבער ער איז חס־ושלום ניט קיין שלעכטער. דו וועסט קומען אַהין, וועט ער זיך מיט דיר ניט קענען אָפּפּרעהען. אוי־אוי־אוי! ער מוז נעבאַך אויסשטעהן גור־טענע צרות, איינער אַליין אין אַ פרעמדער מדינה, אָהן אַ לשון. פאָהר, מיין קינד! געווים וואָלט מיר בעסער ניחא געווען, אַז מיינע קינדער (דאָס הייסט, די שנור מיט׳ן אייניקעל און איהר איינציגער זוהן) זאָלען זיין נעבען מיר, נאָר אַז דעם הענט־ניט־געוואַשענעמ׳ס ווילען איז געווען, אַז מיינע קינדער זאָלען זיין נע־ונד...

ווייטער האָט זי ניט געקענט רעדען, און שטילע טרערען האָ־בען גענומען רינען איבער איהרע מאַגערע באַקען.

— דו לאָז זיך נאָר ניט אָפּ! — האָט יענקעל־בער צו איהר געזאָגט. דו פאָהר צו איהם און זעה שטוקעווע איהם צו צו זיך, נאָר גיב אַכטונג, אַז ער זאָל ניט אַראָפּ פון דעם דרך הישר. אַ ווייב קען אַלץ אויספיהרען, סיי דאָ סיי אין אַמעריקע, און גאָט וועט דיר העלפען.

נאָר איין הירשעל, פרומעס פאָטער, איז געווען געגען דעם פאָהרען. יאָגען זיך אויפ׳ן צווייטען עק וועלט. וואָס איז, כאַפּען

אזא תכשיט! כדאי, כ׳לעבען. זאָל זי נעהמען א גט און זאָגען „ברוך שפטרני".

פרומען איז אויך פיעל מאָל אריין דער געדאנק, אז זי וועט איהם בעסער שרייבען, אז ער זאָל איהר שיקען א גט. נאָר דער־מאָנענדיג זיך, אז דער גט וועט אויך פאָנאַנדערבינדען די הענט דעם מאַן, וואָס האָט אָפּגעשניטען איהרע יאָהרען, האָט זי זיך דערפון אפּגעטרייסעלט מיט די הענט און די פיס. ניין! פינסטערט זי — זאָל איהם אויך בעסער ניט זיין!

און זי האָט איהם אוועקגעשריבען א בריעף, אז אין גיכען וועט ער איהר האָבען פאר א גאסט.

ווען מאָטעל האָט באַקומען דעם בריעף איז איהם פינסטער גע־וואָרען אין די אויגען. ניטאָ קיין באהעלטעניש פון א ווייב. ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן זיין אַמאָליגען חלום, נאָכ׳ן טיפוס, ווען זיין ווייב, אין דער געשטאַלט פון אַן אונגעהייער גרויסע באַ־שעפעניש, האָט זיך אויף איהם ארויפגעוואָליעט מיט איהר גאַנ־צער משא און האָט איהם שיער ניט דערשטיקט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם חלום, און אַ שוידער איז איהם איבערגעלאָפען איבער אַלע גלידער. ער האָט זיך דאָ, אין דעם נייעם לאַנד, גע־פיהלט אזוי גוט, אזוי פריי, האָט געטאָן וואָס דאָס הארץ האָט געגלוסט און האָט פארגעסען, וואָס מען טאָר און וואָס מען טאָר ניט, און איהם האָט אויסגעוויזען, אז אזוי וועלען שוין זיינע יאָהרען איבערגעהן. ערשט נאָ דיר! פּלוצים אַ שטיין אין וועג.

דער ערשטער געדאנק זיינער איז געווען, ער וועט אַנטלויפען פון ניו־יאָרק ערגעץ אין דער וועסט. ער וועט אומעטום מאַכען א לעבען. ער איז שוין ניט קיין גרינער אין לאַנד. נאָר דעם געדאַנק האָט ער באַלד פאַרטריבען. ערשטענס האָט ער זיך ניט געוואָלט שיידען מיט עניי׳ן און צווייטענס, וואָס, גלאַט אַנטלויפען, עפּעס מעשה באַדיונג. וואָס וועט מען זאָגען: אַראָפּגענומען ביי א יונגע מיידעל דעם קאָפּ און דערנאָך אַוועקגעוואָרפען איהר.

ער האָט זיין הארץ אויסגעגאָסען פאר עניי׳ן, נאָר זי האָט פאר איהם ניט געפונען קיין טרייסט־ווערטער. זי האָט גוט פאר־

שטאַנען, אַז פרומע וועט האַלטען איהר פאַרשפּרעכען און ער קען זיך אויף איהר ריכטען יעדען טאָג.

— מילא, וועט זי זיין דאָ. און אַזוי שיקסטו איהר על־כל־פּנים קיין געלט ניט? — האָט זי איהם געזאָגט. — וועסטו וועלען וועסטו זיצען אין דער היים, אַז ניט — וועט זי דיר ניט צובינדען צום שטוב. און דו וועסט זיין אַזוי פריי ווי יעצט.

נאָר ער האָט שוין געוואוסט דעם טעם, וואָס הייסט דאָס נעגען און גריזשען פון אַ ווייב, און איהרע ווערטער זיינען פאַר איהם געווען אַ קנאַפּע טרייסט. ער וועט נאָך פּרואווען דאָס לעצטע מיטעל, און ער האָט זיך געזעצט שרייבען אַ בריעף, אַז זי זאָל נאָך דערווייל זיצען אין דער היים, ווייל צו פיהרען דאָ אַ שטוב דאַרף מען האָבען אַ סך געלט און טאָמער איז פאַר איהר קאַרג דאָס געלט וואָס ער שיקט איהר, וועט ער איהר שיקען דאָפּעלט.

מאָטעל'ס בריעף מיט'ן פאַרשפּרעכען, אַז ער וועט איהר שיקען צוויי מאָל אַזוי פיעל געלט, ווי ביז איצט, נאָר זי זאָל זיצען אין דער היים, האָט פרומע'ן נאָר געוויזען, אַז ער האָט פאַר איהר קומען מורא, און זי האָט קיין לאַנגע שהיות ניט געמאַכט און האָט זיך גלייך פאַרטיג געמאַכט צו דער רייזע. זי האָט אפילו נערעכענט פאַר איבעריג צו שרייבען איהם, אַז זי פאָהרט אַרויס. ער וועט זיך מיט דעם ווייניג פרעהען, און ווען זי וועט אָהין אָנ־קומען, וועט ער שוין אויסגעפינען.

מאָטעל האָט די ערשטע טעג, נאָכדעם ווי ער האָט אָוועקגע־שיקט דעם לעצטען בריעף, גוט געוואוסט, אַז דאָס זיינען קאַלטע רפואות. אין איהם האָט נאָר געשלאָגען אַ שוואַכער גליד פון האָפנונג. נאָר וואָס אַ טאָג ווייטער האָט זיך ביי איהם די האָפ־נונג געשטאַרקט. ער האָט געוואָלט גלויבען, און דעריבער האָט ער מיט יעדען טאָג מעהר אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז פרומע וועט זיך קוואַפּען אויפ'ן געלט און וועט פאַרבלייבען אין דער היים.

די נעקסטע וואָך האָט ער איהר שוין אַרויסגעשיקט פינף און צוואַנציג דאָלאַר פאַר צוויי וואָכען און דאָס זעלבע האָט ער געטאָן אין דריי וואָכען אַרום. צום חודש האָט ער געוואַרט אויף איהר ענטפער, און דאָס האַרץ איז איהם שיער ניט אַרויסגעפאַלען פון

אומגעדולד. נאָר אַזוי ווי קיין ענטפער האָט ער ניט באַקומען, האָט ער דאָרט אויסגעלעגט, אַז זי איז איינגעגאַנגען אויף זיין פאַרשלאַג. אָבער זיכער איז ער נאָך ניט געווען און די פאָלגענדע עטליכע טעג האָט ער געהאַט זעהר צושטערטע. נאָר קיין בריעף האָט ער אַלץ ניט באַקומען און ביי איהם איז געבליבען, אַז זיין מיטעל האָט געווירקט, און ער איז ווידער אַ פרייער מאַן.

דער אָבענד ווען ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, האָט ער ביים סאַפּער ערקלעהרט, אַז היינט גיט ער אַ טריט און ביים טיש איז באַלד פאַרשאַפּט געוואָרען ווייַן און ער האָט אָפּגערעדט, אַז שבת ביי־נאַכט נעהמט ער עניי'ן מיט איהר מאַן אין טעאַטער און זונטאָג פאָהרען זיי ערגעץ אַרוים.

ווי אַ דונער פון ריינעם הימעל אין מיטען העלען טאָג איז אויף איהם אַראָפּגעפאַלען די נאַכריכט, אַז פרומע מיט'ן קינד וואַרטען אין קעסטעל גאַרדען. „דאָס בין איך, דיין פרומע!“ — האָט איהם געקלונגען אַ שרעקליכער קול אין די אויערען, און ער האָט געאיילט אַהין און אָפּגענומען זיין ווייב און קינד.

אַראָפּגעבראַכט האָט ער זיי צו זיך אין וואָהנונג און האָט זיי אָפּגעטראָטען זיין בעט. אַליין האָט ער די נאַכט פאַרבראַכט אין אַ קאָפּע־הויז.

איצט איז קיין צייט צו טראַכטען ניט געווען. ער האָט אויף דער גיך געדונגען דריי רומס, האָט איינגעקויפט די סאַמע נויטיגע שטיקלאַך מעבעל און האָט שטאַרק מקפיד געווען, אַז די דירה זאָל ניט זיין אין די אידישע גאַסען, און אויף אַזאַ אופן איז ער געווען מעהר זיכער, אַז זי וועט זיך מיט די לאַנדסלייט ניט באַגעגנען און דאָס וועט איהם אָפּראַטעווען פון פיעלע היימישע סצענעס...

מאַטעל האָט זיין חוב געטאַן; דאָס הייסט, וואָס ער האָט געדענקט, אַז ער איז פאַרפליכטעט צו טאַן. אויסער די הוצאות, וואָס ער האָט געהאַט אַן אַ זייט, האָט ער די גאַנצע וויידזשעס געבראַכט אַהיים און אָפּגעגעבען דעם ווייב, און זי האָט גע'בעל־הבית'עוועט ווי זי האָט געקענט און האָט דעם גאַנצען טאָג ניט אויפגעהערט צו שילטען אמעריקע מיט איהרע מנהגים, וואָס געלט וועַרט דאָ צורונען ווי וואַסער; וואָס מען קען דאָ ניט קריגען, וואָס

מען דארף, און דערצו שינדט מען נאך אראפ די הויט.

אין קריסטליכען קווארטאל איז זי געווען א שטומע און האט זיך מיט קיינעם ניט געקענט צונויפרעדען; זי האט ניט געוואוסט וואס צו קויפען, ווי צו קויפען און ווען צו קויפען און פון פיהרען א בעל־הבית׳שקייט ווי געהעריג איז, איז ניט געווען וואס צו רעדען.

מאטעל פלעגט קומען שפעט און אוועקגעהן זעהר פריה. ניט געפינענדיג אין דער היים צו עסען, וואס איהם איז געווען געפעלען, האט ער געטראפען די וועג אין א רעסטאראן. די אבענדען האט ער פארבראכט אין א קאפע־הויז און אהיים איז ער געקומען שלאפען.

פרומע האט ניט איין מאל געוויינט איבער איהם, אז זי פיהלט זיך דא ערגער ווי אין א תפיסה, און אז איהר לעבען איז דא ניט ווערט קיין גראשען, און ער האט איהר געענטפערט קאלט, אז ער האט נאך איהר ניט געשיקט; פארקעהרט, ער האט איהר געווא־רענט, אז זי זאל ניט קומען, און אז זי האט געטאן, ווי זי האט פארשטאנען, זאל זי ווייטער טאן ווי זי פארשטעהט.

— פיהר מיך אריין ערגעץ צו א לאנדסמאן. איך וועל דא פארגעסען רעדען — האט זי זיך ביי איהם געבעטען.

— איך האלט דיך ניט פארשפארט. דו קענסט געהן, וואו דו ווילסט, נאר מיר לאז צורוה. איך האב קיין צייט ניט ארומצו־פיהרען זיך מיט דיר. — האט ער געענטפערט, ווען ער האט חשק געהאט, אז ניט — האט ער גאר געשוויגען.

אזוי איז אריבערגעגאנגען א יאהר צייט. א שווערער יאהר פאר זיי ביידען, און זי איז דערווייל פארגאנגען אין טראגען. זי האט זיך דערווייל א ביסעל אויסגעגרינט און האט זיך מעהר באקאנט מיט די גאסען און האט א מאל אין גאס באגעגענט א לאנדסמאן. זי האט ביי איהם גענומען די אדרעסען פון די לאנדסלייט און האט זיך געלאזט געהן מיט וויזיטען.

פון די וויזיטען האט זי אויסגעפונען פיעל זאכען. דא האט זי אויסגעפונען, ווי האט דא מאטעל פארבראכט די צייט, ווערענד זי איז געווען אין דער היים; ווער איז דאס די טייטשקע, מיט

װעלכע ער האָט זיך אױפגענוכעט; װי ער קריכט נאָך איצט אױך ניט אַרױס פון עני׳ס שטוב; און דאָ האָט זי באַקומען עצות, אַז זי זאָל איהם זעהן בעסער אַריינצונעהמען אין די הענט, און פון איהר זייט האָט זי דערצעהלט, װאָס פאַר אַ ביטערען לעבען זי פיהרט פאַר מאַטלען, װי ער װייכט פון דער היים און האָט עס געמאָלט אין פיעל פינסטערערע פאַרבען.

די ערשטע זאַך, װאָס פרומע האָט איצט געזעהן אױסצופיהרען איז געװען, אַריבערצוציהען זיך אין אַ אידישע גאַס, ניט װייט פון די לאַנדסלייט. זי האָט אַליין אָפּגעזוכט רומס און אַריבער־געמופט אהן זיין הילף, און פון דאַן אַן האָט זיך דאָס הױז פאַר מאַטלען פאַרװאַנדעלט אין אַן אמת׳ן גיהנום: האָט ער ניט גע־װאָלט עסען איהרע שפּייזען, איז זי באַלד אַרױסגעפאָהרען:

— געװיס שמעקט בעסער, װאָס אַ פרעמדע װייב קאָכט. װאָס זשע, מיין קאָכען קען האָבען אַ טעם?

איז ער געקומען שפּעט, איז דער ערשטער ברוך הבא, װאָס ער האָט באַגעגענט אין דער היים, געװען:

— אהא! מסתמא ביי דער חצופישקע געזעסען! װאָס איז שייך, דאָרט איז ליבער צו זיצען. דאָרטען איז...

אַזױ געװעהנליך האָט ער אױסגעהערט און געשװיגען. נאָר דאָ האָט ער זיך מעהר ניט איינגעהאַלטען און האָט אַ געשריי געטאָן:

— דו זאָלסט ניט װאַגען װייטער װעגען איהר צו רעדען. דו הערסט? ניט װאַגען איהר נאָמען צו דערמאָנען.

— אַזאַ טהייערע צאַצע איז זי...

נאָר ער האָט מעהר ניט געװאָרט און איז אַרױס פון שטוב. די נאַכט האָט ער זיך שױן מעהר ניט אומגעקעהרט און געקומען איז ער ערשט אױף מאָרגען שפּעט אין דער נאַכט.

די ערשטע צייט האָט דאָס אױף איהר געװירקט און זי האָט איהם אױף מאָרגען באַגעגענט שטיל און אַ װאָרט מעהר ניט גע־רעדט; נאָר שפּעטער האָט זי געקראָגען מעהר מוט, און האָט אָנ־געהױבען פון איהם צו פאָדערען, אַז ער זאָל פון דער חצופישקע עני װייכען.

— איך וויל ניט, אז דו זאלסט צו איהר אין שטוב אריינגעהן. דו מיינסט, איך ווייס ניט?... איך ווייס אלץ, און איך וויל ניט, דו זאלסט צו איהר זיין אן איינגעהער. דו הערסט? איך וויל ניט.

— דו ווילסט ניט? וויל ניט. קיינער נויט דיר ניט דו זאלסט וועלען.

— הער מאטעל, ברענג מיר ניט ארויס פון זיך. איך וועל דיר מאכען אזעלכע בזיונות, אז דו וועסט זיך ניט האבען וואו צו באגראבען.

— דו וועסט מיך פאר׳מסר׳ן פאר דיינע לאנדסלייט? — האט ער איהר געזאגט מיט א שטאך, געבענדיג איהר אנצוהערעניש, אז ער ווייסט וואס זי רעדט אויף איהם פאר די לאנדסלייט.

— געדענק, מאטעל, דיר וועט פינסטער ווערען אין די אוי־גען, אז איך וועל געהן. איך רעד צו דיר מיט גוטען: איך וויל קיין לייטישע געלעכטער ניט מאכען, נאר אז דאס וועט קיין סוף ניט נעהמען, וועל איך איהר פאטשען אין גאס, ווי דו זעהסט מיר א לעבעדיגער, אז איך וועל דאס טאן.

— וואס? — האט מאטעל געפרעגט, און איז בלייך געווארען ווי קאלך. — וואס האסטו געזאגט? פרואוו נאר איין ווארט איהר זאגען און...

— און וואס?

— דו וועסט זעהן פארטיגערהייט, — האט ער געזאגט לאנג־זאם און מיט אזא קאלטען טאן, אז א קעלט איז איהר איבערגע־לאפען איבער׳ן לייב און דער לשון האט איהר א ווייל אפגענומען.

פרומע האט אויפגעגעבען דעם געדאנק צו געהן פאטשען זיך מיט עני׳ן, און זי האט גענומען ברויכען גאר אן אנדער מיטעל, ווי צו געווינען צוריק דעם מאנ׳ס הארץ. זי איז געגאנגען פון איין לאנדסמאן צום צווייטען און געבעטען איהם, ער זאל איינרעדען מיט מאטלען און דערמאנען, אז ער איז א טאטע פון קינדער, און יעדער האט גערעכענט פאר זיין הייליגען חוב צו זאגען א קאפ מוסר מאטלען און דערמאנען איהם, אז עס איז ניט קיין סטאטעק פאר א טאטען פון קינדער צו ווייכען פון דער היים און צו מאכען לייטישען געלעכטער.

מאַטעל האָט ניט געקענט באַגעגענען אַ לאַנדסמאַן, אַז יענער זאָל גלייך ניט אָנהויבען צו רעדען מיט איהם וועגען זיין ווייב און זיינע קינדער. אַלע האָבען געהאַט כמעט איין לשון און דעם זעלבען נוסח, און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט גענומען ווייכען פון זיינע לאַנדסלייט, ווי פון דער היים.

ענדליך אָבער האָט איהם דערעסען אַזאַ מין לעבען, און האָט געזוכט אַנצוטאָן איבער זיך אַ כח און אַריינציהען זיך אין שטור־ביגען לעבען. נאָר דאָס איז געווען אַ שווערע זאַך אויסצופיהרען. אויף יעדען טריט און שריט האָט ער עפּעס באַגעגענט, וואָס האָט איהם אָפּגעשטויסען. ער האָט זיך ניט געקענט העלפען, ניט צו פאַרגלייכען עני׳ס ריינקייט און זויבערקייט און פרומע׳ס שלום־פער; די שטילקייט, די רוהיגקייט אין הויז, און דער הו־האַ, דער ליאַרעם דאָ. האָט ער גענומען אַ ביסען אין מויל, האָט ער זיך דער־מאָנט, ווי די שפּייזען האָבען געשמעקט ביי עני׳ן; האָט ער אַ קוק געטאָן אין שטוב און געזעהן ווי יעדע זאַך איז דאָ אָנגעוואָרפען, האָט ער זיך דערמאָנט די אָרדנונג דאָרטען; איז ער צוגעגאַנגען צום סינק און דערהערט דעם עפּוש, וואָס האָט זיך דאָ אָנגעקליבען פון טענעט צו טענעט, און דערזעהן קאַקרוטשעס, וואָס האָבען פון יעדען שפּאַלט אַרויסגעשטעקט די לאַנגע וואָנסען, האָט איהם אָנגעכאַפּט אַן עקעל, און ער האָט ווייטער גענומען ווייכען פון דער היים.

אַזוי זיינען אַריבער אַ פּאָר יאָהר. פרומע איז אונטער דער דער צייט מיד געוואָרען פון דעם קאַמף און האָט זיך אָפּגעלאָזט. זי האָט אויפגעהערט צו מאַכען איהם סצענעס און האָט מעהר אָנ־געהויבען צו זאָרגען וועגען איהר גוף. איהר האָט אָנגעהויבען צו־צוקומען אין וואָג, זי האָט זיך אַביסעל פאַנאַנדערגעגאָסען און איהר געזיכט איז געוואָרען אָפּאַטיש. נאָר איהר קלאָגען זיך אויף מאַטלען פאַר די לאַנדסלייט איז געוואָרען אַ רגילות. איהר גע־שפּרעך האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ קלאָגעניש אויף איהר בייזער מערכה און עס האָט זיך געענדיגט מיט דעם. נאָר איצט האָט זי דאָס געטאָן אָהן שנאה אין האַרצען, און אויב איהר געזיכט האָט דערביי אָנגענומען אַ פאַרצווייפעלטע מינע, איז דאָס ניט געווען

געמאַכט, זאַנדערן דאָס איז אויך געקומען פון געוואוינהייט. פּונקט אַזוי ווי ביים פרומען אידען בייגט זיך איין דער קאָפּ צו מודים, כאַטש זיינע געדאנקען זיינען דעמאָלט אין האַצע־פּלאַץ.

אַנדערש האָבען די פּאָר יאָהר געווירקט אויף מאָטלען. ער איז אַוועק נאָך ווייטער אין זיך. די לאַנדסלייט האָט ער געזוכט אויסצומיידען, אָבער אַנטלויפען פון זיי האָט ער ניט געקענט. מיט פיעלע האָט ער געאַרבייט צוזאַמען אין איין שאָפּ און זיי האָבען ניט פאַרפעהלט אריינצוזאָגען איהם אַ ביסעל מוסר. אין שטוב איז ער זעהר ווייניג געזעסען. געקומען, אָפּגעגעסען און אַוועק ביז עס איז געקומען די צייט צו שלאָפען. אין קיין קאַפּע הויז איז ער שוין ניט געגאַנגען, און אין קיין רעסטאָראַן אויך ניט, סיידען אַז ער האָט ניט געפונען וואָס צו עסען אין דער היים, וואָס האָט שטענדיג פּאַסירט אין די טעג פון גרעט וואַשען (ער האָט זיך שטענדיג געוואונדערט, פון וואַנען נעהמט זיך ביי איהר אַזוי פיעל גרעט צו וואַשען, ווען אין שטוב איז אַלץ שטענדיג ברודיג) אָבער ווען אַ קינד איז געווען עפּעס קראַנק, וואָס האָט אויך פּאַסירט יעדען מאָנטאַג און דאָנערשטאַג. אין קיין טעאַטער איז ער אויך ניט געגאַנגען, מען זאָל ניט זאָגען, אַז ער לעבט זיך אַ גוטען טאָג ווערענד דאָס ווייב ווערט ביי איהם ארויסגעצויגען, און צוזאַמען מיט׳ן ווייב וואָלט ער ניט געגאַנגען, אפילו ווען מען וואָלט איהם אָפּגעשאָטען מיט גאָלד. ער האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען, אַז ער זאָל איין מאָל אַראָפּגעהן צוזאַמען מיט איהר פון די טרעפּ צייט זי איז געקומען אין אַמעריקע.

געגאַנגען איז ער אַ פּאָר גאַסען אויף און אָפּ מיט לאַנגזאַמע טריט, שטענדיג מיט׳ן זעלבען וועג, אָדער ער פלעגט אַריינקומען צו אַ לאַנדסמאַן, וואָס האָט געהאלטען אַ סטיישאָנערי סטאָר, און מיט פאַרלעגטע הענט אין די אַרבעל איז ער געשטאַנען שטונדענווייז אָנגעשפּאַרט אָן קאָונטער, ניט אויסרעדענדיג קיין פינף ווערטער.

אַ מאָל, ביי נאַכט, ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט פון אַזאַ מין שפּאַציר, האָט ער נאָך געפונען פרומען אַרומדרעהען זיך אין קיטשען (געוועהנלאַך פלעגט זי געהן שלאָפען פרי). ער האָט זיך גע־

זעצט ביים טיש, איז געזעסען א ווײלע שטיל און פּלוצים האָט ער זיך צו איהר געווענדעט:

— זאָג מיר, האָסטו עפּעס געלט?

זי האָט איהם אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— איך ברענג דיר יעדע וואָך די גאַנצע ווײדזשעס, שוין עט־ליכע יאָהר נאָכאַנאַנד. איך האָב נאָך איין וואָך סלעק ניט גע־האַט. דו האָסט שוין געדאַרפט אָנקלײבען אביסעל געלט.

— געלט? — האָט זי געענטפערט. — וואָס מײנסטו? דו ווערסט זיך לעבען ווי א פריץ און מיר וועלען אָפּקומען מיט שהי־פּהי? מיר זיינען, זאָל ניט אויסגערעדט זיין, אַ פאַמיליע און מיט׳ן געלט, וואָס דו ברענגסט אהיים, קען מען זיך קוים אויסקירעווען.

ער האָט מעהר ניט גערעדט. ער איז יענע נאַכט לאַנג ניט איינגעשלאָפען. וואָס איז דער תכלית פון אזא לעבען? ער קען זאָגען, אַז איהם איז געווען בעסער ווי אַנדערע ארבייטער אין אמע־ריקע. ער האָט נאָך איין וואָך סלעק ניט געהאַט, זיינע פאַר־דינסטען זיינען די גאַנצע צייט געווען ניט קיין שלעכטע און איצט זאָל ער איין וואָך פאַרלירען די ארבייט, וועט ניט זיין מיט וואָס אויסצוקומען.

וואָס וועט זיין דער תכלית? ער וועט געהן דעם גאַנצען לעבען אין שפּאַן ווי אַ פערד, און זי וועט זעהן צו רייסען פון איהם, פיעל זי וועט קענען, און אַז ער וועט פאַרלירען די כחות, וועט ער זיך מעגען אויסציהען אין גאַס און שטאַרבען.

שטאַרבען אין גאַס? פאַר וואָס זאָל ער וואַרטען אויף אַזא מאוס׳ן טויט און זיין נאָמען זאָל מען נאָך באַ׳נבל׳ען, אַז ער האָט אומגליקלאָך געמאַכט אַ ווייב מיט קינדער... דאָס לעבען האָט פאַר איהם קיין צוציהונג ניט. טאָג־טעגלאָך לייענט ער אין די צייטונגען: דער האָט זיך אַ מיתה אָנגעטאָן, יענער האָט זיך גע־נומען דאָס לעבען, דער האָט זיך געס׳סמ׳ט, יענער האָט זיך גע־האַנגען און דער טויט, סיי צייטלאַכער און סיי אומצייטלאַכער, האָט איצט פאַרלאָרען אין זיינע אויגען יענעם שרעק, וואָס איז געווען איינגעבאָרען אין זיין הארצען אונטער דעם איינפלוס פון

זיין שטענדיגען לייענען וועגען מענשען, וואָס נעהמען זיך דאָס לעבען און פון מענשען, וואָס פאַלען ווי פליגען.

די הויפּט־נייעס וואָס איהם האָט די לעצטע צייט אינטערעס־סירט אין אַ צייטונג, איז געווען וועגען אומגליקספאַלען. ער האָט דארשטיג געלייענט אַלע איינצעלהייטען און אין זיין מאַרך האָט געאַרבייט איבער דער פראַגע, וועלכער טויט איז דער גרינגסטער.

נאָר פאַרלירען די מורא פאַר׳ן טויט און האָבען אַ לוסט צו לעבען זיינען צוויי באַזונדערע זאַכען, און אַ קול ביי איהם אין הארצען האָט צוגערעדט: „נאָר, דאָס לעבען האָט פאַרגעניגענס און נאָר אַ לעבעדיגער מענש קען זיי געניסען. שטאַרבען איז קיין מאָל ניט צו שפּעט און מען קען דאָס קיין מאָל ניט פאַרזאַמען. אַנטלויף פון דאַנען, און זאָל דיך ניט אַרען וואָס מען וועט רעדען, אַנטלויף און לעב אַ גוטען טאָג“.

נאָר ער האָט דערפיהלט עפּעס אַ מין גייסטיגע פוילקייט. דער קאַמף האָט איהם אויך אויסגעמאַטערט. און ווידער, אַנטלויפען איז צייט געווען דעמאָלט, ווען ער האָט ערהאַלטען פון פרומען דעם בריעף, אַז זי קומט אין אַמעריקע; אָבער איצט, נאָך לאַנגע יאָהרען פּלאַגעניש, אָפּקומעניש, נעהמען און אַנטלויפען, איצט, ווען ער האָט אויף דער וועלט געבראַכט נאָך עטליכע אומגליקליכע נפשות, פאַר וואָס האָט ער געליטען אַזוי פיעל צייט?

אויף די קינדער רייסט איהם דאָס האַרץ. שעהנע קינדערלאַך, נאָר וואָס קען ער פאַר זיי טאָן? ער קען זיי גאָר ניט העלפען. נאָר דאָך, איבערלאָזען זיי אַזוי קען ער ניט. ווען זי וואָלט כאָטש געהאַט אַ ביסעל געלט.

אַ פּאָר חדשים צייט האָט ער זיך ארומגעטראָגען מיט די גע־דאַנקען און ענדלאַך האָט ער געפונען אַן אויסגאַנג.

זיצענדיג אַמאָל ביים סאַפּער מיט די אויגען אריינגעשטעקט אין אַ צייטונג, האָט ער זיך פּלוצים געווענדעט צו פרומע׳ן:

— דו ווייסט, מיר טרעטען אריין אין אַ לאַדזש און דו וועסט דאַרפען געהן צום דאָקטאָר.

— אין אַ לאָדזש? די צייט זאָלען מיינע שונאים קרענקען, ווי איך וועל צום דאָקטאָר ניט געהן.

ער האָט איהר אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— דו מיינסט, איך ווייס ניט וואָס דו ווילסט? דו ווילסט נאָך נעהמען געלט נאָך מיין טויט און חתונה האָבען אַ צווייטען מאָל.

פרומע׳ן האָט אויפ׳ן געדאַנק ניט געקענט אַרויפגעהן, אַז מאַטעל זאָל עפּעס וועלען טאָן גוטס פון איהרעט וועגען. אַז ער וויל אַריין אין אַ לאָדזש, מסתמא האָט ער דערביי אַ מיין און האָט זיך אין זינען. דערצו איז זי ווידער געוועזן טראַגעדיג און כאָטש זי איז קיין ערשטלינג ניט געוועזן, האָט זי אָפט געטראַכט פון טויט.

— וואָס עס אָנבאַלאַנגט צו חתונה האָבען, מעגסטו זיין זיכער, אַז נאָכדעם ווי מען האָט געהאַט איין מאָל אַ ווייב ווי דו, ועט מען שוין פאַרזאָגען אַ צעהנטען חתונה צו האָבען. און וואָס איז שייך צום טויט, ועסטו מיך איבערלעבען. דאָס קען איך דיר זאָגען אויף זיכער.

פרומע האָט זיך בעראַטען מיט איהרע באַקאַנטע ווייבער און אויסגעפינענדיג, אַז זייערע אַלעמענס מאַנען באַלאַנגען צו לאָדזשען, האָט זי איינגעוויליגט צו געהן צום דאָקטאָר עקזאַמיניר־רען זיך.

מאַטעל איז אַריינגעטראָטען אין אַ לאָדזש, וואו מען האָט געגעבען טויזענד דאָלאַר צום ווייב, ווען דער מאַן שטאַרבט אָדער פאַרקערט און קרקע פאַר׳ן טויטען און דאָס גלייכען, און ער האָט גענומען צעהלען די טעג, די וואָכען, די מאָנאַטען. און ווען אַ יאָהר מיט עפּעס איז אַריבער, איז ער געוואָרען אַ פרעהלאַכער מענש.

— נו, חברה — פלעגט ער זיך ווענדען אין שאָפּ צו זיינע חברים, מיט וועלכע ער האָט שוין יאָהרען לאַנג געאַרבייט, — וועל־כער טויט, דענקט איהר, איז דער גרינגסטער?

— קאַרבאָליק ברענט, וואָסער איז קאַלט, הענגען זיך — האָבען די חברים געלאַכט.

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט ער זיך געווענדעט צו די חברים און צום באָס, זיי זאָלען איהם לייהען אַ ביסעל געלט.

— איך האָב שוין אַ צייט מיט יאָהרען ניט געלעבט. איך וויל כאָטש איין מאָל אַ לעב טאָן, — האָט ער געזאָגט און צוגעפּ־געליהען אַ דאָלאַר פינף און דרייסיג.

ער איז אַוועק צום באַרבער און האָט זיך אָרומגעשייווט. פאַר־בייגעהענדיג איז ער אַריין אין אַ מאַגאַזין און געקויפט עטליכע צאַצקעס פאַר די קינדער, און קומענדיג אַהיים האָט ער זיך אַ ווײַלע מיט זיי געשפּילט און איז דערנאָך צוגעגאַנגען צום קאָמאָד, האָט דאָרטען עפּעס געזוכט און אַרײַנגעלעגט צו זיך אין קעשענע. דער־נאָך האָט ער אָנגעטאָן זיין בעסטען אָנצוג. שוין אַרויסגעהענדיג, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט היינט צום סאַפּער ניט זיין. נאָר דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די נעגעל זיינען ביי איהם ניט אָרומ־געשאָרען, און ער איז צוריק אַריין אין שטוב, האָט גענומען אַ שערעלע און האָט זיי אָרומגעשאָרען.

ער האָט אָפּגעזוכט אַ טהייערען רעסטאָראַן און געהייסען זיך דערלאַנגען שאַמפּאַניער. אָנגעהערט האָט ער זיך זעהר פיעל פון דער משקה, נאָר פאַרזוכט האָט ער עס נאָך קיינמאָל ניט. די משקה אָבער איז איהם ניט געווען געפעלען און ער האָט זיך גע־וואונדערט, וואָס אַזוינס מען געפינט דאָס אין איהר.

פון רעסטאָראַן איז ער אַרויס מיט געלט אין קעשענע און ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט, וואָס טוט מען ווייטער. דער וויין האָט זיך שוין געלאָזט פיהלען און די פיס זיינען איהם געוואָרען גרינ־גער. אַ שעהנע פּרויענצימער געזיכט האָט צו איהם אַ שמייכעל געטאָן. ער האָט איהר געענטפערט מיט אַ שמייכעל און זיי זיינען ביידע אַוועק. ער האָט ווייטער געטרונקען וויין, נאָר איצט איז דאָס טרינקען צוגעגאַנגען פרעהלאַכער, און דער פּראָסטערער וויין איז איהם בעסער געפעלען געוואָרען.

* * *

שפּעט נאָך האַלבע נאַכט איז מאָטעל געגאַנגען צום איסט־ריווער. ניו־יאָרק האָט נאָך ניט געשלאָפען, אָבער די גאַסען זיינען געווען שטילער. דער גאַנצער גערויש און טומעל פון טאָג איז פאַר־שוואונדען. און איצט, אין די שעהנע זומער־נעכט, ביי דעם אָנ־בליק פון די פאַרלאַד, וואָס האָבען שפּאַצירט רוהיג איבער די גאַסען,

זיינען ארויסגעטראָטען ערינערונגען פון לאַנג פאַרגאַנגענע יאָהרען ביי איהם אין מאָרד און פאַרטריבען אביסעל זיין שכרות. עס האָט איהם פאַרקוועטשט אין האַרצען, וואָס דאָס לעבען האָט פון איהם באַהאַלטען די ליכטיגע זייט. ער האָט אויך געקענט זיין גליקלאַך און געניסען פאַרגעניגען.

ער איז שוין געשטאַנען ביים דאַק. דאָ האָט זיך קיין לעבעדי־גער מענש איצט ניט געפונען. פון דערוויייטענס האָבען זיך גע־הערט עפּעס רוהיגע און לאַנגזאַמע טריט. א שיפעל אויפ׳ן טייך האָט פון צייט צו צייט א פייף געטהאָן. דאָס וואַסער אונטען האָט אויסגעזעהן, ווי אַן אומגעהייער גרויסע שוואַרצע מאַסע. און איהם האָט ווידער א קלונג געטהאָן אין די אויערען: „דאָס בין איך, דיין פרומע!“

עס האָט זיך געהערט א פּלוך אין וואַסער. א פּאָר מאָל האָט זיך ארויסגעשטעקט פון דער שוואַרצער מאַסע א ווייסליכער פלעק און האָט זיך צוריק אראָפּגעטונקט.

.1898

אַ גרוס

(אַ מעשה שהיה)

איך בין דאָמאָלס אַרומגעפאָרען איבער די תפוצות ישראל און געזוכט דעם נעכטיגען טאָג.

דאָס מזל האָט מיר אין די זוכעניש פאַרוואָרפען אין דער גרויסער שטאָדט אָדעס. דאָ האָב איך באַגעגענט וועמען איהר ווילט, נאָר דעם נעכטיגען טאָג האָב איך ניט געפונען.

איך האָב געדאַרפט נעמען דאָס פּעקעל און זעקעל און פאָרען ווייטער.

אין פּלאַן איז ביי מיר געווען דורכצופאָרען מיראַזאַווקע. לעאָן סאַפּרא, מיינער אַ חבר פון חדר, מיט וועלכען איך האָב זיך איצט אַ צייט מיט יאָהרען אויף דאָס ניי באַגעגענט און געטראָפען איהם אין אוניווערזיטעט אויפ'ן דריטען קורס פון דעם מעדיצי־נישען פאַקולטעט האָט מיר פאַר'ן אָפּפאָרען געבעטען, איך זאָל אין מיראַזאַווקע אומבאַדינגט זעהן זיין כלה און אָפּגעבען פון איהם אַ וואַרעמען גרוס. און אַזוי טאַקע האָב איך פאַרצייכענט אין מיין נאָטיץ־ביכעל: פריילין ווערבאָוויץ אַ גרוס פון חתן, לעאָן סאַפּרא.

דער גרוס, דוכט זיך, איז מיר אין דער לינקער פּאָה אפילו ניט געלעגען, נאָר איך ווייס אַליין ניט ווי אַזוי, האָב איך זיך וועגען דעם אין וועג דערמאָנט. פאַר מיינע אויגען האָט זיך גע־שטעלט לעאָן און איך האָב געלעזען אין זיין געזיכט, אין זיינע אויגען, אין זיינע מינעס יענע הייסע געפיהלען, וואָס טרייבען אַרום דאָס בלוט אין די אָדערען מיט האַסט, מאַכען הייס אין מאָרך און מאַכען פּויקען דאָס האַרץ.

— אַ וואָרעמען גרוס! — האָבען מיר געקלונגען אין די אויערען לעאָנ׳ס ווערטער און איך האָב געזעהן, ווי די אויגען האָבען זיך איהם אָנגעצונדען.

יענע יאָהרען, ווען איך האָב צו איהר געשריבען צעטעלאַך און געקאָלעוועט מיט אַ קלאַפּענדען האַרץ אַרום איהר הויז, ווען אַ שטייגער „זי״ איז געשלאָפען און טיר און טויער זיינען געווען פאַרהאַקט און איך האָב געוואָרפען זשעדנע בליקען אויף איהר פענסטער, האָבען פּלוצים ערוואַכט אין מיין מאַרך און עפּעס אַ צאַרטעס איידעלעס געפיהל האָט גענומען פרעסען, סטשימען מיין ברוסט, עפּעס איז אויף מיר אָנגעפאַלען אַ ביינקעניש, אַ זיסער טרויער און האָט מיך אין גאַנצען צושרויפט. ווי לאַנג בין איך געזעסען פאַרזונקען אין דעם זיסען טרויער געדיינק איך ניט, נאַר דאָס געדיינק איך, אַז ערוואַכט האָב איך מיט די ווערטער:

— אַה, נאַרישער מענש!

דער נאַרישער מענש איז געווען געשיקט אויף לעאָנ׳ס אַדרעס. איך, פאַרשטעהט זיך, בין אַ פּקח, איך האָב שוין אַ ווייב מיט צוויי קינדער, נאַר ניט קוקענדיג אויף דעם האָב איך דאָס געזאָגט מיט אַ שטיקעלע קנאה אין האַרצען: פאַר וואָס איז די נאַריש־קייט ביי מיר ניט פאַרבליבען? אויף פיעל בין איך דאָס עלטער פון איהם?

מיין רייזע האָט געדויערט צוויי טעג און איך בין אָראָפּגע־קומען אין מיראַזאַווקע פאַרנאַכט. איך בין פאַרפאָרען אין אַן אכסניא, האָב אָפּגעוואַשען אביסעל פון זיך דעם שטויב, און אַזוי ווי טאָן וועגען מיין זאַך האָב איך איצט ניט געקענט, אויך די פּערעספּעקטיווע צו פאַרברענגען אַ זומערדיגען אָוועגד אין די פיער ווענט פון אַ קליין צימער אין אַן אכסניא איז ניט געווען אַזוי אָנגענעהם, בין איך געגאַנגען איבערגעבען דעם גרוס.

פאַרשטאַנען האָב איך, אַז אַ גאַסט וועל איך זיין ניט קיין קליינער. זי פון אַ קליין שטעדטעל, ער אַ סטודענט אין אָדעס, זיינער אַ חבר און אַ לעבעדיגער גרוס, עס וועט זיין ליהודים. לאַנג פרעגען האָב איך ניט געדאַרפט, דער ערשטער אידעל, ווען איך

האָב באַגעגענט האָט מיר אָנגעוויזן וואו צו געהן און אין וואָ־סערע צעהן מינוט ביז איך שוין געווען דאָרטען.

לײדער האָב איך די פרייליין אַליין צו הויז ניט געטראָפען, מיט אַ פערטעל שטונדע צוריק איז זי ארוים שפּאַצירען, מאַדאַם ווערבאָוויץ האָט זיך אפילו געסטאַרעט אָפּצוהאַלטען מיר, נאָר אָפּ־זיצענדיג אַן ערך וועלכע האַלבע שטונדע, האָב איך זיך אויפגע־הויבען פון מיין אָרט און אַוועק צו זיך, פאַרשטעהט זיך, די מוטער האָט פון מיר גענומען דאָס וואָרט, אַז איך זאָל אונבאַדינגט קומען איבערגעבען דעם גרוס.

איך ביז געקומען צו מיר אין נומער מיט אַ שטיקעל פאַר־דרוס פאַר מיין גענאַרטען חשבון און ביז דערפאַר געגאַנגען באַלד שלאָפען.

געשלאָפען ביז איך ווי נאָך אַ וועג. אין דער פריה ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָט מיר דער בעל אכסניא געזאָגט, אַז נעכטען ביי נאַכט איז דאָ געקומען פרעגען ווערבאָוויצעס טאָכ־טער, נאָר איך ביז שוין געשלאָפען.

עס איז נאָך געווען פריה אַריינגעהן אָפּצוגעבען דעם גרוס און דעריבער ביז איך פריהער אַרויסגעגאַנגען וועגען מיין זאַך.

אַ זייגער צעהן ביז איך אַריין צו ווערבאָוויץ, נאָר איך האָב די פרייליין ניט געטראָפען. זיי האָבען מיר געזאָגט, אַז זי האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטען און איז געגאַנגען צו מיר און זיי וועלען נאָך איהר שיקען די דיענסט, נאָר דעם טאָג האָב איך ניט געוואָלט צושלאָגען און האָב דעריבער ניט געקענט וואַרטען.

באַפרייט פון מיין געשעפט האָב איך זיך זעהר שפּעט און ביז דעריבער אַוועק צו זיך אין נומער. ליגענדיג שוין אין בעט, האָב איך געהערט, ווי עמיצער איז צוגעקומען צו מיין טיר און האָט געפּרופט די הענטעל, אויף מיין פראַגע, ווער איז דאָרטען? האָב איך באַקומען אַן ענטפער פון בעל אכסניא: פון ווערבאָוויץ איז מען געקומען מיר זעהן. איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך שלאָף. נו, ווי עס שיינט איז דער ענטפער פאַר איהם געווען ניט גענוג שטאַרק, וויל ער האָט מיר גלייך באַמערקט: „ווערבאָוויצעס טאָכטער אַליין איז דאָ“. — אָבער איך שלאָף שוין,— שוין האָב

איך ווידערהאָלט און געמיינט, אַז איצט וועט זיך מיין בעל אכסניא באַניגענען, נאָר ער האָט אויף דעם אויך געפונען צו ענטפערען: „זי איז שוין דאָ היינט דאָס ווִיפּעלטע מאָל״. — מאָרגען אין דער פריה וועל איך זיין ביי זיי, — האָב איך געענטפערט, און דעם בעל אכסניא׳ס טריט האָבען זיך געהערט דערווייטערען זיך.

— אַ פאַרליבעניש אַביסעל! — האָב איך צו זיך געזאָגט. אַזוי שפּעט איז זי ניט פויל צו לויפען אָפּנעמען אַ גרוס פון אַ געליעבטען.

אויפגעשטאַנען בין איך גאַנץ פריה און די ערשטע זאַך וואָס איך האָב געטאָן איז געווען צו געהן צו ווערבאָוויץ׳ן מיט׳ן גרוס, קיין עטיקעט האָב איך שוין ניט געאַכטעט, אַז צוועלף ביינאַכט קען די פריילין קומען אין אכסניא, מעג איך געהן זיבען פריה צו איהר אין הויז, נאָר די הויז איז געווען פאַרזונקען אין שלאָף. די דיענסט נאָר איז געשטאַנען אין פאָרהויז און געמאַכט דעם סאַמאָוואַר.

— זיי האָבען זיך נעכטען געלייגט שפּעט, — האָט זי מיר געזאָגט.

איך האָב זיך שיער ניט צולאַכט. מיר אַליין האָט שוין אָנגעהויבען צו שיינען ווילד אונזער יאָגען זיך איינער נאָכ׳ן צווייטען און דאָס ניט טרעפען זיך. נעבאָך, זי וועט דאַרפען וואַרטען אַ גאַנצען טאָג ביז איך וועל קענען אַריינקומען אַ צווייטען מאָל. און איך האָב איהר באַדויערט, פון גאַנצען האַרצען.

עס איז שוין געווען אַ זייגער צעהן אָווענדצייט, ווען איך בין דאָס צווייטע מאָל אַריינגעקומען צו ווערבאָוויץ. מיין ערשטע פראַגע איז געווען מיט אַ שמייכעל: — ווייטער ניטאָ? — אויף דעם האָט מיר די מוטער געענטפערט, אַז זי איז נאָך היינט ניט אַרויסגעגאַנגען „מפתח ביתה“ און זיצט ווי אַ צוגעשמידטע און וואַרט אויף מיר.

זי איז מיר גלייך אַרויסגעלאָפען אַנטקעגען און אַריינגעפירט אין זאַל און אָנגעהויבען פאַרשיטען מיר מיט פראַגעס. „האָט איהר איהם אַליין געזעהן? ווי זעהט ער אויס? איז ער פרעהליך? וואָס האָט ער געזאָגט?...“ זי האָט געשאָטען מיט פראַגעס איינע

נאָך די אַנדערע און באַלד ווייטער איבערגעפרעגט און אַבער גע־פרעגט און איהרע אויגען האָבען געגלאַנצט און געבליצט און עס איז געווען קלאָהר אַרויסצוזעהן, אַז דאָס ריידען וועגען „איהם" גיט איהר חיות.

אוי, דוכט זיך, זי האָט איין קלייניגקייט ניט איבערגעלאָזט. איך האָב איהר געדאַרפט דערצעהלען, וואָס פאַר אַ וואָהנונג ער האָט, צי ער טראָגט די רובאַשקע, וואָס זי האָט איהם אויסגענייט, צי ער האָט אָפּגעשוירען זיינע לאַנגע האָר, צי ער פאַרטראַכט זיך אַזוי פּלוצים און ער הערט ניט, וואָס מען רעדט צו איהם. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב פיעל מאָל געענטפערט אויף אַזעלכע זאַכען, וואָס איך האָב אַליין ניט געוואוסט, נאָר דאָס האָב איך געטאָן פאַר אין ברירה. זי איז צו מיר אַזוי צוגעשטאַנען, אַז איך האָב געמוזט ענטפערען, כאָטש זאָגען אַ ליגען אַבי ענטפערען.

ווען דער זייגער האָט געשלאָגען צוועלף, האָב איך שוין גע־רעכענט אַז מיין מיסיאָן איז געפּטר'ט, איך האָב זיך אויפגעהויבען און געוואָלט נעמען אָפּשיעד, נאָר וואו? וואָס? זי האָט ניט געוואָלט הערען און זעהן:

— אַזוי לאַנג זאַסטאַוועט מיר וואַרטען אויף אייך און איצט גלייך נעמען אַנטלויפען! ניין, איהר וועט נאָך מיר דערצעהלען פון לעאָן, איך האָב נאָך אַזוי פיעל צו פרעגען!

זי האָט אַליין גענומען פּראָווען אַ צובייסען: — איהר זייט געווען הונגעריג? — האָט זי מיר געזאָגט. די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך געזעצט צום טיש און ביים צובייסען האָבען מיר אַזוי אָפּ־געשמועסט ביז איינס אַזייגער.

— איצט איז געוויס צייט צו געהן! — האָב איך געזאָגט נאָכ'ן זאַטען צובייסען. — איהר מעגט מיר שוין אַרויסטרייבען!

נאָר איצט אפילו האָט זי מיר אויך ניט אָפּגעלאָזען. מיר זיינען ווייטער איבערגעגאַנגען אין זאַל און איך האָב זיך געזעצט נעבען פענסטער. דער ברייטער אַבאַזשור אויפ'ן לאָמפּ האָט קאָנ־צענטרירט די גאַנצע ליכט אויפ'ן טיש און אַרום און אין צימער איז געווען האַלב דונקעל. די נאַכט, אַ פריהלינג־נאַכט,

די לבנה איז געשטאַנען אויפ׳ן הימעל פּונקט געגען איבער דעם פענסטער אין איהר פולען גלאַנץ און האָט פאַרדונקעלט אַלע שטע־רען. דער דרויסען איז געווען באַגאָסען מיט אַן אַנגענעמע בלאַסע ליכט, יענע בלאַסע, ערקוויקענדע ליכט, וואָס גיט די שטאַרקסטע פליגלען די פאַנטאַזיע און לאָזט דיר פליהען, שוועבען איבער בערג און טהאַלען און רינגעלט דיר אַרום מיט גאַנצע מחנות גייסטער און רוחות פאַר שומרים.

איך האָב זיך געזעצט נעבען פענסטער און געשלונגען דעם אַראָמאַט פון פרישען גראָז און ניט געוואוסט, וואָס מיט מיר איז. אַלס אַ חבר פון די קינדערשע יאָהרען האָב איך איהר געדאַרפט דערצעהלען פון זיין קינדהייט, אַלץ, אַלץ האָט איהר אינטערעסירט. דאַ האָבען זיך אַריינגעמישט אַלע עראינערונגען פון מיינע קינ־דערשע יאָהרען און מיר האָט געדאַכט אַז איך דערצעהל ניט פון קיין פרעמדען, נאָר איך עפען מיין האַרץ פאַר איהר און זי שלינגט מיינע ווערטער, און עס הויבט זיך איהר האַרץ און עס בליצען און עס גלאַנצען איהרע אויגען.

ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט, אַז מיינע אָרעמס זיינען אַרומ־געפאַלען אַרום איהר האַלז און מיינע ליפּען האָבען זיך צוגע־קלעפּט צו איהרע און הייסע קושען, ברענענדיגע קושען, פייערדיגע קושען האָבען זיך גענומען שיטען פון מיין מויל און זי האָט מיר אויף זיי געענטפערט? ווי אַזוי האָט דאָס געטראָפען, אַז זי איז געזעסען אויף מיינע קניע און האָט שטיל צוגעטוליעט איהר בלאַנדע קעפּעל צו מיין שטאַרק קלאַפּענדען האַרץ און איך האָב איהר אַרומגענומען מיט מיינע הענד ווי מיט קלעסטשעס? איך געדיינק אפילו ניט, ווי לאַנג מיר זיינען אין דער פּאָזע געזעסען, נאָר ווען מיר האָבען ערוואַכט האָבען מיר געזען, ווי די לבנה האָט זיך אַפּגערוקט ווי פון דרך ארץ וועגען און מיט איין אויגעל געווינקט צו אונז דורכ׳ן פענסטער.

איצט איז מיר געווען שווער אויפצוהויבען זיך און אוועק־געהן, נאָר דער זייגער איז שוין געווען דריי און עס איז געווען צייט צו געהן.

זי איז מיט מיר ארויסגעגאנגען אין דרויסען און נאך א היבשע ווײַלע געשטאנען און פארגעניגט זיך אויף דער זיסער רוה, וואס איז געווען אויסגעגאסען איבעראל.

* * *

אויף מארגען בין איך אפגעפארען, מיר האבען זיך געשיידט ווי אלטע, גוטע פריינד, פיעל מאל האב איך זיך געפרעגט, ווי אזוי האט דאס פאסירט, מיר האט דאס פאראינטערעסירט פון דער ריינער פסיכאלאגישער זייט און קומענדיג אהיים, האב איך דאס דערצעהלט מיין פרוי אלס א קוריאזע זאך, נאר אנשטאט א דאנק האב איך פון איהר געכאפט א פסק.

.1897

דער משולח

איך בין געזעסען אין קרעטשמע ביי א קאבעדיגען סאמאוואר און מיט א הייסע גלאז טהע דערוואָרעמט אביסעל מיינע צוקאַליעטע ביינער. מיין רייזע מיט א בעל עגלה האָט מיך קראַנק געמאכט, דערצו האָט מיך די קעלט גוט דורכגענומען, איך בין געזעסען זעהר בייז און פאר כעס געזויפעט פון איין גלאז ביז׳ן צווייטען זעהר פיעל. פון פארע און רויך איז ארום מיר געשטאנען א געדיכטער זייל. פלוצים דערהער איך דעם בעל אכסניא׳ס קול: „אט דא קאנט איהר אריין געהן,״ — און עמיצער האָט זיך געלאזט געהן צו מיין טיש.

איך האב אנפאנגס קיינעם געזעהן, דערנאך האָב איך דערזעהן עפעס א שווארצע מאסע האָט זיך געזעצט מיר אנטקעגענאיבער. די שווארצע מאסע האָט מיר געזאגט „גוט נאוועגד״ און גענומען גלייך צאפען א גלאז טהע.

— וועמען זעה איך? — האָבען מיר ביידע כמעט אין איין קול אויסגעשריען, ווען מיר האָבען דערזעהן איינער דעם צווייטען אין פנים, און באלד טאקע געפרעגט ווייטער אין איין קול: „ווי קומט איהר אהער?״

דאס איז געווען דער סלוצקער. מיר האָבען ביידע געלערנט אין איישישקער נייעם בית המדרש, און כאטש ס׳איז אוועק א צייט מיט יאהרען זינט מיר האָבען זיך געשיידט, האָבען מיר זיך דאך גלייך דערקענט: ער איז נאך דאמאלס געווען מיט א בארד און איך האב נאך איצט אויך קיין בארד ניט געהאט... אין איישישאק איז ער געווען דער איינציגער יונגערמאן, וואס האָט זיך אריינגעלאזט אין „חכמות חצוניות״ און איך פלעג איהם אפט צושטעלען א ביכעל.

איך האָב ניט ערוואַרטעט צו זעהן איהם אין אַזאַ צושטאַנד. זיין ווייכער קאַפּעליוש אַהן אַ קנייטש אין מיטען, ווי אַלע רבנים טראָגען, זיין שוואַרצע לאַנגע קאַפּאָטע, מיט די ברייטע אַרבעל, און זיינע לאַנגע פּאות׳ן האָבען ביי מיר אַרויסגערופען אַ פראַגע אויפ׳ן פּנים.

— אַ רב? — האָב איך איהם גלייך אַ פרעג געטאָן.

— נאָך ערגער, — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— וואָס קאָן זיין ערגער?

— אַ משולח.

— פון וועמען? פון וועמען?

— פון פּ... ישיבה.

איך בין געבליבען זיצען פאַרוואונדערט. ער האָט עס באַ־מערקט און גלייך מיר געענטפערט:

— אייך וואונדערט, איאָ? נאָר וואָס זאָל מען טאָן, ברודער, אַז מען דאַרף פּרנסה, צאַפּט מען פון דער וואַנד.

מיר זיינען געבליבען זיצען אַ ווײַלע שטיל. מיר איז געוואָרען זעהר שווער, איך האָב איהם ניט געקאָנט קוקען אין די אויגען. מיר האָט זיך געדאַכט אַז מיין יעדער בליק וועט אין איהם אַרויס־רופען שפּלות׳קייט. מיין האַרץ האָט מיר פאַרקוועטשט פון רחמנות, וואָס אַ מענש דאַרף זיין לעבען צבוע׳טשען, ריידען ניט דאָס, וואָס ער דיינקט, טאָן ניט דאָס וואָס ער וויל, ניט קאָנען קוקען קיינעם גלייך אין די אויגען... איך האָב בכיון גענומען רויכערען האַסטיג, כדי מאַכען אַרום זיך אַ געדיכטערען רויך. ער האָט זיך דערווייל פאַרטיג געמאַכט מיט׳ן ערשטען גלאָז טהע און איבערגעזעצט זיך צו מיר

— נו ווי געהט עס אייך? — האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן און אַ קלאַפּ געגעבען לוסטיג אין קניע.

— אַט... און אייך?

— אויף צרות, די משולחת איז אין דער ערד.

און כאָטש די משולחת איז געווען אין דער ערד און געלעבט האָט ער אויף צרות אין זיין ראָלע פון אַ פרומען אידען, האָט נאָך מיין מיינונג דאַמאָלס, איהם בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשאַפען

פאַרגעניגען, דאַך איז ער געווען זעהר צופריעדען... זיין צופריעדענ־
הייט האָב איך אַרויסגעזען פון זיין יעדען קעהר און ריהר.

נאָך אַ קורצען שמועס פון פּריוואַט זאַכען האָט ער מיר פּלוצים
אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַר אַ מיינונג האָט איהר וועגען שמואל׳ן?

— וועלכען שמואל׳ן?

— שמואל הנביא, פאַרשטעהט זיך!

— האַ?

— וואָס האַ? — האָט ער מיך געפרעגט.

— וואָס געהט מיר אָן שמואל הנביא, — האָב איך געענטפערט
מיט אַ שמייכעל און מיך האָט אָנגעהויבען זאַבאַווען זיין ערנסט־
קייט, אין דער מינוט האָט ער געווים גערייננקט, אַז דאָס איז איינע
פון די וויכטיגסטע פראַגען אין דער וועלט.

זעהענדיג, אַז די וויכטיגע פראַגע אינטערעסירט מיך גאָר
ווינציג, איז ער עפּעס ווי ברוגז געוואָרען, נאָר דאָס האָט געדויערט
ניט מעהר ווי אַ סעקונדע. באַלד האָט זיך איהם אומגעקערט זיין
שמייכעל אויף די ליפּען און ער האָט גענומען ריידען מיט פייער.

ביי איהם האָט געשפּריצט פון מויל, ווען ער האָט גערעדט
מיט היץ און געפּעלען געוואָרען איז איהם דוקא צו קוקען מיר
גלייך אין פּנים אַריין. באַמערקענדיג, אַז איך דרעה זיך אַלס אָן
אַ זייט און רוק זיך ביסלאַכוויז אָפּ פון איהם, האָט ער מיך אָנ־
געכאַפּט מיט דער לינקער האַנד פאַר די קלאַפּעס און האָט מיר
פאַרשפּריצט דאָס גאַנצע פּנים.

— איך הער, לאָזט מיך אָפּ, — האָב איך זיך געבעטען.

— ניין, ניין, הערט אויס אין גאַנצען ביז צום סוף, — האָט
ער געענטפערט, ניט הערענדיג זאַגאַר, וואָס איך בעט, און מיר
ווייטער אַנגעהאַלטען ביי די קלאַפּעס.

און ער האָט גערעדט און גערעדט און גערעדט. שמואל איז
ביי איהם אַרויסגעקומען עפּעס אַ כיטרער אידעל, אַ גרויסער פּאָ־
ליטיקער און בודלער, ער האָט געוואָלט זיין דער הערשער איבער
אידען, ער האָט געזעהן ווי זיינע קינדער גזל׳נען, ראַבעווען, ער

האט געהערט ווי דאס פאלק שרייט פון די רויבערייַ און זיי האבען זיך שוין בעסער געוואונשען צו האבען אויף זיך א רויבער, דאס הייסט איין הערשער איידער אזוי פיעל...

— און זעהט ווי דער ביטרער שמואל'יק האט געטאן, זעהט וואס פאר א גנבות דא שטעקט. עפעס איינער א גרויסער שוטה, א אידיאט האט פארלארען זיינע אייזלען, וואו געהט ער זיי זוכען? צום נביא... אזא סחורה, אזא כשר'ע בהמה'לע, טראכט שמואל איז אנגעמאסטען פאר איהם. ווען אזא יאלד זאל זיין איבער אידען א הערשער, וועט שמואל גארניט פארלירען. דערצו נאך האט ער ניט וועך עם זאל זיך פאר איהם אננעמען, ער קומט ארויס פון קלענסטען שבט, ער געהערט צו דער קלענסטער משפחה... מען קען אויף איהם רייטען וויפיעל דאס הארץ געלוסט... גוט, אידעלאך, איהר ווילט א קיסר? נאט אייך א קיסר. שאול געפעלט אייך? ניין? לאמיר ווארפען גורל... און פארשטעהט זיך, דער גורל וועט שוין מוזען פאלען אויף דעם אידיאט, ווארום אזוי דארף האבען שמואל. שאול ווערט כלומר'שט דער קיסר — אבער ווער האלט די לייטשעס פון דער מלוכה אין האנד? פארשטעהט זיך, אז אונזער תנא ברא שמואל. טאמער פאלגט איהם ניט שאול איין קלייניגקייט — צורייסט ער אויף איהם פאר אלע אידען אין די אויגען זיין אויבער־בגד און זאגט איהם אז אלע זאלען הערען: „כן קרע ד' הממלכה ממך“... דו ביזט אוים קיסר... איהר פארשטעהט? איהר זעהט אז אונזער שמואל'יק, אונזער נעבאכעל, אונזער תמ'עלע איז געווען א ביטרער אידעל, ער וואלט זיך ניט געהאט, אסור חזיר, צושעמען פאר ביסמארקען דעם הונד. איהר פארשטעהט?

און דא האט ער מיר ארויסגעלאזט די קלאפעס, ער האט גענומען ווישען מיט א רויטע פאטשיילקע דעם שווייס פון פנים און איך האב אויך געהאט צו ווישען דאס געזיכט. זיינע אויגען האבען געגלאצט, געשיינט פאר פרייד און איך האב געקוקט און ניט פארשטאנען, וואס איז די אורזאכע פון זיין שמחה. צי ער איז צופריעדען מיט זיין נייע ענדעקונג, אדער מיט דעם וואס שמואל דער צדיק לאזט זיך גאר אויס א פאליטישען?

ווען ביים געזעגענען האָט ער מיר ווידער איבערגע׳חזר׳ט, אַז שמואל׳קע דער תכשיט איז ניט קיין שעהנער מאַן, אַז ער איז א באנדיט, א רויבער, און איך האָב געזעהן מיט וואָס פאַר א כעס ער רעדט וועגען איהם, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז זיך נוקם אַן אַלע אידישע היסטאָרישע הייליגע פּערזאָנען, פאַר וואָס דער תנ״ך און די גמרא האָבען איהם פאַרשניטען זיינע יאָהרען.

.1894